STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07883

KINDER FUN DER ZUN

Shea Tenenbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. טענענבוים

קינדער פון דער זון

(עסייען)

ש. טענענבוים

פאַרוואָרט:

אין אַ יאָרהונדערט פון גראַנדיעזע לײַדן פאַר דער מענטשהייט — האָב איך אויסגעקליבן צו רעדן וועגן יענע מאָנומענטאַלע געשטאַלטן, וואָס האָבן געבראַכט טרייסט צו די פעלקער און, בשעת זיי האָבן צוזאַמען מיט די מענטשן געבלוטיקט אויף דער ערד — האָבן זייערע נשמות געלויכטן ווי געוואַלטיקע וויזיעס פון הימל.

און — דאָס איז מײַן קריטעריום צו קונסט און צום לעבן בכלל. גרויס זענען די וואָס ברענגען צום אויסדרוק אין זייערע שאַפונגען דאָס קאָסמישע באַוווּסטזיין, דעם גלויבן אין אַ העכערער אָרדנונג, אין אַ צוועק וואָס פאַררייניקט אונדז אַלע אין די אַטלעטישע אָנשטרענגונגען און געראַנגלען.

דאָס בוך איז געווידמעט דער איצטיקער לײַדנדער מענטשהייט אין איר גיגאַנטישן פאַרמעסט פאַר אַ גרויסער, העלער צוקונפט.

איך רוף מײַן בוך עסייען — „די קינדער פון דער זון“ — ווײַל אין דער פינצטערער נאַכט פון דער מענטשהייטס טיטאַנישע לײַדן, האָבן די דאָזיקע העלדן אויפגעבליצט, ווי מעטעאָרן, ווי געוואַלטיגע זונען און געוואַרעמט די מיזעראַבעלע גענעראַציעס מיט דעם פלאַם פון זייער גייסט, מיט זייער אומפאַרלעשבאַרן דורשט נאָך שיינקייט און מיט זייער ברענענדיקן באַגער צום אמת. זיי, די מאַרטירער פון געדאַנק, האָבן געוואַגט אַרײַנצוקוקן אין די האָריזאָנטן פון דער צוקונפט און צו שמידן די וויזיע פון פרײַהייט און גליק. נישט פון דער ערד זענען זיי געקומען, נאָר ווי אַסטראָנאָמישע קערפּערס — פון הימלישע רוימען און דערפאַר האָבן זיי אַזוי גראַנדיעז געלויכטן, ווי מאָנומענטן פון פײַער...

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, 1941.

וואס איז פארט קונסט?

איך האָב געהערט א סך מענטשן רעדן פאטעטיש וועגן קונסט פון טריבונעס ארונטער. איך האָב געלעזן אזויפיל ביכער וועגן דער פילאָזאָפיע פון קונסט. איך האָב זיך איינגעהערט אין דער מורמלעריי פון וואונדערשיינע גייסטער אין לבנהדיגע נעכט — דערציילנדיג וועגן קונסט. און, וואָס עס איז דער עיקר, אזוי ווי דער דאָקטאָר פאוסט האָט פארזוכט אלע לעבנס־תענוגים דורך די דאָרע, האָריגע, בישופדיגע הענט פון שפיציגן מעפיסטאָ — האָב איך פארזוכט פון דעם היילינגן און היילנדן וויין פון קונסט, בלויז מיט דער הילף פון די פלאמענדע גייסטער פון די קונסטווערק אליין. (רעדן די אויטאָרן פון גרויסע ווערק פארצערן זייערע גופים, כדי זייערע נשמות זאָלן אייביג שמעטערלינגיש טאנצן אין זייערע קונסטווערק).

— נאָר וואָס איז דער זין פון קונסט? — פרעגט אין מיר דער מיליאָנעניעריגער אלטער גייסט, ווען די לבנה פירט ארויס פון די ווערק זייערע העלדינס און העלדן, ווען האמלעט זיצט איבער מיר און באטראכט מיין שארבן קאָפּ און טרויעריג און איך זע ווי ליידי מאקבעט ווערט פארצערט פון מאכט־אמביציעס און וויינט, איבער די האָריזאָנטן וועלכע עס בילדן מיינע ווענט, ווי דער באגרענעצטער שטח פון א פלאנעטאריום — רייט מיט זיין ריטעריש־פארזשאווערטער שווערד פלאטערנדיג — דער קעניג פון די טרוימער — דאָן קישאָט... און נאָך אים שלעפט זיך נאָך סאנטשאָ פאנטשאָ — די אייביגע פארקערפערונג פון דער שמאָלקעפיגער געזעלשאפט...

— וואָס איז פאָרט קונסט?

די מענטשן ווערן נישט מיד צו געפינען דעפיניציעס און טעאָריעס. איך לייען זיי אלע. נאָר עפעס פיל איך, אז אזוי ווי יעדער בליק קען נאָר ארומנעמען א טייל פונם הימל — אזוי נעמט יעדער דעפיניציע בלויז ארום א טייל פון דעם קאָסמאָס וועלכן מיר רופן „קונסט“.

איז נישט קונסט — דאָס אייביגע האמלעטישע פרעגן אָדער די שטאָלצע קלאָגעריי פון איוב, פון דעם פאטעטישן און נאאיוון יידן פון עוץ, איז קונסט — דאָס אראָפּרייסן די וואַלן פון שיינקייט און ווייזן ווי שיין די וועלט קען זיין? איז קונסט א קאָלאָסאַל שפּילצייג פון דער טראגישער מענטשהייט, וואָס פארן טויט שפּילט זי פּייערלעך דאָס הערטאָישע שפּיל פון ליבע און טריאומף? איז קונסט — די פארקערפּערונג פון דעם פראָמעטעאוס־גערענגל פונם העלד קעגן די כוחות פון דער געזעלשאפט? איז קונסט די פארוויילונג פונם לעבן אָדער די הערואיק פונם שטארבן? וואָס איז פאָרט די געטלעך־מענטשלעכע קונסט, וואָס ווען מיר געניסן זי — פילן מיר ווי זוני־גע פליגל וואָלטן אונז טראָגן איבער שטורעמדיגע אָקעאנען, פון בלי־צען פארוואונדעט — צו ערגעץ א בלויען נירוואנא־קעניגרייך?...

טויזנט דעפיניציעס. די קונסט אליין איז געוואָרן די בלאסע העל־דין פון דיקע ביכער — און מעכטיגע מוזיק־קאָמפּאָזיציעס. די סקולפּטאָרן שניידן אין שטיין די גלידער פון דער מוזע און אין פארבן טוען זי אָן די מאלערס. נאָר וואָס איז פאָרט קונסט? — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז נישט קונסט דאָס גראנדיעזע געפיל פון פאוסט, ווען ער קוקט צום קאָלאָסאלן זון־אונטערגאנג, ווו בליצן ווערן סטאטיש און פאר־וואנדלען זיך אין גראנדיעזע בלומען און — ער זעט די דורות וואָס וועלן קומען און לעבן זייער גרויס לעבן אויף דעם ערדישן גלאָבוס? איז נישט קונסט די גרויסע רו, וואָס מיר פילן אויף ריזיגע בית־עולמס, ווען מיר בליקן צו די קברים, ווו עס פוילט אין זיינע קעניג־לעכע בגדים דער שטאָלצער קיניג און ווו די ווערים פארצערן די שיי־נע און בלייכע קאמעליענדאמע — נאָר פלוצלונג גייט אויף א וואָל־קען איבערן הימל. מיר קוקן צו די ווייטע האָריזאָנטן פון פלאמען געצונדן און עס גייט אויף אין אונז א געפיל פון אייביגקייט. דער טויט ווערט אומענדלעך־אומוויכטיג, מיר טראכטן נישט מער וועגן אונזער אייגענעם קבר, מיר דערפילן דעם קוש פון דער אומשטערב־לעכקייט איבערן הארץ וואָס האָט ערשט אין שרעק געוויינט. און איצט איז עס א זון פון שטראַלן אין אונזער ברוסט?... איז נישט קונסט די וויזיע פון דעם אייביגן גאָט צו וועלכן מיר דערהייבן זיך אין אזוי פיל צער געבאָדן און אין פארביגע ווונדן געצירט, ווי מארטירערס

אין אַרעאַלן געהילט?!... איז נישט קונסט די דערקענטעניש פונם אייביגן און אומענדלעכן?...

פיל ביכער און צייטונגען און זשורנאַלן דערהאַלט איך. איך לייען אַלץ. נאָר ביטער־פוסט און אומבאפרידיגט בלייב איך דאָרט ווו עס באַרירט מיך נישט דער אָטעם פון אייביגקייט. געשטאַלטן, וועלן ניט דערהויבן צו דעם געפיל פון פלוצלינגן באַנעמען דעם קאָסמישן זין פון אַלץ — לאָזן מיך שרעקלעך קאַלט. אויף נאָך אַלע ראַנגלענישן מיט קאָסמישן באַוווסטזיין, צו יענעם העראָאיש־טראַגישן באַוווסט־זיין צו וועלכן עס דערהייבן זיך די זשעניען פון אַלע נאַציאָנען און אין אַלע צייטן. אינם קעניגרייך פון קאָסמישן באַוווסטזיין טרעפן זיך צוזאַמען שפינאָזע און דאַנטע, געטע און מייקל אַנדזשעלאָ, טאָלס־טאָי און שובערט, בעטהאָווען און רעמבראַנד, ניזשינסקי און קאַנט.

דען די גאַנצע גרויסע קונסט איז אָט דער קאָלאָסאַלער טעלעסקאָ־פישער שפּיגל פונם אוניווערז אין גייסט.

אין טריאומף איבער זייַנע לײַדן דערהייבט זיך בעטהאָווען ווען ער זינגט אויס די ליבע צו אַלע ליידנדע, צו דער העראָאישער מענטש־הייט וואָס איז — גאָט. פונקט אַזוי דערהייבט זיך שפינאָזע צום זיג איבער אַלע צווייפלען און בלאָנדזשענישן — ווען ער דערהייבט זיך צו דער ליבע פון גאָט און לייזט זיך אינגאַנצן אויף אין דער דאָ־זיגער ליבע. פונקט אַזוי באַפרייט זיך טאָלסטאָי פון אַלע פלאָגן ווען, ווי דער גרייז־גרויער איוב, הייבט ער אָן באַגרייפן דאָס גאַנצע, קאָ־לאָסאַלע, די פאַרבינדונג פון אַלץ אין איינאיינציגן געוואַלטיגן סיס־טעם — גאָט אָדער נאַטור.

דאַרף מען דען דערמאָנען אָן עמערסאָן, וויטמאַן, טאָראָ? אָדער מוז מען דערמאָנען אַ פרינץ בודא, אַ קעניג קריסטוס, אַ שבטים־בירער מאַהאַמעט אָדער אַ צעזאַר מאַרקוס אורעליוס? זיי אַלע טרעפן זיך דאָרט צוזאַמען ווו אַלע רעאַליטעטן ווערן שטראַלנדיג־קלאָר אין שפּיגל פון אייביגקייט...

און — דאָס איז נישט קיין טראַקטאַט פון אַ פילאָזאָפירנדיגן מעדיטאַטאָר. אויך נישט קיין דיסערטאַציע וועגן קונסט. דאָס איז פשוט אַ ווילאַנישע קאָנפעסיע פון אַן איינזאַמען מענטשן וואָס באַ־נעמט קונסט נאָר דורך אָט דעם געפילס־און געדאַנק־קריטעריום. מעג מיר זיין ווי ביטער אויפן האַרץ וואָס איז אייביג קראַנק מיט צוויי־

פעל. מעג איך זיין פארלאָזן פון מענטש און פון אלץ וואָס טרייסט אַ מענטשן. אָבער ווי נאָר איך ריר זיך צו צו אַ גרויסן ווערק — שטראַלט אויף פאַר מיר, די דערקענטעניש פונם גאַנצן און דאָס קליינלעכע און נישטיגע פאַלט אָפּ אין מיר. איך דערקען דורכן גרויסן ווערק — דעם אוניווערז.

דערפאַר, אין צייטן פון קעניגלעכן טרויער, טרייסט איך זיך מיט אַ ליד פון געטע אָדער מיט אַ זאַץ פון וויטמאַן. דערפאַר ווערט די וועלט־פּאָעזיע — מיין אומשטערבלעכע געליבטע (אויב עס וועט אין קבר מיין גייסט לעזן — אָ, ברידער גוטע, לייגט אריין אין קבר אַ באַנד האָמער, אַ באַנד אָסיאַן און אַ באַנד שעקספּיר!...)

קונסט האָט פארשידענע פאָרמען און צווייגן. טעכניש איז סקולפּטור ווייט פון פּאָעזיע, אָדער מאַלעריי איז ווייט פון מוזיק. נאָר — איבער די לאָקאַלע טעכנישע סעלעקציעס — איז קונסט קעגנזייטיג פארבונדן צווישן זיך, און טאַקע אין פאָרם, אין העכערן זין פון טעכניק. סקולפּטור איז פאַראַן אין פּאָעזיע. וויזיע איז דער עיקר אין גרויסער ליטעראַטור. מוזיק איז די נשמה פון דער פּאָעזיע. פּאָעזיע איז די נשמה פון מוזיק. דער שווונג פון טאַנץ וואָס דערהייבט זיך צום אומענדלעכן — איז אייגן אַלע געביטן פון קונסט. גרויסע געדאַנקען — פילאָזאָפיע — מוז שטראַלן אין פּאָעזיע, ווי זון־ליכט אין רוים. גרויסע פילאָזאָפיע דערהייבט זיך צום פּאָעטיש־אינטואיטיוון באַנעמען ד נאַטור, דעם קאָסמאָס. דער קאָליר איז דאָס בגד פון אוניווערז און קאָלירן מוזן זען אַלע קינסטלער אין אַלע פאָרמען. מאַלעריי איז אַ גרונט־עלעמענט אין מוזיק, ליטעראַטור, טעאַטער, אָפּערע, באַלעט. אָבער — נישט נאָר אין פאָרם זענען אַלע קונסט־געביטן ענלעך צווישן זיך — נאָר טאַקע אויך אין אינהאַלט. איר העלד, איר אַקציע, איר האַנדלונג און איר פונקציע איז — דאָס אייביגע, דאָס קאָסמיש־באַוווסטזיניגע, דאָס געטלעכע. דאָ — פּאַסט זיך זייער צו ציטירן שפּינאָזעס אַ זאַץ פון זיין „עטיק“: „וואָס מער מיר דערקענען איינצלנע זאַכן — אַלץ מער דערקענען מיר גאָט“. וואָס מער מיר דערקענען דורך קונסט די וועלט, די זאַכן — אַלץ מער דערקענען מיר גאָט. און אין אָנהויבן, אין אנוואָרפן אָט דאָס דערהאַבענע געפיל — איז דער זין פון דער קונסט, פון דער איינער גרויסער קונסט וואָס

די מענטשהייט שאַפט אין פאַרשידענע פאָרמען דורך די יאַרטוי־זענטער.

די קונסט איז דאָס ליד פונם קאָסמישן עוואָלוציע־פּראָצעס. דער צוועק פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס איז — דער טרוים פון דער קונסט. אַ קונסטווערק איז נאָר דאַן טעכניש פולקאָם, ווען עס איז אין פול־קאָמענער האַרמאָניע. דורך אַלע אונזערע יאַרטויזנטער טעג פון שוי־דער און דיסהאַרמאָניע — האַלט די קונסט אין איין פּרעדיקן, אין אָפּשפּיגלען די האַרמאָניע פון קאָסמאָס. דער עוואָלוציע־פּראָצעס שטרעבט צו אָט דער האַרמאָניע, צו דעם קונסט־טרוים — און, איך גלויב, אַז מיר דערנעענטערן זיך דורך קאָלאָסאַלע ווייטאָגן און ווונדן צו אָט דעם חלום פון האַרמאָניע. ווען די וועלט וועט ווערן אין איר רעאַ־ליטעט אַ האַרמאָנישע — דאַן וועט רעאַל ווערן דער חלום פון דער קונסט. מיר וועלן ווערן — קונסט. גאָט וועט אַראָפּנידערן אויף דער ערד, און מיר וועלן זיך דערהייבן צו די הימלען. דאָס איז דער זין פון אַלע רעליגיעס, דער טרוים פון אַלע העלדן, דער אינהאַלט פון דער קונסט, דאָס ליד פון די מוזיקאַלישע גאונים, די וויזיע פון דער פילאָזאָפיע, די האַרמאָניע פון דער טאַנץ־קונסט...

און נאָר ווען אַ קונסטווערק דריקט אויס אָט דעם קאָסמיש־עוואָ־לוציאָנערן חלום פון האַרמאָניע און ווען שוין איצט לאָזט עס אונז טרייסטן מיט אַ בליץ־גלאַנץ פון קאָסמישער האַרמאָניע און מיר ווערן שכור פון באַגייסטערונג און פון באַוווסטזיין אַז מיר זענען נישט הפקר — נאָר אַ טייל פון אָט דעם קאָלאָסאַלן ספּעקטאַקל וואָס דער־נעענטערט זיך אַלץ מער צו אַ זוניגער פולקאָמענקייט און האַרמאָניע — ווען אַ קונסטווערק באַזיצט אין וועלכער סאיז מאָס אַן עלעמענט פון דעם קאָסמישן — דאַן האַלט איך עס פאַר אַ קונסט־ווערק און באַשענק עס מיט אינטעלעקטועלע קושן פון דאַנקבאַרקייט.

דער שטילסטער געניוס
אין דער וועלט

עס איז געווען אַ שטורמישער אָוונט. אַן אָוונט פון שוימיקן שניי און אַ טיפער אומעט האָט אַרומגעהילט מיין האַרץ. איך האָב נישט געוואָלט פאָרן אין שטאָט. איך לייד נישט מיינע אינטימע, טייערע שטונדן צו פאַרניכטן אין די גרויע וואַגאָנען פון סאַבוועיס און עלעווייטאָרס. איך האָב אָפּגערופן מיינס אַ פריינדין און איר דערציילט אַז היינט פרי האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון דענווער און ער דערציילט אַז דאָס יונגע מיידל איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל. די פריינדין האָט געציטערט פון פּיין און פול מיט טרויער בין איך אַוועק אין ביבליאָטעק. דאָ האָב איך צווישן די ביאָגראַפישע ווערק באַמערקט אַ בוך־דרוקן מיט אַן אויפשריפט: „בריוו פון עמיליע דיקינסאָן“.

עמיליע דיקינסאָן איז מיר שוין לאַנג געווען נאָענט, הגם איך בין ווייניג געווען באַקענט מיט איר פּריוואַטן, אינטימען לעבן. און, וואָס ווייסן מיר דען פון אַ קינסטלערס פּריוואַטן, אינטימען לעבן?... זיינע ווערק אַנטפּלעקן קוים־קוים דאָס טיפערע, אינערע פון זיין נשמה. צום לעצטן, טיפסטן אמת דערגייען מיר קיינמאָל נישט.

איך האָב שטענדיק ליב דעם מעטעאָרישן טיפּ, דעם קורץ־לעבענדיגן, טראַגישן, העלדישן טיפּ אין דער ליטעראַטור און קונסט. עס איז דעריבער נאַטירלעך אַז אַזאַ געשטאַלט ווי עמיליע דיקינסאָן זאָל מיך פאַראינטערעסירן.

אָ, אַ מיסטישער געפיל! טאַקע דאָס דערקען איך אַזוי שטאַרק אין דער הייליגער עמיליע דיקינסאָן. זי לעבט אָפּ אַ גאַנץ לעבן מיט

אַט דעם געפיל. ביי אַנדערע מענטשן איז מיסטיציזם אַ מאָמענט אין זייער לעבן, פון וועלכע זיי ווערן צוגעצויגן, ווי פון אַ זון פול מיט האָפנונג. מיט עמיליען איז עס אַנדערש. זי לעבט שטענדיק מיט אַט דעם געפיל, מיט דער רעאַליטעט פון „יענער וועלט". אויך די וועלט איז פאַר איר רעאַל נאָר אין אַ מיסטישן זין.

ווען מיר קוקן אַרויף צום הימל מיט זיין בריליאַנטענער ביזשו־טעריע פון קאָסמישע וועלטן — האָבן מיר דעם איינדרוק אַז מיר זענען אויף דער ערד, ווייט פון הימל, בשעת דאָרט אויבן הויבט זיך אָן דער לעגענדאַרער אייביגער, „בלויער" הימל... ווייניק מענ־טשען ווייסן און זענען אין זייער גאַנץ לעבן באַוווסטזיניג פון דעם גערדאַנק און געפיל אַז — מיר זענען דער הימל, אַז די ערד איז אַ נישטיקער טייל פון דעם אוניווערס, אַז מיר געפינען זיך אין סאַמע מיטן הימל, אַז אַנדערע קרעאַטורן — ווען זיי קוקן אַרויף — זען זיי אונז, און באַטראַכטן אונז פאַרן הימל...

עמיליע דיקינסאָן האָט דאָס געוווסט. איר גאַנץ לעבן איז אַ באַווייז דערפון, אַן אייביגע קאָסמישקייט, וואָס ווערט נישט מינ־דער אויף קיין איינציגן מאָמענט אין איר לעבן, צוט זיך דורך אַלע אירע טעג, בריוו, עמאָציעס, לידער. איר אָרעם לעבן ווי איר ווערק איז איין אוניווערסאַלע פאָעמע פון שיינקייט און ליבע צום וועלטאַל, צו גאָט. זי איז אַ טיף רעליגיעזע נאַטור, וועלכע גלויבט אַז נאָך איר טויט הויבט זיך אָן איר עבט, רעאַל לעבן. דאָ אויף דער ערד אָבער לעבט זי איר אילוזיאָריש, פּאָעטיש, צאַרט לעבן...

אין אירע בריוו אַנטפּלעקט זיך דער טיפער, צאַרטער ליריזם, וואָס צייכנט אַזוי אויס אירע שטילע לידער און זייער מוטער־אוי־טאָרין. זי איז קיינמאָל נישט טריוויאַל אין איר לעבן. מיידט אויס וווּלגאַריטעטן. לעבט דאָס אומאַקטיווסטע לעבן וואָס אַ מענטש קען נאָר לעבן — זייענדיג אַקטיוו בלויז אין איר וווּנדערלעכן גייסט.

געבוירן אין אַמהערסט, אין ניי־ענגלאַנד — זאַפּט זי זיך פרי אָן מיט נאַטור, מיט יענער נאַטור־שיינקייט, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר די ניי־ענגלישע פּייזאַזשן און אומענדלעכע שטרעקעס, וועלכע פלאַצן אין פרילינג אַרוים מיט אַזוי פיל פּאָעטיש־צאַרטע, פלאַמענדיג־פולע קאָלירן אין וויזיעס געטלעכע. אין האַרבסט־צייט

זעצט זיך דער פרילינג איבער אין א נייער לאנדשאפט פון האניג־גילדערנע פארבן.

עס איז נאטירלעך אז די סענסיטיווע, דעליקאטע, אבסער־ווירענדיקע און איינזאמע מיידל עמיליע זאל טרינקען פון די שיינ־קייטן און ווערן אליין א מימאזא־שעמעוודיקע בלום, א גייסט פון דער נאטור — וואס טוט זיך פאר א ווײלע אן אין צארטן מענטשנ־פלייש, כדי צו ליידן... אנשטאט, ווי אנדערע מיידלעך, צו פלאַ־קערן מיט די ערשטע עראטישע עמאציעס — איז זי אייביק פאר־ליבט אין בלומען, אין זייער גראציעז־הייליקער דערשיינונג. אין זייע־רע גאלדענע קאלירן, אין דעם דעליקאטן פלייש פון זייערע דינע בלעטער, אין זייערע צניעותדיקע בויגונגען און קנייטשן, אין זייער זוניקער און לבנהדיגער באלייכטקייט. בלומען זענען איר — ראַ־מאנס, איר ליבע־איבערלעבעניש...

זי האט זיי ליב, די בלומען, די פלאנצן, די בוימער — מיט א גרויסע ליבע. ווינטער־צייט ליידט זי, ווייל די קעלט נעמט ארום די גרינע וועלט פון לעבנס. זי בעט אז דער ווינטער זאל אוועק און ווען זוניגע טעג לייכטן כשופדיג אויף — בעט זי און האפט, זיי זאלן שוין אזוי פארבלייבן, טרייסטענדיג אירע פלאנצן. זי מאכט מאנט־לען ווארעמע פאר די בוימער, טוט זיי אן אין די גרויע שניי־טעג, זיי זאלן נישט פארפרוירן ווערן.

אירע בריוו זענען פול מיט באשרייבונגען פון פלאנצן, חיות, וועטער, פויגל, נאטור־בריאות. אין דער הינזיכט דערמאנט זי מיר אין דער טיף מענטשלעכער פילענדער ראזא לוקסעמבורג, וואס האט באזעסן א קאלאסאלע נשמה פון מיטלייד צו דער נאטור וועלט, צו אינסעקטן, ווען זי אליין האט ביטער געליטן אין געפאנגעניש. עמיליעס קאסמישקייט, עטעריש אלפילענדער גייסט, דערמאנט מיך אין שעללי, דעם צארטן אדאניס, דעם הייליגן אין דער ענגלישער ליטעראטור, דעם אוניווערסאלן גייסט. ווי ער ליבט זיי די ווינטן און באזונדערס דעם מאנאט מערץ, דעם מוזיקאלישסטן זינגער פון יאר — זינגער מיט א סך ווינט־מעלאדיעס און א סך שטורם, וואריאציע, נאטור־אקטיוויטעט און — דעם מעכטיגן טראמפייטער, דעם העראלד פון פרילינג.

פארגלייכן וואלטן אונז פארפירט. אלע געניעס זענען צו זיך

ענלעך. ניט קוקענדיק אויף דער פארשידענקייט פון צייט און רוים. אין אלע געניעס איז דא דער קינדערשער עלעמענט וואס פארווייבלעכט, מאכט נאיוו, מאכט צערטלעך דעם געניוס — נישט קוקנדיק דערויף וואס ער שיינט צו זיין עלטער ווי די מענטשהייט, אזוי אלט ווי דער אוניווערס. טראץ זיין דעמאנישן אריינקוקן אין דער רעאליטעט פון דער וועלט און טראץ זיין דערזען דעם גרויזאמען גיהנום אפגרונט — דאך בלייבט ער קינדיש, נאיוו, לבנהדיק, בלומענאַרטיק.

אזוי איז עמיליע דיקינסאָן. נאטור איז די איינציגע טרייסט אין איר לעבן, אויסער אירע עטלעכע אינטימע פיינע פריינט וועלכע ווערן אויך איר פובליקום, די לייענער פון אירע לידער. זי וויל קיינמאל נשט האבן קיין גרויסן פובליקום, קיין וועלט באַרימטקייט. זי דרוקט דורך איר גאנצן לעבן — גאַרנישט. בלויז אין די בריוו צו די נאָענטסטע פריינט לייגט זי אריין אירע דינע, צאַרטע, ווייךווייבלעכע לידער, וועלכע זענען ווי פראגמענטן־ברעקלעך פון איר יעדן טאָג־לעבן, וועלכע זענען פשוט ווי איר זיין, אזוי געפאַדעמט ווי אירע טעג, אזוי הארציג ווי איר ליבע צו די בלומען. די פריינט האבן איר ליב, באוואונדערן איר. און דאס איז גענוג. דאס איז איר טרייסט. פארן טויט הייסט זי פארברענען אלע אירע בריוו, וועלכע איר שוועסטער לאַוויניאַ פארברענט טאַקע.

אזוי ווי זי מאכט נישט קיין וועזן פון אירע לידער, אזוי באַשייךן איז זי אויך אין איר לעבן. עס שיינט מיר אז שוין אין איר יוגנט ציט זי זיך צוריק פון לעבן אין א מין טויט אריין. אין א „יענע־וועלטישעס״־לעבן, אין א מין טרוים־שלאָס. אן אומאקטיווערלעבן איז עס. זי פאַרט זעלטן ארויס, זעט זעלטן נייע פריינט. לעבט אין דער סביבה פון איר פאַמיליע. שטארבט אפילו אינם זעלבן הויז ווו זי איז געבוירן געוואָרן. ווי אידיליש בקייבט דאס אלץ. ווען איך וואלט נאָכאַמאָל געקענט געבוירן ווערן — וואָלט איך טאַקע אויסגעקליבן אזא מין שטיל, אידיליש און אידעאל לעבן. עס איז נישט גוט צו וואנדערן, צו בענקען נאָך די אלטע וויין־פלעצער. איך האב קיין מאָל נישט קיין רו. ווי גוט איז דאגעגן געבוירן ווערן און שטארבן אינם זעלבן קליינעם שטעטל אָדער דערפל. זיין באַקאַנט אזוי אינטים מיט די ביימער, די חיות, די בערגלעך, די טאָ־

לען, די ערד, די קברים, די איינגעווינער ארום. עס איז א שטיל רו־איג, פאסיוו לעבן. און מען קען זיך באקאנען אינטואיטיוו, דורך ביכער, דורך געפיל, — מיט דער גאנצער גרויסער וועלט.

וואס נאך בלייבט צו דערציילן וועגן דער שטילער, לירישער עמיליע דיקינסאן? — ביבליש אין איר נאטור, אין אירע לידער. א פאנטעאיסטיש וועזן און א גלויבן אין גאטס ווינט אין איר אליין, אין די בלומען אין קליינעם גארטן נעבן איר הויז. זי גלויבט אז גיין אין קירכע כדי צו דינען גאט — איז באמת ווי אנטלויפן פון גאט, בשעת דער גרויסער גאט איז אין דער גרויסער נאטור. זי טראגט פשוטע קליידער. אין די לעצטע יארן באזונדערס ווייס. (ווי שיין מוז זי אויסזען אין א זוניקן טאג אין א ווייסן קלייד, מיט איר ווייסן לייב, טראנספארענט ווי קרישטאל, ווי לופט אין זון־ליכט.) זי ליבט מוזיק. ווען מען שפילט פאר איר בעטאווען, באך, סקארלא־טי, שאפען — איז זי ענטוזיאסטיש, גליקלעך, הגם זי איז אין מו־זיק נישט קיינמאל אונטעריכט געווארן. זי באזיצט הומאר, א פיינעם עלעגאנטן, ווייסן, זיידענעם הומאר — וואס קרוינט איר איינגע־בוירענע עלעגישקייט, איר קאסמישן טרויער; — הומאר און טרא־גיזם — וואסארא פיינע סינטעזע אין עמיליעס הימלישן גייסט.

זי שרייבט שטענדיג אויף שטיקלעך פאפיר, שרייבט לידער, נאטיצן, בריוו. זי ענדערט קיינמאל נישט קיין רוים און קיין ריטם. זי ענדערט בלויז אן אויסדרוק ווען זי פילט אז עס מאכט קלארער, שטראלענדיק־פשוטער דעם געדאנק.

און — אין זוניגן טאג שטארבט זי. העליאטראפן שטעקן אין אירע בלייכע, שיין־געשניצטע הענט. וויאלעטן טרויערן איבער איר דינעם צארטן האלדז. 18־טן מאי, 1886 — קומט פאר איר שטי־לע, רואיגן, אינטימען טראגן צו איר לעצטער רו. צום קבר וואס איז נישט ווייט פון דעם הויז, וווּ זי האט געוווינט איר גאנצן לעבן, קיינמאל נית אוועקגעוואנדערט, ווי קאנט...

נו, דאס איז אלץ. איינגנטלעך דארף מען נישט ברענגע קיין דאטומס פון איר געבורט, איר איינשלאפן אויף אייביג. עס האט נישט קיין נוצן. עס גרענעצט אפ אין לעבן פון איר אנהויב און סוף. עס איז אומזיניג, איר לעבן איז געווען אייביג פאר איר געבורט. אייביג נאך איר געבורט אין קאסמאס אריין... (ביידע זענען גע־

בורטן...) בלויז פאר א ווײלע האט זי אַנגעטון מענטשלעך פלייש, א מין מאטעריאל־מאנטל כדי אים ווידער אויסצוטון. נאר אין דעם זין קענען מיר פארשטיין און זיך פילן נענטער צו דער הימליש־עטערישער, לופטיגער און שטילער עמיליע.

א סך קינסטלער זענען פלאמען. רויש און ווי ווילדע כוואליעס, פארפלייצן די וועלט מיט סקאנדאל, מיט באמבאסטיק און עפנט־לעכער טראגיק. אזוי זענען זיי. בליץ נשמות אנגעטון אין קאלא־סאלע נעכט. ווילן זיי די נאכט צערייסן און זיך באפרייען. זיך פאראייניגן מיט דער פלאמענדער רעאליטעט פון וועלכער זיי קומען. זיי ווערן דא בלינד.

ווייניגע אבער זענען שטילע לעבנס ווי רילקע, ווי קיטס, ווי די שטילסטע מענטשן־גייסטער, וועלכע מיר קענען גישט, ווייל זיי זענען צו באשיידן צו רעדן וועגן זיך, צו ווייזן זיך, צו אויס־דריקן זיך....

אזא איז עמיליע דיקינסאן, די שטילסטע צווישן די סאמע שטי־לע פאסיווע, קוים הערבארע, אין דער טונקלקייט שטארבנדע פאע־טען, וועלכע רויש קוים מיט זייערע פליגל, ווי שמעטערלינגען אין קאלטע, פרי־הארבסטיגע נעכט... איך בין פארליבט אין איר, און פונקט ווי איך בין פארליבט אין מאריא, באשקירצעף, אין עליזא־בעט ברוינינג, אין ראזא לוקסעמבורג, אין סאפא פון לעסבאס־אינדזל, אין אלע צארטע, סענסיטיווע, הייליקע נאטורן — וועלכע זענען ווייבלעך נישט לויט געשלעכט, נאר לויט דער פאסיוויטעט, עטערישקייט, הימלישקייט און בלומענארטיגקייט... איך האב זיי אלע ליב מיט אן אומענדלעך גרויסער ליבע, וואס וועט נית שטאר־בען ווען איך וועל שטארבן...

דאָס גראַנדיעזע קינד

מיט עטלעכע נעכט צוריק האָב איך געחלומט אַ מאָדנעם חלום. עס איז געווען באַגינען־צייט. איך האָב דערוואַכט פֿון שלאָף און געזען ווי די וועלט איז פֿאַרזונקען אין טיפֿן, הייליקן בלוי. איך האָב געמיינט, אַז די וועלט איז אייביק אַזוי בלוי, אַן אָקעאַן פֿון לויטער בלוי הימל רינגלט אַרום די וועלט, בינדט די וועלט אין זיידענע פֿעדים, נישטאָ קיין ענדערונגען אין סעזאָן, אין וועטער אין טאָג־און־נאַכט. דאָס איז אַלץ אַ חלום. די אמתע רעאַליטעט איז די אייביקייט פֿון דער בלויקייט און מיין טרוימהאַפֿטן צושטאַנד. עמעץ האָט מיר איינגעשלעפֿערט אויף אַ וויכן, בלומענאַרטיקן געלעגער. איך שלאָף שוין אַזוי מיליאָנען מיליאַסן יאָרן. פֿון צייט צו צייט דערוואַך איך און דערזע די הייליגע בלויקייט און פֿאַל ווידער אַריין אין אַ טיפֿן שלאָף. אין פּאַסטעל־בלויע אָרעמס פֿון דער הימל־פֿרוי מיט זיידענע, כוואַליענדיגע, בלוי־אומענדלעכע לאָקן...

און אַזוי מעדיטירענדיג בין איך טאַקע אַריינגעפֿאַלן אין אַ לייכטן שלאָף. איך האָב דורך די אויגנלעכלעך ווידער געזען די אומבאַוועגלעכע מיליאָנען־יאָריקע בלויקייט. אָבער פּלוצלונג איז פֿון דער בלויקייט אויפֿגעשטאַנען אַ קליין קינד, אַ וווּנדערלעך קינד, אין אַ זיידענעם, בלויען קלייד; עס איז אוממעגלעך געווען צו זען די קאָנטורן פֿון דעם קינד, פֿון דעם קלייד, ווייל די בלויקייט פֿון דעם קינד און פֿונם קלייד האָט זיך עטוואָס אונטערשיידט מיט זיין בלייכקייט פֿון דער טונקעלער בלויקייט פֿון אוניווערס. אָבער — איך האָב דאָך געקענט זען ווי דאָס קינד ווערט גרעסער, העכער, ברייטער, שטייגט אַרויס פֿון איר קליינעם גוף, לייכט אויף איבערן גאַנצן בלויען האָריזאָנט ווי אַ גראַנדיעזער רעגנבויגן, פֿאַרנעמט שוין דעם גאַנצן הימל, איז אויסגעוואַקסן צו אַ קאָסמישן ריז.

איצט האָב איך זיך איינגעקוקט אין דעם געזיכט פון דער פיגור — און געזען אז דאָס געזיכט, הגם ערנסט, און טראגיש, האָט דאָך נישט פארלוירן פון זיין אומשולדיגן חן. עס האָט געשטראלט מיט א זילבער בלויען שמייכל, ווי א שטיק וואָל פון הימל־שטאָף. עס איז געווען באהאנגען מיט בלויע לאָקן. עס איז געווען טרויעריג און זיס, טראגיש און שמייכלענדיג און באלד האָבן טרערן פון דעם קינדס געוואלדיג־גרויסע אויגן ארויסגעשטראָמט.

פאר א לענגערער ווייל האָב איך געזען דאָס וואונדערלעכע קינד. אָבער באלד האָט זיין בלויקייט זיך אָנגעהויבן צו פארלירן אין דער בלויקייט פון דעם הימל, פון דער אומענדלעכקייט פון דעם אוני־ווערס. אין א ווייל ארום האָב איך מער נישט געזען דאָס גראנדיע־זע קינד. איך האָב שרעקלעך געבענקט נאָך דעם. איך האָב זיך „בלינדערהייט" אָנגעשטרעקט עס צו זען — און נישט געקענט זען. די אומענדלעכע כוואליע פון בלויקייט האָט עס פארגאָסן, איינגע־שלונגען. איך בין געווען שרעקלעך טרויעריג און געוויינט אויפן טויט פון דעם טראגישן קינד וואָס איז געשטאָרבן אזוי הייליג און אומשולדיג אין דער בלויקייט פון קאָסמאָס.

* * *

און איצט, בשעת איך לייען די פאָעטישע פראָזע פון דעם וואונדערלעכן קאליל גיבראנס בוך „דער נביא". און בשעת איך קוק זיך איין אין די צארטע, עטערישע, טרוימערישע בילדער פון אים. וועלכע אילוסטרירן זיין בוך — דערמאָן איך זיך ווידער אין מיין חלום, אין דעם וואונדערלעכן חלום פון דעם גראנדיעזן קינד אויפן האָריזאָנט פון דער אייביגקייט... איז דען נישט קאליל גיבראן אָט דאָס וואונדערלעכע קינד? האָב איך אים דען נישט געזען אזא לוי־מערן נאָך איידער איך האָב אים ווען עס איז אין מיין לעבן גע־לעזן? יאָ, איך האָב אים געלעזן. איך דערקען אים, דען מיט מי־ליאָנען יאָרן צוריק, אין אונזער געמיינזאמען צושטאנד פון נשמות זייענדיג, האָבן מיר זיך געקענט און געליבט — אונזערע פליגל, שוועבנדיק איבער די רוימען פון דערזעלבער בלויער אומענדלעכ־קייט, האָבן זיך אנגעשלאָגן און די מעלאָדיע פון זייער פלוג קלינגט

מיר נאָך אין די אויערן, ווערט ארויסגערופן אין מיר דורך דער מו־זיק פון זיין פּראָזע, דורך גרויסע קלאַסישע מוזיק וואָס איך הער...

אָט איז אויפן פאַדערבלאַט פונם בוך — זיין בילד, געמאָלן דורך אים אליין. אזוי טראַגיש־ערנסט, אזוי דין און צאַרט, און אזוי געטלעך־דעליקאַט. ער קוקט ארוים ווי פון דער אומענדלעכקייט. קוקנדיק אין א צווייטער אומענדלעכקייט... צווישן ביידע, אין דעם שמאָלן רוים פון אונזער וועלט־עקזיסטענץ, פאַרכמורעט זיך זיין פּנים, ווערט אנגעפּילט מיט טרויער, כדי זיך ווידער צו באַפרייען פון טרויער אין דער ווידער־דערגרייכטער דערלייזונג פון אונזער ערד...

אגב קאַליל גיבראַן איז אַן אָפּטימיסטישער גייסט, אָבער, איז דען נישט יעדער אָפּטימיזם גלייכצייטיק אזוי ענג פאַרקניפּט מיט א געטלעכן פּעסימיזם? זאָגט ער דען נישט אליין אז פרייד און טרויער זענען איינס. איינם באַדינט דאָס צווייטע. העכסטע פרייד איז טיפסטער טרויער. ווערט דען דורך דער פּיין נישט געאיידלט דאָס לעבן? ביידע זענען ווי צוויי פרויען וואָס קושן דיך אייביג מיט זיסע און מיט ביטערע קושן. בלויז ווען זיי קושן דיך נישט, ביסטו ליידיק און פּוסט. דו ווייסט ווען דו ביסט פאַרזונקען אין טיפסטן פּיין. איז דען נישט היסטעריע אַ שרעקלעך געלעכטער? און איז דען נישט אזוי אויך וועגן געדאַנק און ליידנשאַפט. האַר־מאָניע מוז הערשן צווישן ביידע. ווי גאָט רוט אין געדאַנק, אין אַ רו־איגן אָוונט אין די בערג, ווען אַלץ איז פאַרזונקען אין געטלעך־גרוי־סאַרטיקער סטאַטיק — אזוי אויך באַוועגט ער זיך אין בליצאַרטיקן שטורם, אין די מעכטיקע אויסברוכן פון ליידנשאַפט. אזוי אויך דער מענטש. מענטש איז גאָטס ווערן, גאָטס אָטעם, גאָטס לעבן. מענטש מוז באַהערשט ווערן פון לאָגישן געדאַנק און פון ליידנשאַפט. און ווידער — אינם קאַפּיטל וועגן פּיין, זאָגט ער ווידער אז פּיין איז די מעדיצין פאַר דיין האַרץ. פּיין אנטפּלעקט דיר דיין אונערלעכ־קייט און די וועלט... פּיין איז פּונקט אזוי ווונדערלעך ווי דיין פרייד. טרינק די פּיין, הגם עס ברענט מיט דער ביטערניש דיינע ליפּן, ווי אַ געטראַנק פון גאָט, וואָס אנטפּלעקט דיר דיין אייגענער שיינקייט.

און — ווי פּרעכטיג קאַליל גיבראַן אילוסטרירט די פּיין; א

ווינדערלעכער קרייז פון דריי געשטאלטן... א פרוי אין איר זעל־טענער בלייבקייט איז געקרייצט צו צוויי טראגיש־געבוי־גענע, אין מוזיק־שטראלענדיגע מענער־פיגורן. ווי מוזיקאליש איז אט די פיין־קאמפאזיציע, זיך דערהויבנדיק איבער אייביקע פעלזן און וואלקנס ווייכע ווי די לייבער פון די פיגורן און עפעס ווי דער גאנצער כאאס וואלט זיך געבויגן אין אן אומענדלעכער פיין־סימפאניע.

און דערפאר פארגלייך איך אים צו דעם גראנדיעזן קינד אין דעם ראמאנס פון מיין חלום, לייכטענדיק מיט פרייד און מיט טרוי־ער, ווי עאופאריאן, דער העלד פון געטעס „פאוסט", אין צווייטן טייל, וואס ווערט געבוירן פון דער אלטער גריכיש־מיטאלאגישער קעניגין העלענא און — פאוסט, דעם קעניג פון „וועלט־שמערץ". עאופאריאן לעבט א קורצע ווײלע און דערהויבט זיך אין פלאמען צום הימל, ווערנדיג פארברענט אין זיין אייגענעם פייער...

קאליל גיבראן איז א קינד אין זיין פרעדיקן, אין זיין הערא־אישן פלאטערן צווישן די וואלקנס, אין זיין טרויעריקן אפטימיזם און אן זיין ליבע וואס הילט ארום אלע זאכן אין א בלויען, ראמאנטישן שלייער און פאראייניגט אלץ אויף דער ערד אין גאט...

און — אויך וועגן ליבע, איז ער ווידער דואליסטיש; ער ווייסט פון די גרויסע פריידן פון ליבע — און פון אירע טיפע פיינען. די ליבע קרוינט דיך און קרייציגט דיך. די ליבע באפרייט דיך אין טוט דיך אן אין קייטן. זי קושט דיך און שלאגט דיך. די ליבע רייני־קט דיך און גרייט דיך צו צו גאטס הייליקן פייער. דו זאלסט ברעג־נען אין אים. ליבע — לויט קאליל גיבראן באזיצט נישט און וויל נישט באזיצט ווערן. די ליבע איז גענוג אין איר ליבע; ווען דו ליבסט, זאג נישט: „גאט איז אין מיין הארץ", נאר זאג: „איך בין אין דעם הארץ פון גאט". און דענק נישט אז דו קענסט באשטי־מען די ריכטונג פון ליבע, דען ווען די ליבע געפינט דיך פאר רוי, באשטימט זי די ריכטונג. ליבע וויל זיך דערפילן און דאס איז איר באגער. דו מוזט זיין גליקלעך אין ליבע און דערווארטן מיט א באפליגלט הארץ און דאנקען פאר א צווייטן טאג פון ליבע. די ליבע וויל דיך פארוואנדלען אין א שמעלצענדיגן פייער וואס זינגט ווי א שטראם איר מעלאדיע צום גרויסן אוונט.

און אזוי מאלט גיבראן די ליבע; א פארל הענגט אין דער לופט

און זענען קאַנגזייטיג פאראייניגט דורך אַ קוש; זיי הענגען אין קאָס־מאָס אין שטראַלן נאַקעטע מיט דער גרויסער ליבע פון זייערע הער־צער.

*

*   *

איך בין צו פיל באַגייסטערט פאר קאַליל גיבראַן. און איך פיל ווי נאַיוו מיין עסיי זעט אויס צו זיין אין אַ וועלט פון ברוטאַלי־טעט און געמיינקייט ווי די איצטיקע. פּילייכט איז מיין גאַנץ שאַ־פען אַ נאַאיווע און זעט אויס ווי אַ זעגל וואָס פלאַטערט אין אַ שטורעמדיגן ים — אָדער ווי אַ לעצטע בלום וואָס, איז געבליבן לעבן אין דעם טויט־סעזאָן פון הארבסט. אָבער, ראָמאַנטישע נאַ־טורן ווערן געבוירן אין שטורמישע צייטן אויך. „אויף אַ צעזארס קבר בליט די רויטסטע רויז" — זאָגט אָמאַר כאַיאם. ראָמאַנטיקער זענען די רויטע לבנה־רויזן אין בלוטיגע קריגס־גערטנער.

און דערפאַר שרייב איך איבער דעם אָריענטאַליש־וואונדערלעכן קאַליל גיבראַן. איך בין זיך מודה אַז איך האָב לאַנג געזוכט זיינס אַ בוך. מיין ספּעציאַליטעט אַלס עסייאיסט איז אויסצוגעפינען די מעטעאָרישע נאַטורן. און אַזאַ פאַרביגער מעטעאָר מיט אַן אַראַ־בישע נשמה איז קאַליל גיבראַן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ביירוט, סיריע, אין יאָר 1883. ער האָט שטודירט אין אָריענטאַ־לישע אוניווערסיטעטן, האָט געלערנט קונסט אין פּאַריז און האָט געוווינט אין אַמעריקע. יונג געשטאָרבן אין קאַליפאָרניע. האָט געש־ריבן אַ סך ביכער אין אַראַביש, פּאָפּולאַריזירט דעם אָריענט אין דער אמעריקאנער און אייראָפּעאישער וועלט.

וועגן אים, ווי וועגן אַ סך גייסטער גרויסע, קען געזאָגט ווערן דאָס וואָס איך האָב שוין פיל מאָל איבערגעחזרט: ער געהערט צו יענע מענטשן וועלכע זוכן צו שאַפן הארמאָניע פאר די מענטשן. כמעט אַלע מוסיאָנערן, לערערס, פילאָזאָפן און משולחים פרעדיגן דאָסזעלבע, בלויז מיטן אונטערשייד פון קאָלאָריט, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון צייט און סביבה און פון דער פּערזאָן פונם העלד אָדער פּרעדיגער. אָריגינעלעס קען ווייניג געזאָגט ווערן איצט. די

שענסטע אידעען האט די וועלט שוין ארויסגעבראכט אויף איר פלאָ־מענדיגן מארטירער־וועג.

אָבער, מיר ליבן יעדעס מאָל אין אַ נייער אויפלאַגע צו זעען דעם וואונדער פון אידעען. מיר, אייראָפייער, זענען באַזונדערס ענ־טוזיאַסטיש פאַרן אָריענט און אַלץ וואָס קומט פון דאָרט טראָגט דעם קאָלאָריט פון טיפע, אוּנטויקע, שטילע קאָלירן. דאָס וואָרט איז געהילט אין לאַטאַס־בלעטער. עס האָט אַ באַזונדערס דופטיגן אַראָ־מאַט. דער מעטעפאָר איז פשוט און חנעוודיג. די מענטשן פון דאָרט רעדן מיט אַ מאָלערישער, צאַרטער שפּראַך, ווי גאָט אַליין וואָלט זיי געלערנט ווי אַזוי צו רעדן. זיי רעדן ווי גרויסע קינדער וועגן די טיפסטע זאַכן מיט דער פשטות פון געטער.

און — מיר האָבן עס ליב, ווייל מיר ווייסן אַז דאָס פאַרביגע און שיינע דעקט צו דאָס ברוטאַלע און ניכטערע. מיר האָבן איבער־גענומען אפיום און האשיש, כדי צו זעען וויזיעס פון גן־עדן. מיר האָבן ליב דעם ריטם פון זייערע מדברישע געזאַנגען און מיר רויכערן מיט פאַרגעניגן זייערע נאַרגילעס. מיר פאַרטיפן זיך אין זייער מיסטיק און לערנען זיך קוקן אין די גרויסע נעכט צו די ווייטע שטערן, כדי זיך צו פאַרגעסן אין דער אומענדלעכקייט. נאָך אַלעם, אונזער לעבן וואָלט זיין שרעקלעך ניכטער און קאַלט, ווען מיר זאָלן זיך נישט טרייסטן מיט די קונסט־שאַפונגען, וועלכע גיט אונז דאָס לעבן אונזערס — געזען דורך דער פריזמע פונם קינסטלער, וועלכער אידעאַליזירט, העראָאיזירט, עסטעטיזירט און טוט אָן אַלץ אין אַ מאַנטל פון שיינקייט, הייליגקייט און געטלעכקייט. די קונסט מאַכט אונזער לעבן שיין...

קאַליל גיבראַן איז אַזאַ קינסטלער־לערער. ער לערנט אונז אין אַ זעלטן־שיינער פאָרם די שיינקייט פון הארמאָניע. און אַזוי איז שיין צו לעזן זיין ווערק, דען ווו מען מישט אויף איז וואונדערלעך צו לעזן. אַט רעדט ער וועגן קינדער.

כמעט דאָס שענסטע קאַפּיטל אין דעם גאַנצן בוך. „און אַ פרוי וואָס האָט געהאַלטן אַ קינד אויף איר בוזעם, זאָגט צו אים: (צום פּראָפעט אלמוסטאפא) „רעדט צו אונז וועגן קינדער." און ער זאָגט: „דיינע קינדער זענען נישט דיינע קינדער. זיי זענען די זין און די טעכטער פון דעם לעבנס שטרעבן צו זיך אַליין — זיי קומען

דורך דיר — אָבער נישט פון דיר. און הגם זיי זענען מיט דיר, געהערן זיי נישט צו דיר. דו מעגסט זיי געבן דיין ליבע — אָבער נישט דיינע געדאנקען, ווייל זיי האָבן זייערע אייגענע געדאנקען. דו מעגסט וווינען מיט זייערע קערפּערס, אָבער נישט מיט זייערע נשמות. ווייל זייערע נשמות זענען אין דעם הויז פון דער צוקונפט, וועלכן דו קענסט נישט באזוכן, אפילו נישט אין דיינע טרוימען. דו מעגסט שטרעבן צו זיין ווי זיי, אָבער זוך נישט זיי צו מאכן ווי די קונסט. דען לעבן גייט נישט צוריק און בינדט זיך נישט מיטן נעכ־טען. דו ביסט דער פייל־בויגן פון וועלכן דיינע קינדער ווערן ארויס־געשיקט אלס לעבעדיקע פיילן".

און די אילוסטראציע צו דעם קאפּיטל איז זייער שיין. א ווייסע, שלאנקע־פרויען פיגור האלט אויסגעשטרעקט די האנט איבער א בויגן פון דריי נאקעטע פיגורן — שיסענדיג אין קאסמאָס די גע־נעראציעס. די צייכענונגען איבערהויפּט זענען צארט, ווי פון א פרוי־מאָלערין. זיי האָבן ווייבלעכקייט אין דעם ריטם פון וואָלקנס און כוואליעס. דער אוניווערס זינגט דורך דער נאַטור און דורך דער נאקעטקייט פון מענטשלעכע קערפּערס. ווי שיין איז די נאקעטקייט פון גיבראַנס בילדער; עס איז אַ נאקעטקייט פון שוואנען אויף קילע אונמבאוועגלעכע וואסערן. אַ נאקעטקייט פון אמת וואָס פרייט מיט זיין שטראלנדיגקייט. א נאקעטקייט פון וואָלקנס און בערג און בלומען און שטערן. די נאקעטקייט פון הארמאָניע און גאָט־לייב...

28 קאפּיטלעך אנטהאלט דאָס בוך „דער פראָפעט". אלמוסטאַ־פּא האָט צוועלף יאָר צייט געוואַרט אין דער שטאָט אָרפאלעס אויף זיין שיף וואָס זאָל אים מיט זעגל און מיט ווינט צוריקברענגען צום אידעאל פון זיין געבורט. דורך דער צייט האָט ער גערעדט וועגן די פאָלגנדע זאכן: ליבע, הייראט, קינדער. וועגן שענקען, וועגן עסן און טרינקען, וועגן ארבעט, פרייד און פּיין, וועגן הייזער, קליי־דונג, קויפן און פארקויפן, פאַרברעכן און שטראָף, געזעץ, שלום, געדאנק און ליידנשאפט, שמערץ, וועגן זעלבסט־דערקענטעניש, וועגן לערנען, פריינדשאפט, רעדן, וועגן צייט, גוטס און שלעכטס, געבעט, פארגעניגן, שיינקייט, רעליגיע און טויט.

עס וואָלט צופיל צייט און פלאץ פארנומען צו דערציילן וואָס אלמוסטאפא פּרעדיגט אין די אַלע קאַפּיטלעך. זיכער פּרעדיגט ער

דאָס גוטע. ער הייסט געבן זאַכן ווי די בלומען גיבן זייער שיינקייט. הייסט עסן און טרינקען, ווייל מען עסט און מען טרינקט פאַרן קאָלאָסאַלן לעבנס־בוים. ער הייסט ארבעטן מיט ליבע פאַר דער גאַנצער ערד וואָס איז לעבן. הייסט הייראַטן און ביידע זאָלן נישט צופיל דערוואַרטן פון זיך. ביידע זאָלן ליבן דעם אוניווערס. ביידע ליבן זיך ווען זיי ליבן גאָט. טוט איז דאָס אויפלעזן זיך אין גאָט, אין עטער. לעבט אין הייזער וואָס זענען פריי, אויפן פעלד, אין דער נאַטור, נאָענט צו די הימלען. ווערמענס טיר סאיז דער מאָרגן, ווערמענס פענסטער עס זענען די געזאַנגען און די שטילקייטן פון דער נאַכט. דאָס געזעץ איז פונם קריפּל וואָס האָט די טענצערס. דער אַלטער מאַן האָט נאַקעטקייט... די וואָס שאַפן דאָס געזעץ קוקן נישט פריי צו דער זון, נאָר שטייען מיטן רוקן צו איר. זייערע שאָטנס זענען די געזעצן. רו קען זיין אין אייך ווען איר זיינט אינערלעך פריי. נישטאָ קיין אויסערלעכע רו. ווען איר דערהייבט זיך איבער די זאָרגן מיט טריומף — זענט איר רואיק, און נישט ווען איר זענט „פריי" פון די זאָרגן. ווענן לערנען; מען קען קיינעם נישט לערנען, גאָרנישט לערנען. מען דאַרף פרייער לערנען זיך אַליין צו לערנען. יעדער דאַרף קענען אַליין לערנען און האָבן זיין אייגענע פאַרשטעלונג ווענן גאָט און ווענן אַלץ. דער אסטראָנאָם קען רעדן צו אייך ווענן זיין פאַרשטיין דעם רוים. אָבער ער קען אייך נישט איבערגעבן זיין פאַרשטענדעניש. די וויזיע פון אַ מענטש באַרגט נישט אירע פליגל צו אַ צווייטן מענטש. איר מוזט אַליין פאַרשטיין. טראָגט קלייַדער די זון און דער ווינט זאָלן אייך באַרירן און קושן. די ערד — פאַרגעס נישט! — ליבט דו זאָלסט טרעטן אויף איר מיט דיינע באָרוועסע פיס. צו די הענדלער רעדט דער נביא, זיי זאָלן קויפן און פאַרקויפן דאָס גוטס פון דער ערד. קויפט אויך די שפּייז פאַר דער נשמה — מאָלעריי! מוזיק! קונסט!

און ווענן פאַרברעכן: דער וואָס טוט אַ פאַרברעכן — איז נישט אַליין שולדיג. נאָר די גאַנצע געזעלשאַפט איז שולדיג. ער פירט אויס איר פאַרברעכן. נישט ער אַליין — נאָר די גאַנצע גרופּע וויל אין איר טיפעניש דעם פאַרברעכן. און ווער האָט דאָס רעכט צו משפטן דאָס פלייש — ווען זיין אייגענער גייסט איז פאַרברעכעריש?

און אזוי רעדט אלמוסטאפא וועגן אלע פראבלעמען, וועלכע רי־רען אן דאס מענטשלעכע לעבן. ער רעדט אפטמאל אין פרעכטיגע פראזן ווי: „שיינקייט איז אייביגקייט קוקנדיק אויף זיך זעלבסט אין שפיגל. אבער איר זיינט די אייביקייט און איר זיינט דער שפי־געל". א סך אמתן זאגט ער ארויס, ווי דאס אז די ליבע ווערט שטארקער ערשט אין צעשיידונג. אדער דאס וואס דו ליבסט אין א פריינד אממערסטן, קען זיין קלארער אין זיין אפוועזנהייט, אזוי ווי א בארג צו זיין קלעטערער איז קלארער פון דערווייטנס.

עס וואלט באמת פארנומען צופיל פלאץ צו רעדן אויספירלעך איבערן גאנצן בוך. כדי צו רעזומירן דאס געזאגטע און כדי צו זען דאס בוך בעסער נאכן לייענען עס, אויף א דיסטאנס, קען מען זאגן אט וואס:

קאליל גיבראן זאגט גארנישט קיין נייעס. ער זאגט עס בלויז — שיין. אויך די שיינקייט, די מעלאדיע פון זיינע פראזן, די גראַ־ציע פון זיין ווארט — איז נישט ניי. בפרט ווען איר נעמט אין אנבעטראכט אז ער איז א סיריער, נאענט צום אריענט — איז ער במילא נישט קיין נייעס, נישט צופיל אריגינעל, ווייל דער אריענט האט ארויסגעגעבן א סך האניג־זיסע זינגערס און פילאזאפן. דער אריענט איז פאטענטירט פאר שיינע רייד און שיינע מעלאדיען. פארן ארנאמענטירטן קונסט־ווערק. דער ארנאמענט איז שרעקלעך איבערטריבן — און אוועקנעמענדיג דעם ארנאמענט, בלייבט כמעט גארנישט פונם גאנצן.

אבער — ווי שוין געזאגט — אין א וועלט פון ברוטאליטעט ליבן מיר א קינדעריש שפילצייג. דער מענטש אין זיין פיין וויל גע־טרייסט ווערן. מיר כאפן זיך אן אין דער היילזאמקייט און באלזאם פונם שטילן, איידל־ארויסגערעדטן ווארט.

אלץ וואס קאליל גיבראן זאגט איז אמת, צופיל אמת. און שיין, צופיל שיין. ער געהערט צו יענע גראנדיעזע קינדער אויפן האריזאנט פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכע האבן וואונדער־שיין גערעדט צו די מענטשן אין זייערע רייך־ארנאמענטירטע שאַ־פונגען. ער איז באהערשט געווארן פון א גרויסער ליבע, און רעדנ־דיג די שיינע רייד צו אלמיטרא, די פרוי פון ארפאלעס, זיין גע־ליבטע — האט ער דורך איר גערעדט צו דער מענטשהייט און אין

איר געליבט די מענטשהייט. ער איז לויטער ליבע און שטילקייט און שיינקייט.

דאָס אַלץ, און, ווי אַלע טראַגישע נאַטורן, האָט ער מיט זיין טויט באַשטעטיגט זיין טראַגיזם און זיין ליבע, דען ער איז אויך געשטאָרבן יונג, פיל צו יונג... ווי אַלע העראָיש-ענטוזיאַסטישע זשעניען...

גרויסע מענטשן ליבן. קליינע מענטשן האַסן. און אַלע עכט־גרויסע מענטשן אויף דער ערד, אַפילו אין זייערע שרעקלעכסטע ליידן, ווען די מענטשן האָבן זיי שלעכטס אָנגעטון, געשמידט אין קייטן זייערע קערפּערס — אַפילו זיי האָבן געליבט, נישט לאָזנדיק זיך פאַרביטערן די נשמות דורך האַס... דאָס איז דער איינציגער סימן פון גרויסע מענטשן. און קאַליל גיבראַן איז זיכער איינער פון זיי, ווייל ער האָט זייער שיין געליבט אין אַ וועלט פון טרויער און פּיין... און די וואָס ליבן, הגם זיי זענען טרויעריגע נשמות, ברענגען פרייד און גליק, באַמיען זיך צו ברענגען צו די ליידענדיגע פרייד און גליק... אַלזאָ: ליבע צו די מענטשן און דער באַגער אַלץ אָנצעצינדן אין פרייד — דאָס איז די קווינט־עסענץ פונם גרויסן מאַן...

מיין בענקשאפט צו טאלסטאי...

איך ווייס נישט פארוואס, ווען איך האב היינט דעריזען צווישן די ביכער אין ביבליאטעק א באנד מיטן נאמען „טאלסטאי" — האב איך אים גענומען און זיך זייער געפרייט מיטן באנד. שוין לאנג נישט געלייענט דעם אלטן חכם טאלסטאי. א פאר טויזנט אנדערע ביכער דורך דער צייט דורכגעלייענט און — א בענקשאפט איז מיך באפאלן נאכן גרייז־גרויען שרייבער פון דער רוסישער ליטעראטור. די בענקשאפט נאך אן אאזיס אין א מדבר פון מאגערע זאמד און הייסער לופט.

טאלסטאי האט געוואגט צו פראטעסטירן קעגן טויט־אורטייל פון א רייע רעוואלוציאנערן אין צארישן רוסלאנד. טאלסטאי האט געגלויבט אינם גוטן הארץ און גוטער נשמה פונם מענטש. אין פארגלייך מיט די צארישע פארברעכנס — איז אונזער צייט איין גרויסער סאציאלער פארברעכן. אין פארגלייך מיט דער שרעקלעכס־טער מאנארכיע איז א פאשיסטיש־טאטאליטארער שטאט דער גרוי־זאמסטער.

וואס וואלט טאלסטאי געזאגט צו אונזער צייט? וואלט ער נאך אלץ געגלויבט אינם גוטן מענטשן? ווי אזוי וואלט טאלסטאי אויסגעשריגן זיין ווייטאג אויף די פארברעכנס פון דייטשלאנד, אויף די קריגן אין שפאניען און אין כינע, אויף דער אבסאלוטער דומהייט און סאדיזם פון די מאסן אין די פאשיסטישע לענדער? —

שווער צו ענטפערן אויף אט די פראגן. איין זאך איז זיכער: אז דער גרויסער מאן פון אמת. טאלסטאי שיינט מיר צו זיין אן אפאסטאלישער גיגאנט פון אמת, דאס גרויסע געשריי פון פיין און פראטעסט — און דערפאר ציט מיך צו אים אזוי שטארק אין די טעג פון טונקלקייט און פארברעכן. מיר בענקט זיך פשוט נאך

אַן אמת גרויסן מאַן, אַ נביא, וואָס זאָל איצט דערשיינען און רעדן צו די מענטשן מיט אַזאַ געוואַלטיגער קראַפט, אַז די וועלט זאָל אויפציטערן, ווי אין די אַלטע צייטן, ווען מדברישע וויזיאָנערן האָבען געמאַכט ציטערן פעלקער מיט אַ הייליגן ציטער פאַר גאָט. מעגלעך, אַז איך בין אַ מין נאַאיווער פאַנטאַסט, נאָך אַלץ באַווירקט פון אָפּטימיסטישן גייסט, אָבער מיר בענקט זיך דאָך נאָך עפּעס אַ גרויסע דערשיינונג, וועלכע איך קען נישט באַשטימט דעפינירן. אַזאַ געוואַלטיגע דערשיינונג וואָס זאָל מיט איינמאָל עפענען די אויגן און די הערצער פונם פאָלק, פון דער געזונקענער מענטשהייט. אַ מין אַפּאָקאַליפּטישע וויזיע זאָל שפּאַלטן די הימלען און פלאַקערן צו דער ערד.

איצט וואָלט אַפילו אַ גרויסע טעראָריסטישע פּאַרטיי געקענט אויפטון וווּנדער, אין הינזיכט פון אויפרייסן די מוחות, דאָס פאַרגליווערט-פּאַראַליזירטע געוויסן צעטרייסלען. אַזאַ פּאַרטיי וואָלט באַדאַרפן אָראָפּהאַקן די קעפּ פון די דיקטאַטאָרן אין משך פון אַ קורצער צייט. אַ ציטער טון מיט דינאַמיט אין די פּאַלאַצן פון די הענקער...

אָ, ווו איז אַ ברוטוס פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט וואָס זאָל טויטן צעזאַרן און הונדערט קלענערע צעזאַרס? ברוטוס, דערוואַך, שטיי אויף פון דיין אַלטן רוימישן קבר — און טויט די קאַריקאַטור פון צעזאַרן וואָס הערשט איצט אַזוי בעסטיאַליש אין רוים, אין דער אַלטער הויפּט-שטאָט פון דיין טויטער לאַטיינישער אימפּעריע... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט ווי איך בין פאַרפירט געוואָרן דורך בונטאַרישע עמאָציעס. אָבער, איך קער זיך צוריק צו טאָלסטאָי. קען ער רואיג ליגן אין זיין קבר, ווען די מענטשהייט רינט אָפּ אין בלוט? דריי דיך איבער, מידער טאָלסטאָי, זע ווי אייראָפּע ברענט! וועסטו נישט אויפהייבן דיין מעכטיגע לייבענשטימע — און שליידערן אַ געשריי צו די פעלקער?

ניין, טאָלסטאָי וויל נישט דערוואַכן. איינמאָל געשטאָרבן — איז טויט אויף אייביג. טאָלסטאָי האָט נישט קיין חשק צוריק צו קומען צו דער זינדיגער ערד. און איך האָב אין דער נאַכט פון רויזיגע שטערן געמוזט בלעטערן דאָס ספר זיינס און זיך טרייסטן מיט זיין ווערק — דאָס ווערק פון אַ גרויסן מענטש און גרויסן קינסטלער.

און לייענענדיג, האָב איך נאָטירט. נאָטירט מיינע עמאָציאָנעלע איינדרוקן פון דעם גרויסן גאון. וואָס קען מען דען איצט צוגעבן ליטעראריש־קריטיש וועגן דעם שרייבער, וועגן וועלכן ס׳איז שוין אזוי פיל געשריבן געוואָרן? ריזן האָבן אים אנאליזירט. איך בין נאָר אויסן געווען אָנצופארצייכענען דעם ריטם אין מיין הארץ וואָס אָט דער מעכטיגער מאַן רופט ארויס אין מיר! אַ מאַן — ווי פון די אורצייטן, קומענדיג נאָך פון דער צייט ווען דער מענטש האָט זיך געשראָקן פאַר די רויטע בליצן אין די שווארצע וועלדער. אַ מאַן — צוגעוואָרצלט און צוגענאָגלט צו דער ערד ווי קריסטוס איז צוגעקלאפט און צוגעקרייצט צום אלטן, קאַלטן צלם אויף די שליאכן און די וועגן פון דער וועלט. טאָלסטאָי — דאָס איז פאַר מיר אַ מין פראָמעטעאישער גייסט, וואָס איז נישט איבער די מענטשן — נאָר אליין אַ מענטש, קומט אליין פון די פאָלקס־טיפעניש — הגם אַ געבוירענער אריסטאָקראט! אָבער אָן צווייפל שטאמען אפילו זיינע אדעליגע אור־עלטערן פון די פויערן, פון די אַלטע באַיאַרן, פון דעם שוים פון דעם מעכטיגן סלאווישן פאָלק וואָס האָט זיך פאראנקערט איבער די ברייטע, פרייע סטעפּעס.

* *
*

טאָלסטאָי — דאָס איז אַזאַ ריז וואָס מען מוז לעזן. יעדער זאַץ יעדער קאפּיטל איז פול מיט אקציע, מיט אויסערגעוויינלעכער דינאמיק. ער שרייבט ווי דאָס לעבן אליין וואָלט געשריבן ווי די וועלט וואָלט זיך באשריבן מיט איר געוואלטיגן לעבנס־סטיל. שווער אָנצוהויבן צו לעזן טאָלסטאָיען און צוריק אויפהערן. מען קען נישט אייפהערן. מען וויל לעזן די ווייטערדיגע שורה, דעם נעקסטן זאַץ, דאָס גאנצע זייטל, דאָס צווייטע בלעטל, דאָס אנדערע קאַפּיטל, דעם צווייטן טייל....

דער גרעסטער רעאַליסט אין דער וועלט־ליטעראטור איז טאָלסטאָי. זיין שרייבן איז ווי די סטענאָגראפיע פון עפּעס אזוינס וואָס ער האָט אליין איבערגעלעבט און צוגעזען און ער איילט זיך שרעקלעך דאָס צו דערציילן. „מלחמה און שלום“ האָט אין זיך דעם סטיל

פון קריג, די נערוועזיטעט פון סאָלדאַטן ,די באַוועגונג פון אַ קריג. די פאַקטן, די עפּיזאָדן, די געשפּרעכן שפּאָרן, צעשפּאַרן אים, צווינגען טאָלסטאָיען שנעל אָנצוּוואַרפן די ריזיגסטע עפּאָפּייע אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז טיף און מאַכט אַלץ פּשוט. דאַכט זיך — זייער פּשוט, און עס איז גאָר אַ טיפער געדאַנק. ער איז ווי אַ שטורעם וואָס טראָגט טויזנט סטיכיעס.

טאָלסטאָי כאַפּט שנעל אָפּ דעם אָטעם, כדי ווידער צו שרייבן ווידער צו דערציילן. ער לעבט דאָך איין מענטשלעבן און דאָ דאַרף ער דערציילן וועגן גאַנץ רוסלאַנד. וועגן יאָרהונדערטער לאַנג. ער מוז דעריבער יאָגן, זיך אײַלן, דעריאָגן זיינע מהשבות און זעאונגען. אָ, טאָלסטאָי איז אַ גרויסער, אַ געוואַלטיקער שרייבער וועגן לעבן. טאָלסטאָי שרייבט ווי איינער וואָס גיט אין ראַדיאָ אַ באַריכט פון אַ באָקס־קאַמף. דאָס איז אַ שרעקלעכער באַריכט פון דער שלאַכט וואָס הייסט „לעבן". אַ פּערמאַנענטע שלאַכט וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף!

* *
*

ווען איך לעז טאָלסטאָי, באַזונדערס זיינע מאָראַליש־פּובליציסטישע שריפטן, דאַכט זיך מיר אַז ער אַליין, טאָלסטאָי, איז אַ מין קינסטלערישע שאַפונג. אַז ער פערזענלעך האָט גאַרנישט עקזיסטירט אַלס מענטש — נאָר בלויז אין דער פאַנטאַזיע פון אַ גרויסן קינסטלער איז אָט דער העלד געבוירן געוואָרן.

פאַרוואָס האָב איך אַזאַ איינדרוק? ווייל עס איז דאָ עפּעס קינסטלעריש־לעגענדאַרישעס אין אים, אין אָט דעם איינזאַמען גראַף לעאָן טאָלסטאָי. איך האָב אים ליב און איך טראַכט אָפט, אים לעבעדיג: דאָס איז אַ מאַן פון אמת. דאָס איז אַן אַפּאָסטאָל פון אמת. דאָס איז אַ מאַן פון רוסישן, פון גרויסן מעכטיגן פאָלק.

ער פרעגט. ער ראַנגלט זיך ווי אַ גרויס שטיק שמערץ און פּרימיטיווע קראַפט אין די וועלדער פון צווייפל. ער וואַרפט זיך ווי אַ גיגאַנט אין זיין געהירנשן פּיין. ער וויינט אין וואַלד אָדער רעדט צו אַ וואָרם און פרעגט אים פּוסטישע שאלות. עס איז שרעקלעך ביטער

ווי ער וואָלט זיין לויטער קאָל. ער הענג אויף אַ תליה און בעט זיך דעם אמת ביי גאָט און ביי מענטש.

ער איז דער גרויסער, דער גרעסטער רוסישער פּראָזע־מייסטער. ער איז אַ געבוירענער אַריסטאָקראַט. איז רייך און האָט, ווי איוב, וועלדער און פעלדער, קנעכט און אַרבעטער, אַ גוטע פרוי און גע־ראָטענע קינדער. ער האָט אוניווערסאַלן רום און אַפילו דער צאַר האָט מורא פאַר אים. ער שטעקט טיף אין פליישיגער זינד און האָט די לוסט פון אַ חיה. האָט קינסטלערישע אַמביציעס ווי אַ מיקל־אַנדזשעלאָ און כח פון אַ לייב. אַ גרויס, שטאַרק אורפאָלק האָט אים געבוירן — און צו אים געגעבן זיין גוואַלטיקע קראַפט. ער האָט אַ סך גאָלד. ער איז געווען אין אויסלאַנד און געזען ווי אַ גילאָטינע האָט אָפּגעטיילט אַ קאָפּ פון אַ קערפּער. ווער האָט דאָס רעכט דאָס צו טון? ווען אַלע מענטשלעכע דורות זאָלן לעבן — האָבן זיי אויך נישט דאָס רעכט צוצונעמען דאָס לעבן ביי אַ מענטשן. ווי פּאָסט איז ער רייך און גליקלעך און קען גענִיסן אַלע פרייִדן און תענוגים. ווי פּאַסט לעבט ער זיין פול, זיין גאַנץ, זיין פולקאָם לעבן. אָבער ווי בודא דערשרעקט ער זיך פאַרן גרוי־אַלטן און פאַרן טויטן מענ־טשען, אויך בודא שטעקט טיף אין האָניג און אין גאָלד. ווי קעניג שלמה צווייפלט ער אין אַלץ און זעט איין זי נאַרישקייט פון אַלץ וואָס עקזיסטירט. ווי עדיפּוס לויפט ער מיט אַ געוויין אין וואַלד און רייסט אין פאַרצווייפלונג די בוימער און וויל צערייסן דעם הי־מעל ביז בלוט.

אָט דאָס איז דאָס לעגענדאַרישע פון דעם גראַף טאָלסטאָי. ווי אַ קעניג פון זילבער־גרויע צייטן דערשיינט ער צו מיר. עס איז ווי איך וואָלט לעזן אַן אַלטע שריפט, מיט טויזנטער יאָרן צוריק פאַר־פאַסט. ווען איך לעז זיין „ודיווי“. אָבער נעם איך לעזן זיין „קריג און פרידן“ — שטאַרבט די צייט און ער, ווערט פאַר מיר פיזיש רעאַל און עס לעבט אין מיר זיין גרויסע פשוטע, קלאַסישע פּראָזע. איך וואונדער זיך ווי אַזוי דער מאַן וואָס שרייבט אַזוי אונקינסטלעריש זיינע עטישע שריפטן, קען שרייבן אַזוי הויך קינסטלעריש זיינע ראָ־מאַנען. און די עטישע ווערק צווייפלט ער איבער זיין קונסט אַפילו. ער „פאַרניכטעט“ זיך אינעם אמת פון גאָט און מענטש־זוכעניש. אָבער אָט לייען איך דעם מעכטיגסטן ראָמאַן פון אַלע צייטן און

זאָג צו זיך: אפילו דער גרויסער טאָלסטאָי מיט זיין גאנצער מאָ־ראלישער קראפט קען אזא קינסטלער ווי טאָלסטאָי איז נישט צעש־טערן מער, פונקט ווי די מאָדערנע עגיפּטער קענען נישט צעשטערן די פּיראמידן און די ספינקסן, אזוי אויך אייביג פאראנקערט איז דעם אומענדלעכן זאמד פון מדבר. דאָס איז אַ קינסטלער וואָס קען אזוי טיף דאָס לעבן ווי אַ גאָט קען עס. ער האָט געמוזט אַליין לע־בען מיט טויזנט לעבנס כדי אזוי גרינטלעך צו פארשטיין דאָס לע־בען.

און — איך טו אן אומרעכט צו טאָלסטאָיען איצט: איך קען נאָר איין ריז אין דער וועלט־ליטעראטור, וועלכן טאָלסטאָי האָט פאר־לייקנט — אָבער צו וועמען איך קען פארגלייכן דעם מעכטיגן גע־ניוס פון טאָלסטאָי — און דאָס איז זיין געהאסטער וויליאם שעקס־פּיר, דער גרויסער דראמאטורג פון דער מענטשלעכער נשמה.

זיינע עטישע שריפטן — במעט לאנגווייליג. פונקט דאָס פאר־קערטע אין זיינע קינסטלערישע שריפטן — אזא מעכטיגע דינאמיק וואָס איז נישט פאראן אפילו אין די בעסטע דראמעס. יעדער וויילע — אַ נייע סיטואציע. אַ מין ריטם פון אַ ים וואָס טרייבט אומאויפ־הערלעך פון זיך אַליין זיינע כוואליעס. עפּעס פון דעם טונקעלן דאָס־טאָיעווסקי איז אין אים פאראן און דאָס דערמאָנט מיך ווידער אין פאוסט, וואָס זאָגט אז צוויי נשמות וווינען אין זיין ברוסט... אין טאָלס־טאָיען האָט געוווינט די גרויסע ליידנשאפטלעכע חיה פון לעבן — און פונקט אזוי גרויס דער גרויסער נזיר וואָס שניידט דאָס לייב פון הימל מיט דער שווערט פון צוייפל....

שעקספּיר, געטע און טאָלסטאָי — אָט זענען מיינע דריי גרעס־טע שריפטשטעלער. גלייך — אין זייער פארנעם, אין זייערע ריזי־קע אמביציעס. דען ווי פאוסט, וואָס וויל איבערלעבן די גאַרע גע־פילן פון דער מענטשהייט — אזוי וויל טאָלסטאָי איבערלעבן די מענטשהייט, אירע גערانגלען און צווייפלען, איר אמת און איר פּיין. ער אנטלויפט מיט פאראכטונג פון זיין קלאס, פון די אריסטאָקראטן אינדיווידואליסטן, כדי צו דערקענען און זיך פאראייניגן מיטן פאָלק, וואָס קעמפט, ארבעט, גלויבט און לעבט מיט אמת און מיט קראפט פון גלויבן אין גאָט. ער אנטלויפט שפּעטער פון דער קירכע, ווייל זי איז סעקטאנטיש, צעטיילט די מענטשן און סעקטעס, ווייל זי פאר־

שטייט נישט דאָס גאַנצע און טראָגט זיך אַרום מיט האַס צו די אַנ־דערשגלויביקע און קען נאָך געבן דאָגמעס און מנהגים, צערעמאָ־ניעס און פאַלשקייטן — אַנשטאָט אַ גאַנצן גאָט, אַ פולן גלויבן, אַן אַלגעמיינע רעליגיע. ער וויל נאָר אַלע רעליגיעס פאַראייניקן און איין גרויסער מענטשן־רעליגיע. אָט דאָס — און נישט ווייניקער — איז זיין אַמביציע און זיין ציל.

ער איז נישט ווי שאָפּענהויער וואָס אַנטלויפט פון מענטשן און שליידערט קללות צום לעבן. וואָס ווייסט שאָפּענהויער פון מענטשנליבע, — הגם ער פּרעדיגט טעאָרעטיש רחמנות? — פון פאָלקס־ליידן? פון דער גרויסער מאַסע וואָס ליידט און לעבט? רעפּראָדוצירט און זאָרגט פאַרן נייעם דור און בענטשט דאָס לעבן מיט פרייד דורך טרערן! שאָפּענהויער געניסט, די פלייש־זינד און שעלט זי. געניסט אַלץ און שילט זיך. טאָלסטאָי וויל אַז אַלע זאָלן געניסן און זיין ערלעך. אויב גאָט האָט אים באַשאַפן — מוז ער ערלעך לעבן זיין לעבן און אַרבעטן גלייך מיט אַלע און שאַפן גלייך מיט אַלע. און ווי ער קוקט דאָס מיט פאַראַכטונג אויף זיין „בוך־שרייבערײ". ער שעמט זיך דערמיט. ער, טאָלסטאָי, וויל, ווי דאָס פאָלק, אַרבעטן, אַקערן, זייען, שניידן, בויען און שמידן און זיך באַטייליקן אין אַלע נויטווענדיקייטן און נויטן פונם פאָלק.

אָט דאָס רופ איך „דער מאַן פון אמת" און — אָט דאָס רופ איך אַן „אויסגעטראַכטער העלד" — ווייל ס'איז מיר שווער צו גלויבן אַז דער גרויסער געפייניקטער וועלט־אמת זאָל זיך אין אַזאַ גרויסער קוואַנטיטעט אָפּשטעלן ביי איין מענטש, ביי איין געוועזענעם אָפיציר פון דער רוסישער אַרמיי, ביי איין לופט־מענטשן און זאָל אַזוי טיף בוערן אין זיין האַרץ און אין זיינע געהירן.

ממש אַ וואונדער! אַ גרויס מענטשנוואונדער! זעט ווי דער מאַן זיצט אין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" און זאָרגט זיך וועגן די מענטשן און מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס און באַטראַכט אַלץ אַזוי גע־פערלעך און צווייפלט אין זיך אַליין כדי וואָס אמתדיקער צו קומען צום אַבסאָלוטן אמת. זעט ווי ער קריכט דאָס אַרויס פון אַ וואַרע־מען בעט אין מיטן נאַכט, פון אַ גוט מיט קינדער און ווייבער און פריינט און אַלעס־גוטס — און טראָגט זיך אין דער נאַכט

אַלץ טיפער און טיפער, אַלץ ווייטער און ווייטער, כדי צו שטאַרבן ערגעץ אויף אַ סטאַנציע אַסטאַפּאָוואָ, כדי כאָטש פאַרן טויט צו ברעכן מיט דער פאַמיליע, מיט גוטס, מיט רייכקייט, מיט כּל טוב — כדי כאָטש פאַרן טויט צו לעבן ווי אַן אָרעמאַן און דורכלעבן דאָס לעבן פונם גרויסן, גרויען פאָלק. ממש ווי די לעגנדע פונם צאַר אַלעקסאַנדער וואָס טוט זיך אָן אין בעטלערישע קליידער און שטאַרבט אַלס נזיר. (אָבער דער צאַר — אַ פאַנאַטיקער וואָס וויל ליידן פאַר זיינע גרויסע זינד. טאָלסטאָי — אַ דענקער וואָס גלויבט אינערלעך אין גאָרנישט, אָבער וואָס וויל גלויבן אין מענטש, אין גאָט, אין ריינעם קריסטענטום, אַ מענטש וואָס וויל מיט געוואַלט גלויבן און לעבן אַליין לויט זיין גלויבן)...

* *
*

אָט דאָס האָב איך פאַרצייכנט וועגן טאָלסטאָיען אין אַ מאָמענט פון געוואַלדיגער בענקשאַפט צו אים. אַ סך רעטאָריק! אָבער כאָיז די שפּראַך פון עמאָציע, וואָס אַנאַליזירט ווייניגער און פילט מער... אַ סך שרייבער פון אונזער צייט זענען פאַלש און שלעכט. טאָלסטאָי האָט געוווסט אַז שרייבער קענען זיין פאַלש און שלעכט. דעריבער האָט ער געמאַכט אַזאַ שאַרפן גרענעץ־שניט צווישן מאָראַלישע און אומאָראַלישע ליטעראַטור. דעריבער האָט ער זיינע אייגענע ווערק פאַראורטיילט. דעריבער האָט ער אַפילו פאַראורטיילט אַ שעקספּיר. ווייל שעקספּיר פּרעדיגט נישט דעם גרויסן אמת — נאָר אַנאַליזירט דעם ליגן פון דער מענטשלעכער נשמה, דעם ווילן צו מאַכט, צו רום, צו נקמה און צו בלוט. שעקספּיר צעשניידט די נשמה און ווייזט ווי זי בלוטיקט מיט פאַלשקייט און מיט זינד. שעקספּיר ווייזט דעם ביטערן האַמלעטישן צווייפל. דעם דראַנג צו מאַכט פון מאַקבעט.

טאָלסטאָי האָט געוואָלט אַז דער קינסטלער זאָל זיין אַ לערער, אַ פירער, אַ וועג־ווייזער פאַר די מאַסן. אַ מאַן וואָס זאָל בלוטיגן פאַר מיליאָנען. בעטאָוועגס גרויסער אידעאַל פון מענטשנליבע און פרייהייט איז געווען זיין אידעאַל, טאָלסטאָיס. דערפאַר האָב איך

זיך פאר א ווײלע פארטראכט וועגן דעם גאון וואס טוט אן א פויערישע בלוזע און אקערט די ערד פון רוסלאנד און פארריכט זיך די אייגענע שיך און די שיך פון זײן גאנץ הויז־געזינט. ווײל טאָלסטאָי האָט אפּגעלאכט פון די אלע פּראָפעסיאָנעלע פאָלקס־פארזאָרגער און לערער, וואס דענקען אז זײ ווייסן ווי אזוי צו לערנען און אז זײ האָבן וואָס צו לערנען.

דאָס מערקווירדיגע אין טאָלסטאָי איז דאָס וואָס זײענדיג דער גרעסטער מענטש פון זײן דור — האָט ער עס פרייוויליג מבטל גע־ווען און האָט זיך אין טיפער הכנעה און באשיידענקייט געלערנט ביי די נידעריגסטע מענטשן ווי אזוי צו זײן א מענטש. צווישן די גרויסע לערער און אפּאָסטאָלן פון דער מענטשהייט, אין איר קאמף פאר פרייהייט און אין אירע פיינען פון געבורט צו א העכערער מענטשהייט — וועט מען שטענדיג מיט ערפורכט צורעכענען דעם גרויסן מאן וואס האט זיך געלערנט ביי די בעטלער און האט גע־רעדט צו ווערם אין פעלד, דער מאן וואס האט געוואָרפן זײן גאלד אין מיסט — און האט זיך געלערנט ווי צו באמיסטיגן די פעלדער, אזוי אז געזונטע און שטארקע תבואה און פרוכטן זאל ארויסוואקסן אונטער דער זון!...

דער באפעל פון טויט...

(אן עפיזאד פון מאצארטס לעבן)

דאס איז געווען אין א הארבסטיקער נאכט. אין דרויסן האבן די בוימער גערוישט, דער שרעקלעכער ווינט האט געריסן זייערע צווייגען און בלעטער. א רעגן האט געגאסן און געשריען. די פענסטער פון די הייזער זענען געווען פארלאשן. לעצטע בליצן פון זומער האבן אויפגעבליצט ווי ריזיגע שרפות אויפן הימל. די נאטור איז געווען שכור, צעלאזן.

בלויז איין פענסטער האט געלויכטן אין דער געדיכטער פינסטערניש. אן איינזאם פענסטער פון אן איינזאם הויז.

אין א קליינער שטוב איז ביים פענסטער געזעסן א מאן, א בלייכער דארער מאן מיט דערשראקענע אויגן, דאס איז געווען א קאמפאזיטאר. זיינע האר זענען געווען ווילד צעפלאשעט, די אויגן האבן געבליצט מיט א פיבערנדיקן פייער. ער האט געהיימניספול און רואיג ארויסגעקוקט דורך די מיט־וואסער־פארגאסענע שויבן פונם קליינעם פענסטער. ער האט אריינגעקוקט אין דער נאכט־פינסטערניש.

אין א ווײַלע ארום האט זיך דער מאן אויפגעהויבן פון בענקל. מיט די הענט אויפן רוקן שפאצירט איבערן צימער. ער האט זיך אפגעשטעלט ביי איינעם פון די פארטרעטן, וואס זענען געהאנגען העל באלויכטן זיין געזיכט, וואס האט באקומען א רויטן אפגלאנץ. טרערן זענען ערשינען אין זיינע אויגן. דער לאמפ אויפן וואנט האט און דין, שלאנק. דער מאן האט טרויעריג געבליקט צו איר — אויף דער וואנט; א יונגע פרוי מיט וואונדערבאר־גרויסע, מעלאנכאָ־

לישע אויגן האָט צו אים אראָפּגעבליקט. איר האלז איז געווען ווייס ווי פון בליצן באשיינט.

ער איז דאַן צוגעגאַנגען צו אַ שווארצער, ריזיגער פּיאַנאָ, ארויפגעלייגט די דאַרע פינגער אויף די ווייסע, ביינערנע קלאַ־ווישען; טענער האָבן אַ ציטער געגעבן מיט אַ ווילד געשריי פון דעם פּיאַנאָ־הארץ; ווילדע מעלאָדיען האָבן זיך צעלאָזן אין רויטע פלאַמען איבערן טונקל־באלויכטענעם צימער.

יעדע ווייל האָבן די שויבן אויפגעבליצט רויט פון די בליצען־פייערן. אַ ווינט איז דורך די בוימער און זיך אנגעקלאַפּט אינם דאַך פונם אלטן הויז. דער רעגן האָט געקלאַפּט איבערן דאַך ווי מיט מיליאָנען טויטע, ביינערדיגע פינגער.

דער בלייכער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשפּילט, געוואָרפן טאָן נאָך טאָן, זיך אָנגעצונדן; רויטע בלומען פון פיבער האָבן געבליט אויף זיינע באקן; זיינע האָר האָבן זיך צעשויבערט, ווי ווילדע הענט וואָלטן זיי באריִרט אין היסטעריע.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דער קאָמפּאָ־זיטאָר האָט ניט געגלויבט, אַז אימיצער זאָל אין אַזאַ שרעקלעכער נאכט קומען צו אים. ער האָט דעריבער ניט געשאָנקען קיין אויפ־מערקזאמקייט. דער קלאַפּ אין דער געלער הילצערנער טיר האָט זיך איבערגעחזרט. דער קאָמפּאָזיטאָר איז בלייכער געוואָרן, זיך אינסטינקטיוו דערשראָקן און — קוים ארויסגערעדט: „ביטע“!

די טיר האָט אַ סקריפּע געטון. זיך לייכט געעפנט. אַ מאַן איז געשטאַנען אויף דער שוועל, זיך טיף פארנייגט און געווארט אויף אַן איינלאַדונג.

ער איז געווען טונקל, געהיימניספול, אַ שווארצער הוט האָט כמעט אינגאנצן פארדעקט זיין געזיכט. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ דינעם, גרויען מאנטל, שלאַנק און דין, שטיל און ערנסט.

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אַ ציטער געטון. מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט ער דעם פרעמדן אריינגערופן אין שטוב, צום טיש.

אַ ווייל האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט צווישן ביידע מע־נער. דאַן האָט ענדלעך דער פרעמדער אָנגעהויבן צו רעדן:

—הער קאָמפּאָזיטאָר! איך בעט אייך ניט צו פרעגן מיין נאָ־מען אָדער דעם נאָמען פון מיין מייסטער, פון וועמען איך בין

געשיקט געוואָרן אַהער פון זייער ווייט... איך פאַרלאַנג איר זאָלט פאַר מיר קאָמפּאָנירן אין דער מעגלעכסט קורצער צייט אַ רעקוויעם....

דערביי האָט ער אַרויסגענומען אַ בריוו, אים דערלאַנגט דעם קאָמפּאָזיטאָר. ציטערנדיק האָט דער קאָמפּאָזיטאָר איינגעריסן דעם געלן קאָנווערט, אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר וואָס איז געווען פאַרשריבן מיט אַ קינדערישער האַנטשריפט. דאָרטן איז געשטאַנען כמעט דאָס זעלבע וואָס דער פרעמדער האָט געזאָגט. דער פּרייז פאַר דער דאָזיגער יאָרצייט מעלאָדיע איז הונדערט דוקאַטן אין ריינע גאָלד. ווען דער רעקוויעם וועט זיין געענדיגט, וועט ער דאַן באַקומען אַ היפּשע באַלוינונג, וואָס וועט איבערשטייגן די ערשטע סומע.

דער אונטערשריפט איז נישט געווען לעזבאַר. דאָס איז אודאי געמאַכט געוואָרן בכיוון אַזוי...

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט באַטראַכט דעם פרעמדן מאַן. אים געפאָרשט מיט די בליקן, זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן שרעקן פאַר אים. ענדלעך האָט ער אים מיט אַ ציטערנדיקער שטימע צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס פאַרטיג מאַכן, און אין אַ וואָס־קירצערער צייט.

דער פרעמדער מאַן האָט פאַרלאַנגט די האַנט פון קאָמפּאָזיטאָר, אַלס שבועה, אַז ער וועט די מעלאָדיע קאָמפּאָנירן. דער מוזיקער האָט אים דערלאַנגט זיין בלייכע האַנט. דער פרעמדער האָט זי קוים באַרירט. און אַ „גוטע נאַכט" אַרויס, ווי פאַרשוווּנדן אין צימער. דער קאָמפּאָזיטאָר איז געבליבן אַליין. אַ געדיכטער שווייס איז אַרויס אויף זיין געזיכט. דער ווינט האָט געריסן די ביימער אונטער די פענסטער. עס איז געווען ווי שוואַרצע ראָבן וואָלטן כסדר געפּאַכעט אין די שויבן מיט טינט־געפלעקטע פליגל.

— די לעצטע מעלאָדיע פון טויט וועל איך אים דיכטן — האָט געהיימניספול געזאָגט צו זיך אַליין דער קינסטלער, און — ער האָט פאַרדרייט דעם לאָמפּ. דאָס נאָך צאַנקענדע קנויטל האָט געוואָרפן אַ בלוילעכן אָפּשיין אויפן קאָמפּאָזיטאָר. זיינע אויגן האָבן מוראדיג געבליצט.

ווען דאָס קנויטל מיטן בלויען פלעמל איז אויסגעגאַנגען, איז דער קאָמפּאָזיטאָר געלעגן אין זיין הילצערנעם, קליינעם בעטל.

געבן פענסטער. די צווייגן האָבן באַרירט די שויבן, ווי גרויסע מענטשן־הענט. דער ווינט האָט געיאָמערט. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אין טרוים קאָמפּאָנירט זיין לעצטע אַנשטערבלעכע טויטן־מעלאָדיע...

* *
*

אין דער פרי האָט געשיינט א ליבלעכע זון איבער דער שטאָט. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט ערהאַלטן א בריוו פון זיין פריינדין, די־זעלבע, וואָס האָט נעכטן אוונט געבליקט צו אים פונם בלויען פאַר־טרעט אין דער גילדערנער ראַם. ער האָט געלעזן דעם בריוו און אויסגעבראָכן אין א ווילדע פרייד. זיין געליבטע פאַרטרויט אים א סוד. דעם שענסטן סוד, וואָס א פרוי גיט איבער א מאַן... זי איז שוואַנגער... איצט איז דער קאָמפּאָזיטאָר נישט נאָר אונשטערב־לעך אין מוזיק, נאָר אויך אין דעם לעבן, אין דער מענטשהייט... ער מוז איצט גלייך פאָרן צו יענער שטאָט, ביים ים, וו זיין גע־ליבטע רוט איצט אָפּ...

* *
*

עס איז געווען א וווּנדערלעכע נאַכט ביים ים, טראָץ דעם, וואָס סאיז שוין געווען הארבסט־צייט, קיין שטערן זענען נישט געווען. דער הימל איז געווען איין שטיק קנויל, גרויער קנויל, ווי אַן אָנגעוואָרפענער באַרג מיט ווייסן פליוש.

די וואַסער־כוואַליעס האָבן זיך, רונדע און שלאַנקע, געפליוס־קעט, אומעטיג און איינזאַם. זיי האָט פון דער טיפעניש פון ים באַוועגט א וויינענדע מעלאָדיע, דען זיי האָבן זיך געוואָרפן, אויפ־געראַשט און פארזונקען צום טאַקט, צום טרויעריגן ים־ריטם. דער נעפּל איז געשטיגן און איינגעהילט אין א גרוי־זילבערנעם מאַנטל די הייזער אין איין זייט גאַס, די סלופּעס ביים וועג, די עלעקטרי־לעמפּלעך, ווי מיט ווונדער־שיינע אבאַזשורן באַצויגן. אין דער צווייטער זייט איז געלעגן דער ים — די בלויע אומענדלעכקייט, אין די אָרעמס פון נעפּל און הימל...

דער קאָמפּאָזיטאָר איז געגאַנגען פּאַזע דעם בלויען יב; די לופט איז געווען געפערלעך פאַר אים. ער האָט געהוסט, געשוויצט און שווער געאָטעמט.

זיין געליבטע, א יונגע, היפשע פרוי האָט געשמייכלט, געלאַכט; זי איז געווען די מוזע און דאָס קינד פאַר דעם קראַנקן קאָמפּאָזיטאָר, די איינציגע פרייד אין זיינע לעצטע יאָרן...

פּלוצלונג האָט אימיצער באַרירט דעם קאָמפּאָזיטאָרס שולטער. ער האָט זיך אומגעדרייט. דערזעלבער גרויער מאַן מיטן פאַרצויגענעם שוואַרצן הוט איז געשטאַנען נעבן אים. ער האָט א מאַך געטון מיט א בלייכער האַנט. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אויף א וויילע פאַרלאָזן זיין געליבטע.

דער פרעמדער מאַן האָט געשוויגן. די דאָזיקע שווייגענדיקע פּאַזע האָט געוואָרפן א שרעק אויפן קראַנקן קינסטלער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרענטפערן.

„דערהאַלטן א בריוו פון מיין לואיזע. היינט פאַר איך צוריק. איך פאַרוואַרף אַלע אַרבעטן און נעם זיך צום רעקוויעם. איך מוז עס אויספירן. זאָגט אייער „הער", אז ער מעג זיין רואיג. אז די קאָמפּאָזיציע וועט קירצלעך זיין פאַרטיג..."

דער גרויער מאַן האָט זיך איינגעהערט אין זיינע רייד. דאַן אַרויסגעמורמלט:

„מיין הער איז געווען זייער בייז"...

דער קאָמפּאָזיטאָר איז בלייך געוואָרן, נאָכאַמאָל האָט ער אים פאַרזיכערט. דער גרויער מאַן איז דאַן פאַרשוואונדן אין בלויען נעפּל. דער קינסטלער האָט זיך נישט אומגעקוקט צו אים.

לואיזא האָט אים דערשראָקן געפרעגט ווער עס איז דער פרעמדער. אנשטאָט דעם האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אָנגעפאַנגען צו רעדן וועגן טויט.

— דו ווייסט, לואיזא, איך שטאַרב! איך פיל, אז דאָס זענען מיינע לעצטע וואָכן. איך וואָלט באַדאַרפט שרייבן א טויטן־רעקוויעם, ווי נאָר איך קום אַהיים. דער טויט איז אַזוי שיין. איך וויל איבערגעבן אין מיין לעצטער מעלאָדיע דאָס געזאַנג פון אייביגן לעבן. איך הער אין די נעכט ווי די מלאכים זינגען נעבן מיין בעט.

די וואָלקנס גיבן מיר זייערע מעלאָדיען. עס וועט זיין אַ קאָסמיש ליד פונם טויט, פונם אייביגן טויט, וואָס קרוינט און ענדיגט קע־ ניגלעך דאָס צייטווייליגע לעבן"...

לואיזא האָט זיך דערשראָקן. אירע אויגן האָבן אָנגעקוקט דעם קראַנקן מאַן. ער איז געווען בלייך און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ פרעמדלעך, בליצאַרטיגן גלאַנץ. זיין פּנים איז געוואָרן קלענער זייט די לעצטע וואָכן, זיין נאָז — לענגער. די ליפּן — פעסטער צוזאַמענגעפּרעסט, די ציין — געשלאָסן. אַ שוויים האָט באַדעקט זיין שטערן, ווי ביי אַ גוסס...

— וואָס רעדסטו? וואָס רעדסטו? — האָט זי זיך צו אים גע־ ווענדט — איצט דאַרפן מיר דאָך זיין גליקלעך. פאַרוואָס דער־ מאָנסטו דעם טויט?

— לואיזא, איך וועל שוין לאַנג נישט לעבן. איך פיל דעם טויט אויף דער צונג. איך באַריר ממש מיט דער צונג דעם טויט...

נעפּל, ים און הימל האָבן צוזאַמענגענומען אין זייערע אָרעמס ביידע געשטאַלטן, צווישן וועלכע אַ דריטער וועזן האָט זיך געגרייט צום לעבן.

זיי זענען געשוואומען ווי אין אַ טרוימענדיגן ים פול מיט שטע־ רען און קרוינען.... אַ מעלאָדיע האָט זיך דערהערט פון אַלע טי־ פענישן און הויכקייטן. די אומענדלעכקייט האָט אויף אַ פּרעכטיגן רעגענבויגן געשריבן נאָטן פון זיין רעקוויעם... דער קאָמפּאָזיטאָר האָט פול געמאַכט מיט זיי זיין האַרץ... מאָרגן אָוונט וועט ער זיי היכטן אין זיין קליינעם צימער...

ער האָט זיך צוקושט מיט זיין געליבטע. ער האָט אין די גע־ ליבטעס געבעט געקושט דאָס נאָך־נישט־געבוירענע קינד...

נאָך איינמאָל וועלן זיי זיך זען —מער נישט!...

* *
*

אינם צווייטן אָוונט האָט ער קאָמפּאָנירט דעם ערשטן טייל פון רעקוויעם. עס איז געווען דאָס מעכטיקסטע געזאַנג פון אַ צום־ טויט־פאַראורטיילטן, וואָס זעט אין ווייזיע אַלע שיינקייטן און

גלאַנצפולע וועזנס אויף דער ערד. דער ערשער טייל איז געווען אַ הימן דעם אוניווערסאַלן לעבן. אין זיין טויטן־צימער, אין משך פון אַ שטורעמדיגער נאַכט, האָט דער קראַנקע זשעני זיך אַרומ־געבונדן מיט בליצן־פליגל און צום לעצטן מאָל געפלויגן איבער די פּלאַנעטן כדי צו זינגען דעם לעצטן הימן פון טויט אין זיין בוזעם, צום לעבן אויף דער ערד און צום שטיקל לעבן אונטערן האַרץ פון זיין געליבטע.

די ערשטע טייל איז געווען פאַרטיג. וועגן לעבן האָט זיך אים צום לעצטן מאָל געוואָלט דיכטן, דעם זשעני. אָבער שווער איז געווען צו דיכטן דעם צווייטן טייל, די לעצטע מעלאָדיע פון טויט. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געוווסט אַז ער שטאַרבט. אַז דאָס געזאַנג איז נישט פאַר קיין אַנדערן „הערר", ווי פאַר זיין טויט אַליין... דער טויט האָט אים באַפוילן צו דיכטן זיין טויטנליד... אָבער — דער זשעני האָט רעוואָלטירט. האָט נישט געוואָלט דיכטן דעם טויט אין זיין ברוסט... ווען... ווען אַ קינד הענגט אונטערן האַרצן פון זיין געליבטע...

* *
*

איך אַ וואָך אַרום האָט דער קינסטלער דערהאַלטן אַ בריוו פון קעניגלעכן מאַיעסטעט, לעאָפּאָלד דעם צווייטן צו וועמעס קאָראָנאַ־ציע מען בעט אים צו קאָמפּאָנירן אַ פאַר־ליד. און דער קאָמפּאָזי־טאָר אַליין וועט עס מוזן דיריזשירן ביי אַ ריזיגן אָרקעסטער פאַר טייזנטער מענטשן. די צערעמאָניע האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין דער גרעסטער קירכע פון דער הויפּט־שטאָט.

אַ גלענצנדע געלעגנהייט! אמת, דער קאָמפּאָזיטאָר האָט ניט קיין צייט. ער איז גאַנצע טעג פאַרנומען מיט זיין רעקוויעם. אָבער! דער קעניג וועט אים דערפאַר באַלוינען מיט אַ ריזיגער סומע. דאָס פאָלק וועט זיך באַקענען מיט זיין פאַר־געזאַנג און ליבן זייער גרעס־טען מוזיקער. ער וועט ווערן באַליבט און געאַכטעט. איצט וועט ער קענען שיקן אַ געוויסע סומע געלט זיין אַלטע קראַנקע מוטער. ער וועט לואיזאַ באַשענקען מיט מתנות. ער וועט קויפן אַ הויז

פאַר איר מיט א פרעכטיגן גאָרטן פאַרן קינד, עס זאָל זיך שפּילן דאָרטן.

דער קאָמפּאָזיטאָר שפּייט מיט בלוט. ער איז קראַנק, הוסט און זיין לאַגע ווערט טרויעריגער פון טאָג צו טאָג. ער ליגט אין בעט גאַנצע טעג, די פאָרהאַנגען פאַרהאַנגען איבער די פענסטער. ליכט ברענען אין שטוב. פרײַנט באַזוכן אים זייער ווייניג, זיי דערציילן אַז די לעצטע טעג וויַיעט מיט טויט פון דעם קינסטלער, זייניג אויגן שרעקן אָפּ... סאיז אונהיימלעך... •

ער קאָמפּאָנירט אין בעט די סימפאָניע. דער שטאַרבנדער קינסטלער קאָמפּאָנירט דאָס קרוינונגס־געזאַנג פון א קעניג. ווי ער וויל לעבן! ווי ער ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כחות קעגן טויט! ווי ער לעבט אַליין איבער די קאָראָנאַציע! ער שאַפט דאָס שענסטע ווערק אין דער געשיכטע פון מוזיק.

אין באַשטימטן טאָג קליידט זיך דער קינסטלער אָן. דער פייער ברענט אין אים. ער פּאַרט אין דער הויפּט־שטאָט. מאַסן מענטשן באַגריסן אים. אים איז שווער אויפצוהייבן די האַנט זיי צו ענט־פערן. אים איז שווער איינצובויגן דעם קאָפּ.

די קירכע איז פול. ער ווערט פאַרגעשטעלט פאַרן קעניג. ער איז בלייך און דערשראָקן. אים דאַכט, אַז ער זעט א לויה. די ליכט, די קרוינען, די מונדירן און די מאַסן מענטשן. גאָלד און שאָטן, ליכט און טונקלקייט. ער זעט די מאַסע ווי נאַקעטע סקעלעטן. אים דאַכט, אַז נישט קיין קעניג ווערט געקרוינט. דאָ ווערט געקרוינט דער טויט!

ער דיריזשירט! די קלאַנגען ציטערן אויף, ווערן שטאַרקער און גרויסאַרטיגער; עפענען זיך, ווי שווערע פליגל פון דעמאָנישע פייגל איבער א ליכטיג־בלויען הימל. דעם קאָמפּאָזיטאָר איז גע־לונגען זיין ווערק! דער קעניג און זיין סוויטע זענען ערשטוינט. א געוואַלטיקע שטילקייט הערשט אין זאָל. די שוואַרצע ליכט גלאַנ־צען פייערלעך. דער קאָמפּאָזיטאָר איז נישט ביים באַוווסטזיין. ער טרוימט... זיין דיריזשיר־האַנט באַפעלט מיליאָנען, מיליאָנען. ער פירט אַן אַרמיי צום זיג! די אַרמיי באַגריסט דעם קעניג, עס בליצט געווער און עס שאַפן אומצייליגע אָרקעסטער — באַלד איז דער

פּאָר־געזאנג צו ענדע! א מעכטיגער אפּלאָוז וועט א דונער טון —
— —

אָבער פּלוצלונג איז דער קאָמפּאָזיטאָר פּאַרגליווערט געוואָרן. א גרויער מאָן צווישן פּובליקום איז געזעסן און פון אונטערן הוט אים היפּנאָטיזירט מיט שרעקלעכע בליקן. דער קאָמפּאָזיטאָר איז געפאַלן אין אָנמאכט...

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע זאך פאר אַ קאָראָנאַציע. סאיז געוואָרן אַ שרעקלעך געשריי, די מאָסן האָבן זיך היסטעריש געש־טויסן, טויטע און פארוואונדעטע, אומאָרדנונג, כאַאָס... מען מונ־טערט דעם קאָמפּאָזיטאָר. דער קעניג באדאַנקט אים. דאָס פּובליקום אפּלאָדירט דעם שוואכן קאָמפּאָזיטאָר וואָס איז געווים געריירט גע־וואָרן פון זיין אייגענעם ליד... דאָך — די קאָראָנאַציע איז געווען אַ דורכפאל פאר דעם פאָלק, פארן קעניג, פאר דער וועלט...

* *
*

אַלע האָבן באלד אָנגעהויבן זוכן דעם קאָמפּאָזיטאָר. ער איז נישט געווען צווישן פּובליקום.

קיינער האָט נישט באמערקט, ווי פאַרן קליינעם בית־עולם, נעבן דער קירכע, אין דער נאכט, איז דער מוזיקער געשטאַנען מיטן גרויען מאָן. דער פרעמדער איז געווען שרעקלעך אויפגערעקט. טרערן אין די אויגן האָבן געגלאַנצט ביים קינסטלער.

„דער הערר איז שרעקלעך אויפגעבראכט אויף דער חוצפּה צו קאָמפּאָנירן אַ קאָראָנאַציע מעלאָדיע... זיין מאַיעסטעט, מיין קעניג, באַפעלט אייך שוין צו פאַרן אהיים און גלייך צוטרעטן צו קאָמפּאָ-נירן דעם רעקוויעם... סאיז נישטאָ קיין צייט... נאָך עטלעכע טעג איינגאַנצ פארבליבן... געדענקט, פאָרט אהיים און מאכט פארטיג דעם רעקוויעם"...

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט זיך געגנויגט פארן פרעמדן. אים צו־געזאָגט צו קאָמפּאָנירן דעם רעקוויעם. דאן איז דער פרעמדער פאר־שוואונדן צווישן די קברים, אין נעפּל...

אין דער שפּעטער נאכט איז אויפן טונקעלן וועג, צווישן וועל־

דער און בענק און טאָלן געפאָרן אַ קאַטש. אינעווייניג איז געזעסן דער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט זיין געזיכט איינגעגראָבן אין קאָל־נער און געוויינט. די פערד פון דער קאַטש האָט געטריבן דער פרעמדער מאַן...

* *
*

דעם אנדערן אָוונט האָט דער קאָמפּאָזיטאָר זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ, דען ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער פרעמדער מאַן וואַרט אונטער דער טיר אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט געפילט ווי זיינע לונגען זענען קוים אימשטאַנד אים צו געבן אָטעם. ארום דעם פּיאַנאָ איז געווען פארשפּיגן מיט בלוט. ער האָט געהאַלטן געשלאָסן די אויגן און — דיכטענדיג דעם טויטן־רעקוויעם האָט ער געזען לואיזאן מיטן קליינעם קינד... לואיזא האָט געשמייכלט... דאָס קינד האָט אים געגלעט מיט די הענטלעך... שטאַרקער, שטאַרקער האָט ער געדיכטעט דעם טויט... ער האָ זיך שרעקלעך געאיילט... יעדע ווײַלע קען דער טויט אָנקומען — קען זיך די טיר עפענען און דער פרעמדער מאַן אין לאַנגן גרויען מאַנטל וועט מאָנען זיין רעקוויעם...

* *
*

אין דער פרי איז דער רעקוויעם געווען פאַרטיג. איצט איז דער קאָמפּאָזיטאָר געווען פריי פון דער שרעקלעכער אויפגאַבע. אָבער ער האָט זיך מער ניט געקענט אויפהויבן פון בעט. אַ שטאַרקער פיבער האָט אים באַהערשט. ער האָט זיך נישט געקענט באַוועגן.

דעם גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אין בעט. אין אָוונט האָט ער זיך ווי עס איז אָנגעטון. ארויס אין גאַס. געגאַנגען אין קאַפע „דער גאָלדענער האָן“. ביי אַ טישל האָט ער זיך געזעצט, געהייסן זיך דערלאַנגען אַ גלאָז ביר. עס אויסגעטרונקען.

די קאַפע איז געווען אַ קליינע, מיט אַ גאָטישן פּוילאָפּ. ער

איז געזעסן און אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אין טישל. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט צו באַצאָלן פאַרן ביר...

אין קאַפע איז געווען אַ געדיכטער רויך. ציגיינער און באָהע־מען האָבן געטרונקען און געשפּילט אויף הארמאָניקעס. מיידלעך האָבן געטאַנצט פּאַרשייטע טענץ. בלייך איז געזעסן דער קינסט־לער און געוויינט אין זיך. ענדלעך איז דערשינען דער גרויער מאַן פאַרן טיר, אריינגעקוקט דורך דער פאַרענגטער שויב. דער קאָמ־פּאָזיטאָר איז אויף אַ ווײַלע ארויס. דער פרעמדער מאַן האָט זיך העפלעך גענייגט צו אים און געזאָגט, אַז היינט ביינאַכט קומט ער נעמען דעם רעקוויעם... דער קינסטלער דאַרף זיין גרייט. דערביי האָט ער אים צוגעוואָרפן עטלעכע גאָלדענע דוקאטן און איז אוועק.

דער קאָמפּאָזיטאָר איז אריין אין קאַפע, באַצאָלט פאַרן ביר. מיט דער טונקעלער גאַס איז ער געגאַנגען זיין לעצטן וועג אַהיים... דערוואַרטן דעם פרעמדן מאַן...

* *
*

אין אָוונט איז זיין לואיזא געקומען. זי האָט איר קראַנקן גע־ליבטן געהאַלזט. ער איז געלעגן אויפן בעט און געשוויגן. לואיזאַ האָט דאַן געשפּילט זיין רעקוויעם אויפן פּיאַנאָ. זי האָט בלויז געש־פּילט דעם צווייטן טייל. די דריי גאַנצע קלאַוויר האָט אויסגעקלונגען איר הימן צום טויט. עס איז געווען ווי אַ שד אין אוניווערס וואָלט געגאַנגען שטאַרבן... אַזעלכע טענער האָט נאָך קיין מענטשלעך אויער נישט געהערט...

בשעת לואיזע האָט באַגייסטערט געשפּילט דעם טויטן רעקו־וויעם האָט זיך די טיר לאַנגזאַם געעפנט. דער גרויער מאַן איז דורך דורכן צימער. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אים געזען און... שוין מער נישט געזען! ווען לואיזאַ האָט געענדיגט דעם רעקוויעם, איז דאָס געזיכט פון דעם קאָמפּאָזיטאָר געווען רויט און שטיל באַלויכטן פון געהיימניספולע פלאַמען....

זיי האָבן געוויינט און — אים געלאָזט באַגראָבן אין אַ מאַסן קבר. מיט נאַקעטע בעטלער און טרעמפּס. אין יאָרן אַרום האָט

מען נייע טרעמפּס און בעטלער באַגראָבן אין זעלבן קבר. עס איז נישט געווען קיין סימן פונם גרויסן קינסטלער.

איינמאָל איז צוגעקומען צום קבר אַ בליענדיג מיידל מיט אַ בוקעט בלומען צו לייגן איר פאָטער דעם גרויען קאָמפּאָזיטאָר — אויפן קבר...

אָבער — די בלומען זענען געבליבן ליגן איינזאמע אויפן מאַסן קבר... צום ערשטן מאָל איז צו די בעטלער געקומען אַ בליענדיג מיידל מיט אַ בוקעט...

ווי פאו האט געלעבט און געדיכטעט

איך ווייס נישט פארוואס היינט אין דער פרי האב איך געפילט אזוי אונרואיק און איינזאם און, איך האב געטראכט אז כדי דעם טרויער אין מיר צו שטילן, איז נויטיג צו פארקערן אין דער אט־מאספערע פון א גרויסן מענטשן, מעג זיין אפילו א לאנג פאר־גאנגענעם...

א, מיר אלע נויטיגן זיך אין גרויסע מענטשן, אין זייערע שאפונגען — כדי פאר א ווײַלע צו אטעמען א ריינע סטראטאספערע־לופט און צו ווערן שיכור פון זיין קאמף, מוט, כאראקטער־שטאר־קייט און שטאלץ. יא, יעדער גרויסער גאניוס איז געווען א פעלזי־קער כאראקטער, וועמען דער שוים פון די כוואליעס קען נישט פארניכטן און דער שטורם ווערט צעבראכן אויף זיינע שארפע, צײַנערדיגע שפיצן...

איז — האב איך זיך געפילט זייער דערשלאגן. און אזוי גייענ־דיק איבער די גאסן פון ניו יארק, האב איך זיך דערמאנט אין עדגאר עללען פאו. זיין הויז מוז דא ערגעץ זיך געפינען. ווי גוט וואלט זיין ווען איך קען רוען א מאמענט אין דעם שאטן פון זיין גייסט. איך, וואס בין אזוי שטארק באווירקט פון פאו, איך, וועל־כער ליבט ווי ער אזוי טראגיש־הערואיש דאס שיינע און לײַדט און פארבלוטיגט זיך אזוי שרעקלעך אין דער וועלט פון מיאוסקייט — איך האב אומענדלעך ליב עללען פאו. און פון די אמעריקאנער פאע־טען, נאך וואלט וויטמאן און דעם טראגישן ריז דזשאק לאנ־דאן, איז מיר פאו אממערסט באליבט. איך האלט אים פארן שענס־טען גייסט אין דער אמעריקאנער ליטעראטור.

איינמאָל, אין א לבנה נאכט, אין קאלאראדא, האָב איך מיט מיין פריינר, א יונגן פאָעט, גערעדט איבער פאו אין דעם הויז, וואָס איך גיי איצט באזוכן. ער איז איצט טויט, מיין יונגער, באַגאַבטער קאלעגע — און איך געדענק מיט וויפיל אנטציקונג מיר האָבן געלעזן די לידער פון א קליין, עלעגאנט, פארביג בוך פון פאוס פאָעזיע.

פארענדיג מיטן וועבסטער עווענינו סטריט קאר, דערמאן איך זיך דעם עפיזאָד. פאוס איינפלוס אויף די יידישע פאָעטן, באַזונדערס אויף די „יונגע" גרופע, מערקט זיך שטארק. פאוס איינפלוס אין דער וועלט ליטעראטור, בפרט אויף דער פראנצויזישער פאָעזיע און אויף באדלערן באזונדערס — איז אומגעהויער. פאו אליין איז אָן צווייפל א געוויקס פון איירעפייאישער ליריק, בפרט פון בייראן, אָבער ער איז — אומאפהענגיג פון זיין פאָעזיע — דער שעפער פונם מאָדערנעם דעטעקטיוו ראָמאן. ער האָט אויך געשריבן וויסנשאפטלעכע פראָזע. זיין שווונג, זיין פאנטאזיע — איז נישט געווען א ריין־פאָעטישע. ווי א גרויסער גייסט, האָט ער זיך דערהויבן צו מיסטיק און וויסנשאפט. זיין „עאורעקא" איז א מייסטער ווערק פון אסטראנאמישע טעאָריעס וועגן אוניווערס. ער איז אויך א באדייטנדיגער קריטיקער און זיינע עסטעטישע טעאָריעס באזיצן א סך גייסט, ערודיציע און אָריגינעלע דענקונגס קראַפט.

נישט איך שרייב איצט אן אפהאנדלונג וועגן פאו. דער שרייבער פון די שורות האָט ביי פארשידענע געלעגנהייטן זיך אויסגעדריקט אין עסייען, ארטיקלען, נאטיצן און בריוו — איבער דעם וואנדערלעכן פאו.

*

*   *

מיט גרויס יראת הכבוד קום איך צו צום קליינעם פארק, וואָס רופט זיך אויפן נאָמען פון פאו. איך אייל זיך נישט. איך וויל לאנגזאם איבערלעבן דאָס שיינע, ערפורכטפולע. איך שטיי ביים ווייסען, הילצערנעם, קליינעם הויז. עס זעט אויס, אויפן הינטערגרונט

פון ניו יאָרקס מעכטיגע געביידעס — ווי אַ מיניאַטור־הייזל אויף אַ טעאַטער־דעקאָראַציע. פון 1846 ביז 1849 האָט פּאָו דאָ גע־וווינט מיט זיין פרוי, די טראַגיש־באַרימטע ווירדזשיניאַ קלעם פּאָו...

יאָ, אינם ערשטן, קליינעם צימערל, האַרט ביים אַריינגאַנג — שטייט אַן אויפשריפט וואָס דערציילט אַז ווירדזשיניאַ איז דאָ, ווי מען זאָגט, געשטאָרבן. אַ קליין צימערל! אַן אַלט נידעריג, קליין פענסטער. אַ שענקעל מיט אַ ליכט־לייכטערל, מיט אַ זייגער, וועג־מענס ציפער־בלאַט איז ענלעך צו אַ זקנס פאַרמעט־געלן געזיכט...

איז דען וויכטיק צו שילדערן די זאַכן? דאָס האָט ווירדזשיניאַ אויסגעהויכט איר ברילאַנטענע נשמה. ווירדזשיניאַ די פרוי וועל־כע פּאָו האָט אַזוי שטאַרק געליבט, איז געזעסן נעבן איר בעט און געטרונקען דעם פאַרשיכור־ענדיגן ווייַן פון טויט... אין יענער צייט האָט ער געדיכטעט זיינע שענסטע טויט־פּאָעמען, זיינע וווּנדערלעכס־טע לעגענדעס־פּאָעמען, זיינע טראַגישע ראָמאַנען. זיצענדיג נעבן איר און זעענדיג ווי די פיבערדיגע ווירדזשינאַ — זיין הייס־גע־ליבטע פרוי — גליט ווי אַ זון־ אונטערגאַנג, פאַרגייט אין שווינד־זוכט, שטאַרבט פאַר זיינע אויגן — אין יענע האַרבסטיקע מאָמענ־טען האָט דער געהיימניספולער, אַמעריקאַנער געניוס זיך פאַר־טראַכט איבער דעם זין פון וועלט און לעבן. פון ליבע און טויט און — דאָ איז געבוירן געוואָרן די אידעע פון דער „ראָב"־פּאָעמע, וועמען ער פרעגט די אַלע פראַגן, פרעגט צי ער וועט ערגעץ ווו זען זיין געליבטע ווירדזשיניאַ (לעאָנאָראַ!), צי וועט זי צוריקקור־מען — און די ראָב ענטפערט קאַלט און אכזריותדיג: „ניין! קיינ־מאָל מער! נעוועדער מאָר! נעוועדער מאָר!"...

מיר דאַכט אַז איך הער דער ראָבס הייזעריגן רעפריין: „נע־ווער מאָר!" דאָס קול איז דאָ פאַרגליווערט געוואָרן פון דער שוואַר־צער ראָבס האַלז...

דאָ האָט פּאָו פאַרטראַכט זיין „עאורעקאַ" — דעם קאָסמאָס־סיסטעם אַלס ענטפער אויף ווירדזשיניאַס טויט...

דאָ שטיי איך געבויגן און קליין פאַרן גייסט פון פּאָו — און מיר קומט פאַר דאָס צימערל אין פּאַריז אויף אַמסטערדאַם בול־וואַר, ווו איך בין געשטאַנען אַזוי הכנעדיג־געבויגן פאַרן גייסט

פון דעם קעניג פון די ליריקער — היינריך היינע... וואָסאַ עלעג־קייט צווישן די צוויי הייזער... ביידע האָבן באַזעסן דאָס עלעגאַנ־טע און טראַגישע — הגם פּאָו איז געווען שוואַרץ און פינסטער ווי די ראָב — און היינע האָט געקענט ביטער־לאַכן ווי די זון לאַכט אין איר בלוטיגן אונטערגאַנג...

דאָ איז געשטאָרבן ווירדזשיניאַ — און פּאָו האָט געוואַכט אי־בער איר... דאָרט איז געשטאָרבן דער קעניג אַליין — היינריך היי־נע, און די פּאַריזער שוך־פּאַרקויפערין מאַטילדע האָט געוואַכט אי־בער אים...

אין צווייטן צימער קוק איך בילדער פון פּאָו און ווירדזשיניאַ... ווי מאָדנע! אַלע געליבטע פון די גרויסע דיכטער — פיל איך — זע־נען מיינע געליבטע... איך האָב מיט זיי אַ שייכות אַזאַ האַרציק־ראָ־מאַנטישע... אַזאַ העראָישע...

ווירדזשיניאַ קלעמס בילד איז אַ רעפּראָדוקציע פון אַ וואַסער־קאָליר־סקעטש... אַן איידעלער אַקוואַרעל! טונקל זענען אירע האָר, ווי די ראָבס.... (האָט אפשר ווירדזשיניאַ נאָכן טויט זיך פאַר־וואַנדלט אין די ראָב און גערעדט צום דיכטער־געליבטן?!...) אַ זייער האַרמאָניש געזיכט, אַ געזיכט וואָס באַזיצט זיידענע מעלאַנ־כאָליע, טיפע שטילקייט, פאַרשטענדניש פאַר פּאָעזיע; אַ רונד, פול, ליבלעך געזיכט פון אַ גרויסער דאַמע. זי איז געהילט אין אַ ווייסן שלייער און, בלויז קוקנדיק אויפן בילד פאַרליב איך זיך שטערבלעך אין דער אומשטערבלעכער פרוי, וואָס וועט שוין אויף אייביג בלייבן די אומעטיגע מוזע און העלדין פון עדגאַר עלען פּאָוס וואונדערשיינע לידער, „די ראָב“־פּאָעמע און זיין קאָסמישע וויזיע — „עאורעקאַ“.

* *
*

דאָס צווייטע צימער זאָל זיין פּאָוס אַרבייטס־צימער, סאַלאָן. עס איז פּונקט אין צענטער פון הויז און אַ סך מעבל דערין איז בלויז פון זיין צייט — אָבער נישט דאָס מעבל פון פּאָוס הויז. גע־בליבן איז נאָר דער אַלטער פּאָר־פּאָרטרעט, פון אַ פראַנצויזישן

מאָלער, אין אײל־פאַרב, וואָס איז איצט שטאַרק אָפּגעבליאַקירט און מאַכט אַ שרעקלעכן אײַנדרוק, ווײַזנדיק פאו״ן — ווי עפּעס אַ טראַגישן טײַוול... דער פּאָרטרעט איז דאָ געהאַנגען ווען פאו איז געזעסן אין די נעכט ביים שרײַב־טיש און געשאַפן זײַנע ווערק. פון פאָוס צײַט איז אויך געבליבן די וויגשטול... אַ הויפּשע, הילצערנע וויג־שטול... די פרוי וואָס גיט מיר די אינפאָרמאַציעס גיט צו, אַז דאָ פלעגט ער זיצן און טראַכטן זײַנע פּאָעמען... ווי איך זע, קיין פיל פאַנטאַזיע האָט זי נישט און זי איז זיכער אויך ניט געליבט פון פאָוס גײַסט, דען זי איז נישט זײַן אידעאַל... זײַן אידעאַל זענען געווען שלאַנקע, בלאַסע, שווינדזוכטיק־אַריסטאָקראַטישע פרויען, ווי אויף די בילדער פון די ענגלישע פּאָרטרעטיסטן.... די פרוי ווײַזט מיר אויך אַלס אַן אָריגינעל — אַ שפּיגל, וואָס הענקט אויפן וואַנט. דער שפּיגל געפעלט מיר זייער. אַ שפּיגל איז שוין אַ זאַך וואָס באַזיצט עפּעס גײַסטיגעס, נשמהדיגסטע... אַ שפּיגל — און בפרט דער דאָזיגער שפּיגל — דריקט אויס זייער פיל. אַ טונקעלער שפּיגל, וואָס איז ענלעך צו גלאַנציגע בלעך — אין אַ גאָלדענעם ראַם האָט ער זיך געשפּיגלט, געשפּיגלט דאָס שמערצליך־פּאַרביטערטע, אַריסטאָקראַטיש־שטאָלצע, גריכיש־שיינע געזיכט... דער שפּיגל האָט טויזנטער מאַסקעס אין זײַן אינערן באַהאַלטן... טויזנטער פּנימער, טויזנטער פּאָזעס פון פאו און זײַן פרוי ווירדזשיניאַ... דער שפּיגל, ווען מען זאָל באַנוצן אַ מאַגישן שפּריכוואָרט — וואָלט ער אַלץ אַנטפּלעקט. וואָלט זיך געעפנט ווי אַ טעאַטער־סצענע — און דאָס לעבן פון פאו וואָלט ווי אין אַ קינאָ, ווי אויפן עקראַן, געוויזן געוואָרן...

איך שפּיגל זיך אינעם קאַלטן, טונקעלן, אונהיימלעכן שפּיגל.... צו דעם בית עולם פון טויזנטער מאַסקעס — לייג איך אויך צו מײַן בלײַכע מאַסקע...

און וואָס איז דאָ נאָך צו זען אין אָט דעם צימער? פאָוס אַ תנ״ך — זײַן אייגענער תנ״ך. יאָ די ביבל האָט אים אין אַ סך הינזיכטן ליטעראַריש באַווירקט. האָט אים געגעבן ברייטע, קאָסמישע האָריזאָנטען. אָבער פאו איז געווען אַ מאָדערנער, נאַוואַראַרישער דערפינדערישער גײַסט. אויך — דעקאַדענטיש, אינדיווידואַליסטיש, לי־

ריש... אין דעם זין האָט ער פון תנ"ך נישט געקענט באווירקט ווערן...

דאָס בוך איז אַלט. געלע בלעטער. ווי אין הארבסט... דאָ האָט פאו געלעזן מיט זיינע אייגענע אויגן...

און וואָס נאָך? אין אַ זייט הענגט אַן עקפּאנטביינערנע מיניאַ־טור־קעסטעלע מיט וואונדערלעך־כינעזישע אָרנאַמענט־שניצונגען... דאָס האָט פאו געשענקט אַ מתנה צו מיס סאַרא ב. מיללער. אַ פריינדין...

און איינע, אַן אַנדערע פריינדין, האָט געגעבן אַ שטיקל קאָרע פון דעם קארשענבוים אונטער וועלכן פאו פלעגט סרוב זיצן און טרוימען און אימפּראָוויזירן זיין פּאָעזיע...

* *
*

די קיך — איז דאָס דריטע און לעצטע צימערל אין דעם קליינעם הויז. אַלץ איז דאָ אריינגעבראַכט געוואָרן פון דרויסן. עס הענגט אַ נאָטיץ פון איינעם וואָס האָט באַזוכט דאָ פאו און זיין פרוי... עס איז דאָ נישט מער געשטאַנען ווי אַ טיש, אַ שטול און אַן אויוון...

מאָדנע... ווו איז דער עדות וואָס איז דאָ געווען מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק? ווו איז ערגאַר עללען? ווו איז ווירדזשיניאַ — די פּרינצעסין פון דעם הויז? ווו איז די מיס סאַראַ ב. מיללער — און ווו איז די פּאַרערערין וואָס האָט געגעבן דאָס שטיקל קופּער־ברוינע קאָרע פון דעם אַלטן קארשענבוים אונטער וועלכן פאו האָט געדיכטעט? (אויך בודאַ ווערט דערמאָנט אין פארבינדונגס מיטן זיצן אונטער אַ ביימל און דאָרטן קומען צו זיין חשבון הנפש....) אַ, ווו איז דער שניי פון פאַרגאַנגענעם יאָר? פרעגט אין זיין באַרימטער באַלאַדע פראַנסוא וויליאָן?... (און ווו וועט דאָס אַלץ זיין אין יאָרן שפּעטער — איך, וואָס שרייב איצט וועגן פאו־באַזוך און ווו אַלץ אַרום מיר?....)

די קיך איז פול מיט אַלט־פרענקישע געפעס און דער שטויב שטיקט מיך. אָבער, איך שטיי נאָך אַלץ אין לויטער באַוואונדערונג און זוך פּאָוס גייסט און פיל אין זיך זיין אַנוועזנדיקייט...

דער זייגער — איך ווייס נישט וועלכער, פּילייכט איינער פון די עטלעכע זייגערס — קלאַפּט טיק־טאַק — טיק־טאַק — — — — —

דאָס איז דער ענטפער אויף אַלע מיינע פראַגן. דער קורצער ענטפער וואָס ענטפערט — טויט־טויט — טויט־טויט! — און דאָס אַלץ! נעווער מאָר! קיינמאָל מער!

איך גיי אַרויס און ווו איך טרעט, האָב איך דעם איינדרוק אַז פּאָו האָט דאָ געטרעטן, דאָ געוועזן, דאָ געזעסן... פון אַלע זייטן גיי איך אַרום דאָס הויז, מען קוקט מיך מאָדנע אָן. אויף די בענק אינם פּאַרק זיצן מענטשן און געניסן דאָס שיינע וועטער און קינדערלעך וואַקסן אין דער זון און אַלץ אַזוי שיין און פּשוט — — נאָר איך גיי אַרום דעם ציכטיקן הייזל און לייען יעדער אויפשריפט. אַזוי האָב איך שפּאַצירט אינם בית־עולם אויף דער לאַשעז, אין פּאַריז, אַזוי אויף דעם מאָנמאַרט בית־עולם ווו היינע רוט... דאָס הויז זעט אויס ווי אַ מין תיבה, נחש קאַסטן... איך קוק זיך איין אויף די שטענגן... דאָ האָט דאָך פּאָו שפּאַצירט, דאָ האָט ער זיך איינגעבויגן און אָפּגעריסן פון בייט אַ בלום... אָט קומט אַרויס ווירדזשיניאַ פון דער רעכטער זייט טיר און באַגעגנט פּאָו מיט אַ שמייכל... עס איז היינט אַ זוניגער טאָג — און די שוויגנדזוכטיגע פרוי פילט בעסער, הייטערער... פּאָו פרייט זיך, בויגט זיך איין איבער איר, בשעת זי זעצט זיך אויף אַ באַנק און קושט איר בלאַסן, עטוואָס דערשוויצטן שטערן...

אָ, ווי אידיליש אַלץ איז! וואָסערא סאַטירע אויפן מענטשלעכן לעבן, וואָס דער טויט נעמט צו... נאָר דאָס הייזל שטייט — ווי אַ הילצערנע קאַריקאַטור...

דאָס לעבן גייט אָן. דאָס גרויע, וואָכעדיגע, פּראָזאַישע לעבן... מענטשן קוקן מיך אָן... אַ משוגענער ראָמאַנטיקער איז עס וואָס איז געקומען דאָ באַזוכן זיין פריינט עדגאַר עללען פּאָו?... אָ, ווער איז דער דאָן קישאָט מיט די בלאָנדע לאָקן וואָס וויגן זיך אין ווינט? אַ משוגענער פּאָעט...

(איך דערמאָן זיך אַז דאָ איז אַמאָל געוועזן דער יידישער פּאָעט זישאַ לאַנדוי — אַנב, אין גייסט, אין אַריסטאָקראַטיזם, אין פּאָעטישן ליידיגגייען און אין זיין ריינעם לירישן געזאַנג — אַ קרוב צו פּאָו — און ער האָט געשריבן אַ שיין, מעלאַנכאָליש ליד וועגן דעם.

איך האָב נישט איצט אין מיין שטוב דאָס ליד, וואָס איך וואָלט וועלען זייער ציטירן....)

די אייביגקייט ציט זיך און ווערט אָנגעפילט מיט לעבן, מיט כראָניק פון לעבן, מיט נישטיגן און מיט גראנדיעזן געשעען, מיט פלייש און מיט נשמה... נאָר ווער איז זיכער אַז די אייביגקייט איז — אייביג... ווען דער אוניווערס ווערט פארניכטעט — בלייבט גאָרנישט, לויט פראָפ. איינשטיין. אייביגקייט, צייט — איז גאָרנישט פאַר זיך אליין... עס איז נאָר ווען עס איז אָנגעפילט מיט עפעס, ווי דוים איז ווען סאיז אָנגעפילט מיט שטאָף, מאטעריע...

איך דערוויטער זיך פון דעם הויז מיט אַ געפיל פון דערלייכערטונג. איך פיל בחוש אַז איך האָב פארבראכט אין דער געזעלשאפט פון אַ גרויסן גייסט, דורך ליידן מיר טייער... איך בין איבערציינגט אַז פאו ווייסט פון מיר, אַז פאו קען מיינע עסייען, וואָס איך האָב איבער אים געשריבן. איך ווייס אַז ווירדזשיניא קען מיך און זי ווייסט אַלץ ווי איך פיל צו איר....

איר שמייכלט איראָניש. איך ווייס און פארשטיי אייער שמייכל... מיינע דאַמען און הערן, איך בין איבערציינגט אַז עס זענען פאַראַן אַ סך זאכן וועלכע איר און איך אַליין הייבן נישט אָן צו ווסן... און צו פאַרשטיין....

וואָס איך ווייס און בין איבערציינגט איז אַז די וועלט פון גייסט עקזיסטירט און אַז מיר האָבן אַ פארבינדונג מיט דער פארגאנגענהייט און אַז אונזער גאַנץ לעבן און דאָס לעבן פון אַלע גענעראציעס אין דער פארגאנגענהייט. אויך דאָס לעבן וואָס וועט דערשיינען אין דער צוקונפט — אַלץ איז איין קייט פון פאַסירונגען, און אונטערברעכונג, און אַז קיינער קען די קייט נישט צעריסן... די אַלע צייטן זענען איין קאָלאָסאַלער מאָמענט אין דער אייביגקייט... פאו איז נאָענט צו מיר און איך בין נאָענט צו אים... מיר ביידע עקזיסטירן גלייך... און אַזוי אויך אונזער טראַגישע דאַמע ווירדזשיניא קלעם פאו...

װעגן דעם מענטש
פראַנץ שובערט

ניט לאַנג צוריק האָט מיר אַ ליבלעכע פרײַנדין צוגעשיקט אַ בוך װעגן פראַנץ שובערט און אַ בריװ. אין בריװ שרײַבט, די קונסט־ליבענדיקע און באַגאַבטע פרײַנדין, װעלכע איז אַ זינגערין און זינגט הױפּטזעכלעך פראַנץ שובערטס לידער — אַז זי װאָלט געװאָלט האָבן געלעבט אין זײַן צײַט. זי װאָלט אים דאַן באַװונדערט, זי װאָלט אים געליבט, זי װאָלט געװען זײַן טרײַעסטע פרײַנדין... איך האָב דעם בריװ עטלעכע מאָל געלעזן און איצט לעז איך די בלעטער פונם שובערטס בוך און טראַכט אַז יענע פרײַנדין איז גערעכט. זי האָט אים אױסגעפּעלט. זי װאָלט דעם אָרעמען שובערט געקענט אַ סך העלפן. אָבער — לײדער איז דער העכסטער פון די הימלען ניט שטענדיק אַזױ גנעדיק צוזאַמענצופּאָרן אין אײן צײַט געניעס פון פּאַרטע פרױען... געװײנלעך פּאָרט ער צוזאַמען געניעס מיט טירױרלישע נאַטורן, װעלכע טרײַבן די דיכטער און מוזיקער צום טױט!

מיר דאַכט — דאָס לעבן פון אַ זשעניע איז װי אַ שטורעם. עס רױשט. ער שטורעמט, עס רײַסט אױף און װוּנדערלעכע פײַערװערק, עס ברעכט אױס פעלזן און קושט אין עקסטאַז די גרױל־כװאַליעס — אָבער אַט שטילט עס זיך פּלוצלונג אײַן, גאָר שנעל און — בלײַבט שטיל אױף אײביק...

װי אַ שװאַרצער שטורעם איז דאָס לעבן פון אַ געניע. װי גלײַך אין זײער לעבן זענען אַלע געניען פון דער ערד. װען איר לעזט די לעבנס־געשיכטן פון אַלע געניען פון דער ערד — װערט איר איבעראַשט צו זען װי אַלע זענען אַזױ צו זיך ענלעך, װי אַלע טראַגי־

שע כוואַליעס אויפן ים, אין שוים־לאַקן פאַרהילט, זענען צו זיך ענ־לעך. די זעלבע גרויסע איינזאַמקייט ביי אַלע דיכטער און קאָמ־פּאָזיטאָרן. די זעלבע שטומע פאַרצווייפלונג, וואָס טרייבט זיי צום פריען טויט. די זעלבע שנאה פון די מענטשן צו זיי, צו די זינגער און סקולפּטאָרן. די זעלבע אָרעמקייט פון די מאָלערס און די טרוי־מער, די העלדנקינדער פון דער ערד!

מען וואָלט באַדאַרפט מאַכן אַן עקספּערימענט — און אָנשרייבן איין גרויסע ביאָגראַפיע פונם מענטשן־זשעניע. איין מעכטיגע לע־בענס־באַשרייבונג פון דעם ריז וואָס שטאַרבט יונג. מיט דער אויס־נאַם פון עטלעכע פאַקטן, פון דער פאַרשידנקייט פון כראָניק, וואָלט אַלץ געווען דאָס זעלבע. אין אָנפאַנג האָפענונג. באַוווסטזיין פון די אייגענע כחות. דאַן רייפקייט, שטורמדיגע שאַפונג. גלייכגילטיקייט פונם פיליסטערישן פובליקום, אַנטוישונג איז ליבע הונגער־צייטן, קאָנקורענטן און ביליקע „קיצלער“. דאַן קראַנקהייט, צום לעצט — פראַמעטעאישע ראַנגלעניש און דאַן — טויט...

עס וואָלט געווען אַ ריזיקע געשיכטע וועגן דעם זשעניע פון דער מענטשהייט, אין אַלע צייטן, אין אַלע לענדער. אַ באַשרייבונג פון יענעם טראַגישן גאָט וואָס קומט אַראָפּ צו אונז פון יאָרהונדערט אין אַן אַנדער געשטאַלט און טוט דאָ אויף דער ערד אַ בליץ אויף, פאַר־בלוטיגט זיך, מאַכט אַן אַ שטורם — און געפינט זיין קבר ערגעץ צווישן בעטלער. יאָ, אַט די אַלע גרויסע מענטשן פון דער מענטש־הייט שיינען מיר צו זיין בלויז די מעטאַמאָרפאָזן פון איין מעכטיגן וועזן וואָס קען נישט רוען און קומט כסדר אַלץ אויפסניי צו די מענטשן, כדי זיי צו לערנען די גרויסע געהיימניש פון דער שיינ־קייט. זיי צו מאָלן דאָס שיינע בילד פון זון־אונטערגאַנג, זיי צו ווייזן די שיינקייט פון דער מוטער וואָס דריקט צו איר ברוסט איר קינד — וועלכן ער האַקט אויס אין פעלזן, אָדער זיי צו זינגען דאָס אומשטערבלעכע געזאַנג פון ליבע או פון טרויער אָדער צו שרייבן מיט בלוט דאָס טראַגישע ליד פון דעם קאַמף פון די געטער וואָס זע־נען נישט מער ווי מענטשן וואָס בענקען נאָך ליבע און האַסן זיך קעגנזייטיג...

בשעת איך האָב אין די אָוונטן געלעזן די בלעטער פון דעם בוך וועגן דעם גרויסן, דעם וווּנדערשיינעם, צאַרטן און אָרעמען פראַנץ

שובערט — האב איך געדענקט וועגן דער ענלעכקייט פון זיין לעבן צי דזשאן קיטס, און שעלי און בייראן, צו לערמאנטאוו און נאדסאן, צו סלאוואצקי און נארוויד, אדער צו סאבא און פינדאר...

דאס גרויסע לעבן פון שובערט איז נישט רייך אין באזונדערע דראמאטישע געשעענישן. ער געהערט צו יענע זשעניען וועלכע זענען נישט קיין אוואנטוריסטן — אבער וועלכע לעבן איבער געוואלטיג־גרויסעס אין זייער הארץ. וואס ווייסן מיר וועגן דעם לעבן פון יענע מענטשן, וועמענס לעבן איז א פערמאנענטער פיבער־פלאם? א, מיר ווייסן גארנישט וועגן די גראנדיעזע דראמעס אין זייערע נשמות! מיר זענען אבסאלוט בלינד צו זייער טראגיש לעבן! מיר זענען געוווינט צו נאטירן די כראנאלאגישע פאקטן: ליבע, פארלערערס, עלטערן, געבורט, פרויען, טויט, ירושה, ווערק, שפעטערדיקן רום, קבר, מאנומענט, ענדע פון זייערע פריינט. אבער מיר ווייסן גארנישט וועגן דעם אמתן גרויסן לעבן זייערס! דעריבער ווען איך לייען א ביאגראפיע, ווי אינטערעסאנט זי זאל נישט זיין — שמייכעל איך! איך טראכט: ווי נאיוו איז דער ביאגראפער, מיינענדיג אז ער שעפט אוס דאס לעבן פונם באטרעפנדיקן בליץ־מענטש. ווען מיר וואלטן האבן אנדערע מעגלעכקייטן צו זען דאס לעבן פון א געניע — וואלטן מיר איבעראשט געווארן! עס איז ווי דאס לעבן פון א גאנצן אקעאן. מיר זעען נאר זיינע דינע כוואליעס. וואס ווייסן מיר פון די טיפעטיגע געפילן און הערואישע שטימונגען פון א גאנצן אקעאן?...

מיט אנדערע מעגלעכקייטן וואלטן מיר אימשטאנד זיין צו זען דאס גאנצעס לעבן פון א געניע אין דעם קעניגרייך פון זיינע עמאציעס. דאס וואס מיר לערנען וועגן די אויסערלעכע פאקטן פון זיין לעבן — איז א טראפן אין ים. אפילו אין זייערע ווערק ווייזן זיי זיך שטענדיק קלענער ווי זיי זענען! ווערק זענען שפליטערס פון א געניעס ריזיגער נשמה און גראנדיעזן הארץ. בלויז פונקען פון א ריזיג פייער, ווי די זון — גדוים....

* *
*

פאראן געניעס וועלכע באווייזן אין זייער לעבן שטורמיש צו לעב־

בען און ארײנצוזאַפּן אין זיך אַלע פּאוסטישע פרײדן פון דער װעלט, פון אונזער ערדישן װײן-קעלער. אַזעלכע קוקן אין דער קורצער װײַלע אַזױ טיף אַרײן מיט דעמאָנישע אױגן אין דעם לעבנס-ספּעקטאַקל, — אַז זײ װערן שנעל מיד און גײען אַװעק פון דער װעלט — מיד, צעפרידענע פּטור צו װערן פו דער פאַרשטעלונג. (דערמאָנט אײַך דאָס לעבן פון אַלעקסאַנדער פּושקין, לאָרד בײראָן, הײנריך הײנע),

אָבער אַנדערש איז עס מיט דעם סאָרט טראַגישע זונען װי פראַנץ שובערט. ער געערט צו די װאָס האָבן אפילו נישט קײן צײט צו לעבן. זײ זענען אַזױ פאַרטון אין זײער שאַפונג, זײ ברענען אַזױ טיף אין זײער אײגענעם שאַפונגס-עקסטאַז, זײ זענען אַזױ געװאַלטיק באַהערשט פון די פּאַטענצן פון זײער מעביקן זשעניע — אַז זײ קענען זיך נישט קאָנצענטרירן צו לעבן, צו געניסן די װעלט װי ז' איז. זײ האָבן אַפילו נישט קײן צײט רעכט צו דערקענען די װעלט. זײ לעבן װי אין אַ קאָשמאַר. די פּאָר יאָר נוצן זײ אױס אױף צו באַפרײען זיך פון זײערע שאַפונגס-כּחות — און דער גורל זעט שױן דערצו אַז זײ זאָלן פּלוצלינג שטאַרבן, אונטערגײן װי שיפן אױפן ים...

אײגענטלעך װײסן מיר נישט װאָס עס איז אַזױנס אָט דער געניע-דראַנג. איך רעכן עס צו צו די געצײלטע קאָסמישע װוּנדער, װאָס צװינגט מענטשן אײביק צו לײכטן װי אַ בליץ? װאָס טרײבט זײ זיך פּרײװיליג צו פאַרניכטן אין זײער קונסט? װער צװינגט זײ אײביק צו ברענען? איך זע אין דעם רעטעניש װעלכן מיר רופן געניאַליטעט — אַ געטלעכן, קאָסמישן כּח!

*

*　　*

דער אײגענטלעכער שליסל צו דעם קאָמפּאָזיטאָר שובערטס טראַגעדיע איז זײַן צײַט, װאָס האָט אים דערדריקט און דערשטיקט מיט איר איגנאָראַנץ און סנאָביזם. װיען פון שובערטס צײַט איז געװען נישט צוגעפּאַסט פאַרן גרױסן שעפער. די װעלט איז געװען מיד פון די נאַפּאָלעאָנישע קריגן. די מענער פון װיען האָבן געװאַנדערט מיט די אַרמײען איבערן לאַנד. אַ סך זענען געפאַלן טױט. אַ סך

זענען צוריקגעקומען — איבעריגע, אָרעמע, דערשלאָגענע. די מאָנאַרכיע האָט געהאַט אירע שפּאַנען אומעטום. מען האָט נישט געקענט ביי די טישלעך אין די רעסטאָראַנען אין קאַפעען רעדן אַ פריי וואָרט. מען האָט זיך געוויילט מיט פוסטע פראַנצויזישע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס. מען האָט ליב געהאַט אין וויען די איטאַליענישע מוזיק. דאָס פובליקום האָט נישט געדענקט און נישט געלעזן. די רעגירונג האָט אונטערדריקט די ביבליאָטעקן. די צענזור האָט אונטערדריקט דאָס פרייע וואָרט. ווין איז געוואָרן אַן אינזל פאַר זיך. די איינוווינער האָבן גאָרנישט געוווּסט פון דער וועלט, פון אירע אוניווערסאַלע אינטערעסן. די ליטעראַטור, די קונסט איז געווען אין אַ טעמפן ווינקל. דאָס לעבן איז געווען אָרעם און באַגרענעצט. די עסטרייכישע גענעראַלן האָבן כסדר זיך געמוזט אונטערגעבן, וויען איז געווען פאַרוואָלקנט און פינסטער.

דאָס איז דער צושטאַנד פון וויען, ווען שובערט איז געבוירען געוואָרן אין יאָר 1797. אויב עס האָט שפּעטער אויפגעלעבט, האָט עס זיך דאָך נישט פיל געענדערט. וויען איז געבליבן טויב צו שובערטס מוזיק.

אָבער — אייגנטלעך איז דאָ שובערט ווידער נישט קיין אויסנאַם. די צייט פון יעדן געניע איז בלינד און טויב און שטום צו זיין שאַפונג. די מענטשן זענען שטענדיג גרייט צו אַפּלאָדירן דעם קונצענמאַכער און נישט דעם גרויסן קינסטלער. דאָס איז שוין אַן אייביקע טראַגעדיע מיטן גרויסן שעפער.

אין ניצשעס „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ“ ווערט אויף אַ הערלעכן אופן גערעדט וועגן דעם ווי דאָס פאָלק טאַנצט אין לויב און חניפה צו דעם שטריק־טענצער...

* *
*

די אויסערלעכע געשיכטע פון שובערטס לעבן איז אַ סומע פון אַ רייע נעכט אין קליינע גאַסט־הייזער, פון אַ רייע פרווון צו ווערן אַנערקענט. צו קריגן אַ גוטן פּאָסטן אין אַן אָפּערע אָדער אַלס לייטער פון אַן אָרקעסטער. אַ רייע טיפע האָפנונגען און גרויסע אַנטוישונ־

גען, פון פאַרברייננגען מיט פריינט — גוטע און ערגערע און — דאָס קלאַפּן אומזיסט אין די טירן פון זיין צייט.

עס איז פאַקטיש נישטאָ קיין דראַמאַטישע האנדלונג, קיין דראַמאַטישער עפּיזאָד אין זיין לעבן. — אויסער דאָס שטענדיגע גליען און לויכטן אין זיך, אויסער דאָס פּערמאַנענטע שאַפן מיט אַזאַ שטורעמדיגער קראַפט דורך די טעג און די נעכט.

אין דעם צירקל פון זיינע פריינט איז ער דער העכסטער, דער גייסט־רייכסטער, דער שענסטער און נאָבעלסטער. ער ציט צו אַ סך פריינט, אַזעלכע וואָס אַן־און־פאַר־זיך וואָלטן זיי קיין שום קענגזיי־טיגן אינטערעס נישט געפונען. אָבער די שטראַלענדיגע פערזענלעכ־קייט פון דעם קאָמפּאָזיטאָר פאַראייניגט זיי אַלע. זיינע פריינט זענען אים אַלע, אָן אויסנאַם, געטריי. זיי גלויבן אין זיין גאָניוס. — אפילו די גרעסטע מוזיקער פון זיין צייט — לויבן אים. בעטאָ־ווען דערקענט אויפן טויטן־בעט די טיפע שיינקייט פון דעם יונגן מוזיקער שובערט, און ער דריקט זיך אויס אַז שובערט איבערשטייגט אים. שובערט פאַרערט דעם געוואַלדיגער געניע פון דעם ריז בעטאָ־ווען. שוין אויפן טויטן־בעט מורמלט ער אין פיבער: „בעטאָווען איז נישטאָ נעבן מיר"... פון אָט דער פראַזע האָט זיין ברודער פאַר־שטאַנען אַז שובערט דריקט אויס דעם פאַרלאַנג צו ליגן נעבן בעטאָ־ווען — און דערפילט אויף אייביג זיין טיפסטן ווונטש. שובערט ליבט אמתן מוזיק. מענטשן וועלכע פאַרשטייען אמתע, גרויסע, שיינע מוזיק — ליבט ער. ער איז נישט אייפערזיכטיג אויפן עכט־גרוי־סען. אָבער דאַגעגן האַסט ער ביטער די וועלכע פּרעטענדירן צו פאַר־שטיין, די סנאָבן, וועלכע זענען פוסט און פלאַך. דאָס איז אַ שטריך וואָס איז אייגן אַלע גרויסע גייסטער. דעם גרויסן מאַן פאַרערן זיי שטענדיג און ליבן. אָבער — ביטער האַסן זיי דאָס פאַלשע און שאַב־לאָנאַרטיגע. בעטאָווען וווינט נישט ווייט פון שובערט. בעטאָווען זיצט אָפט אין דער זעלבער קאַפע ווו שובערט זיצט. אָבער דער יונ־גער מוזיקער וואַגט קיינמאָל נישט צו רעדן צו בעטאָווען. ער איז שעמעוודיג. ער קען זיך נאָר צוהערן צום פּראָמעטעאוס פון מוזיק. ער קען בלויז פאַרערן דעם אָלימפּישן ריז בעטאָווען. אַזוי אויך פאַרערט ער טיף דעם עסטרייכישן רעליגיעזן קאָמפּאָזיטאָר יאָזעף היידען. ער באַזוכט אים ביים לעבן און באַזוכט זיין קבר.

דאָס איז אַלץ כראָניק, אַזוי זענען זיי אַלע, אַלע גרויסע נאַטורן, שובערט איז דער שטילסטער מענטש. אַ ליבלעכער, צאַרטער, איידעלער, אַלע פריינט זיינע ליבן אים. ער איז אומענדלעך צוגעבונדן צו די פריינט. נישט זעלטן פאַרברענגט ער מיט זיי אין ביר־הייזער. שאַבער, אַ מאַן פון סנאָבישן כאַראַקטער, אָבער אויך זייער גייסט־רייך, עלעגאַנט, אוני־ווערסאַל — הגם קיינמאָל נישט טיף און נישט פולקאָם, האָט אַ שעדלעכן איינפלוס אויפן יונגן מוזיקער. אונטער זיין ווירקונג איז שובערט אַן אַנטיילנעמער אין נאַכט־פּאַרטיס, טרינקט, טאַנצט און הוליעט. אָבער — דאָס נאָר פאַר אַ קורצער צייט. שובערט איז שטענדיק באַוווסטזיניג פון זיין גּעניע, פון זיין שאַפונגס־פּאָטענץ. שטענדיק וואַרפט ער זיך צוריק אַריין אין זיינע מוזיק־קאָמפּאָזיציעס. זינגט זיינע וווּנדערשיינע מעלאָדיעס.

ווער עס האָט נאָר געהערט זיין מוזיק — האָט אים און זיין מוזיק געליבט. ער איז דער איינציגער אין זיין זשאַנר פון אויסזינגען דעם טיפן פיין פון דער וועלט. די עמאָציעס פון דעם מענטשן האָבן אין אים געפונען זייער קעניג, זייער ווונדערלעכן אויסדריקער. זיינע לידער זענען ווי מלאכים וואָלטן זינגען אויף די אינזלען פון דער ערד דעם מענטשלעכן טרויער און די מענטשלעכע ליבע. געטעס טיף־לירישע פּאָעזיע האָט אין אים באַקומען איר תיקון. ער האָט פאַרשטאַנען דאָס צאַרטע געפיל פון געטעס לידער, פון דעם ריז וואָס האָט פאַרשטאַנען אין דעם קאָסמאָס, אין די קלענסטע וועזנס אויף דער ערד. וואָס האָט אויסגעדריקט אי דעם אָקעאַן, אי דעם מענטשנס ליבע־געפיל. דער גרויסער געטע האָט נאָר פאַרזען שובערטן און האָט אים אפילו נישט געענטפערט אויף זיין העכסט־רעספּעקטפולן בריוו און זיינע קאָמפּאָזיציעס פון זיינע, געטעס לידער. ערשט נאָך שובערטס טויט האָט מען פאַר אים איינמאָל געשפילט דעם „ערל־קעניג" — און דער יופּיטער איז געווען גערירט ביז טרערן. אָבער שובערט האָט שוין מער נישט געקענט זיין געטרייסט דורך געטעס אַנערקענונג. שובערט האָט אויך פאַרפאַסט מוזיק צו היינריך היינעס לירישע געזאַנגען. אַלץ וואָס איז שיין און גרויס האָט שובערט געפילט, פאַרשטאַנען און געשעצט. ער האָט פאַרגעטערט מאָצאַרטן. ער האָט געלעבט אין פיבער פון באַוווּנדערונג פאַר די גרויסע גייסטער פון דער ערד.

מיין פריינדין איז גערעכט. אין איינע פון שובערטס יוגנט־טאָג־ביכער, שרייבט ער: „גליקלעך איז דער מאַן וואָס געפינט אַן אמתן פריינט. אָבער פיל גליקלעכער איז דער וואָס געפינט אַן אמתן פריינט אין זיין פרוי״.

שובערט האָט געהאט אַ סך מענער־פריינט. אָבער — פאַר־העלטניסמעסיג ווייניג פרויען־פריינט. די שוועסטער פרעליך האָבן אים פאַרערט און איינגעלאַדן אַ סך מאָל אין זייער הויז. די עסטער־האזיס האָבן אים געגומען אויף זייער גוט אין אונגאַרן. אַ לייכטער ראָמאַנס מיט דער גרעפין קעראָלין עסטערהאזי, זיין שילערין, אַ יינגע מיידל, אַ צאַרטע שיינהייט. אין אַלגעמיין האָט שובערט ניט ליב געהאט די „הויכע געזעלשאַפט״. ער איז געווען אַ באַעמיען און אזעלכער פאַרבליבן ביז זיין טויט.

דורך זיין גאַנצן לעבן ראַנגלט ער זיך שרעקלעך מיט דער אָרימ־קייט. דער פאַרלעגער צאָלן אים די קלענסטע פרייזן, דערנידעריקן אים אזוי שטאַרק אַז ער איז גרייט אוועקצושענקען זיינע אומשטערבלעכע ווערק. זיי ענדערן די נעמען פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, וואַרפן ארויס שווערע שטעלן. ער ליידט אַלץ. ווען ער באַקומט אַ סומע געלט, גיט ער עס באַלד אויס צוזאַמען מיט זיינע פריינט. ער איז שטענדיג גרויסמוטיג. דורך זיין נאָבעלער „פאַרשווענד־ערישקייט״ איז ער קיינמאָל נישט אימשטאַנד צו לעבן רואיג, אָן געלט־באַדער־פעניש. ער גייט אָפט נישט צו אויפנאַמעס און קאָנצערטן, ווייל ער טראָגט אַן אַנצוג אזוי לאַנג, ביז ער זעט אויס אַלט און צעקנייטשט. זיין איינציקער זין פון לעבן איז — שאַפן!

* *
*

איך בין נישט קיין אויטאָריטעט אין מוזיק און עס איז במילא נישט מיין געביט צו שרייבן איבער מוזיקער. אָך האָב נאָר געוואָלט זיך אויסדריקן, אַנווייזן אַז דער געניע אין אַלע צייטן איז צו זיך ענ־לעך דורך זיין טראַגיק און פלאַמענדיגן געראַנגל. עס איז פּאַקטיש די לעבנס־געשיכטע פון יענעם אומגליקלעכן גאָט וואָס פאַרקערפּערט זיך פון צייט צו צייט אין אַ נייעם געניע און קומט אַראָפּ אויף דער

ערד צו לעבן זיין גהינומדיג, קורץ לעבן — און דאן צוריקצוקערן זיך צום אמתן געשטאלט פון א טראגישן גאט ערגעץ ווו אין אונערמעס־לעבן רוים...

עס איז כראניק פון א לעבן. אין דעם פאל איז עס פראנץ שו־בערט, געשטארבן צו 31 יאר. אין אן אנדער פאל איז עס קיטס אדער דאנטע. איז עס וויליאם בלעיק אדער פרידריך ניצשע, איז עס מיקל־אנדזשעלא אדער אמאדעא מאדיליאני. די קונסט איז איין גרויסע קונסט. דער זשעניע — דער טרעגער פון דער קונסט — איז איין גרויסער אלזייטיגער און אלמענטשלעכער זשעניע.

איך חזר איבער: ווען מיר וואלטן אימשטאנד זיין צו באנעמען זאכן אין אלע אירע דימענסיעס, ד. ה., ווען מיר וואלטן קענען זען דאס גאנצע לעבן פון א מענטש אין איין מאמענט. אדער ווען מיר וואלטן קענען הערן די גאנצע מוזיקאלישע שאפונג פון דעם ריז שו־בערט אין איין שעה — דאן וואלטן מיר בעסער און פולקאמענער פארשטאנען די געוואלדיגע גרויסקייט פון א גאון. פאוסט האט גע־וואלט איבערלעבן אלע ליידן און פריידן פון דער מענטשהייט אין זיין ברוסט... פיליכט עקזיסטירן מיר ווען אין אזא צושטאנד, אז מיר זענען אימשטאנד צו באנעמען מיטאמאל דאס גאנצע.

איצט קענען מיר נאר לייענען זאץ נאך זאץ, פאקט נאך פאקט, מיר קענען הערן ליד נאך ליד און עס איז אונז דורכדעם שווער צו באגרייפן די קאלאסאלקייט פון א גאון ווי שובערט אדער בעטאווען.

בעטאווען איז דער גרויסער פראמעטעאוס וואס רייסט די קיי־טען פון ליידן. צו בעטאווען איז נישטא קיין פארגלייך אין דער וועלט פון געניאליטעט. ער איז א האלב־גאט פאר זיך אליין. ער רעוואלטירט קעגן דער נאטור און שמידט אוים אין זיין קוזניע יענע שווערדן, מיט וועלכע ער טויטעט זיינע אייגענע ליידן. ער צערייסט די וואלקנס כדי די זון זאל שיינען, דאס גרויסע הארץ פון דער וועלט. ער שטורעמט קעגן מענטש און גאט מיט א וואלקאנישער קראפט אויף אייביק די זון פאר אים — נעמט ער זיין הארץ און שמידט זיך אוים אן אייגענע זון פון קאסמישער פרייד.

בעטאווען קרוין איך פארן גרעסטן פון אלע געניעס פון דער וועלט. ער שטייגט איבער אפילו די קראפט פון געניאליטעט. ער

שליידערט דער וועלט זיין אייגענע, יאָ, זיין אייגענע זיין אינערלע־כע מוזיק, פון אים אליין אין ליידן געמייסטערט!

בעטאָווען איז אַ שטורם פון פייער!

אָבער שוּבערט איז דאָס טיפע, שטילע, לירישע ליד, דאָס גרוי־סע געזאַנג פון פרילינג, פון זון און יוגנט, פון פרייד און ליבע, פון פעלד און טייך. זיין מעלאַנכאָליע דרינגט דורך די פרייד פון נאַטור און גיט צו אַ וווּנדערלעכע נאָטע אין זיין מוזיק. בעטאָווען זיצט אויף די בליצן און שליידערט מעכטיגע געזאַנגען. אין לבנה־שיין אויף אַ פעלז זיצט שוּבערט און די סירענעס טאַנצן פאַר אים מיט זייערע שוימיגע לאָקן און ער לערנט זיי די שיינע מעלאָדיע פון ליבע, פון נאָגענדיגער, צאַרטער, אייביג־ראָמאַנטישער ליבע! שוּבערטס פאַרגלייך צו בעטאָווען איז ווי היינע צו געטען... איינער זינגט דאָס גרויסע ליד פון קאָסמאָס, פון דער אייביגקייט, דער צוויי־טער זינגט דאָס צאַרטע ליד פון די מענטשן, פון דער גאָלדענער רגע וואָס איז אייביק אין איר צער און שיינקייט...

ביידע ליגן זיי זייט ביי זייט, די טראַגישע ריזן: בעטאָווען און שוּבערט... מענטשן וואָס האָבן אין דער גרויסער נאַכט פון טרויער געזונגען דער מענטשהייט זייערע מעלאָדיען... זייער דור איז געווען טויב צו זיי.... אָבער די שפּעטערדיגע דורות האָבן אויפגעכאַפּט זייע־רע געוואַלדיגע, מעלאָדיען און טראָגן זיי אין דער אייביגקייט... דער אמתער זשעניע ווייסט אַז אַזוי לאַנג ווי זיין פלייש וועט פאַרהילן דעם סקעלעט — וועט ער זיין אומבאַקאַנט און טרויעריק.... אָבער ווען דאָס פלייש וועט אָפּגעגעסן ווערן דורך ווערים פונם סקעלעט — וועט איבער דער וועלט אויפגיין זיין גרויסע שאַפונג און נאָך שטורמישער פון שטורעם און נאָך פייערדיגער ווי די בליצן — זינ־גען און שאַלן פון לאַנד צו לאַנד און פון דור צו דור. און ווען די פעלקער וועלן ווידער ווערן איין אוניווערסאַל פאָלק איבער דער ערד — וועלן זיי זינגען די לידער פון די וואָס האָבן אַזאַ פאָלק און אַזאַ פרייהייט אין דער גרויסער נאַכט פון דעם מענטשנקריג — גע־טרוימט! די צוקונפט באַצאָלט שטענדיג מיט רום פון גאָלד צו דער טרויעריגער קעגנוואַרט פונם גרויסן מאַן אויף דער ערד!....

אַן אויסשטעלונג פון
וואַן גאָגס בילדער

(געדאַנקען איבער קונסט פון אַ נישט פאַכמאַן)

מיין פריינט, דער דיכטער אליעזר גרינבערג, קוקט זיך איין אין מיר ווען איך רייד פלאַמענדיק איבער ווערלען און רעמבאָ. ער האָט אַליין אַמאָל געלעזן פראַנצויזישע פּאָעזיע. פּלוצלונג רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

ווילט איר זען וואַן גאָגס אַן אויסשטעלונג?

— געוויס!

און — איך בין פּאַרציטערט געוואָרן פונם נאָמען וואַן גאָג.

עס איז געווען אין אַ קליינער מאַנסאַרדע פון אַנטווערפּן, וווּ עס זענען אויף דער קרומער וואַנט, נעבן דאַך-פענסטערל, געהאַנגען צוויי קליינע בילדער. אַ גאַנצן יאָר זענען זיי געהאַנגען. איינס איז געווען אַן אויטאָפּאָרטרעט פון וואַן גאָג. איך האָב זיך מיט אים נאָענט באַפריינדעט. איך האָב זיך אין די נעכט איינגעקוקט אין זיינע בלוי-קראַנקע, טרויעריגע אויגן! זיי האָבן צו מיר אַזוי אומעטיק און שיין גערעדט. איך האָב געזען ווי זיין קרומער, אומנאָרמאַל-געפּאָרמטער קאָפּ איז קורץ געשוירן, ווי אַרום זיין גאָמבע שפּראָצט אַ רויטע, פלאַמענדיקע באָרד; ווי זיין נאָז איז קרום און — איך האָב געזען זיין אויער, דאָס טויבע אויער! (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אָרעמער האָט זיין רעכטן אויער אָפּגעשניטן אַלס צייכן פון הרטה-אויסדרוק). אין משך פון יאָר אין קליינעם שטיבל האָב איך אים ליב געקריגן; ער איז געווען מיין שטומער פריינט; אין ווינטיקע נעכט האָבן מיר זיך אָנגעקוקט און איך האָב געזען ווי

רויטע טרערן רינען פון זיינע אויגן... דאָס בילד איז מיר געוואָרן אייגן, דערהויבן צו יענעם קרייץ־פיגורל וואָס דערפרייט אַן אַרעסטאַנט אין שטומע נעכט, ווען זיין קערפּער און זיין נשמה איז געפאַנגען אין שטייג, געבונדן דורך קייטן און אייזערנע גראַטעס.

און איצט — נאָך יאָרן לאַנג, באַזוך איך מיטן דיכטער די אויסשטעלונג פון וואַן גאָג אין „מאָדערן קונסט מוזעאום". אין דרויסען פאַר דער געביידע הענגט אַ ריזיקע פאָן מיטן נאָמען „וואַן גאָג." דאָס איז אַ ריזיק־רויטע פאָן, וועלכע באַצייכנט אַן אָקעאַן, אַ לאַנד. דאָס איז אַ גוטע אידעע געווען! אַ פאָן! וואַן גאָג איז ווירקלעך נישט בלויז אַ לאַנד — נאָר אַ גאַנצער קונסט־קאָנטינענט!...

37 יאָר האָט געלעבט דער אָרעמער מייסטער וואַן גאָג. (געבוירן אין יאָר 1853). אין משך פון די 37 יאָר איז ער געווען אָרעם, געווען אומגליקלעך, געוועזן זינדיג, געוועזן פרום, דערקענט גאָט און דערקענט דעם וואַנזין. געגראָבן אין קוילנגרובן, געפּריידיגט צו די אָרעמע, געשריבן וואונדערשיינע בריוו צו זיין ברודער — בריוו וועלכע זענען ריזיקע דאָקומענטן־קונסטווערק פון דעם קאַמף און ליידן פון אַ מענטשלעכן זשעני.

אויף דער אויסשטעלונג, אין שייכות מיט איינצלנע בילדער, לייענט מען ציטאַטן פון די דאָזיגע בריוו. אין זיי אַנטפּלעקט זיך אַ רזייקער גייסט, וואָס איז רייך אין געגנזאַצן, אין וועמעס וואונדערבאַרן לעבנס־קעניגרייך עס הערשט דער טייוול, עס הערשט גאָט, און עס הערשט און עס באַזיגט אַלעמען — די וואונדערבאַרע ליבע אין אים.

עס ווילט זיך מיר באַלד ביים אָנהויב אים פאַרגלייכן צום פראַנצויזישן פּאָעט פּאָל ווערלען. ווי יענער — זינדיק, ווי יענער — סאַטורניש און ווי יענער — דורך ליידן געהייליגט, געקרייציגט אויף רויטע קרייצן פון ליבע און פּיין און ווי יענער — דערקענט גאָט און ליבט גאָט און לעבט מיט גאָט...

און ווידער וועגן די בריוו. צוויי מענטשן אין דער וועלט־געשיכטע האָבן געשריבן בריוו, וועלכע קענען פאַרגליכן ווערן צו זייערע אייגענע ריזיגע ווערק — ווי פיל העכער און קאָלאָסאַלער זייער־

רע ווערק זענען געווען. צוויי מענטשן: מיקל אנדזשעלא און בעטאָווען.

אין די בריוו פון די דאָזיקע מייסטער דערקענט מען די אָקעאַן־טיפע און געטלעך־ליידנדיקע מענטשן, די צווייפלונגען, די זוכע־נישן, די גרויסע איינזאמקייטן, די עולהם פון דער נאטור לגבי זיי, דער אייביגער פיבער פון שאפנדע געטער און שוואכע, קרענקלעכע מענטשן, די וווּנדערבארע ליבע וואָס בינדט צוזאמען אַלע מענטש־הייטס־דורות און אַלע זשעניעס אין איין מעכטיגן באנד.... דער דרו־טער שיינער בריוו־שרייבער איז אָן ספק — וואן גאָג. און אַלע דריי קענען פארגליכן ווערן דורך זייערע ברהוו צו ריזיקע וואנגעלישע געשטאלטן — אָבער וואנגעליקער־צווייפלער, געצנדינער, דינער פון דער שיינקייט, מענטשן וואָס רייסן זיך צו גאָט, געפינען אים אין זיך און שטארבן ענדלעך מיט טיפע ליידן אין די גאָלדענע הערצער, אויף די הענט פון יענער געוואַלדיגער קונסט־געטין, וועלכע טרייסט אַלע גרויסע און טיפע מענטשנקינדער...

* *
*

און איך זע די בילדער; די בילדער פון זיין פריען פעריאָד אין ערשטן זאַל; שווארץ ווי נאכט, טונקל, טרויעריג, אומעטיג. עס זע־נען ווערק פון א שמערצלעכן גייסט, וועמען אַלע פארבן פון זיין מאָ־גישן זשעני זענען נאָך ניט אנטפּלעקט. ער מאָלט אין טונקעלע פאַר־בען; אָבער שיין זענען דאָ די ברייטע, ווייטע האָריזאָנטן אָן זונען, שיין זענען דאָ די ריזיק־קרומע, ווי שפינען־פארבויגענעביימער, מיט צווייגן ווי צעבראָכענע און צעבויגענע הענט פון בעטלער; עס איז דער טרויעריגער וואן גאָג.

אָבער וואן גאָג ווערט משוגע; ער איז צופיל זשעני; די ריזיגע שפע פון אינערלעכער שיינקייט און געפיל גייט אריבער די ברעגן פונם ריזיגן אָקעאַן; אין די געהיימע צעלן פון משוגעים־הויז דערזעט דער זשעני נייע מאגישע פארבן, זונען צויבערן אריין אין זיינע גע־הירן־פלאמיגע קאָלירן; פאנטאזיעס עסן זיך אין אים איין מיט די פייער־דיגע, וואנזיניג־קרומע מייַלער; אין די איינצלנע פּוּזעס, ווען די

רעליגיעזע נאטור וואן גאָג גייט ארום אויף דער וועלט, דערזעט ער דאָס לעבן און עס פאסט זיך אריין אין זיינע פארבן; ער מאָלט מיט א ווילדער ליבע זיינע ווערק; יאָ, דער קינסטלער ליבט זיינע ווערק; וואכט דען ניט מיקל אנדזשעלאָ ביינאכט אבער זיינע ריזיגע געצן זיי זאָלן זיך נישט שלאָגן? ליבט ער דען ניט זיינע ריזיגע פיגורן, וועלכע זענען די פּראָדוקטן פון א קליינעם, קראנקן, פון פלאמען און פיבער פארצערטן, געשוואָלענעם מאן־גאָט... וואן גאָג שליידערט זיי־נע בילדער צו דער וועלט; ער קען פאר זיי נישט האָבן אפילו א שטי־קעל ברויט; קיינער וויל זיי נישט קויפן; אבער וווהין זאָל דער משוג־גענער יונג שליידערן זיינע פארבן און וויזיעס? די הימלען זענען אזוי הויך און אייביק מאָנאָטאָן־בלוי, אומעטיק...

„ציפרעסן". א בילד פון ציפרעסן. איז עס נישט א שטורם? איז עס נישט א פייער ווו עס ברענען רויטע זונען, רויטע קאָלירן? עס איז דאָ אזוי פיל אומרו אין זייערע צווייג און בלעטער, אזעלכע ציפרעסן עקזיסטירן נישט. אבער זיי עקזיסטירן אין דעם הארץ פונם קינסטלער. אזעלכע ציפרעסן זענען דעמאָנישע פלאנצן אינם ווילדן הארץ פון א זונען־קינד, וואָס באגיסט זיך מיט טרערן. זיינע ציפ־רעסן זענען לויטער שטורם־בוימער, פארוואקסן מיט שטיקער געלן הימל, א שטיק אָקעאן מיט כוואליעס, מיט מוזיקאלישע קרייזן, מיט דראנג צו פליען אין דער הויך, צו צערטלען גאָט...

„גארטן אין ארלעס". דער גארטן פון משוגעים־הויז, ווו וואן גאָג פלעגט געווים זיצן און באטראכטן די קרומע פלאנצן; די בוימער מיט פעטע, גרינע פלייש פארצוויגן; די ראָזע פלאנצן און בלומען, די רויטע רויזן, די בלויע טולפאנען; עס איז דער וואונדערשיינער גאָר־טען פון די משוגעים; אויך די בלומען זענען וואנזיניג־שיין, וואנזי־ניג־שמערצלעך, וואנזיניג־געבויגן און וואנזיניג־פרום, קראנק און טרויעריק. און די וואזאָנען אויף די וועלן פון משוגעים־הויז און די רו, די אָרדנונג, וואָס פאר א טראגישער קעגנזאץ; משוגעת, וואנזי־ניקע אנארכיע, אומאָרדנונג — און דאָך — וויפיל שטילקייט, איי־זערנע רו, שטאָלענע רעגלמעסיקייט, ארויפגעצוואונגענע געזעצן און סימעטריע; מען צווינגט די וועלט פון וואנזין צו זיין נאָרמאל... די משוגעים געקרייצט אין דער גומענער „יאקע"...

„וואן גאָגס בעט־צימער אין ארלעס"; א בעט, רויטע פארבן

אלס קאָלדרע, א שטול, — קופערנע האָלץ־שטיקער; א פענצטער מיט ווייטע האָריזאָנטן; עס איז דאָס צימער ווו דער אָרעמער האָט געוווינט, געטרוימט, געליבט, געוואָרט אויפן טויט, געשריבן זיינע בריוו צו טעאָ. נישט ווילנדיג קומט מיר אויפן געדאַנק דאָס צימער ווו ווערלען איז געשטאָרבן; דאָס זעלבע טרויעריגע צימער און — האָט וואַן גאָגס געזיכט נישט די ענלעכקייט צו ווערלענס געזיכט מיט די דעמאָנישע אויגן, מיט די פאַריסענע ברעמען אין דער הויך, ווי ביים מאָנסער סאַטאַן?... ביידע האָבן געטראָגן דעם גיהינום און דעם גן־עדן אין זייערע ווונדערלעכע ווערזנס....

„מאַטע זון". אַ ריזיגע זון; אַ געלע וויזיע פון דעם מאַלער פאָעט; אַזאַ זון האָט נאָך קיינער נישט געזען; דען מען מוז האָבן וואַן גאָגס אויגן אזוי צו זען; א ריזיקע זון אין א געוואַלטיקן הימל פון ריזן־ברייטע קאָלירן; אין אַזאַ הימל וווינט גאָט אָדער דער טייוועל. אימעצער וווינט דאָרט געוויס. אין אַזאַ הימל וווינט איצט וואַן גאָג אַליין...

עס איז אַ הימל פון אַ דעמאָן מער ווי פון אַ גאָט; געוואַלטיגע רויטע פליגל פון פאַנטאַסטישע טרוימען; אומענדלעכע בענקראַפטן; פאַרגליווערטע שטורעמס; טויטע קערפּערס פון ריזיגע געדאַנקען; ביים דאָזיקן הימל זעט מען די תפילות פון די מענטשן צו גאָט וועלכע האָבן זיך דורך יאָרטויזנטער אָנגעזאַמלט ביי די בלויע טויערן און געל געוואָרן און זיך צוגעקלעפּט צו דער זון ווי לייכעץ אַרום די לונגען פון אַ טובערקולאָזן, ווי רויטע שטיקער בלוט...

„בלומען". אַ בילד פון געלע, מידע, פאַרשמאַכטע, בלוטלאָזע בלומען; די היץ ברענט זיי, די קעפּ פאַלן הילפלאָז אַרונטער, גאָר נישט קען זיי שוין רעטן. אזוי שטאַרבן שטאַרקע, געלע, רויטע און ראָזע און ווייסע בלומען. אזוי פאַרטרינקען אויף זייערע טרויעריגע בלעטער זייערע ליידנשאַפטן. זיי בליקן מיט פאַרדרייטע געזיכטער. זיי וואָנען מיט אַ שרעקלעכן טויט. אין די בלומען האָט זיך באַהאַלטן וואַן גאָג און געוויינט, געוואַנזיניגט, געבענקט, געקרענקט און געשענקט זיין נשמה צו די מאַגישע פלאַמען פון דער קונסט...

„פישער־שיפן". געלער ברעג, נעבן גרינעם־בלויען וואַסער, פאַנטאַסטיש־פאַרביגע פישער־שיפלעך, בענקענדע צו שטורמס און צו נעפלען, צו ריזיגע זונען־טרוימען און גראַציעז־רונדע כוואַליעס און

צום ריטם פון וואַלקן און וואַסער וואָס ווערט איין מעכטיגע נאַטור־
סימפאָניע. ווייטע זעגלען, ווייט, ווייט איבערן וואַסער; יעדער זעגל
דערמאָנט אינם געניאַלן ליד פון לערמאָנטאָוו „דער זעגל“. ווייסע
וואַסער־שטרייפן איבערן וואַסער, ווי שטעגן וואָס שווימענדע שוואַ־
נען פאַראורזאַכן אויף קילע וואַסער־פלאַכן. אינם בילד איז פאַראַן
אומענדלעכע בענקשאַפט...

„אַ פרוי“. נאַקעט, רונד, ווי אַ כוואַליע פון מענטשן־הויט־
פאַרב; זי איז איין שטיק פייער, אַ ווילד שטיק פלייש פון חרפּה־
געבונדן, פון ליידנשאַפטן אינערלעך צעשטורעמט; די גלידער —
רונד און געשוואָלן; די צוויי פיס — צוויי דיקע קערפּערס; איר
בויך זינקט צום געשלעכט, צו איר מעכטיגן שויס; די ברוסטן זענען
איר וועזן; די רויטע נאָז, די פּעטראָל־אָנגעגאָסענע אויגן, די הייס־
רויטע ליפּן. דאָס איז אַן עכטע פרוי...

אין זיינע בילדער פון האָלאַנד איז דאָ דער אָריענט. אין זיינע
בילדער פון משוגעים־הויז איז פאַראַן דער ואַפאַניש־צאַרטער פּענזל־
שטריך, פול מיט נערוועזע ניואַנסן און צוּבערלעך־געהיימניספולע
פאַרבן. ער טראָגט אין זיך די זוימען פון דער נייער עקספּרעסיאָניס־
טישער קונסט. זיינע בילדער פון מאָנמאַרט דאַכט זיך מיר, זענען
רענואַרס, פּיסאַראָס און אוטרילאָס. עס איז דאָ אין אים פונם צאַר־
טען אומעט, פון אַ מאָדיליאַני וועמעס פיגורן זענען לאַנג־נאָזיק, דיק
און הויך־האַלזיק; וועמעס גאַסן־מיידלעך האָבן אַזעלכע שיינע, טונ־
קעלע, גרויסע אויגן ווי געטער האָבן זיי נישט.. מאָדיליאַנים פיגורן
זענען שכור און דאָך שטאַר, פאַרגליווערט, עס איז זיי אַזוי קאַלט,
אַזוי ביטער און פינסטער־קאַלט, ווי דעם מאָלער איז געווען קאַלט
בשעת ער האָט געמאָלן אין די קעלערן, אין טיפע נעכט־קאַבאַרעטן
פון טויט און טרויער — זיינע געניאַלע בילדער...

איך געדענק נישט די גאַנצע אויסשטעלונג מיט אַמאָל; עס איז
אין מיר געבליבן אַ שרעקלעכער כאַאָס אין וועלכן עס הערשט ליבע,
פאַרצווייפלונג, שיינקייט. אָט די סימבאָליק פון פּרימיטיווער
נעגער־קונסט... אָט איז אַ קאָרן־פעלד, ווי אַ ים מיט גאָלדענע כוואַ־
ליעס און אויף אים פליט איין איינציגער פויגל. אָט איז אַ קאַפע
אין מאָנמאַרט, מיט פאַנטאַסטישע פייערן אין די לאָמפּן, וואָס הענ־
גען אין דער הויך ביים פולאָפ, ווי רויטע שמעטערלינגען וואַרטן,

לייכטן מיט זייערע ווונדן... אַט זיצט דאָרט ביי דער רויט־געמאַכטער וואַנט אַ פּאָרל, ארומגענומען, מאַן און פרוי ווי איין שטיק גרויזאַם פליייש, וואָס ליבט זיך, דאָרטן אין ווינקל זיצט אַ שכור, מיד, אויפגעגעבן, אויפגעלעזט; די זעלבע פרוי וואָס קניט איצט צו אַ צווייטן; — איז אים שוין קאַלט און קיל; ווען עם איז נישט צו דייטלעך פאַר מיינע אויגן אַלס בילד, וואָלט איך אריין אין דער טרויעריגער קאַפּע און געטרונקען „ווען־רוזש"... שווארצע פויגל ציען אין אַן אנדער בילד אַ ריזיגן האָריזאָנט, אזש עס ווערט שרעקלעך־מוראדיג... שווארצע, גרויליקע פויגל! אַזעלכע ראָבן האָבן נאָר געקענט וואָן גאָג און ערגאַר פּאָו....

גרינע גראָז, טיפע, גרינע, פעטע, פייכטע, צאַרטע און פרישע גראָז; פּויליש־טיפע גראָז, אוקראַאינישע, האָלענדישע; גראָז וואָס וואַקסט אויף קברים פון יונגע מענטשן, וואַקסט ארום פון זייערע ריזיגע טרוימען און פוילנדע קערפּער, פון זייער אומעטיג־טרויעריגן רעאַליזם און וווּנדערבאַרער אַבסטראַקציע.

גראָטן, אַ פּאָר שיך, אַ דראָזשקארזש, אַ טויטע פרוי, זיין בעסטער פריינט קינדמאַן, מאַנמאַרט; און יעדעס בילד אַנטפּלעקט זיך וואָן גאָג דער געניאַלער קינסטלער. און די דאָזיגע בילדער האָט ער געמאָלן אויף דער פריי; אין די קאַרגע פויזעס צווישן איין משוגעת־אַטאַק און דעם צווייטן; אין אַ משך פון ווייניגע 10 יאָר האָט ער געשאַפן אַ נייעם אוניווערס מיט נייע קאָלירן, טענער און גערויזקען...

און צום סוף וואָס מיר בלייבט אין זכרון — איז ווידער זיין אויטאָפּאָרטרעט פון מיין מאַנסאַרדע. איך האָב אים ווידער געזען אויף דער אויסשטעלונג. עס איז אַ געוואַלטיגער אויטאָפּאָרטרעט פון ליבע; און פיליכט אויך פון האַס; וואָן גאָג האָט דער אייביגקייט געשליידערט זיין פּאָרטרעט, ווי אַמאָל אין אַ שטורמדיגער נאַכט שליידערט דער בליץ זיין געזיכט צום אָקעאַן, צינדט אָן דעם בלוי־שווארצן הימל און טראָגט זיך מיטן נאַקעט־פייערדיג־אָפּגעדעקטן געזיכט איבערן אָקעאַן מיט זיינע ארמייען שווארצע, גרויל־גרויזאַמע כוואַליעס און זיין געזיכט — דאָס געזיכט פון רויטן בליץ־דעמאָן, פלאַמיג, רויט, גאָלדן, נאָר מיט ריזיגע טרערן אין די וווּנדער־שיינע אויגן — בלייבט אייביג זינקען אים ים, אין שווארצן ים, אין דער שווארצער סטיכיע פאַראייביגט...

וואָן גאָג האָט אויך אַזוי געוואָרפן זיין פלאַמענדן געזיכט צו די מענטשן אויף דער ערד פון אַלע זייטן; אַ שרעקלעך געזיכט, מיט אַ שווייגנדן מויל, מיט צאַרטע, בלויע אויגן — מיט הינטישער רויט־קייט פאַרצויגן, מיט ליבע און האַס, מיט גרויל און שרעק, מיט גאָט און ליבע און משוגעת און דעמאָניע...

און די רויטע באָרד; ווען די גאַנצע מענטשהייט זאָל ווערן ראַזירערס, וועלן זיי נישט קענען אָראָפּראַזירן די רויטע באָרד פון וואָן גאָגס אויטאָפּאָרטרעט; עס איז אַ פלאַמענדע באָרד; די באָרד פון אַ בליץ....

און אייביג וועלן די דאָזיגע אויגן פול מיט ליבע און האַס קוקן אויף אונזער וועלט, וואָס איז פול מיט ליבע און האַס. און טיילמאָל וועט דאָס רויטע אַרום זיינע ווייסלען, זיין פלאַמענדער צאָרן־אויסדרוק, ווי ביי אַ בייזן הונט, און טיילמאָל וועט דאָס דאָזיגע רויטע ווערן טרערן, צאַרטע, בלוטיגע טרערן — ווי ביי אַ גרויס קינד. און וואָן גאָג איז געווען דאָס קאָלאָסאַלע ריזן־קינד אויף אונזער פּלאַנעט און זיינע בילדער — קאָלאָסאַלע ריזן־טרוימען מיט געלע, מאַטע, פעטע און רויטע פליגל... מיט די פליגל פון זיינע טרוימען בין איך אַ קליינע ווײַלע מיט אים געפלויגן אין יענעם געלן, טרויעריגן ריזן־אוניווערס פון וואָן גאָג ווו די הימלען ליגן אויף דער ערד און ווו עס וואַקסן ריזיגע זונען ווי קאָלאָסאַלע בלומען און ווו בליצן ליבן זיך מיט ווייסע ליליען און מיט בלייכע מענשן־קינדער...

הענרי גאדיע

מיס סאָפיע סוזאננע ברזשעסקא — האָט איר ווען געהערט איר נאָמען? — קיינמאָל נישט! און דאָך באהאלט זיך אונטער דעם נאָמען אַ וועלט פון לײדן און אנטוישונגען. אין יאָר 1910 האָבן זיך אין אַ ביבליאָטעק פון פאריז באקענט צוויי מענטשן: מיס ברזשעסקאַ און הענרי גאָדיע. די ערשטע איז שוין אן אלטע מיידל פון עטלעכע און דרייסיג יאָר. זי איז אַ לערערין. טרוימט צו זיין אַ שרייבערין: זי איז פון קליינעם וווקס, העלע האָר, נישט שיין געזיכט, טרויעריגן, מידן בליק.

זי איז די טיפּישע אַלטע סטודענטקע, וועמען דאָס לעבן האָט באעולהט. איז געבוירן געוואָרן צווישן צוועלף קינדער ביי אן אָרימער פּוילישער פאַמיליע אין קראָקע. די עלטערן האָבן איר געוואָלט חתונה מאכן מיט אַ רייכן אלטן מאן. זי איז אַוועק. האָט איבערגעלאָזט אַ יונגן געליבטן. האָט אין נישט באפרידיגונג פון איר הייסן טעמפּעראַמענט פארלוירן איר יוגנטלעכקייט, איר מיידלשע שיינקייט. געפאָרן אין פאריז. געוועזן אַ קינדער־ניאַנקע, אַ לערערין, אַ דינסטמיידל. פאָרט שפּעטער קיין ניו־יאָרק, אַרבעט שווער. אַ מאָנסיער מ., אַ רייכער מאַן. האָט זי גערן — און זי מיינט אַז זי איז געראַטעט. אָבער ער בעט איר נישט צו הייראטן, זי וויל צוריקפאָרן קיין פאריז, זאמלט זיך אָן געלט. אָבער פאַרן זעלבן געלט נעמט זי אַריבער אַ ברודער קיין ניו יאָרק. אין צווייען וועט איר זיין אָנגענעמער, בעסער. ער קומט, אַרבעט שווער אין אַ רעסטאָראַן. אַנשטאָט צו דאַנקען זיין אָרימע שוועסטער, ווערט ער מיט איר ברוגז פאַרן אַריבערנעמען אים קיין ניו יאָרק. שפּעטער פאָרט זי צוריק קיין פאריז ארבעט ווידער שווער. נייע ליבעס. נייע אנטוישונגען אין מענער. זי ווערט קראנק. אַלע קרענק מיטאמאָל באזעצן זיך אין

איר, זי וויל באגיין זעלבסטמאָרד און — אַט, אָט איז די באַגעג־ניש מיט הענרי גאָדיע...

* *
*

ווער איז הענרי גאָדיע? — אַן 18־יעריגער מאַן אָדער יינגל, א סקולפּטור. ער האָט קיינעם נישט אין פּאריז און קיינער איז נישט פּאראינטערעסירט אין זיין קונסט. הענרי גאדיע, ווי סרוב יונגע קינסטלער, איז זייער אָרים. טראָגט אויסגעריבענע הויזן און צע־ריסענע שיך. ארבעט שווער דעם גאנצן טאָג. אין אָוונט פליט ער אין ביבליאָטעק, לייענט וועגן קונסט און קינסטלער. אממערסטן איז ער באגייסטערט פאר ראדען. פאר אָט דעם מעכטיגן שטיין־האקער, פּא־רען מאן וואָס באלעבט זיינע העלדן אין שטיין. פון נאטור איז גאדיע אַן אנארכיסט, אַן אומאָפּהענגיקער העלד. ער טרוימט פון צעברע־כען די מאשינען וואָס פארשקלאפן דעם מענטש. ער גלויבט אין א נויטווענדיגער רעוואָלוציע מיט געוואלט מיטלען. פיזיש איז ער דאר, דין, אויסגעמאטערט, קראנק. גייסטיג — א מעטעאָר, פול מיט פאַ־מוענצן, א שעפערמער פאר שעה׳נקייט. קונסט עקזיסטירט פאר אים צוליב קונסט אליין. יעדער טענדענץ און טעאָריע איז א פארשווע־כונג פונם הייליגסטן. גנזעלשאפטלעך? — ער קען קיינעם נישט און קיינער קען אים נישט. פרויען זענען געווים נישט פאראינטערעסירט אין אַן 18־יעריגן בחור אין שמאטעס וועלכער פארברענגט זיינע פרייע נעכטביים קיי און פאַרמירן פיגורן לויט זיין פאנטאזיע און קינסטלערישן ווילן. פילאָזאָפיש? — ער איז א פאנטעאיסט. ווי אלע פרייע גייסטער זענען פאנטעאיסטן. זעען בלויז דאָס אייביגע און פארניכטן זיך אינם אייביגן. דאָס צייטווייליגע איז פאַר זיי בלויז אַן אומוויכטיגער עפּיזאָד. א טרעפּ צו דער אייביגקייט.

איז אָט טרעפט ער דאָס פוילישע מיידל מיטן פלאכן בוזים און קראנקן מאָגן. וואָס פאראייניגט זיי ביידע? די ליבע פון צוויי היי־ליגע און ליידנדע. ער רופט איר אין זיינע בריוו „מוטער“. זי איז דאָך מיט א קארגע צוואנציג יאָר עלטער פאַר אים. זי איז אים א מוטער. ער זוכט א האַרץ און א גוף. הגם זיי לעבן שפּעטער בלויז

אין פלאַטאָנישע באַציאונגען — דאָך איז ער אויך סעקסועל צוגע־צויגן צו איר, כאָטש זי איז ווייט פון צו זיין אַ רייצנדע פרוי. פאַר אים דערשיינט זי אָבער ווי אַ מלאך. ער זעט אין איר שיינקייט. ער נויטיגט זיך אין אַ מענטש וואָס זאָל פארשטיין זיינע ווערק, אים קוראזשירן. און זי? — זי איז סעקסועל־קאַלט, נידערגעשלאָגן, אנ־טוישט, פאַר איר איז ער אַ קינד, אַ קליין ליב יינגל. זי פאַרשטייט זיין קונסט — אָבער ער איז נישט שטענדיק צופרידן פון אירע קרי־טישע באמערקונגען...

זי איז אַן אסקעט און זוכט מאָראַל אין דער קונסט. ער איז אַן אסקעט־געצענדינער. גאָט איז פאַר אים די זון און די קונסט. די זון איז די געטין פון אַלע שיינע קינדער אויף אונזער ערד. הגם זיי לי־גען אין טיפער נאַכט און טרויער. די זון ליבט ער אומענדלעך. צו דער זון ציען אַלע קראַנקע קינדער אין שאָטן, אַלע מענטשלעך־שיינע, קאָסמישע שמעטערלינגען, באַהויכט מיט פאַנטעאיסטישע עמאַציעס און געדאַנקען. אין דער קונסט איז זיין אידעאַל — דער **אמת דער** רעאַליזם פון איצט. די גריכן זענען געווים גרוים. מיכל אַנדזשעלאָ און גאיא זענען זיינע געטער־ליבלינגען. אָבער זיי זענען געווען גרוים אין זייער צייט. נאָכגיין אין זייערע טריט — וואָלט געהייסן נאָר נאָכמאַכן. די נאָכמאַכערס — אפילו די בעסטע — ווערן פאַרגעסן. קונסט מוז זיין אַקטועל און דערמיט אייביג, אומשטערבלעך. שעקס־פיר איז גרוים, ווייל זיינע העלדן ענדערן זיך נישט אונטער באַדינ־גונגען פון עפּאָכעס. זיין „מאַקבעט" קען פונקט אזוי זיין אַ קעניגין עליזאַבעט פון ענגלאַנד... איז „האַמלעט" אַלט געוואָרן? האָט זיך „ראָמעאָ און דזשוליע" געענדערט? די ליבע איז אייביג און פונקט אזוי אייביג זענען די שטערונגען פאַר די פאַרליבטע. דער אייביגער אמת, איז דער ציל און די נשמה פון דער קונסט. און דער ציל פונם קינסטלער איז אייביג צו שאַפן, צו פאַרניכטן, צו שליידערן זיך אין דער קונסט. דער קינסטלער האָט נישט קיין ליבע און נישט קיין פאַרגעניגן פאַר זיין סוביעקט — ער האָט נאָר אין זיך דעם אינער־לעכן דעמאָנישן אָדער געטלעכן דראַנג צו שאַפן, צו רעפּראָדוצירן זיך אין קונסט, צו פאַרוואַנדלען זיין ענערגיע און מייסטערווערק, אויסצושמידן זיין טרויער און זיין פרייד אין מאָנומענטן, זיך אַנצור־

ציגרן און זיך פֿאַרקערפֿערן אין די הערלעכע שאָטן און ליכט עפֿעקטען פֿון שטיין און מאַרמאָר.

פֿאַר מיס ברזשעסקאַ איז ראַדענס „אַלטע פֿרוי“ עקלהאַפֿט. פֿאַר הענרי גאָדיע איז דער אמת נישט עקלהאַפֿט, אָפּשטויסנד איז אַ ריזיגער בוים, אין מיטן זיין בליאונג, געפֿאַלן צו דער ערד. מיאוס איז אַ שטאַרקער, ריזיגער מאַן מיט אָפּגעהאַקטע הענט. מיאוס איז אַ מאַן מיט אַ הילצערנעם פֿוס, אַלץ וואָס איז נישט אַנטוויקלט, פּריצייטיג פֿאַרניכטעט, פֿאַרקריפּלט. שיין אין אַ גוטע שיינע עלטער. דאָס לעבן האָט דריי הערלעכע פּעריאָדן: יוגנט, רייפֿקייט, עלטער. אויב אַ זאַך שפּיגלט אָפּ דעם אמת פֿון די דריי פּעריאָדן אין לעבן — איז דאָס שיין, — וווּנדערלעך.

* *

*

די אָרימקייט מאַכט זיי ביידע קראַנק. ביידע האָבן זיך ליב, הגם הענרי גאָדיע ליבט מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג און ברזשעסקאַ ליבט אָפּגעקילט, פּלאַטאָניש, אַסקעטיש. ביידע טרוימען יאָרן לאַנג פֿון אַ הויז, ווו זיי זאָלן קענען לעבן צוזאַמען. יעדער מאָל פֿאָרט ברזשעסקאַ אַרויס אין דאָרף, ווייל זי איז אָבגעשוואַכט און קראַנק. גאָדיע קומט צו איר. זיי פֿאַרברענגען אין קליינעם צימערל רעדנדיג וועגן קונסט און אַלערליי זאַכן. איינמאָל באַפֿאַלט זיי די פּאָליציי, מיט אַ באַשולדיקונג אַז ברזשעסקאַ איז אַ גאַסן־פֿרוי און נעמט אויף מענער אין איר צימער...

און דאָס ווען הענרי טרוימט וועגן אַ קוש צו טון זיין געליבטע.

שפּעטער דינגען זיי אַ צימער אין לאָנדאָן, ווו הענרי נעמט זיין געליבטע אַריבער, זיי קויפֿן אַן אַלטע בעט, פֿול מיט וואַנצן. אין ריזיגן בעט שלאָפֿט ברעזשסקאַ און הענרי זיצט איבער די נעכט אין אַ גרויסע פֿאָטעל. ביידע הונגערן. איינמאָל גייט ברעזשעסקאַ אַרויס אין גאַס, מאַכט זיך אַז זי האַלט אַ קליין קינד און — בעטלט. זי האָט דורכן טאָג צוזאַמענגעבעטלט 6 פּענים, קויפֿט דערפֿאַר אַן אוונט־ברויט — קויפֿט פֿאַר הענרין קעיק. ער ליבט זייער קעיק. זי ווייסט עס...

ער קומט אהיים אין אָוונט און בײַזערט זיך אויף איר פאר אזא שריט. דאַן גייען זיי אין די אַזילן.

פאר א פּעני צייכנט ער סקעטשעס פון די שנאָרערס — און — זיין קערפּער, הגם קראַנק, פלאַמט. זיין טעמפּעראַמענט איז הייס מיט ברזשעסקאָן לעבט ער אין פלאַטאָנישע ליבע... זי עצהט אים דעריבער צו גיין צו גאַסן פרויען... 5 שילינג א פרוי... ער דערציילט איר אַלץ. ער ווערט נאָך דעם דערמוטיגט, נידערגעשלאָגן. אָבער די אומגעוויינלעכע ענערגיע אין אים איז אומגעהויער. ער שלאָפט בלויז עטלעכע שעה און נאכט — ארבעט כסדר אין בעט וועלכע ער האָט נישט ליב... אין אָוונט — קונסט, פילאָזאָפיע, ברזשעסקאַ... ער מוז אייביג זיין ענטוזיאַסטיש, פלאַמענדיג. ווי קען ער זיין רייך אַז ער זעט און הערט און פילט אזוי פיל?... אַלץ דאַ באַגייסטערט, פילט אָן מיט שיינקייט, מיט אָן א שיעור אידעען. ער וויל כסדר אויסדריקן, שאַפן, פארקערפּערן, שניידן פּלייש אין די שטיינער, האַקען מאַרמאָר, ברעכן גלידער און באַשאַפן וווּנדערשיינער געשטאַלטען...

זיינע בריוו צו איר זענען שטיקער פלאַמען פון א הערלעכן גייסט. אין זיי אָטעמט ער מיט פייער און ליבע. אזוי רירענד! מען ווערט אויפגערעגט זיי לעזענדיג! מען ווערט ווילד ווי א חיה, לעזענדיג ווי אָרעם זיי האָבן געלעבט! ווי דער שענער העלד מוז ליידען אויף אונזער ערד — און ער איז נישט דער איינציגער...

ער ליבט זי מיט א הערלעכער ליבע. ער רעדט צו איר ווי א קינד צו א מוטער — און דאַן ווי א פארליבטער צו א געליבטע. זי וויל נישט אקצעפּטירן זיין ליבע... זי איז עפּעס ווי אנטוישט אין לעבן! זי ווערט שנעל אויפגערייצט, נערוועז. אין איר האָט די נאַטור געטויטעט אַלע לוסטן, אַלע פריידן, אַלע האָפענונגען. זי איז שוין צוגעוווינט צו איינזאַמקייט....

און טראָץ דעם פילט זי אז דאָס איז איר איינציקע שיינע און גרויסע איבערלעבעניש. זי שיינט צו זיין א פּסיכאָפּאַטישע נאַטור. זי קען זיך נישט העלפן אים אויפצורעגן. זי פאָדערט פון אים א סך און גיט אים צוריק צו ווייניג. זי טרוימט פון א גרויס ווערק, שרייבט איר טראַלאָגיע. ער דערמוטיקט איר אין דער ארבעט. ער וויל דרוקן איר ווערק. ער זאַמלט שוין פּענים. זי קויפט איין פארשידענע קונסט־

ווערק. ער האָט נישט דאַגעגן קיין אינטערעס פאַר פּריוואַט־אייגענ־טום. פאַר באַזיצן. צי וואָס די אַלע זאַכן. פאַר אים עקזיסטירט נאָר די קונסט און די זון און זיין „מאַמעלע“. דער פּערציג יעריגער פאַר־זעסענער מויך אין איר מוטער־שפּראַך. ער בענטשט זי מיט זון־שטראַלן. מיט דער זון פרייט ער זיך יעדן מאָרגן. ער ליבט די נאַ־טור מיט אַ צערטלעך געפיל, און פּיבערט, פּיבערט, פּלאָמט און ברענט כסדר...

* *
*

אַ רירענדער עפּיזאָד איז הענרים פריינדשאַפט מיט מידלטאָן מורי און קעטרין מענספּילד. אין לאָנדאָן וווינט גאַדיע ווידער מיט זיין „מוטערל“ וועלכע ער האָט געבערענגט פון דאָרט. איינמאָל באַ־קאַנט זיך גאַדיע מיט מידלטאָן מורי, אַ שרייבער, אַ רעדאַקטאָר און קונסט־ליבהאָבער. זיי קומען, ער און זיין פרוי, צו גאַדיע אַהיים. בשעת מורי פּאָזירט פאַרן קינסטלער, וועלכער מאָלט אים אַ פּאָר־טרעט, זיצט קעטרין מענספּיעלד מיט ברזשעסקאַ אַליין, איצט דער־ציילט ברזשעסקאַ וועגן אירע ליידן, אירע אינטימע באַציאונגען מיט הענרין, און בשעת זי לעבט אויפסניי איבער אַלע אירע איבערלע־בענישן — דריקט זי קאַטערינעס האַנט אין אירע... קאַטערינע פילט אַ קאַלטן שווידער. און ווידער דערציילט די אָרימע ברזשעסקאַ אין וואָסערע באַדינגונגען זיי לעבן, צעוויינט זיך פאַר איר און — פילט אַז קאַטערינען ווערט שלעכט, זי כאַפּט אַרויס די האַנט פון אירע און רופט איר מאַן שנעל אוועקצוגיין....

דאָס זעלבע האָט הענרי געטון, פּרעסענדיג אוים ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט מורין צו זיך... נעקסטן מאָל דאַרפן הענרי און ברזשעסקאַ באַזוכן „אין ריטורן“ די מורים. ברזשעסקאַ האָט ניט קיין קליידונג. ווי עס איז טוען זיי זיך אָן. וואַרטן, ענדלעך קומט אַ מעלעגראַמע: „קאַטערינע איז קראַנק... סוואָלט נישט געווען געוווּנ־טשען זיי זאָלן קומען“... און דאַן וואַרטן זיי לאַנג, לאַנג. הענרי איז געווען באַגייסטערט פאַר זיי. הענרי ווערט איבערהויפּט באַ־גייסטערט פאַר יעדן מענטש. אין יעדן מיינט ער צו זען אַ פריינד.

אין יעדן וואָס האָט א שייכות צו קונסט, באַפּט ער זיך אָן, מים ברזשעסקא בעט אים איר לאָזן צורו. זי איז קראַנק און פאַרביטערט. זי וויל זיין אַליין.

אזוי ווערן זיי אנטוישט אין אַלע פריינד. מען קויפט זיינע סקולפּטורן און מען באַצאָלט אים נישט. אים פּאַסט נישט צו פאַר־דערן די חובות. גרויסאַרטיגע פּערזאָנען גיט ער אַלץ אוועק אומ־זיסט. ווען ער איז נישט צופרידן מיט זיינע ארבעטן — צעקלאַפּט ער זיי, צעשמעטערט. ווען ער קריגט זיך מיט ברזשעסקאן, צעברעכן ביידע זיינע קונסטווערק. ער פאַראינטערעסירט זיך אפילו נישט מיט דער פּרעזערווירונג פון זיין קונסט. זיין דעוויז איז: שאַפן, קרעאַציע!

* *
*

זיינע פריינד עפענען אים א סטודיאָ. איצט לעבט ער אויף. די פּאַרערער פאַרמערן זיך. פרענק העררים, דער שריפטשטעלער און באַרימטער פריינד און ביאָגראַף פון אָסקאַר ווײַלדן, קומט צו אים און באַווונדערט זיין קונסט. מען דערקענט זיין געניוס. ער שלאָפט אין סטודיאָ, רייניגט און רוימט אַליין. ער באַדויערט נאָר וואָס בײַ־טאָג שטייט די סטודיאָ ליידיג, בשעת ער מוז ארבעטן אויף א לעבן צו מאַכן. ווידער איז ברזשעסקא אין דאָרף. ער באַקאַנט זיך מיט א באַהעמיש מיידל וואָס פּאָזירט פאַר אים, דאַן טוט ער זיך אוים די קליידער און פּאָזירט פאַר איר. זי טרוימט פון אָרגיע־נעכט און סאַטורנאַליעס. איצט דערפילט ברזשעסקא א געפאַר...

זי קומט צוריק, איז מסכים צו ווערן זיין „גייסטיגע פרוי", בשעת די טענצערין איז זיין סעקס־פּאַרטנערין. די מאָדעלקע פאָרט אין פּאַריז, קומט צוריק מיט באַגייסטערונג, זי האָט געטאַנצט נאַ־קעט, איזאַדאָראַ דונקאַן וויל איר זען, פרייד און גלאָריע. זי פאָרט קיין פּאַריז ווידער. פאַר דער סטודיאָ איז נישטאָ צו באַצאָלן. די אָרימקייט איז גרוים. העגרי איז אויך נישט פּראַקטיש. ביידע ווייסן נישט ווי אזוי זיך אויפצופירן אין געזעלשאַפט. ווען זיי קומען צו פרענק העררים, ווייסן זיי נישט ווען אוועקצוגיין. העגרי, און זיין

באגייסטערונג פאר קונסט, רעדט און רעדט און ברזשעסקא רעגט זיך אויף, שרייט, מען מוז זיי שטענדיג ווייזן די טיר...

און דאן קומט פאר אן אויסשטעלונג. הענרי איז פארטראכטן מיט עטלעכע פון זיינע סקולפטורן, ווען ער קומט צו דער אויסשטעלונג און דער פארטער פרעגט אים ווער ער איז: ציטערט זיין שטימע, טרערן באווייזן זיך אים אין די אויגן, ביים זאגן: „איך בין הענרי גאדיע..." מען איז באגייסטערט פאר אים. אויף א ווילע שיינט אויף די זון פאר די ארומע און געפלאגטע, ברזשעסקא פארשטייט איצט אז מיט איר שרייבן וועט זי נישט זיין דערפאלגרייך — אז זי קען נאר פארנעמען אן ארט אין דער קונסט-געשיכטע אלס פריינדין פון א גרויסן קינסטלער. זיי באוואוגן זיך, עס בליען גרויסע בלומען אין פארק. זיי גייען שפאצירן רואיגער, הענרי ליבט די נאטור, איז עקסטאטיש פאר בלומען, פאר קאלירן, פרילינג קומט מיט ארמייען פון פארבן. דער גאט פון גליק באריהרט מיט זיין צערטלעכער האנט אויף א מאמענט די אונגליקלעכע...

*   *
*

אבער גליק איז בלויז אן אילוזיע פון א קורצער ווילע. קורצער ווי אן אויגנבליק. גאדיע איז א פראנצויזישער בירגער. 1914! די קריג ברעכט אויס. ער צווייפלט צי ער זאל גיין אין קריג. ער פליט צום פראנט. איצט בלייבט ברזשעסקא אליין. איצט טוט איר באנג פארן נישט גוט באהאנדלען אים. פארן נישט באפרידיגן אים מיטן קערפער... אבער אין א נאכט קומט ער פלוצלונג. אנטלאפן פון פראנט. ענערגיש און ווילד. ברזשעסקא איז גליקלעך. אבער — ווייזט אויס אז זיין טויט איז צופיל באשטימט דורך א העכערער קראפט... ער קען נישט רוען. לויפט צוריק צום פראנט. קעמפט, איז העלדיש. העלדיש איז הענרי אין קונסט, אין ליבע, און שלאכטפעלד. אזעלכע העלדן טוען אלץ ביז צום לעצטן. זיי מוזן געבן אלץ וואס זיי פארמאגן. דער פריערדיגער אנארכיסט האסט די דייטשן. דאס קען מען צושרייבן דעם קריגס און פעלקער-האס-פסיכאז. ער איז דער ריכטיגער סאלדאט און — שרייבט פון שלאכטפעלד צו זיינע עלטערן, צו

פריינד, די ברזשעסקא איז פול מיט מוט, האפנונג און גלויבן. פול מיט ענערגיע און טאטפעאיגקייט.

און ווי מיליאנען אנדערע, פאלט ער דורך א קויל, אין 1915, זיין לעבן איז געענדיגט. אפשר באדוערט ער גארנישט. ער האט געקענט אין זיין לעבן איין דעוויז: ארבעט, קאמף. ער האט מיט זיינע פויסטן זיך געשלאגן מיט הונגער, קראנקהייט, מארמאר, ליבע, סעקס און איצט — מיטן „שונא". אין א בריוו צו ברזשעסקא רעדט ער וועגן שארל באדלער. ער ליבט אים, ווייל ער האט זיין אינהאלט איינגעשלאסן אין דער ענגער פארם פונם סאנעט. ער האט דעם עסענץ פרעזערווירט. דאס צווייטקלאסיגע קען מען זיך פארשטעלן. ווען די הויפט אידעע איז קאנסערווירט — קען מען זיך דאס איבריגע פארשטעלן. ווען דאס „איבריגע" איז קאנסערווירט — גייט דער הויפט־עסענץ פארלוירן... דעריבער זענען גרויס ראדען, מיקל אנדזשעלא, שעקספיר און באדלער. און — דאסזעלבע קען אנגעווענדט ווערן אויף הענרי גאדיע. ער האט דאס וואס איז אייביג — ארויסגעברענגט. דאס איבריגע איז פיליכט איבריג. ער האט די נשמה פון זיין שאפן פארקערפערט אין זיינע סקולפטורן. פי־ליכט איז מער נישט אינטערעסאנט צו זען דיזעלבע נשמה אין נייע אינקארנאציעס... ער האט זיינס געטון. פולסטער ליבן דאס לעבן און לעבן לאנג. זיי גלעטן זיך די פעטע געדערים אונטער דער הויט פון זייערע ווייסע בייכער... קינסטלער פארניכטן זיך און זייער קונסט. פארניכטן זיך אין ליבע, פארניכטן זיך אין האס, אין קריג, אין פייער. און דאך — ווען גאדיע וואלט געלעבט, ווער ווייסט וויפל מעטאמארפאזן זיין קונסט וואלט דורכגעמאכט. ווער ווייסט צי ער וואלט נישט דערגרייכט צו דער פלאמענדער פערפעקציע פון א ראָ־דען?! זיינע ערשטע קאלטע, ווייסע סקולפטורן — דאס זענען דאך געווען די ערשטע פארקערפערונגען פון זיינע פלאמען און אינספי־ראציעס. נאר — „א סך שטארבן צו שפעט... ווייניגע שטארבן צו פרי"....

ניטשע האט אין זין געהאט אלע שיינע העלדן און — זיך אויך...

* *
*

מים ברזשעסקא האָט דערהאַלטן פון העגרי אַ לעצטן בריוו, ווי ער בעט איר צו ווערן זיין פרוי ווען ער וועט צוריקקומען. אין דע־זעלבער צייט האָט זי אים געשריבן אַ בריוו ווי זי באַשולדיגט אים אין לאָזן איר אַליין. ווי זי בעט אים צוריקצוקומען און זי אַוועקנע־מען פון איר מיזעראַבעלן לעבן אין לאָנדאָן. דערהאַלטנדיג זיין בריוו, האָט זי באַשלאָסן אים צו ענטפערן אַ פריינדלעכן בריוו, פול מיט סימפּאַטיע און איינשטימיגקייט צו זיינע פּלענער. אָבער זי האָט דעם בריוו נישט געשיקט צו אים. די ידיעה פון זיין טויט האָט איר צעשמעטערט. זי האָט געדענקט אַז איר לעצטער בריוו צו אים האָט אים ווייי געטון, געטריבן צום טויט...

איבער די גאַסן פון לאָנדאָן פּלעגט זי אַרומלויפן, מיט קורץ־געשוירענע האָר, אָן העט, נאַכלעסיג און דערפראָרן... זי איז גע־בוירן געוואָרן אונטער אַ האַלבער לבנה... און דאָס גאַנצע לעבן — האָט זי געגלויבט — איז איר דערפאַר ביטער... אַ האַלבע לבנה באַשטימט אומגליק פאַר אַ מענטשן....

* *
*

אינם וויניגן וואָס גאדיע האָט געשאַפן, אנטפּלעקט זיך אַ קינסטלער מיט מעכטיגע פּאָטענצן, וועלכער באַהערשט און באַזיגט די שוועריגקייטן פון דער סקולפּטור קונסט. די שווערסטע פּראָב־לעם — באַוועגונג — האָט ער געלייזט אין זיינע קונסט ווערק. די באַוועגונג פון זיינע העלדן דריקט ער נישט אויס דינאַמיש און נישט סטאַטיש — נאָר אין כסדרדיגן אויסדרוק פון אַרויסגיין פון איין פּאָזע אין אַ צווייטער... ער דריקט אויס די פּאָטענץ פון דינאַמיק אין דער פיגור, די אייביגע עקספּרעסיע פון מעטאַמאָרפאָזן...

און — געפיל! זיין „מאַטוירניטו־גריפ“ איז דערהויבן ביז צו רירונג און טראַגיק. מוטער און קינד — איין לייב! צוזאַמענגעוואַקסן, מיט אַלע גלידער זויגט די מוטער צוריק אַריין דאָס קינד אין זיך...

קונסט איז נישט סטאַטיש. אין קיין שום פאָרם — נישט סטאַ־טיש. קונסט איז דינאַמיק, אייביגע באַוועגונג, אייביגע מעטאַמאָר־פאָזן, אַ שטורם אין קאַמף פאַר אויסדרוק, פאַר פאָרמען און דראַנ־

גען. אין דער געשיכטע פון טראגישע קינסטלער און אין דער גע־שיכטע פון קונסט — שטראלט אזוי שיין און בלוטיג־פלאמענד דער הערלעכער מעטעאר הענרי גאדיע....

פון אוניווערסאליזם צו אוניווערסאליזם

נעכטן ביינאכט, ווען דורך מיין קליינעם פענסטער האָט די אַלטע לבנה אריינגעלויכטן, האָט זיך נעבן מיר גאָלדיק אנגעצונדן אַ ריזיקער תנך. איך האָב באַקומען אַ געוואַלטיקע בענקשאַפט אריינצוקוקן אין דעם שטראַלנדיקן, גרייז־גרויען ספר. מיט הענט ברענענדיקע, מישנדיק זיינע צעלויכטענע בלעטער, האָב איך געלעזן די געזאַנגען פון תהלים, געזאַנגען וועלכע אָטעמען מיט העראָישער, גרויסער דיכטונג און מיט דער סטראַטאָספערישער לופט פון אייביקייט. דער קליינער, שוואַכער, ליידנדיקער מענטש דערהויבט זיך ווידער און ווידער צו זינגען דאָס גרויסע האַרץ זיינס אין ליבע און באַוווּנדערונג צו גאָט. אַזוי זינגען אין זומער־נעכט די ווערעם אין די זומפּן זייער געצנדינעריישן ליבע־געזאַנג צו דער קאָלאָסאַלער לבנה. איך האָב זיך פאַרטיפט אין די מעכטיקע קאַפּיטלעך פון דעם טראַגישן ספר איוב. אויף אַלע ליידן פון דעם קעניג איוב — שטעלט דער מאַרטירער אַוועק די געוואַלטיקייט פון דעם אוניווערס, פון גאָט.

נאָך ביז איצט האָט די פילאָזאָפיע נישט געלעזט דאָס רעטעניש — צי איז פאַראַן אין דער נאַטור: צוועק, סיסטעם, אידעאַל, זין, אָרדנונג — אָדער איז אַלץ אַ קאַפּריציעז ספּעקטאַקל פון אַ גאָט וואָס זיצט אין שפּינוועבס־הימלען ווי אַ געוואַלטיקע, גרויזאַמע שפּין און שפּינט אין משוגענע אומעט־שטונדן קאָלאָסאַלע וויזיעס פון טרוים און ווירקלעכקייט. איוב האָט דאָך באַוויזט אַזעלכע מייסטער ווי דאַנטע, געטע, בייראָן, לעאָפּאַרדי, טאָלסטאָי, ביטציע,

הארטמאן, שאפנהויער און א סך פון דער וועלט־ליטעראטור. איך
האב געזונגען די ליידנשאפטלעכע געזאנגען פון שיר השירים, פון
אט דעם אוראלטן ראמאנס, וואס האט אלע חן״ען פון דעם פארכשופ־
טען אריענט און האט אנגעצונדן די ליבע־ליריק פון דער וועלט־
פאעזיע אין אלע צייטן, אנהייבנדיק מיט דעם הומאניסט פעטראַרקע
און ענדיקנדיק מיט דעם טראגישן גריך און זוניקן נאזארענער —
היינריך היינע. איך האב דורכגעבלעטערט די מעלאנכאליש־קלוגע
אויסדרוקן פון דעם וואונדערלעכן קעניג קהלת. איז דאך די פילאָ־
סאָפיע נישט ווייטער אוועק א טריט פון קהלתס סקעפטיש־פעסי־
מיסטישע פילאסאפיע, וואס האט אלם זיין לעזונג פון די לעבנס־
פראבלעמען — דעם אמעריקאנער פראגמאטיזם פון ניינצנטן יאָר־
הונדערט. איך האב געפלאקערט צוזאמען מיט יענע טראגיש־הע־
ראישע געשטאלטן פון די נביאים, יענע מענטשן פון פלייש, וואס
זענען צייטנווייז געווארן פייער, ווייל דאס ווארט פון גאט האט
דורך זיי געקלונגען ווי א שטורם. און ווי דאס ווארט פון גאט אין
געוואלטיקן עקסטאז איז דאך ארויסגעשליידערט געווארן דורך זייע־
רע פייערדיקע נשמות מיט סטיל און בילדערישער קראפט, מיט
ארדנונג און סיסטעם; וואסארא מעכטיקע פאעטן דאס זענען גע־
ווען, וועלכע האבן די הימלען געשמידט צו פיילן און זיי געש־
ליידערט צו די זינדיקע. און אין קעגנזאץ צו זיי — ווי בין איך
בארויקט געווארן אין דער לירישער אידילישקייט פון רות, די ער־
לעכע געשיכטע פון א גרויסער, ערדיש־ערלעכער פרוי. און ווי וווּנ־
דערלעך קלינגט די פשוטע דערציילונג וועגן דעם נביא מיטן „איג־
פעריאַריטי־קאמפלעקס״ — דער דינער, מעלאנכאלישער נביא יונה
וואס גייט דורך די גרונטן פון אקעאן בלויז כדי צו שליידערן דעם
אייביקן אמת אז גאט איז אויף די גרונטן פון די מערן און אויף
די הויכקייטן פון די הימלען. וואסארא געוואלטיקע דערציילונג וועגן
א נביא וואס קען נישט אנטלויפן פון גאט ,ווי מיט טויזנטער יארן
שפעטער קען דאס זעלבע נישט באווייזן דער העלד פון בייראן —
דער גראף מאנפרעד.

איך האב געלעזן און געזונגען דאס אייביקע בוך וואס וועט,
נאכדעם ווי די מענטשהייט וועט פילייכט זיין פארפרוירן אויפן
פלאנעט און גלאצן מיט טויטע אויגן צו די בלויע, פרילינגדיקע

הימלען — אָדער נאכדעם ווי די מענטשהייט וועט ווערן אש און שטורמס וועלן דעם אש זייען איבער קאנטינענטן און אָקעאַנען — וועט אַלץ דאָס בוך תנך לעבן און פארקערפערן מיט זיך די מענטש-הייט אין אַלע אירע טראגעדיעס און קאָמעדיעס, עמאציעס און שטימונגען, איבערלעבענישן און געדאנקען.

און בשעת די לבנה האָט געצונדן דורכן פענסטער די בלעטער מיט אַ מיסטיש־שטראַלנדיקן ליכט — האָב איך געטראַכט: צוויי זאַכן באגלייטן דער מענטשהייט זייט איר געבורט אויפן פּלאַנעט און ביז איר לעצטן טאָג. די לבנה און דער תנ״ך; דער שפּליטער פון דער זון וואָס גייט נאָך געטריי די ערד אין אַלע אירע פאזן — און דער גייסטיקער שפּליטער פון אַ גרויסן, טראגישן פאָלק וואָס גייט נאָך די מענטשהייט אין אַלע אירע פאזן.

* *

*

מיינע הערן און דאמען, אייגנטלעך צו וואָס איז אָט די אריינ־פירונג? איך וואָלט זאָגן אַז אונטער באַוווסטזיניק פילן מיר אַ גע־וואלטיקע שרעק ווען מיר דארפן רעדן איבער אקטועלע פּראָבלעמען אין דער איצטיקער צייט פון גרויל און טויט. מיר אנטלויפן פי־לייכט אין טרוימערישע היילן פון דער פארגאנגענהייט אָדער צו־קונפט, ווייל אונז איז שווער צו לעזן אָדער צו אנטפּלעקן עפּעס נייעס, בפרט אין דער איצטיקער צייט. וועמענס רעאַליטעט איז ניט נייטיק צו שילדערן, ווייל די טעגלעכע צייטונג איז דאָס בלוטיקע טאָג־בוך פונם גרויסן טאָג אויף דער ערד — אָדער, איך וואָלט זיך אויסדריקן ליטעראַרישער — די צייטונג איז די אפּאקאליפּסע פונם מעת־לעת. עס פאדערט זיך ווירקלעך היינט צו טאָג אַ גע־וואלטיקער מוט צו רעדן איבער ליטעראַטור און קונסט, ווען אונ־זער פאָלק גייט אָפּ אין בלוט. נאָך אַ גרעסערער מוט פאָדערט זיך צו שטיין פאַר די אומענדלעכע ליידן פון אַלע פארגאנגענע דורות און ארויסרעדן רייד וואָס קענען נישט זיין מער ווי פראזן. ווען אַ גאַנץ פאָלק גייט דורך טויזנטער יאָרן ווי אַ מארטירער און קען זיך נישט העלפן און צווייפלט האמלעטיש איבער איר זין און מיסיע

— ווי קען איינער אַ מענטש וואגן עפּעס צו זאָגן און אורטיילן. עס איז פּאָליייכט אַ מין געזעצלעכע חוצפּה...

מיר דאכט אז אין אונזער לאגע איז פּאָרט פּראקטיש, אנשטאָט צו ווערן היסטעריש און צו רייסן קברים — רואיק אריינצוקוקן אין דעם פלאמענדיקן אפּגרונט פון אונזער עקזיסטענץ און טויזנט מאָל איבערצוחזרן דאָס שפּריכוואָרט פון שפּינאָזא, וואָס איז אויך געווען זיין לעבנס־פּרינציפּ: „נישט וויינען, נישט לאַכן — נאָר פאַרשטיין".

עס איז אַ פאַקט אַז מיר לעבן, מיר עקזיסטירן. מעגן מיר ביי די פעלקער זיין פאַרהאַסט, ווייל מיר זענען דער עלטערער ברודער, וואָס האָט זיי געלערנט מאָראַל און עטיק. מעגן מיר ווערן געהאַסט דערפאַר ווייל מיר זענען פשוט אַן אַלט פאָלק און דער ייִנגער דור האַסט שטענדיק דעם עלטערן דור. מעגן מיר זיין ארומגערינגלט מיט שנאה דערפאַר ווייל מיר לעבן, פשוט — ווייל מיר לעבן נאָך, בשעת מיר זענען געשטאַנען ביים מארגנרויט פון פעלקער און ביים בין־השמשות פון קעניג־רייכן, ביים וויגעלע פון קולטורן און ביי די קברים פון אימפעריעס. אַ צווייטער פאַקט איז אַז מיר האָבן ווירקלעך געבראַכט דער וועלט אַ קאָלאָסאַלן טרוים — אַ מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע. מיר האָבן פון אַלע געטער אויסגעשמידט איין ריזיקן, איינציקן גאָט און אים פאַרשפאַרט ערגעץ אין די ווייטסטע בלויקייטן און, בשעת די פעלקער בייזערן זיך, ראַנגלען זיך, שילטן אונז, פּאָגראָמירן און טויטן אונז — ברענט עס אין זיי דער האַס צו אַט דעם ווייטן גאָט־טרוים אונזערן, צו וועמען מיר בעטן אין די שולן ווען זיי ברענען מיט נאַפט באָגאַסן, און צו וועמען מיר בעטן אונטער די הימלען ווען זיי לייכטן מיט שטערן אָדער מיט זונליכט. עס איז אַ פאַקט אַז מיר האָבן דער וועלט, די פעלקער געלערנט די לערע פון מאָראַל און פאַרנונפט. מיר האָבן די פעלקער געגעבן רעליגיעס און געזעצן און ווי זיי זאָלן אונז ביטער האַסן, זענען זיי געבונדן אין אונזער עטיק אין מאָראַל. זיי רעוואָלטירן קעגן אונז, רעוואָלטירנדיק גלייכצייטיק קעגן די עטישע געזעצן. און דאָך, מיר האָבן זיי אנגעשטעקט און, ווען בלוט־אָרגיעס ברעכן אויס, שטייען אויף פון זייערע אייגענע רייען מענטשן צו פאָדערן אונזער רעכט און צו מאָנען דאָס שיינע און דאָס אמתדיקע. ווען מיר קוקן

זיך גוט צו צו די געוואלטיקע עפּיזאָדן פון דער געשיכטע, זעען מיר איין אַז אין זייערע אייגענע רייען האָבן מיר צדדים — און אַפילו איצט, ווען אין אייראָפּע שלאָגן זיך פעלקער, פאַרקערפּערט מיט זיך איין טייל אונזערע פּרינציפּן, אונזערע עטישע לערעס, אַפילו ווען זיי שלאָגן זיך פאַר זייערע אייגענע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. מיר זענען אין דער וועלט־געשיכטע די דאָן קישאָטן. מיר לעבן און שטאַרבן טאָקע טראַגיש און פול מיט חוזק מצד די אַרומיקע. אָבער די סאַנטשאָ פּאַנטשאָס בלייבן פאַרגעסן און דער ווינט צערייסט זיי ווי שטויב. דאָן קישאָט שטייט ווידער אויף תחית המתים און טראָגט זיך אין זיין ריטערישן הילוך איבער די בלויזיק־פלאַמענדע האָריזאָנטן פון דער וועלט און רופט צו יושר און אמת.

אויב די נאַטור, אויב דער אוניווערס האָט אָרדנונג, סיסטעם, זין און מיסיע, אויב די קאָסמישע עוואָלוציע באַזיצט אָרדנונג און אַ קלאָרן וועג צום פּראָגרעסיוון און בעסערן — און אַלע גרויסע דענקער און קינסטלער האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן געדאַנקענגאַנג — דאַן זענען מיר, יידן, אַ טייל פון דער קאָסמישער עוואָלוציע. דאַן האָבן מיר אַ מיסיע, אַ ציל, וואָס איז אַרויפגעצווונגען געוואָרן אויף אונז דורך העכערע כוחות און, ווי מיר ווייסן, שטודירנדיק די געזעצן, די מעטאָדן און די געשיכטע פון דער אוניווערסאַלער עוואָלוציע איז די נאַטור קיינמאָל נישט קאַרג אויף צו פאַרשווענדן ענערגיע, כח און מאַטעריע פאַר אירע ציִלן און אויפגאַבן. עפּעס ענלעכעס קומט פאָר אין דעם טייל עוואָלוציע וועלכעס איך רוף „די יידישע געשיכטע“. מיר פאַרלירן אַ סך בלוט, אַ סך פלייש, אַ סך ענערגיע. אָבער אידייאיש זיגן מיר און נישט די ברוטאַלע פעלקער: עפּעס ווי די נאַטור וואָלט דורך אונז געהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי זי האַנדלט ס״רוב. אַ סך ענערגיע גייט פאַרלוירן. דער ווינט פאַרטראָגט די זוימען פון געוויסע פלאַנצן איבער בערג און שטיינער, איבער אָקעאַנען און שאַטנדיקע היילן. אָבער דער ווינט פאַרטראָגט דיזעלבע זוימען איבער פרוכטבאַרע פלעצער און די פלאַנץ בליט דאָך אַרויס און ציכנט איר עקזיסטענץ אויפן האָריזאָנט פון דער אַלגעמיינער עוואָלוציע.

עס קלינגט פּיליכט צו פילאָסאָפישזאָביעקטיוו אַזאַ פעסט־

שטעלונג, בפרט איצט, ווען אונזער פאָלק, ווען אונזערע ייגנע, פּאָטענציעלע מענער און שטאַרקע, שיינע פרויען — שטאַרבן אין פּוילן, און דייטשלאַנד, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ווען אונזערע זקנים און אונזערע קינדער פאַלן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, טורמעס, אַזילן און באַמבאַרדירטע שטעט און דערפער. עס קלינגט גרויזאַם. אָבער, האָבן מיר דען אַן אַנדערע ברירה, אויסער ווי וויט מיר קענען העלפן מאַטעריעל — ווי צו דערהייבן איבער אונזער אייגענער טראַגעדיע, אויפצוהייבן די אויגן צו גאָט, צום גראַנדיעזן זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג און זען אַז אונזער טראַגעדיע איז ערדיש, בשעת אונזער טריומף איז הימליש.

זינגן מיר דען נישט אין אַלע צייטן? האָבן זיך דען נישט די פעלקער געשלאָגן, פאַר אונזערע אידעאַלן? זענען נישט די מיטלאַלטערליך־הערעטישע קריגן — נישט די מלחמות פאַרן אמת, וועלכן ס׳האָט באַגייסטערט דאָס וואָרט פון תנך אַז אַלע פעלקער זענען גלייך און אַלע מענטשן זענען ברידער? האָבן מיר נישט אַנגעצונדן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, איר גיבנדיק אונטער דער פלאַמענדיקער צונג דעם שם המפורש פון אונזערע אייביקע אידעאַלן? האָבן מיר דען נישט — ווי אַן אויסדרוק פון געהיימער נקמה קעגן זייער ברוטאַליטעט, זעט עס אויס — געצונדן רעוואָלוציעס און רעוואָלטן. יאָ, מיר אַנערקענען דעם אַרגומענט פון די אַנטיסעמיטן — אַז מיר שטעקן אַן די פעלקער מיט די שרעקלעכע באַצילן פון קאַמף און בענקשאַפט צו פרייהייט. מיר גיבן עס שטאָלץ צו און מיר שמייכלען איראָניש...

דאָס איז אונזער אויפגאַנג אין די גרינע, יינגע צייטן פון דער וועלט־געשיכטע. ווי פאַרעקשנטע פלאַנצן, וועלכע בייסן דורך דעם האַרטן באָדן נעבן די פעלזן און פלאַצן אַרויס אין זייער גאַנצער זוניקער שיינקייט און שטראַלנדיקייט — אַזוי פלאַצן מיר אַרויס אין פּאָטענץ און אין לוסט צום לעבן. מיר דריקן זיך אויס אין דער וועלט־ליטעראַטור דורך די מעדיומס פון אונזערע גרויסע דיכטער און קינסטלער. דאָ ווו מיר זענען נישט אימשטאַנד צו ווירקן דירעקט, באַווירקן מיר מיט אונזער גייסט די גרויסע דיכטער פון אַנדערע פעלקער. און עס איז דאָך אַ פאַקט אַז די וועלט פון אינטעלעקט און גייסט איז נישט קעגן אונז — נאָר אין טיפער מיטלייד

און סימפאַטיע צו אונז. אונזער גורל איז דער גורל פון דער גאַנ־צער מענטשהייט. אַזוי ווי אַן אַטאָם קען זיך נישט אָפּגרעניצן פון דעם גאַנצן קערפּער און אַזוי ווי אַן איינצלנער קען זיך נישט אָפּזונ־דערן פון זיין פאָלק, זיין שטאַנד, זיין צייט — אַזוי קענען מיר אַלס אַ פאָלק זיך נישט צעשיידן פון דעם גורל פון דער מענטש־הייט. ווען סאיז שלעכט מיט אונז, איז שלעכט מיט דער וועלט. ווען סאיז גוט מיט אונז, איז גוט מיט די פעלקער און נאַציאָנען.

די מענטשהייט וועט דערגיין צום אמת, הגם דורך פּיראַמידן טויטע קערפּערס און דורך רוינען פון שטעט און לענדער. אָבער, איך גלייב טיף, איך בין איבערצייגט, אַז אַזוי ווי דאָס געזעץ פון דער אוניווערסאַלער עוואָלוציע איז צו דערגיין צום פּולקאָמענעם — אַזוי איז אויך דאָס געזעץ אין דעם טייל עוואָלוציע וועלכע די מענטשהייט גייט דורך — צום בעסערן און שיינעם. מיר זענען אַ טייל פון דער מענטשהייט און מיר מוזן טריומפירן מיט אונזערע אידעאַלן אין דער געשיכטע און אין דעם גורל פון דער מענטשהייט.

אונזער אַלטע העברייאישע קולטור, אונזער מאָדערנע ארץ־ישראל־שאַפונג, די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור וואָס האָט אין די קלאַסיקער דערגרייכט איר עפּאָגיי און וואָס האָט אנגענומען איר אייראָפּייאיש־פּאַרצווייגטע, אוניווערסאַלע גרויסקייט אין אונזערע צייטן — דאָס אַלץ איז געשאַפן אין דער ריכטונג פון אוניווערסאַ־ליזם. מיר האָבן איצט אין דער נייער־יידישער ליטעראַטור גרויסע פּראָזאַיקער וועלכע האָבן געשאַפן דעם ברייטן, אייראָפּייאיש־ראָמאַ־נירטן ראָמאַן. מיר האָבן דערציילער וועלכע קענען זיך פאַרגלייכן אין דער קונסט פון שמידן די קורצע דערציילונג — צו די בעסטע מייסטער פון דער רוסישער און פראַנצויזישער קורצער דערציילונג. מיר האָבן גרויסע דיכטער, וועלכע האָבן אין זייערע דיכטונגען אויס־געזונגען דאָס ליד פון דער מענטשהייט אין אַלע אירע דראַמאַטישע פאַזן, געדאַנקלעך־אינטעלעקטועל, פּולקאָם אין דער טעכניק, טיף אין איר לירישן געפיל, מייסטערלעך אין דעם עסטעטישן זין, גע־וואַלטיק אין דעם באַהאַנדלען די מענטשלעכע פּראָבלעמען פונם וויגל ביזן קבר. מיר האָבן אַן אַנטוויקלטע ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע אורטיילט קונסט — לויט אַ געווויסן מעטאָד, אַרויסגייענדיק פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט — אָדער איז אַליין שעפעריש, באַנוצנדיק

דעם אימפרעסיאָניסטן מעטאָד פון באַשרייבן קונסטווערק לויטן איינדרוק וואָס זיי רופן אַרויס.

מיר האָבן גרויסע קינסטלער אין סקולפּטור, אין מאַלעריי. צו זיין אָביעקטיוו, זענען מיר נישט ווייט דערגאַנגען אין די אַנדערע געביטן פון קונסט הגם אונזער ליטעראַטור איז ברייט־פאַרצווייגט און מעכטיק.

ווי שטענדיק, אויך אין דער איצטיקער ביטערער צייט, דאַרפן מיר נאָכפאָלגן. דעם וועג, וועלכן אַ גרויסער כח אין נאַטור האָט אונז אָנגעצייכנט אין דער געשיכטע: דעם אוניווערסאַלן גאַנג. מיר מיזן זיך באַמיען אינטעלעקטועל צו שטיין אויפן געהעריקן ניוואָ, דען אין דעם זין האָבן מיר וואָס צו לערנען ביי די אַנדערע פעלקער. מיר מוזן זיך באַמיען נישט צו זיין נאָכלעסיק צו די אַנדערע געביטן פון קונסט, וועמען מיר דאַרפן באַווירקן און פון וועלכער מיר דאַרפן באַווירקט ווערן, ווי דאָס געשעט אויך ביי אַנדערע פעלקער. נאַטירלעך איז דאָך די קונסט — איין גרויסע, קאָלאָסאַלע קונסט. מוזיק, סקולפּטור, באַלעט, מאַלעריי, טעאַטער — דאָס זענען נאָר פאַרשידענע צווייגן און פאָרמען פון דער איינער גרויסער קונסט. מיר מוזן זיין אויסגעבונדן מיט דער וועלט־ליטעראַטור, מיט דער וועלט־קונסט, זי באַטראַכטנדיק פאַרן צענטער אין דער אַלגעמיינער עוואָלוציע פון קונסט, צו וועמען מיר טראָגן צו דעם ביישטייער פון אונזער קולטורעל און קינסטלערישן שאַפן. מיר מוזן קאָנטראָלירן אונזער שאַפונג אַזוי, אַז עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל, אין פאָרם ווי אין אינהאַלט, זאָל עס נישט זיין אַ צוריקטריט פונם שטאַנדפּונקט פון דער וועלט־קונסט — נאָר שטענדיק זיין אַ פאָרויסגאַנג, אַ נייער קינסטלערישער זיג אין דעם געוואַלטיקן בנין פון דער אוניווערסאַלער קונסט. אונזער טעמאַטיק דאַרף שטענדיק זיין אין זין פון אַרויסקוקן צו דער ברייטער וועלט — דורך זיך, פּונקט ווי די קרעפטיקע רוסישע רעאַליסטן האָבן דורך דער קאָמפּליצירט־רוסישער נשמה און פּסיכיק געוויזן און באַרירט די פּראָבלעמען פונם מענטש.

* * *

ווי איז די צוקונפט פון דער יידישער קולטור אין אַלגעמיין? וועלן מיר באַוויזן צוצוציען די יידישע יוגנט, וועלכע פרעמדט זיך

אפ פון אונז און ווערט אונפארמיידלעך אריינגעצויגן פון דער אמע־ריקאנער קולטור? איז מעגלעך אז מיר זאלן באקומען פאר קאנ־סומענטן — די יידישע אינטעליגענץ? וואס וועט זיין די צוקונפט פון יידיש? —

דא בין איך נישט אזוי אפטימיסטיש ווי געוויינלעך, הגם פעסי־מיסטיש קען נאר זיין א סענטימענטאלער מענטש. מיר ווייסן אז דער יוגנט ציט שטענדיק צו דער ברייטער, גרויסער לאנדס־קולטור. עס איז נישט אין די געזעצן פון קולטור־אנטוויקלונג אז די יוגנט זאל אוועקגיין פון דער לאנדס־קולטור — צו איר נאציאנאלער קול־טור. די יוגנט איז אוניווערסאל געשטימט. די אמעריקאנער קולטור איז א גרויסע.

עס טרעפט אז די יוגנט פארטיידיקט די נאציאנאלע קולטור. ווען? ווען דאס פאלק האט זיין טעריטאריע און עס ווערט פאליטיש אונטערדריקט פון אן פרעמדן לאנד. דאן ווערט די יוגנט רעוואלו־ציאנער געשטימט און העלפט אויפלעבן איר פאלקס־קולטור, וואס איז דאן אויך א רעוואלוציאנערע טאט, א באוווסטזיניק־העראאישע טעטיקייט.

די האריזאנטן פון יידיש זענען גאנץ טרויעריקע. דאס קלענסטע פאלק, ווען עס האט זיין טעריטאריע, שאפט באקוועם איר אייגענע קולטור. אונזערע יידיש־צענטערן קומט אוים צו קעמפן מיט דער קולטור פון דער וועלט. טא — ווי אזוי קענען מיר זיגן?

צוויי זאכן האבן אויפגעהאלטן אונזער נאציאנאלע קולטור. דער אינערלעכער געטא און דער אויסערלעכער. דער אינערלעכער געטא איז געווען — די רעליגיע, וואס האט אונז נישט געלאזט זיך אויס־מישן מיט אנדערע פעלקער — פיזיש און במילא גייסטיק. דער אויסערלעכער געטא איז טאקע דאס געטא וואס די פעלקער האבן אויף אונז ארויפגעצוואונגען, נישט צולאזנדיק אונז צו זייערע שולן א. א. וו. ווען אבער די צוויי געטאס וועלן צעפאלן — און טייל־ווייז קראכן זיי שוין — באדייט עס א געפאר פון אונזער נאציאנא־לער קולטור.

די העברעאישע קולטור האט א טעריטאריע, ס'הייסט אויף ווי־ווייט מען קען פאלעסטינע טאקע באשטימט אנרופן א טעריטאריע. יידיש פארלירט דעם באדן אונטער די פיס אפילו אין רוסלאנד.

דאָרט וווביידע פּרויער דערמאָנטע געטאָס זענען צעפאַלן. מעכטי־קע יידישע צענטערן זענען איצט צעבראָכן געוואָרן אין אייראָפּע. דאָס געוויסן פון דער יידיש־אַמעריקאַנער יוגנט ווערט ווייניק גע־רירט פון דעם אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל טאַקע פּאַרקומען אַ באַ־וואוסטזיניקע ווענדונג צו אונזער יידיש און עס זאָל פאַראורזאַכן אַ רענעסאַנס אין אונזער קולטור־וועלט.

מיט יוגנט איז נישט קיין פראַגע פון געוויסן — נאָר פון ענער־גיע פון איר סביבה. איר סביבה באַשטימט אירע ענערגיעס אין אַן אַנדער ריכטונג.

עס זענען מעגלעך סיורפּריזן. אָבער ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, איז דער חוב צו טון אונזער פליכט און זיין ריין צו גאָט, צו מענטש און — טאַקע צו יידיש אויך...

די געשיכטע פון פעלקער און קולטורן האָט זיך איר גאַנג און אירע געזעצן פון עקזיסטענץ, פון געבורט און טויט. מעכטיקע וועלט־קולטורן האָבן געלעבט און זענען אונטערגעגאַנגען. מיר מוזן בלייבן רואיק אויך בנוגע יידיש. קיין רייסן קברים וועט אונז ניט העלפן און עס איז פיל שענער צו בלייבן פילאָסאָפיש־רויק. אַלץ האָט זיין ראָלע און זיין ווירקונג אין דער וועלט. אַזוי איז אויך מיט ליטעראַטור און קונסט. די גרויסע ווערק, וועלכע זענען ווערטפול פאַר דער מענטשהייט און קענען דורכגיין דעם פייער־פּרווו פון אייביקייט — וועלן זיכער בלייבן. און דאָס וואָס האָט נישט קיין דויערנדיקן ווערט — וועט אויסגעקערט ווערן מיטן ווינט פון דער צייט. און דויערנדיק אין דער וועלט־ליטעראַטור און וועלט־קונסט איז נאָר דאָס וואָס איז אוניווערסאַל, וואָס באַהאַנדלט פון אַ נייעם שטאַנדפּונקט אוים — און אין אַ נייער פאָרם — די אייביקע, די אַזוי גערופן קלאַסישע — פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט. מיר באַנעמען אַ קונסטווערק מיט גייסטיקן לוסט, ווען עס אָטעמט מיט דער לופט פון סטראַטאָספערע.

אין דעם זין — מעג איך פּלייכט דערמאָנען זיך אַליין — שאַץ איך ליטעראַטור און קונסט. אַ קונסטווערק האָט פאַר מיר באַדיי־טונג, ווען איך דערקען דערין די וועלט, דעם קאָסמאָס, ווען עס איז קאָסמיש־באַוואוסטזיניק און פאַסט אויף די וועלט און אירע גע־שעענישן ווי איין גוואַלטיק ספּעקטאַקל וואָס האָט זיין קאָאָרדי־

נאציע, זיין צוועק, זיין זין און זיין צוגעהעריקייט צום גאנצן, גרויד-
סען וועלט-געשעען.

פיליכט — אביעקטיוו גערעדט — איז אויך דאָס לעצטע אַ
מענטשלעכע איינגשאפט. פיליכט איז אָרדנונג און סיסטעם, וועל-
כע מיר זעען אין נאטור — נישט קיין אָביעקטיווער אמת. אָבער,
מיר, מענטשן, האָבן אַ נייגונג די וועלט אזוי צו זען. די נייגונג אין
אונז איז פיליכט אַ רעזולטאט פון דער ארדנונג, וואָס איז ווירקלעך
פאַראַן אין דער וועלט, הגם אין לאָקאלן מאסשטאב — זען מיר
אומאָרדנונג און משוגעת. פונקט אזוי אָבער ווי אַ ווולקאן איז ניט
דער ציל און אויך נישט די לעצטע פאַזע פון דער ערד, אָדער פונקט
אזוי ווי אַ נעבולא, מיט אירע שטורמדיקע עלעמענטן, כאאטישע
פארמלאזיקייט און אומאָרדנונג איז נישט איר לעצטע אנטוויקלונגס
פאַזע — נאָר די סאמע ערשטע, אזוי קען מען אויך זאָגן בנוגע דער
מענטשהייט: איר איצטיקע אומאָרדנונג און ברוטאלער כאאָס איז
נישט איר לעצטע פאַזע. פון דער נעבולאַ פארמט זיך אויס אַ מיים-
טערהאפטער פלאנעט, מיט אָרדנונג און געזעצן — און דאָס איז
גיכער איר אייגנטלעכער מהות.

* * *

נאָכאמאָל — און זאָל דאָס זיין דער פינאל: מיר האָבן אנגעהויד-
בען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט מיט א ו נ י ו ו ע ר ס א-
ל י ז ם, אונטער וועלכן איך רעזומיר אלע אונזערע וועלט-אידעאלן
אונזער מיסיע — אויב די נאטור האָט אונז באַצוואונגען מיט אזא
מיסיע — איז ווייטער אנצוגיין מיט אונזער אוניווערסאליזם. דאָס
איז אויך, אין שפינאָזיסטישן זין, לעבן, ארבעטן, שאפן און ווירקן
אין איינקלאנג מיט דער טענדענץ פון אוניווערס און פון איר עוואָ-
לוציע, וואָס גייט צום בעסערן און צום פולקאָמענעם. קיינמאָל האָבן
די שונאים נישט געקענט טויטן אונזערע אידעאלן. זיי האָבן בלויז
געטויטעט אונזער פלייש. און די נאטור איז פארשווענדעריש אין
ענערגיע, אין פלייש, וואָס איז ענעגיע, לאדט אין זיך אָן די ענערגיע.
אין פלייש, וואָס איז ענערגיע, לאָדט אין זיך אָן די ענערגיע, עס

איז פיינלעך און פּיליכט גרויזאַם — אַזוי פילאָזאָפיש-קאַלט אויס־צודריקן זיך אין דער איצטיקער ברוטאַלער ווירקלעכקייט. אָבער — ווידעראַמאָל — מיר מוזן זיך דערהייבן איבער דער היסטאָריע און דעם חורבן און מיט א רואיקן קול זאָגן אַז אונזער גורל איז דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווען מיר וועלן שטאַרבן אויב מיר וועלן ווען עס איז שטאַרבן אַלס פאָלק — וועלן די פעלקער שוין זיין לאַנג טויט. איר חזר איצט איבער דעם טיטל פון דעם באַשיי־דענעם רעפעראַט:

אונזער טעטיקייט און אינהאַלט, אין אַלע געביטן ווו מיר דריקן זיך אויס — און, אונזער איינציקער טרייסט צום גרויסן פאָלקס־אומגליק פון אונזערע טעג און פון אַלע פאַרגאַנגענע דורות — דאַרף זיין: מיר האָבן אַנגעהויבן מיט אוניווערסאַלע אידייען. מיר פרעדיקן אויך אין דער קעגנוואַרט אונזערע אומשטערבלעכע אוניווערסאַלע אידעאַלן. און אויב מיר וועלן ווען עס איז ענדיקן — אננעמענדיק דעם געדאַנק אַז אַלץ אין דער נאַטור האָט זיין אַנהויב און זיין ענדע — וועלן מיר ענדיקן מיט אוניווערסאַליזם, בלייבנדיק געטריי אונזער גלאָררייכן אָנהייב, לעבנדיק אינם גייסט פון אונזער מי־סיע אין קאָסמאָס...

דער העלד בעטאווען

פון קינדהייט אָן איז ער „געצוווּנגען" געוואָרן. זיין שיכורער, אָרימער פּאָטער־מוזיקאַנט האָט אים געשלאָגן און געצוווּנגען צו שפּילן קליינערהייט, פאַר געלט. שוין אַלס קינד איז אים די פרייד פון אַ קינד צוגענומען געוואָרן. מענטש און נאַטור איז צו אים גע־ווען אומפריינטלעך. אַט דאָס דאָזיגע „באַצווינגען" האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערע קייט אויף זיין וועזן. האָט באַשטימט זיין לעבן און זיין כאַראַקטער. אָדער ער איז געצוווּנגען געוואָרן דורך דער נאַטור — אָדער ער האָט די נאַטור באַצווּנגען. אָדער מענטש און וועלט האָט אים אָנגעטון אין קייטן — אָדער ער האָט אין פלאַמיגע קייטן געבונדן די וועלט, געבונדן גאָט, געבונדן דעם גורל, געבונדן דעם גאַנצן אוניווערס...

שוין אויפן „טויטן בעט" ליגנדיק, ווען דער טויט האָט זיין הונטשלעגערישע קייט אויף זיין האַלז פאַרוואָרפן, האָט ער אַ באַזיג־טער, אַ צום־ערשטן און צום־לעצטן מאָל באַזיגטער — געשמידט די פויסטן זייגע, געמייסטערט די פויסטן צו שווערע, אייזערנע באַמ־בעס — און זיי אויסגעשטרעקט צו דעם טויט, זיי געשליידערט אין דער לופטן. דער קערפּער פונם ריז איז שוין געווען טויט און דער־שלאָגן. אָבער הויך האָבן נאָך די שטאָלערנע פויסטן געדראָט דעם טויט, דעם זיגער...

*   *
*

האָט ער באַזעסן האַרמאָניע? — זיכער נישט די האַרמאָניע וואָס עס האָט באַזעסן אַ געטע. די האַרמאָניע פון אַ געטע, ווי גרויס

און גראנדיעז זי זאָל נישט זיין, ווי אוניווערסאַל און געטלעך — האָט אין זיך אַן עלעמענט פון פיליסטעריזם. זיכער נישט אין גע־וויינלעכן זין פון וואָרט. עס איז אַ הארמאָניע וואָס עס באַזיצן גע־טער און טיטאַנען. אַ פיליסטעריזם וואָס איז אייגן אַפילו די גרעס־טע פון דער ערד. אָבער דאָך — פיליסטעריזם...

עס פאָדערט זיך נישט בלויז יופיטערישע גאַנצקייט, פולקאָמענ־הייט און רו — אין אַ צייט פון פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, נאַפּאָ־לעאָנישע מלחמות און נאַציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנ־דען, צו בלייבן איבער אַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען. עס פאָדערט זיך אויך צו באַזיצן דעם עגאָאיסטישן באַגער צו געניסן די וועלט און דאָס לעבן ביזן פולן בעכער וויין און דער גרויסער דראַנג זיך זעלבסט קיין שאָדן נישט צו טון און אויסמיידן די לייד און דעם ביטערן טראָפּן גאַל — און קוקן דער זון אין געזיכט מיט אויגן פון הארמאָניע און רו.

ווי גרויס אַלזאָ געטעם געשטאַלט זאָל צו אונז נישט דערשיינען, ווי גראַנדיעז אין פאַרנעם אַלס מענטש, אַלס קינסטלער און דענקער — דאָך מוזן מיר זיך באַקלאָגן אויפן מאַנגל אין מיטלייד צו די ליידנדע, אויפן מאַנגל פון יענעם רעוואָלוציאָנערן געפיל, וואָס האָט אַזוי העל באַלויכטן דאָס געזיכט פון שילער און האָט אים געצוווּנ־גען פון זיין אינערלעכער, שטערבלעכער ברוסט אויסצוזינגען דאָס אומשטערבלעכע ליד פון „אומהאַלזט אייך מיליאָנען!"...

אַזוי דערשיינט פאַר מיר דער ריז געטע. דאָס גרויסע זונען־קינד!

אָבער בעטאָווען? — נישט נאָר אים איז פרעמד דער עלעמענט פונם פיליסטער, אים זענען אויך פרעמד געטעס אַנדערע קוואַליטע־טען פון וועלט הארמאָניע.

בעטאָווען — דאָס איז אַ פינסטערע נעבולאַ וואָס פאָרמט זיך צו ווערן אַ קאָסמאָס. עס איז דער שטורם־און־דראַנג וואָס קען נישט קיין רו און קיין אָרדענונג. אָבער אין אָט דער אייביגער אומאָרדע־נונג און אומרו פלאַקערן אויף די שטריכן פון הארמאָניע, אַ העכע־רע הארמאָניע, די גרויסע רו פון אומהאַלזן אַ קאָסמאָס מיט טויזנט שטורמס, די רו און די אָרדענונג וואָס נעבולאַס טראָגן אין זיך, די־

רו און די אָרדענונג וואָס אַ רעוואָלוציע טראָגט פאַרבאָרגן אין אירע שייטערהויפנס און מאַסנאָרגיעס.

בעטאָווען — דאָס איז נישט דאָס געטעשע בליקן צום אונגעוערם מיט שטאָלן און זון אין די אויגן. עס איז דאָס הערקולעסישע ראַנגלען זיך מיט דער דראַכע פון אומענדלעכע מענטשלעכע ליידן. עס איז דער אייביגער קאַמף וואָס קרוינט מיט זיג דעם קעמפער, ווי אַ שלאַכט־פעלד ווערט געקרוינט מיט גרינע, רואיגע קברים...

עס איז נישט די האַרמאָניע פון אַ גאָט, ווען ער רוט נאָך די גרויסע זעקס טעג פון אַרבעט און בליקט מיט אַ שמייכל אויף זיין געוואַלדיגער שאַפונג! עס איז די האַרמאָניע פון אַ פלאַמענדיגן, שווערן, פּראָמעטעאיסטישן גאָט, וואָס שאַפט און שניידט וועלטן, אינמיטן פון זיין גראַנדיעזער אָנשטרענגונג, אינמיטן פון זיינע שטאַרקע שאַפונגס־פייערן!

אָבער שוין שטראַלן די געקנאָטענע אוניווערזן מיט זונען און שמייכלען און קרוינען מיט ליכט דעם שעפערס קאָפּ און וואַשן מיט פייער זיינע אייזערנע הענט...

דאָס איז די האַרמאָניע פון בעטאָווען. זיג! — איז ביי זיין ענדע, גרויסער זיג! — אָבער דערווייל הערשט די פינסטערע נאַכט אין זיין האַרצן. דערווייל איז ער לויטער קאָסמישער כאָאָס! אין אָט דעם כאָאָס וועט גלאָר־רייך אויפשטראַלן אַ ריזיקע זון! פריער אָבער ראַנגלען זיך די כוחות אין אַ מיטאָלאָגישן שטרייט, פריער שלאָגן זיך די מענטשן און עס קריסטאַליזירן זיך אויס די מאַסקעס פון די קרעפטן! אַ זון וועט אַ שטירע טון איבער אַלע אָפּגרונטן און אַ שליידער טון ליכט איבער אַלע הויכקייטן!

* *
*

זיין מעכטיגער געניע האָט ווי אַ שטיינערנע פּויסט צעשלאָגן אַ סך קענגער. ער האָט, ערשטנס, אין אַ צייט פון געוואַלדיגער אַנטוישונג, ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געלעגן צעשמעטערט מיט אַלע אירע אידעאַלן אין די שאַרפע קאַנטן פון נאַפּאָלעאָנס קרוין; ווען די נאַפּאָלעאָנישע קריגן האָבן אָנגעמאַכט אַ חור־

בען אין דער לאגע פון אייראפע ;ווען די רעאקציע אין אייראפע האט ווי א שווארצער שטורעם זיך דערהויבן און ארויסגעברענגט אלערליי מיסטיש־רעליגיעזע, ראמאנטיש שאווינסטישע בלומען; די קורבע האט אויפגעהויבן איר גאטישן קאפ; אין דער פילאזאפיע האט באנ־קראטירט דער ריינער ראציאנאליזם; און אין אט אזא צייט פאלט בעטאווען נישט אריין אין רעאקציאנערע שטימונגען. ער בלייבט דער סימבאל פון לאגיק און מוט. ראמען ראלאן פארגלייכט אים ריכטיג צום גרויסן, מאסיוון און מעכטיגן רעוואלוציאנער דאנטאן. ביידע האבן געמיינזאמעס אין זייער העראאישן געשטאלט און פארנעם, אין זייער שטאלצן דערשיינען אויף דער סצענע.

יא, בעטאווען איז נאך אלץ דער העלד פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, באהערשט פון אירע אידעאלן און מעכטיגע שטימונ־גען פון פרייהייט. די טריט פון אירע ארמייען ציטערן אפ אין זיין בלוט מיט א באגייסטערטן עכא. ער בלייבט שוין איר פלאמענדיג קינד.

ער האט דורך זיין גאנץ לעבן געמוזט ביטער קעמפן קעגן אט דער רעאקציע, זי אויסלאכן. זי מיט דער לאווע פון זיין ווולקאנישן טעמפעראמענט פארפלייצן. און דאס האט ער געטון, ווען ער איז געווען אזוי שטארק אפהענגיק פון די דעגענערירטע פרינצן און בליי־בע אריסטאקראטן. ער האט געקושט דער דאמעס האנט — און אויסגעברענט ווונדן פייערדיגע אין דעם אריסטאקראטישן גוף. ער האט פאר זיי געשפילט און זיין געשאלטן אין זיין העראאישער מו־זיק, ער האט פאר זיי אויפסניי געשפילט די פראנצויזישע רעוואַ־לוציע, האט זיי געשראקן און געדראט מיט זיין נייער „מארסעליע־זיע"....

* *
*

די נאטור קען אפטמאל זיין אזוי פרייגיביג, ביז צו שטוינונג. אזוי קען זי צו אזא קליינעם, ארימען ייגגל צוווארפן א מעכטיקן מוזיקאלישן געניוס. אבער זי ווארפט אים צו אין א רויען צושטאנד. מען מוז זיין א זשעניע צו קענען אנטוויקלען דעם זשעניע אין זיך.

און דערין איז בעטאָוועז איינער פון די זעלטענע, וואָס האָבן זייער זשעניע געשליפן ביז א געטלעכער פערפעקציע.

אָבער די נאטור קען אויך זיין גרויזאם — און דוקא צו דעם, וועמען זי האָט אַ ווײַלע פריער באשענקט מיט אַלע אוצרות פון דער וועלט. זי נעמט צו ביי בעטאָווען זיין געהער — און דאָ פאנגט זיך אָן דער גרויסער דועל פונם מייסטער מיט דער גאנצער נאטור! א דועל, ווו עס זיגט טיטאניש דער ריז, דער זשעניע!

אויב די נאטור האָט באהאלטענע צילן און אַן אונערלעכע צוועקמעסיקייט — האָט זי בעטאָווען בארויבט פון זיין געהער, כדי אין אים אָנצוצינדן דעם קאמף קעגן איר, קעגן גאָט און וועלט און אזוי ארום האָט זי ארויסגעבראכט פון אים זיין ווולקאנישע מוזיק!

ער הערט נישט, ער איז נערוועז. ער דיריגירט אָרקעסטערס און הערט נישט ווי זיי שפילן. ער בייזערט זיך, ער ווערט אין כעס און רויט. אָבער ווען ער איז אין דער פינסטערער נאכט ביי זיך אין ציּמער, אַליין מיט זיך, זיין ווייטאָגדיגער געשטאלט, זיינע טויבע אויערן, זיין דערשראָקן, ווילד האָריק, זיינע משוגענע, פייערדיגע אויגן — דאַן הערט ער זיך איין אין דער מוזיק פון זיין זשעניע, דאַן ווערט ער אויפגעציטערט פון דער מוזיק פון זיין הארצן, וואָס ער הערט מיט די אויערן פון זיין נשמה, מיטן הארץ פון זיין הארץ — און ער שליידערט דער וועלט אַ ניי ליד, אַ ניי ליד פון מעכטיגע נאטור־סטיכיעס, פון ווילדע אָקעאנען־ברומען, פון ווולקאַנישע ריטמען, פון פייגל־כאָרען און רעוואָלוציע־טריאומפן — אַ נייע סימפאָניע וואָס דער גאון נעמט נישט פון דער נאטור, נאָר ברענגט ארויס פון זיך, ווי א גאָט ברענגט ארויס פון זיך לאנדשאפטן און וועלטן און גערטנער און הימלען און פלאנעטן!

אָט דאָס איז דער גרויסער זיג איבער די נאטור און איבער גאָט! בלויז אין די בריוו צו זיינע פריינט באקלאָגט ער זיך אויס ישרעק איבער זיין פארלוירענעם געהער. בלויז פון שרעק! — אָבער בעטאָווען באזיצט דעם געהער אליין, ווען ער איז מיט זיך, ווען ער גיט זיך איבער זיין אויסדערוויילטן גאָט. זיין אייגענעם זשעניע.

* *
*

ער איז מיאוס און העסלעך! זיין געזיכט איז ווי איין גרויסער בייל פון פלייש. בייז, געשוואָלן, פארבּיטערט, פארקרענקט, פאַר־צערט, זיינע אויגן גליען ווי די אויגן פון מיטאָלאָגישע האלב־געטער! אויגן פון א זשעניע, פול מיט שטאָלץ און מעכטיגן ווילן, פול מיט פאַרצווייפלונג און גייסטיגער געטער־פּיין.

אויגן פון אזעלכן, וואָס שליידערט אַפּ יעדער הילף דער נאַטור און די מענטשן — און בויט זיך אליין זיין גליק אין זיין אומגליק, זיין הימל און זיין ערד! אַלץ בויט ער זיך אליין, אָן שום הילף פון דרויסן!

ער איז מיאוס און בייז! איבער זיין לייבן־קאָפּ הענגען די ווילדע לאָקן, ווי צעהאַקטע שטיקער שטיין, פעלזיקע לאָקן פון א פעלזיקן ריז!

די פרויען ליבן אים נישט. די פרויען, וואָס רופן אַרויס אינם קראַנקן זשעניע פלאַמענדיגע געפילן, דאָ ווילדע ווי שטורעמס, דאָ צערטלעכע ווי טרערן, אָט די פרויען ליבן אים נישט און ער — אָ, גאָט! — ער ליבט ווי קיין שום מענטש אויף דער ערד! ער ליבט ווי א גאָט! עס ברענט אין זיין ליבע! א גאַנצע זון איז זיין הארץ! ער ליבט אַזוי ווילד און אַזוי שיין און אַזוי געוואַלטיק, ווי די זון ליבט דעם אוניווערס! צו די אומדאַנקבארע, ליידענדיגע, קאָסמישע שטרעקעס!

ער ליבט — און קיינער ליבט אים נישט צוריק! מען האלט אים פאַר א משוגענעם! אָ, דער נידערי‌גער, דיקלעכער מאָן מיט דער נאָז פון טייג, מיט דער לייבען־נאָז! ווי צו אים, ביטער איז אים! בלויז די איינזאַמקייט האלזט אים און קושט אים!

אָבער — וואַרט א ווייל!...

ווידער — טיפע איינזאַמקייט. ווידער האלזט אים און קושט אים דער שטורעם פון אוניווערס, וואָס האָט זיין אַקעאַנישע נעסט אין זיין הארץ. בעטאָווען, פון אַלע בערג פאַרצווייפלונג, שטייגט אין זיין טונקעלן הדר און זעצט זיך צו דער פאַרטעפּיאַן און אויס אַלע פאַרלוירענע ליבעס און אויס אַלע שטיינערנע פאַרצווייפלונגען — ווערט געבוירן א נייע, מעכטיגע מעלאָדיע! א נייע „עראָאיקאַ“!.....

אַזוי נעמט ער בסדר נקמה אין זיין שמערץ. אַזוי נעמט ער זיך

שטענדיג אָפּ פּאַר פּיין און געפאַלנקייט. זיין זשעניע צינדט די וועלט און די וועלט וועט אים דורך די יאָר־טויזנטער אַפּלאָדירן, ווי אַן אייביק, אומשטערבלעך פּובליקום! אומשטערבלעך דורך איר זשע־ניע, דורך בעטאָווען!

די פרויען, וועלכע ליבן אים נישט, מוזן צעפאַלן ווערן, ווערן פוילענדיג פלייש, פויקן אין דער ערד, זייער שיינקייט פרעסן די ווערים פון דער צייט! אָבער איבער דער צייט דערהויבט זיך דער מוזיקער מיט זיין פלאַמענדער מעלאָדיע און צינדט די שטערן אין איינגערוזוכט אויף די ערדישע, טראגיש־העראָאישע קינדער!

די פרויען זענען שוין לאנג טויט! לאנג, לאנג טויט זייט איר, אָ, שלאַנקע גראַציעס, אָ צאַרט־שמייכלענדיקע דאמען, אָ, איר ערדיש־„געטלעכע“! אָבער פון אייער האַס צום גאון און פון זיין ליבע צו אייך, שניידט דער ווייטאַגפולער מאַן אַ פייערדיגע קייט פון מוזיק, וואָס בינדט די אייביגקייט אין שטוינונג און אין באַגייסטערונג!

ווידער — איז די וועלט אייך דאנקבאַר פאַר אייער אידיאָטישן האַס, ווי זי איז דאנקבאַר דער נאטור פאַרן באטויבן אים — דען פון אַלע האסן און אַלע וויטאָגן און אַלע אומגליקן גייט ער אַרויס זיגעריש געקרוינט אין פלאַמען!

און זיין זיג שטראַלט איבער דער אייביגקייט!

* *
*

דער סימן פון אַ גרויסן גאון איז אויף ווי ווייט דערפאָלגרייך ער טראַנספאָרמירט ליידן אין זוניגער קונסט. בעטאָווען שטייט דער ערשטער און העכסטער אין אָט דער רייע. באַלד נאָך אים קומט דאָס געשטאַלט פון דעם מעכטיקן סקולפּטאָר מיקל אַנדזשעלאָ.

דאָן אַ גאַנצע רייע העלדן־קינסטלער, אויף וועמעס שטערנס עס שטייט געשריבן דאָס פלאַמענדיגע וואָרט: „זיג“!

און געזיגט האָט בעטאָווען!

נאַפּאָלעאָן האָט אַלע לענדער פאַרלוירן און ווי אַ געפאַנגענער קוקט ער ביינאכט פון אינזל צו דער לבנה; זי האָט מיט יאָרן צו־ריק זיינע מעכטיגע אַרמייען באַלויכטן און איצט — האָט זי פון

זיי טויטע, שווארצע פלעקן געבוירן. אָבער בעטאָווען האָט קיין בלוט נישט פארגאָסן און פאַר זיך דעראָבערט אין שלאַכטן פון זיין הארץ אויסטערלישעם דעם גאַנצן אוניווערזום...

* *
*

צום לעצט — אַ וואָרט צו דעם לעזער: איך בין נישט אויסן געווען צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון בעטאָווענס מוזיק און — נישט קיין ביאָגראַפיע. דאָס ערשטע וואָלט זיין לעכערלעך און דאָס צווייטע — איז אומנויטיק. מוזיק מוז מען — הערן! באַנעמען ווי אַן אייגענע איבערלעבעניש אין טיפסטן און גרעסטן מאַסשטאַב. דאָס לעבן פון בעטאָווען קען מען געפינען אין סך ביז איצט געשריבענע ביאָגראַפיעס. צו מיר פערזענלעך אַפּעלירט די ביאָגראַפיע וועגן בעטאָווען פון ראָמען ראָלאַן אַ שריפטשטעלער וועמעס הויפּט-קוואַליטעט איז דאָס זוכן און געפינען אַ טרייסט אין ציימן פון רציחה און דעגענעראַציע — אין די הערןאָישע קינדער פון דער מענטשהייט פון אַלע ציימן. עס איז די איינציגע טרייסט וואָס עקזיסטירט פאַר אונז באַזונדערס אין אַזאַ ברוטאַלע, אכזריות־דיקע צייט ווי די היינטיגע...

מיר פארקערפערן זיך אַליין אין אָט די העלדן, וואָס פּונקט אין אַזעלכע טרויעריגע צייטן ווי אונזערע, בלייבן מאָמענטאַל־רואיג, פעסט און שטאָלץ — און זינגען דער אומגליקלעכער מענטשהייט אַ הערןאָיש ליד פון פרייהייט און זיג!

איך האָב געוואָלט ארויסברענגען אין מיין פּרווו (עסיי) דאָס העלדישע אין אַ גרויסן מענטשן, וואָס ווען אַפילו ער זאָל נישט זיין אַזוי גרויס אַלס מוזיקער, — איז ער שוין קאָלאָסאַל־גרויס דורך זיין גראַנדיעזן הארץ, דורך זיין ליבע צו די מענטשן, דורך זיין אומדערשיטערלעכן גלויבן אין זיג פון אַ פרייער מענטשהייט!

אָבער אין דעם פאַל בעטאָווען — קען מען דעם מענטש פונם קינסטלער נישט אָפּטיילן. דער מענטש באַהעפט זיך דאָ מיט זיין קינסטלערישן מעדיום, כדי דער אייביגקייט צו שליידערן אַ בלי-

צארטיג געזאנג, וואָס נעמט ארום די מיליאָנען ליידנדע און קושט
זיי אין זייערע וואונדן און פארוואנדלט זייערע טרויעריגע הערצער
אין ריזיגע זונען פון ליכט, גלויבן און — זיג!...

נאך א העלדין פון דער מענשהייט...

(וועגן קעטרין מענספילד)

עס איז א מעלאנכאלישע ארבעט... דער קריג גייט אן, די נאצי־ארמייען טראגן זיך מיט דער ווילדקייט פון א נאטור־קראפט — צו פאריז, דאס הארץ פון דער וועלט. עס איז שרעקלעך היים און שטיקענד אין ניו־יארק. די ראדיאס פארטויבן מיט זייערע שרעקלעכע נייעסן. די וועלט איז משוגע. איז עס א מעלאנכאלישע ארבעט מיינע — צו לעזן וועגן העלדן, צו זוכן העלדינס אין דער ליטעראטור, אין קונסט, אין לעבן... ראמען ראלאן זאגט אין דעם פארווארט צו זיין ביאגראפיע איבער מיקל אנדזשעלא — אז אין אזעלכע טרויעריגע צייטן איז אים גוט זיך אנצושפארן אין א העלד, אזא ווי דער העראאישער גייסט פון רענעסאנס, אדער אזא ווי בעטאווען — דער פעזיקער מאן וואס פארוואנדלט די שמערץ פון דער מענטשהייט אין מוזיק, אין שטאלצן, מעכטיגן אפאטעאז צו די הימלען. קארלייל זוכט אויך דאס העלדישע אין דער וועלט־געשיכטע, טרייסט זיך מיטן גרויסן מענטשן. אייגנטלעך זענען אלע גרויסע ביאגראפיעס געשריבן געווארן אין אט דעם גייסט, און זוכן דאס העראאישע — ווען די וועלט פאלט און פארבלוטיקט זיך... פלוטארך האט אויך געמוזט זאמלען די לעגענדעס, כראניקעס, היסטארישע פאקטן וועגן די גלאררייכע העלדן פון גריכנלאנד און רוים — ווען גריכנלאנד און רוים האבן געזען ווי די וואלקנס אויפן הימל פורעמען זיך אין ריזיקע סארקאפאגן פאר זייערע שטארבענדע אימפעריעס...

קעטרין מענספילד — א נאָמען. שוין לאַנג האָב איך געהערט וועגן איר. באַזונדערס האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף איר, ליינענדיג די בלעטער ווו עס דערציילט זיך וועגן דעם לעבן פון דעם טראַגישן סקולפּטאָר הענרי גאָדיע, וואָס איז געשטאָרבן אויפן שלאַכטפעלד פון דער לעצטער וועלט־קריג.

קעטרין מענספּילד האָב איך נאָענטער דערקענט לעצטן אָוונט, ווען איך בין געזעסן אין ביבליאָטעק אויף 69־טע סטריט, בראָנקס.

איך האָב אָנגעטראָפן אויף איר טאָג־בוך. וואָסאַרע מערקווירדיגע בלעטער פון איר לעבן, פון איר פילן, דענקען, מעדיטירן, האָפן און — ליידן. מידלטאָן מורי, איר מאַן, דערציילט אין א קורצן פאָרוואָרט וועגן איר, זיין פרוי, וואָס איז געשטאָרבן ביי 35 יאָר, פאַנטענבלוי, פראַנקרייך. וואָס אייגנטלעך קען דערציילן א מאַן פון א פרוי? ער מוז זיין רואיג, אונפּארטייאיש, כדי מען זאָל ניט זאָגן אז ער טרייבט איבער. גלויבט מען דען א מאַן? אָבער צווישן די רואיקע שורות רייסט זיך דורך דער עקסטאַז פון א מענטשן פאַר זיין פרוי, וואָס איז געוועזן א באַקאַנטע ענגלישע שרייבערין. אייגנטלעך איז שווער צו דעפינירן דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אירע דערציילונגען, איר מאַן קען עס אויך נישט באַווייזן. די גרעסטע ענגלישע שריפטשטעלער, ווי וועלס, גאַלסוואָרטי, האָבן באַוואונדערט איר טאַלאַנט — הגם זיי אַליין זענען מייסטערס פון דער דערציילונג. איך גלויב, אויפן סמך פון מיין אייגענעם איינדרוק, לעזענדיג אירע ווערק — און אויפן סמך פון איר מאַן — אַז דער סוד פון איר דערציילונג איז געווען אין איר נאָענטקייט צום לעבן. אין דעם וואָס זי האָט געשילדערט מענטשן — עכט, רעאַליסטיש, שטאַרק און לעבעדיק. — אָבער דאָס מאַכט נאָך נישט זי זאָל זיין אן אויסנאַם. זי האָט אין איר שאַפן אויפגעצויגן א מין רעגענבויגענדיקן שלייער איבער די העלדן און סביבה. זי האָט די נשמה אין אַלעמען אריינגעטון, ווי טראָפּנס באַלזאַם. איר פּראָזע איז מער פּאָעזיע ווי פּראָזע. מען קען איר פאַרגלייכן צו מאַנכע ענגלישע דיכטער. די ענגלישע דיכטער באַזיצן א זעלטענע לירישקייט, אן עטערישע צערטלעכקייט, א ליפטיגקייט און א מוזיק וואָס קומט פון סאַמע ריינעם, שיינעם האַרצן. קעטרין גיט אירע העלדן — רעאל, עכט, אין זייער מיליע, אין

זייער פשטות; נאָר — פּאָרט לייכטן זיי אין אירע דערציילונגען מיט א פאַספּאַרישן ליכט. די ווייבלעכקייט אין איר — צוזאַמען מיט איר סווינגבורישן ליריזם, — הגם איך בין נישט באַשטימט זיכער צי איז זי גאָר באַווירקט פון דעם לירישן מלאך־דיכטער סווינבורן — בילדן א פּרעכטיגע סינטעזע, פּונקט ווי מאַנכע צויבערהאַפטע פאַרנאַכטן ווי־שען אַפ די דיסטאַנס צווישן הימל און ערד, פאַראייניגן די וואָלקנס מיט די ביימער און פאַר א ווײַלע קומט פאַר די פאַרייניקונג צווישן הימל און ערד. (אויף א העכערן דיסטאַנס — איז דאָך די ערד — הימל, א טייל פון קאָסמאָס. און הימל איז — ערד, אַזעלכע ערדן, פּלאַנעטן, זונען, ווי אונזער ערד....)

איז, ווי איר זעט, שווער אָנצוצייכענען די קאָנטורן פון דער קעטרין מענספילד־זעעלע. קען מען א נשמה פאָטאָגראַפירן? לאָזט זיך קונסט דען דעפינירן? לאָזן זיך די וואָלקנס די גרויע איבער מיין קליי־נער פענסטער אינם גרויען הימל — דעפינירן? לאָזן זיי זיך דען צייכענען און בינדן אין קייטן פון ליניעס? יעדער קינסטלער איז א טייל, וואַריאַציע, א קוים־מערקלעכע ענדערונג אין דער גרויסער וועלט פון קונסט.

זי קוקט אויפן לעבן מיט א מין ריינע, קרישטאַלענע אויגן. זי האָט ליב צו לעבן און אקצעפּטירט דאָס לעבן גאַנץ און פול און רייך ווי עס איז. דער אמת גרויסער מענטש אקצעפּטירט דאָס לעבן. אנט־לויפט נישט דערפון ווי פון א טורמע.

לעבן איז — ליידן. אָבער אויך — פריידן, שיינקייט, ליבע, באַ־וווּנדערונג. אקצעפּטיר אָט דאָס קליינע כינעזישע אינזל — דאָס שטיק לעבן — אין דעם ים פון נישט־זיין, אין דער אייביקייט פון נירוואַנא, פון טויט, פון נישט עקזיסטירן, שלאָג נישט די בלומען פונם אינזל, צערייס נישט די בלייך־גרויע ליליעס און די לאָטאָסן ביים ברעג פונם אַזשוריקן ים. אַזוי איז טאַקע קעטרין מענספילד... א פּאָזיטיווער גייסט.

נאָר — דערפון קומט טאַקע איר טראַגעדיע. באַזיצנדיק דעם ווילן צום לעבן — צום פאַרזוכן און איינזויגן דעם האָניקדיק־זיסן און גאַליק־ביטערן נעקטאַר — ווערט זי אַוועקגענומען דערפון אין א לעבן פול מיט אונזיכערקייט, טרויער און שרעק.

וואָס איז די סיבה? — איר זעט דאָך אליין. זי ווערט געבוירן אין אָקטאָבער 4־טען, 1888 אין וועלינגטאָן, ניי־זעלאַנד. זי שטאַרבט אין פאָנטענבלוי, פראַנקרייך, אין יאַנואַר, 1923. אָט די ליידיקע רוימלעבקייט צווישן די צוויי דאַטעס — איז אויסגעפילט מיט איר לעבן און דאָס דאָזיקע לעבן איז פול מיט ליידן. זי ליידט איר גאַנץ לעבן אויף פלורעסי, שווינדזוכט, האַרץ קראַנקהייט, שרעק, אומזי־כערקייט, דאָקטוירים, טויט־מחשבות...

עמילי דיקינסאָן, די גרויסע אַמעריקאַנער דיכטערין, — איז נישט קראַנק. אָבער איר לעבן איז אַזוי איינזאַם, אַזוי דעליקאַט, אַזוי דין און סענסיטיוו — אַז עס איז ענלעך צו אַ מין קראַנקהייט. עמילי דיקינסאָן איז אָבער אין אַ פיל גליקלעכער לאַגע, ווייל זי וויל דאָס לעבן בלויז אײנזאַפּן ווי אַ בלום זאַפּט איין דעם הימל... זי איז באַפרידיקט מיט אירע טרוימען. מיט איר איינזאַמקייט. זי אַקצעפּטירט אַ גייסטיק, הימליש לעבן. זי גלויבט אין אַ „יענע וועלט". זי איז — לויטער וואַסער־ליליע, לויטער טרוים געשטאַלט, לויטער וויזיע און ווונדער, וואַנדער אין גייסט חלומות, ווילן צום הימל, וואָרעמקייטס־געפיל צו גאָר דער נאַטור.

קעטרין מענספילד וויל אָבער יאָ לעבן. וויל יאָ איינזאַפּן די גאַנצע וועלט. און — די קראַנקהייט לאָזט זי נישט. די שרעק פאַרן טויט פאַרלאָזן איר נישט. ווען זי פאַרט ערגעץ אַרויס, צערייסט זי אירע פאַפּירן, פונקט ווי זי וואָלט פילן אַז וועט זיך קיינמאָל מער נישט צוריקקערן... ווען זי שרייבט אַ נאָוועלע — וויל זי פריער ענ־דיקן שרייבן די זאַך, ווייל דער טויט קען זי צונעמען... דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע שרעק, וואָס אַלע ליידנדע באַזיצן — כ"מיין די ליידנדע פון שווינדזוכט... דער פיבער טרייבט זיי צו אַקטיווי־טעט און די שרעק טרייבט זיי צום טויט. די קראַנקהייט מאַכט זיי מיד און אומעכטיק ווי אַ פלאַנץ, פון ווינט און פון האָגל צעבראָכן און געשלאָגן.

אין דער קריגס־צייט ליידט זי שרעקלעך און אַנטלויפט צו אירע קינדער־יאָרן. אין דעם גן־עדן פון דער פאַרגאַנגענהייט. זי שרייבט איר אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע. איר פילגעליבטער ברודער שטאַרבט אין קריג. דאָס פאַרשטאַרקט אין איר דעם דראַנג צו אַנטלויפן אין איר קינדהייטס־גן־עדן. דאַן — פלוריסי. זי אַנטלויפט קיין פראַנק־

רייך. פו דארט בענקט זי צוריקקערן. די שטילע ערטער אין פראנקרייך — האָבן אין קריגסצייט פארלוירן זייער שטילקייט, די גאָלדענע אידיליע. זי זוכט דעם קוואַל פון היילונג. ווי יענער אַמעריקאַנער קריגס־העלד אין דער לעגענדע — זוכט אין פלאָרידאַ די היילונג פאַר זיין קראַנקהייט. זי וואַנדערט אין מאַנטאַנאַ, די שווייץ, אין מענטאָן — פראַנקרייך. אין העמפּסטער. נו, שפּעטער שטאַרבט זי. און דערמיט איז אויסגעפילט די דיסטאַנס צווישן צוויי דאַטן: 1888 און 1923...

איר זשורנאַל, דאָס אונרעגולערע טאָג־בוך · וואָס איז מער די באַשרייבונג פון גייסט און זיינע רעאַקציעס ווי דאָס בוך פון פּאַסירונגען אין רוים און צייט — דערמאָנט מיר אין דעם באַרימטן טאָג־בוך פון מאַרי באַשקירצעף. נאָר באַשקירצעף איז יונג, עקסצענטריש. קעטרין מענספילד איז עלטער און מענטשלעכער. זי איז פילאָזאָפישער. ביי מאַרי זענען עס שטורם און דראַנג יאָרן. די מיידלשע יאָרן, ווען די פּובערטעט באַווירקט מערסטנס די האַנדלונגען, טאַטן, געדאַנקען, שריט. מענספילד איז אַריבער דעם פּעריאָד. זי איז די רייפע, פאַרשטענדיקע פרוי, וואָס ווייסט מער און וויל טיפער ארומנעמען. אומפאַסן די וועלט מיט קאָלאָסאַלע אָרעמס — ווי מיט צוויי פאַנטאַסטישע רעגנבויגנס... נאָר — דאָך וואַרפן זיך דורך טענער — ענלעכע צו די פון באַשקירצעף״ס טאָג־בוך... ענלעכע דראַנגען צום לעבן און שרעק פאַרן טויט. ענלעכע פאַרלאַנגען צו שאַפן און — קראַנקהייטס־מעלאַנכאָליע. אין דעם זין זענען אַלע געניאַלע קראַנקע צו זיך ענלעך...

ווי איך פלעג אַפט צוזען דורכן פענסטער אין דענווער־סאַנאַטאָריום ווי דער שניי פאַלט — אַזוי אויך איצט, לעזנדיק דאָס בוך, טרעף איך מן אויף אירע נאָטיצן וועגן וועטער. שניי, קעלט, רעגן, און דאָס דרינגט אַריין אין איר נשמה. ערגעץ ביים נאָרדישן ים איז אַמאָל געזעסן די שוואַן — איזאַדאָראַ דונקאַן — און אויך מיט גרויזאַמען אומעט און מאַנאָטאָניע דורכגעלעבט און פאַרצייכנט דעם עלנט, פון ים, פון קאַלטן, גרויען, סקאַנדינאַווישן קלימאַט... ווען אַ מאַן איז עלנט אין דער נאַטור, איז אַ פרוי טויזנט מאָל עלנטער. מענער זענען אַקטיווע, שטאָלצע נאַטורן — און אין נאַטור רוען זיי זיך אָפּ, זען פאַסיוויטעט, ווייבלעכקייט אין דער גרויסער נא־

טור. אזוי האָבן אין די שווייצאַרישע מעכטיקע אַלפּן געזוכט היי־לונג פאַר זייערע פּראַמעטייאיש־פאַרוונדעטע נשמות — בייראָן און שעלי; צווי קאָלאָסאַלע העלדן פון מענטשלעכן גייסט...

זי וויל שטענדיק שאַפן גרויסעס. זי בענקט צום אייביקן, העראָאישן. מערקווירדיק איז אויך ווי צאַרטע, גרויסע גייסטער ליבן זיך — אפילו ווען זיי זענען אָפּגעטיילט מיט צייטן און רוימען פון זיך. מען זאָגט אַז מענספילד איז באַווירקט פון טשעכאָוו. זי באַזיצט אָבער נישט זיין טראַגיש־שפּיציקן הומאָר. זי באַזיצט אָבער זיין מעלאַנכאָליע. זיין זיין־ענעם טרויער. זיין ליריזם. אָבער — לי ליבט אים אַלס מענטש. זי בענקט אים צו זען. זי פילט אַ נאָענטע קרובה־שאַפט צו אים, צו דעם איידעלן גייסט אין דער מעכטיקער רוסישער פּראָזע. זי וויל אדאַפּטירן אַ רוסיש קינד, אים רופן „אַנטאָן"... ער־געץ ווו, טויזנטער יאָרן פריער פאַר זייער געבורט — אָדער אַ רגע פריער — האָבן זיך די צוויי קינדער — קעטרין מענספילד און אַנ־טאָן טשעכאָוו געמוזט ערגעץ צוזאַמענטרעפן זיך... ביידע ליידן אויף שווינדזוכט. ביידע לעבן — אַ קורץ, שמעטערלינגיש לעבן. ביידע — פול מיט ליבע צום מענטש.

נעכטן בייטאָג, אויף דער אויסשטעלונג פון 6,000 יאָר פּער־סישע קונסט — זע איך אַ צייטונג: צוויי דעמאָנען מאַכן אָן אַ שטורם. אויפן ים טראָגט זיך אַ שיפל מיט צוויי געליבטע... די איי־ביקע טעמע...

אין אָוונט לייען איך קעטרינס „זשורנאַל" און — טרעף אָן אויף אַ שטעלע ווו זי באַשרייבט צוויי געליבטע — צווישן הימל און ערד — וואונדערלעך פּאַראיינ־קט... זי בענטשט זיי און שיקט זיי פּאַ־ריים מיט גליק אין דער צוקונפט און בענטשט זייערע קינדער אַפּי־לו. די צוקונפטיקע גענעראַציעס...

שפּעטער, אין אָוונט, גיי איך אין קליינעם פּאַרק און טרעף אַזאַ פּאָרל — זיך האַלדזנדיק, צווישן דעם גרויסן הימל און דער גרוי־סער ערד... דאָס זעלבע פּאָרל — טראַכט איך זיך — וואָס קעטרין מענספילד האָט געזען, וואָס דער פּערסישער מאָלער האָט געזען, וואָס אַלע פּאָעטן און קינסטלער האָבן געזען... וואָס דער אויטאָר פון שיר השירים האָט געזען...

דאָקטוירים, דיאַגנאָזעס, האָפנונגען און אַנטוישונגען. זי גלויבט

אז נישט פון שווינדזוכט — נאָר פון האַרץ־קראַנקהייט וועט זי שטאַרבן. זי פאַראינטערעסירט זיך אין מיסטישע לערעס. שלום פון גערדאנק, זוכט זי. נישט די קראנקהייטן זענען דער עיקר — נאָר ווי צו היילן די נשמה.

מערקווירדיק, אַלע גייסטיקע העלדן — ווען זיי זענען קראַנק — זוכן זיי צו קאָמפּענסירן די שרעק פאַרן טויט — מיט רויקייט, מיט גערדאנקלעבעם קלאָרקייט, מיט גייסטיקן באַלאַנס, מיט רו פון דער נשמה. ווי יעדער גייסט וואָס ליידט פון אן אונהיילבאַרער קראַנקהייט — וויל זי וואָס גיכער אויפשרייבן אירע ווערק, זיין פריי פון זיי....

אָט זענען די לעצטע ווערטער פון איר טאָג־בוך, געשריבן אין טאָג פון איר טויט:

„דאַן וויל איך אַרבעטן, ביי וואָס? איך וויל אַזוי שטאַרק לעבן אַז איך זאָל אַרבעטן מיט מיינע הענט, מיט מיינע געפילן, מיט מיין געהירן. איך וויל האָבן אַ גאָרטן, אַ קליין הויז, גראָז, חיות, ביכער, בילדער, מוזיק... און פון דעם אַלעם — אַלס אויסדרוק פון דעם אַלעם — וויל איך שרייבן. — —

איך פיל גליקלעך מיך אין מיר. אַלץ איז אין אָרדנונג" — —

— —

און זי קומט אַראָפּ פון די טרעפּ, הוסט אַ ווײַלע, שטאַרבט 10 ביינאַכט פון אַ בלוט שטורץ — — — — — — — — — — —

כאַראַקטעריסטיש אירע לעצטע ווערטער. פול מיט גלויבן אין זעלבסט־טרייסט. „אַלץ איז גוט"! די נאַטור איז גנעדיק צו אירע קרבנות. און ווען די לעצטע פאַטאַלע שטונדע קומט — פאַרטרוימט זי זיי מיט אילוזיע, מיט אידיליע, מיט רו און מיט מבלומרשטער קלאָרקייט... אַזוי האָב איך צוגעזען דעם טויט פון אַ סך... אין זייערע לעצטע שטונדן ווערן זיי גוט און וואונדערלעך ווי מלאכים...

נאַטור אַליין, ווי אַ מוטער, מאַכט צו די אויגן פון אירע קינדער... אָבער — דער קריג גייט אָן, אין קריג שטאַרבן יונגע מענטשן, מיליאָנען, מיט אַ שרעקלעכן טויט. אָן נאַטורס מוטערלעכע הענט, אָן איר וויג־ליד פון רעגן און שטערן. זיי שטאַרבן פלוצלונג, זעענדיק ווי טויט פליט מיט די קופּערנע פליגל פון ראַקעטן. — — —

זיך אַ ווײַלע פאַרטיפט אין קעטרין מענספילדס ווערק. איך האָב

זי ליב. ווי זי ליבט טשעכאָוו און טרוימט פּיליכט פון האָבן אַ קינד מיט אים — דען די פרוי זוכט פאַר איר קינד — דעם אידעאַלסטן מאַן — אַזוי ליב איך זי און, ווען איך זאָל וועלן אַ קינד, וואָלט איך זיך אויסגעוויילט אַ קעטרין מענספּילד...

נאָר — ווי זאָגט מיין מוטער: אַזוי לאַנג ווי זי וועט דאָרט זיין — זאָלן מיר דאָ זיין...

„בלעטער פון גראז"

(וועגן וואָלט וויטמאַן)

עס איז ווידער פרילינג! וואָס נאָך אויף דער וועלט איז אַזוי שיין ווי דער פרילינג, מיט זיינע טיף־בלויע, מעלאַנכאָלישע הימלען, מיט זיינע אויפגעוואַכטע פעלדער, אויף וועלכע די פינקלענדיקע שנייען, צעגייען און צעשמעלצן, מיט גרינע, זיידענע, פרישע לאַנ־קעס, ווו דאָס היימישע גראָז זינגט איר מעלאָדיע פון אייביגקייט...

דער גרויסער פרילינג איז ווידער געקומען אויף דער וועלט. גע־זונטע און קראַנקע, בלום און פלאַנץ, וועלדער און נאַקעטע פעלדער, מענטש פון שטאָט און מדבריות און ים און פעלז פרייט זיך און דאָס גרויסע געשריי פון פרילינג שרייט און טראָגט זיך דורך פייגל און דורך ווערים, דורך פלאַנץ און דורך בוים מיט אַ גרויס געשריי...

מיר ווערן גענאַרט? — זאָל זיין אַזוי... אָבער ווי שיין איז דאָס ווערן גענאַרט!... עס איז דאָך זון און דאָך שיין און דאָך וואַרעם און ליבלעך און אַלץ ווערט ווייך און סענטימענטאַל און די טייכן צעגיסן זיך און די טאָלן פון דער ערד און אין די מענטשן צעגיסן זיך טייכן טרערן און אַ גרויס געזאַנג פון ליבע גייט אויף אין די אָדערן פון די מענטשן...

אין אַט אַזאַ צייט, מיט אַזאַ שטימונג, איז אין מיינע הענט אַריינגעפאַלן וויטמאַנס „בלעטער פון גראָז", זיין ערשט בוך פון פּאָעזיע און עס דריקט אַזוי מייסטערלעך אויס דאָס געפיל פון דעם פרייען מענטשן און פרילינג. דאָס בוך איז איין ריזיקער בלאַט פון פרילינג, באַשריבן מיט אַן אַ שיעור פּאָעמען פון לעבן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור האָט אַ מאַן געוואַגט אַ שליידער צו טון זיינע געפילן פריי און פריילעך צו די מענטשן. דער

ריטם פון יעדן ליד איז ניט קיין טעכנישער גאַרטל און ניטש קיין פּאָעטישער קאָרסעט. דער ריטם פון יעדן ליד איז דער ריטם פון לעבן. פון ליה, פון בלוט, פון געפיל און פרייד און חכמה. ער זינגט ווי אים זינגט זיך, זיינע אַדערן זינגען מיט בלוט. ווי זיין האַרץ, ווי זיין פליייש. „די קינדער פון אדם", אַ לענגערע פּאָעמע דערציילט אין פרייען פערז וועגן מענטשלעכן גוף, רעכנט אויס אַלע גלידער, איז שכור פון דער שיינקייט פון יעדן גליד, פון יעדער פונקציע, פון יעדער נאַטירלעכער שיינקייט. מאַן און פרוי זענען שיין, און זיי עקזיסטירן פּאַרטצופּלאַנצן נייע דורות און די נייע וועלן זיין שיין און געזונט און קרעפטיג און שטאַרק און גליקלעך. ער האָט באַפרייט דעם מענטשלעכן גוף, וואָס טויזנטער יאָרן האָבן געהאַלטן געפאַנגען אין קייטן, וואָס דער קריסטענטום האָט צעבראָכן און צעקנאָדערט. ווי שיין איז אַ קלאָרער קערפּער — נאָך שענער אפילו ווי אַ שיין געזיכט. און אַזוי גייט וואָלט וויטמאַן פון לעבן צו לעבן, פון שיינקייט צו שיינקייט, ער, דער נייער גריך, דער נייער מענטש, אונטער נייע, אפּאָקאַליפּטישע הימלען און ער זעט און פילט און הערט און בענטשט און צונדט זיך אָן מיט ענטוזיאזם און צינדט אַנדערע אָן.

„גרוס צו דער וועלט" איז אַ הערלעך ווערק! צום ערשטן מאָל שטעלט זיך אַנידער אַ מאַן אין זון־שיין אָדער לבנה־שיין, שטרעקט אויס די האַנט, עפנט די באַהאָרעטע ברוסט. פאַרוואָרפט דעם קאָפּ אַהינטער און ווענדט די בליקן צו דער וועלט און שרייט אויס אין באַגייסטערונג זיין גרוס צו די פעלקער פון אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע און אַמעריקע און צו אַלץ וואָס ער זעט און ווייסט און פאַרנעמט און געדענקט און לייענט. אַזוי עפנט ער אויף די געאָגראַפיע פון דעם ערד־קוגל, נעמט אים אַרום מיט זיינע מעכטיקע אָרעמס און שיקט זיין קוש און זיין גרוס און זיין טרייסט־וואָרט צו די קינדער פון אדם און זעט זייערע אייגנשאַפטן, שטריכן, זייערע ווערק, און זייער לעבן און זייער צוקונפט!

דער ריטם איז ווי אַ טייך וואָלט זינגען און לויפן אין שטראָמען זייט. ווייט, פאַרגיסן מיט פרייד די ערדה, ווי דער נילוס, באַוואַסערן, אַנטרינקען, אַנשיקערן און שפּעטער צוריק אַריין אין די טאָלן און לאָזן אויסשפּראָצן און אויספּלאַצן און אויסברעכן און אויפשטורצן

וועלדער און תבואה און בלומען און פלאנצן און מענטשן און חיות און וועלדער און די קלענסטע באשעפענישן אויף דער ערד!

וואלט וויטמאן נעמט די שיף אויף די פלייצעס און טראגט זיך איבערן „ברייטן וועג", ווו די זון שיינט, ווו מענטשן גייען, ווו פריינט באגריסן אים, און ער פרייט זיך און שטרעקט די האנט אויס צו יעדן גייער, צו יעדן טרעמפ, צו יעדן קינד, צו יעדן וואנדערער און ער שמייכלט און האט הנאה פון זון און ברייטן וועג און גרויסער וועלט! — — —

מיר דאכט אז ער איז דער אמעריקאנישסטער שרייבער פון אלע שרייבער, דער מאן וואס איז באמת געקרוינט געווארן פון גאט צו באגריסן אלע פעלקער פון אמעריקע, צו זען און זיך צו פרייען ביים אויפגאנג פון דער נייער וועלט, צו באזינגען דעם שווונג פון ענערגיע, דעם ריטם פון ארבעט, די מעכטיגקייט פון אינדוסטריע, די פרייהייט פון צוזאמענלעבן צווישן מאן און פרוי און פאלק מיט פאלק אויף דעם ריזיגן אמעריקאנער קאנטינענט.

יעדעס ליד איז א שטיק פלייש. ארויסגעריסן פון זיין ריזיגן גוף. יעדעס ליד איז רייף און פולבלוטיג און צו וואס דער פאעט רירט זיך צו, זעט ער לעבן, שיינקייט, שווונג, ענערגיע און צוקונפט. ווי פאר קעניג מידאס ווערט פאר אים אלץ פארוואנדלט אין שפרודלדיג, מאגיש־דינאמיש לעבן. זיין אפטימיזם קרוינט די וועלט מיט א פרייען בליק און האפנונג.

דאס קאסמישע איז אים אזוי אייגן ווי דאס ערדישע. נישטא ביי אים קיין גראדן, קיין גרויס און קליין, קיין מער־ווערט און ווייניקער־ווערט. אלץ האט רעכט צו לעבן, צו עקזיסטירן. און אין אלץ איז גאט. אין אלץ איז די אוניווערסאלע דינאמיק, דער ריטם פון קאסמאס און אין קלענסטן ווי אין גרעסטן.

די מוזיק פון וואלט וויטמאנס פאעזיע איז עבט אוניווערסאל, דערהויבט זיך צו די העכסטע הויכן פון פאנטעאיזם, ווו גאט און נאטור ווערן איינס, ווו אלץ ווערט פארבונדן אין איין קאלאסאלן, מעכטיגן קנופ פון אייביגן לעבן, פון אייביגער אקטיוויטעט, פון אומשטערבלעכער ליבע, ווו דער טויט עקזיסטירט נישט, ווו נאר דאס גוטע און גרויסארטיגע פון דער צוקונפט דאמינירט.

דאס בוך איז א סך געלויבט געווארן. ווי אלץ, וואס איז ניי,

רעוואָלוציאָנער און דערהאבן — ווערט געשאָלטן פון די וואָס פאַר־שטייען נישט, וואָס ווערן בלינד אין קאָסמישן ליכט, און — ווי אַלץ וואָס איז שיין און ווי באַזונדערס „בלעטער פון גראָז", דאָס בוך וואָס האָט באַפרייט די פּאָעזיע, דעם מענטש און וואָלט וויטמאַן אליין — מוז אויך געבענטשט ווערן דורך די וואָס דערקענען דאָס נייע ליכט. דאָס ליכט וואָס מאַכט אַפילו בלינדע — זעעוודיגע, אויב נאָר זייערע נשמות זענען אָפן. און — ווי לאַנג די דאָזיגע ערד וועט זיך מיט אַנדערע פּלאַנעטן טראָגן ארום דער זון אין אוניווערס, אַזוי לאַנג וועלן די מענטשן לייענען „בלעטער פון גראָז". ווייל — עס איז אַ שיין בוך. עס איז אַ רייף בוך פון אַ רייפן מאַן. רייף מיט קלוגשאַפט, פרײנטשאַפט, ליבע, מיטלייד צו די געפּייניגטע און — ווייל וואָלט וויטמאַן האָט זיין ריזיגע נשמה פאַרקערפּערט אין דאָ־זיגן בוך...

*

* *

מיר דאַכט, אַז דאָס בוך איז די בעסטע אויטאָביאָגראַפיע. די לי־דער זענען די שטאַרקסטע דאָקומענטן־אַרגומענטן פון אַ גרויס לעבן. מען פילט אַז דאָס זענען נישט בלויז לידער פון אַ מאַן וואָס דיכ־טעט זיי אין די פרייע שעהן מיט די פונקן פון זיין זשעניע. — נאָר אַז דאָס זענען אויסגעריסענע שטיקער פון זיין גייסט. אַז אַזוי און נאָר אַזוי לעבט דער דיכטער. אַז דאָס זענען נישט גלאַט אַזוי פרעד־דיגונגען — נאָר אויסדערציילונגען. נישט קיין פּראָדוקטן פון איינ־זאַמע שעהן אין שפּעטע נעכט — נאָר געשריבענע דאָקומענטן אין מיטן העלן טאָג, אין גרויסן זון־שיין פון זומערדיגן נאָכמיטאָג...

דאַרף מען דען דערמאָנען אַז וואָלט וויטמאַן האָט טאַקע גע־היילט קראַנקע, האָט שעהן־לאַנג פאַרבראַכט נעבן די פאַרוואונדעטע פון דעם בירגער־קריג, האָט געטרייסט די שטאַרבנדיגע און איז גע־ווען אַ פאָטער צו די אומגליקלעכע פון זיין צייט? דאַרף מען דער־ציילן אַז ער האָט נישט פאַרלוירן זיין אָפּטימיזם אַפילו ווען ער איז יאָרן־לאַנג געווען פאַראַליזירט? — דאָס אַלץ זעט מען ארויס פון זיין הערלעכן „בלעטער פון גראָז". נאָר גרויסע מענטשן פאַרלירן

נישט זייער מוט און זייער פרייהייט און זייער טרייסט־וואָרט, אפילו אין די ערגסטע באדינגונגען פון לעבן און אפילו ווען אכזריות פון קראנקהייט גריזשעט זייערע קערפערס....

דער טראַגישער דעמאָן לערמאָנטאָוו

איך האָב געלייענט אַז עס ווערט 125 יאָר זינט מיכאַאיל יורע־וויטש לערמאָנטאָוו איז געבוירן געוואָרן. פּלוצלונג איז אַלץ אין מיר אָנגעצונדן געוואָרן אין באַגייסטערונג. לערמאָנטאָוו איז מיין באַ־ליבטסטער דיכטער... איך האָב אים אַלס קליין יינגל געלעזן. איך האָב אים פאַרגעטערט. לערמאָנטאָוו געהערט אָן צווייפל צו די גרוי־סע דיכטער פון דער וועלט...

עפּעס איז ער ווי אַ מעכטיגע מעטעאָרישע דערשיינונג אויפן רו־סישן הימל. ביי 26 יאָר איז ער שוין גרייט צו שטאַרבן — און בלייבט שוין אומשטערבלעך מיט זיין גרויסער שאַפונג. און — וואָ־סאַרא שטאַרקייט אין טאָן, וואָסאַרא סקולפּטוריש־מעכטיגע פאַרענ־דיגטקייט אין זיין ליד! וואָסאַרא סטיכיעס ציטערן אויף מיט וווּל־קאַנישן געוואַלד אין זיינע פּאָעמען. מיט אַזאַ ערלעך־געמייסטערטער קראַפט טראָגט זיך אַ בליץ אין דער נאַכט און רייסט אויף די ברוסט פונם ים...

דערצויגן אויף פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן — קלינגט אָפּ אין אים די וועלט־ליטעראַטור. אָבער שטאַרקער פון אַלעמען — בייראָן, אָט דער שווארצער בליץ וואָס האָט מיט כוואַליעס פרייהייט און טרויער זיך דורכגעטראָגן איבער איירָאָפּע פונם נייַנצנטן יאָרהונ־דערט און האָט אַ שניט געטון מיט זיין פלאַמענדיגן מעסער אינם שטיינערנעם האַרץ פון פיליסטערטום. בייראָן קלינגט ווי אַ טראַגי־שער גלאָק אין לערמאָנטאָווס שטאָלצע און פּאַטעטישע דיכטונג. עס איז די צייט ווען בייראָניזם קלינגט אָפּ מיט מעכטיגע עכאָס אין די

ליטעראַטורן פון דער וועלט, און די מוזעס פון די שטאָלצסטע און טיפסטע דיכטער.

פושקין איז אויך באַווירקט פון בייראָן. אָבער — ער איבערוווּנ־דערט בייראָניזם. די טרויעריגע נאָטע ווערט פארטווישט אויף דער אוניווערסאַלער סימפאָניע פון דער מענטשהייט. פושקין איז געזונט און שטאַרק און אַל־אומפאסנד, ווי געטע. פושקין נעמט ארום דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק מיטן אָרעאָל פון זיין מוזע. פושקין ווערט פאָ־זיטיוו און שטאַרק, עפיש און קלאַסיש. ווי אַ ים, פאַרקערפערט ער מיט זיך אַלע געפילן און היילגסטע דראַנגען פון דער מענטשהייט.

לערמאָנטאָוו בלייבט מיט אָט דעם טרויער אין הארצן. ער קען זיך פון אים קיינמאָל נישט באַפרייען. און ווען ער לעבט אינגאַנצן 26 יאָר... (ענלעך צו דעם וונדערלעכן קוטס לעבענסשפאַן...)

אָבער לערמאָנטאָווס טרויער איז נישט קיין ווייבלעך־לירישער, נישט קיין סענטימענטאַל־איראָפּעאישער. זיין טרויער איז שטאַרק ווי פעלזן, טיף ווי דער ים און הויך ווי דער הימל. עס איז דער טרויער פון אַ גיגאַנטיש־מעכטיגן גלאָק. זיין טרויער איז שעפעריש און — פראָמעטעאיש. נישט קיין רעזיגנאַציע — נאָר רעוואָלט רע־וואָלט אין שענסטן זין פון דעם אויסדרוק. עס איז דער טרויער פון אַ נביא, וואָס פארגעסט אָבער נישט אויף קיין איין מאָמענט זיין גלענצנדע ראָלע: וועקן און רופן און אנטון אין פלייש די מתים־מקעלעטן און טרייבן די שקלאַפן צו שטורם־שלאַכטן.

איך פלעג אפשר אַ פופצענטן מאָל לעזן זיין גלענצנדע פּאָעמע „מצירי". דער פערז — אַ שטאָלענער און דער ריטם — ווי אַ שטורם וואָלט זינגען. די אַטמאָספערע — נאַטור, אין איר געוואַלדיגקייט און ווילדקייט. און מאָלן די נאַטור האָט לערמאָנטאָוו איבערשטיגן, מיר דאַכט, אַלע רוסישע פּאָעטן, איינגעשלאָסן פושקינען. אַ ווילדער אָטעם טראָגט זיך פון זיינע פייזאַזשן. די רואיגקייט פון מעשה בראַ־שית, די פרימיטיווקייט פון עלעמענטאַרע כוחות. זיינע בערג־דיכ־טונגען — אומשטערבלעכע שטיקער ווילדער געזאַנג, וואָס האָט איר פּאַרגלייך אין די אורווילדע, רויע, קאָלאָסאַלע געזאַנגען פון דעם אַלטן בריטישן באַרד. אָסיאַן. דער ריטם איז ווי דאָס פאַלן פון שטיינער איבער בערג, ווי דאָס רוישן פון קאַסקאַדן וואָס קושן מיט זייערע אייזערנע שוים־ליפּן די פעלזן, אויף וועלכע זיי בלוטיקן

מיט זילבער־בלוט. זיין מוזיק איז אזוי מעכטיג און שטארק ווי די מוזיק פון ים, ווען ער ראנגלט זיך א נאקעטער מיטן שווארצן טייפון, ווי מיט א ריזיגן אָקטאָפּוס.

„מצירי“ איז די דערציילונג וועגן אַ קראנקן יינגל, אוועקגענר־מען יונגערהייט פון קאווקאז, זיין געבורטס־פּלאַץ, ערגעץ קיין טיפ־ליס, אין אַ מאַנאסטיר. די בענקשאפט פון דעם העלדישן יינגל צוריק צו דער נאַטור. זיינע פיבערן, חלומות, זיין אויסגיין אין אַ טרויערי־גער אטמאָספערע — דאָס אַלץ דערציילט לערמאָנטאָוו אזוי גליענדיג און מעכטיק, וואָס איז אונפארגלייכלעך אין דער וועלט־ליטעראטור.

מצירי איז געווען מיין אידעאַל. איך האָב, ווי ער, געבענקט צו נאטור, צו פרייהייט, צו העלדישע מעשים. איך האָב לאנגע צייר־טען אימיטירט „מצירי“ אין מיין פּאָעזיע. איך האָב נאָכגעמאַכט לערמאָנטאָוון. איך האָב אין אים געזען מיין גייסט־ברודער...

ערשט ניט לאנג צוריק האָב איך געלעזן דעם ערשטן טייל פון „דעמאָן“. עס איז אַ גרויס ווערק פון געוואלדיגער בילדלעכקייט, אייזערנעם פערז און אומענדלעכע מעלאנכאָליע. דער דעמאָן — אַ ביראָניסטיש־טראַגישע געשטאַלט. אומגליקלעך און פארשאָלטן, איז נישט קיין אונסימפּאטישע געשטאַלט. ער בענקט צום מענטש, ווי מעפיסטאָפעלעס בענקט צו פאוסט... נאָר ער קען זיך נישט באַ־פרייען פון זיין שרעקלעכן סקעפּטיציזם, פון זיין צעשמעטערישן עלעמענט, פון זיין פארניכטונגס־טעטיגקייט.

לערמאַנטאָווס דעמאָן איז שלעכט און מעלאַנכאָליש. טראַגיש אין זיין סאמע עקזיסטענץ. אין דעמאָן איז פארקערפּערט לערמאָנ־טאָוו אַליין — דער אונגליקלעכער דיכטער... אַ געוואַלדיגע פיגור איז ער, דער דעמאָן — ווי אַ געשטאַלט ביי מילטאָן...

פּונקט ווי פּושקין איז געווען גלענצענד און זאָגאָר דער גרונט־לעגער פון דער קלאַסישער רוסישער פּראָזע — האָט אויך לערמאָנ־טאָוו אין זיין „דער העלד פון אונזער צייט“ באוויזן אז ער קען שרייבן מייסטערהאַפטע פּראָזע. קען שילדערן ווי די גרעסטע אייר־ראָפּעאישע פּראָזאאיקער. ווי אין זיין פּאָעזיע — איז ער אויך דאָ שאַרף און קריטיש, סאטיריש און — דער נעפּל פון מעלאַנכאָליע וויקלט זיך דאָ אויף קאלט און הארבסטיג, ווי אין אַלע זיינע ווערק. דער סטיל איז געשליפן און שאַרף, ווי ביי אַן עכטן מייסטער. איך

קען נישט קיין גרעסערן סטיליסט — אין זיין עלטער... עס איז ווי־גט דאָס קינד וואָלט באלד געבוירן געוואָרן מיט גרויסן סטיל — פון די געטער באַשאָנקען.

ווי בייראָן, האסנדיג די מענטשן. לײדנדיג פון די בריטישע פּיליסטינער — איז לערמאָנטאָוו געהאַסט געוואָרן פונם צאַר, פון די אַריסטאָקראטן וואָס האָבן ליבער געהאַט צו ריידן פראנצויזיש, ווי צו לעזן די גרויסע פּאָעזיע פון פושקין און לערמאָנטאָוו — אין ריסיש. פארשיקנדיג אים קיין קאַווקאַז — האָט ער, ווי בייראָן אין דער שווייץ, אין גריכנלאנד, זיך איבערגעגעבן דער נאטור. אַ גוטע זאַך האָט דער צאַר געטון: דער יונגער פּאָעט באַקענט זיך מיטן מעכטיגן רוסלאנד, מיט איר פאָלקלאָר, מיט איר נאטור. מיט אירע געזונטע פּאָטענצן. אין האָס צו די אונטערדריקער — נייגט ער זיין ברוסט צו דער ברוסט פון די בערג און פון ים און די נאטור היילט שמייכנדיק די טראַגישע מענטשנקינדער, ווי זי האָט געהיילט בייראָן און שעללי...

דערצו איז ער נאָך געוואַלדיג פּראָדוקטיוו, אויף פארשיקונג, אין מיליטער, אין זיין גאנץ קורץ און צעריסן לעבן — שרייבט אָט דער סלאַווישער געניוס ווי אַ בליץ שרייבט איר פּאָעמע פון צעש־טערונג אין די שווארצע, צאָרענדיקע ים־כוואַליעס. דאָס פּילן דעם נאָענטן טויט טרייבט אים צו שליידערן שטיקער לאַווע — אין דיס־ציפּלינירט־וואונדערלעכע קונסט־ווערק.

און פונקט אזוי ווי אין זיינע גרעסערע פּאָעמען „כאדזשי אברעק“, „איזמאאיל ביי“ — אַזוי איז ער אויך שטארק און מעכ־טיג אין זיין קליינעם לירישן ליד. אַ פּראָפעטיש־מוסר־ענדיגע קראַפט באַזיצט ער. אַ קאָנדענסירטקייט פון וואָרט און פון געפיל, וואָס ער פארוואנדלט און שמידט צו גליענדיגער סקולפּטור. צו אייז־פּאָרם. ווער געדענקט נישט זיין בארימט ליד „דער זעגל“ אָדער זיין „דער פּראָפעט“, צי גאָר זיין צאָרענדיג און שטאָלץ ליד אויפן טויט פון פושקין, וועמען די רוסישע אריסטאָקראטיע האָט דערמאָרדעט, ווי שפּעטער — אויך אים — לערמאָנטאָוון.

איך געדענק אז איך האָב איינמאָל פאַר די לעצטע סענטימען, אין גאָלדענעם סעפּטעמבער, געקויפט אַ באנד לירישע דיכטונגען פון דעם רוסישן ריז. אין דער היים, אין מיין מאָלערישער מאנסארד,

האָב איך אים געלעזן און הויך רעציטירט די אייזערנע געזאַנגען. מיינע שכנים האָבן געמיינט אז איך בין משוגע... איך בין געווען באַרוישט פון זיין ריטם, וואָס האָט געכוואַליעט ווי אַ ים. געטריבן פון שטורעמס און פון אינערלעך־הערצאישע געפילן.

לערמאַנטאָווס איינפלוס איז גרויס אין דער רוסישער ליטעראַטור. איך דערזע אים אין אנדרעיעווס טראַגישע סימבאָליק, אין אַלעקסאַנדער בלאָקס אַריסטאָקראַטישן לירזים און אין זיין שפּעטער־דיגער סימפאָניע פון דער רעוואָלוציע. איך הער אים אין דער מוזיק פון רוסלאַנדס גרעסטע לירקער און פּראָזאַאיקער. איך דערקען אים אין סערגעי יעסעניגס טראַגישע בענקשאַפט צו דער נאַטור און פּאַנטעאיסטישן געפיל צו וואַלד, פעלד, פלאַנץ און חיה...

אַ דועל האָט פאַרניכטעט דעם געוואַלדיגן גיגאַנט. דעם 26־יאָריקען יונגענמאַן וואָס האָט געקענט אויסוואַקסן אַזוי גרויס ווי פּושקין, וועמעס פליגל האָבן געקענט זיך צייטיגן און ווערן שטאַרק ווי קופּער און ארומנעמען דעם גאַנצן הימל... נאָר ווי איקאַרוס, האָבן זיינע פליגל זיך צעשמאָלצן... אָבער נישט אין שווונג צו דער זון — נאָר אין קלאַפּ מיט דער צאַרישער רעאַקציע. און דער וואָס האָט אַזוי דרייסט און שטאָלץ באַזונגען דעם טויט פון זיין דיכטונגס־קאָלעגע, פּושקין — דער האָט צו דער טראַגעדיע פון דער מענטשהייט — געטיילט זיין פאַטאַלן גורל...

גיואַי דע מאַפּאַסאַן

90 יאָר — האָב איך געלעזן אין צייטונג — ווערט זייט גיואַי דע מאָפּאַסאַן, דער פראַנצויזישער נאָוועליסט, איז געבוירן געוואָרן. 90 יאָר!... ער וואָלט איצט געוועזן אַ ניינציק־יעריקער מאַן, אַן אַלטער, גרויער, געבויגענער מאַן... אפשר צופרידענער, זאַטער, גליקלעכער ווי אין יענע יאָרן, ווען דער ווילדער טרויער האָט אים צעבראָכן, פאַרצערט און איבערגעהאַקט זיין לעבן דורך אַ ביטערן גאַלגן שטריק...

אָבער ניינציג יאָר קען נישט לעבן דער וואָס קוקט אַזוי טיף און אַזוי נאַטוראַליסטיש אריין אין לעבן און זעט אַזוי פיל פּאַטאַלָעס און טראַגישעס. עפּעס איז אָט דער מאָפּאַסאַן, אַזוי דערשיינט ער מיר, אַ וווּנדער־קינד, אַ וווּנדער־מענטש, דען ווי קען אַ מענטש אַזוי פּלוצלינג קענען דאָס גאַנצע לעבן פון דער וועלט, אין אַלע זשאַנרען, אין אַלע שאַטירונגען, און אַלע טיפקייטן. לייענט איר מאָפּאַסאַן — איז ווי אַ דעמאָן וואָלט אייך אַרומגעפירט איבער דער וועלט און מיט אַ מאַגישן לאַנטערן אָפּגעדעקט די הייזער, אַראָפּגעריסן די דעכער און — געשלידערט אַזאַ פאַטאַלע וויזיע... אַזאַ טויטלעכע וויזיע.

ער האָט געמאָלן אַלע שיכטן, אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט מיט אַ גרוזאַמען רעאַליזם, נאַקעט אָפּדעקנדיג זייערע נשמות צוזאַמען מיט זייערע גופים. ער שילדערט די פּראָסטיטוטקע און דעם דענדי, דעם סטודענט און דעם סאָלדאַט, דעם רענטיאַרזש און דעם באַנקראָטניק; דעם גלח און די יתומה; די אַלמנה און דעם באַנקיר; דעם אַרבעטער און דעם קאַפּיטאַליסט, דעם שווינדלער און דעם ערלעכן מאַן. ער האָט אריינגעדרונגען אין אָפּגרונט פון דער פּאַריזער

געזועלשאפט און האט דאס פארקריפלטע און דעקאדענטישע קאמ־פענסירט מיטן געזונטן און נאטירלעכן. ער האט געקענט, ווי א דער־מאן, אלע ווינקלען פון דעם גרויסן ים — דאס לעבן, אבער — זיי גייען אלע דורך דורכן פריזם פון דער נשמה. עס איז פונקט ווי איר זעט א לאנדשאפט דורך אייער אייגענע שטימונג. אלץ ווערט אזוי ווי איר אליין זענט. און אזוי האט א וואואל פון טרויער און פעסי־מיזם זיך פארשלייערט אין אלע העלדן און העלדינס. קאלט און טרויז־עריג שילדערט ער זיינע געשטאלטן. עפעס ווי אן מיטלייד. אבער — סאיז נישט קיין פאראכטונג. סאיז א מין סוביעקטיווער אביעקטי־וויזם. די מערסטע געשטאלטן זענען פומיש־טרויעריק. ער האט אויך נישט קיין גלויבן אין דער פרוי. ער שילדערט די פרוי — ווי א וואמ־פירין, א פארצערערין, א פאלשע. אזוי וויל מען זען אין טשעכאווס נעגאטיווע פרויען־טיפן — מאפאסאנס ווירקונג. און דאך, לייענט די דערציילונגען פון אט דעם טראגישן גאון. איר וועט אנגעשטעקט ווערן מיט זיין שאפענהויערישן פעסימיזם, מיט דער נאקטיורנע פון זיין נשמה, מיט דעם פאטאלן מארש צום טויט, מיט דעם טרא־גישן קאנפליקט און אלץ וואס לעבט, מיט דעם הארבסטיקן ליריזם. צו לייענען מאפאסאן — און ווי צו פילן דעם באריר פון הארבסט, דאס מויל פון טויט וואס קשט איך דיין שטערן שווייסיק און קאלט, די טראגעדיע פון אונטערגאנג. די בלעטער געלע און קראנקע, רוי־שען א טראגישע מעלאדיע ארום דיין גוף און וויגן דיר איין אין טויט-שטימונג — ווי די מוזיק פון שאפענס טרויער־מארש...

דער הינטערגרונט און זיינע ווערק איז אזוי פאעטיש און אזוי שיין. א הארבסטיקע לאנדשאפט. א ים אין לבנה-ליכט. ער ווייזט אייך שטענדיק די נאטור, ווי דער מאלער רוסא, פעט און גוואלטיק, צארט און טרויעריק, אלמעכטיק און אומענדלעך. און אויף דעם הינ־טערגרונט פון דער נאטור — ווי די ריזיקע — רענעסאנס־ קינסט־לער — ווייזט ער אייך דאס מאריאנעטישע באוועגן זיך פון זיינע העלדן, דאס טראגישע ראנגלען זיך, די טיפע געפילן, דאס אונטער־גיין און דאס ארויסהייבן זיך צום לעצטן מאל, ווי א ליכט־פלעמל. עפעס ווי א דעמאן שטייט ער צווישן די קוסטעס, רוקט זיך צו און האט הנאה פון דער אנשטרענגונג פון די גלאדיאטארן אויף דער ארע־נא פון לעבן.

אָבער — ער איז נישט קיין דעמאָן. דער בעסטער סימן: זיין ווילדער טרויער וואָס פרעסט אים און טרייבט אים צו משוגעת, צו זעלבסטמאָרד. דען — ער איז געווען איינער פון די העלדן, וואָס באַשרייבט זיינע אייגענע רעאַקציעס צום לעבן. ווי סטענדאַל — האָט ער זיך אַליין באַשריבן דורך די אַלע מאַריאַנעטן, און דערפאַר — די אָביעקטיוויטעט. ער איז געווען גרויזאַם צו זיך אַליין...

מאָפּאַסאַן האָט אַ סך געליבט, אַ סך געלעבט, געהאַט דערפאָלג אַלס שרייבער. ווי יעדער געניוס, איז ער כמעט לעגענדאַריש. זיין לעבן איז פול מיט געהיימנישן. די לעגענדעס — דאָס איז די גייסטיקע טרומנע און וועלכע די מענטשהייט, די פעלקער, וואַרפן אַריין זייערע העלדן... עס ווערן דערציילט געשיכטעס וועגן זיינע ליבעס, מיט געהיימניספולע געליבטע... איינעם אַזאַ ראָמאַנס האָב איך לעצטענס געלעזן, ווי אַזוי זיין לעצטע געליבטע האָט צוגעזען ווי דער גאון ליידט, שטאַרבט... באַקאַנט זענען די בריוו וואָס די טראַגישע מאַריע באַשקירצעף אַ יונגע קינסטלערין פון פּאַריז, שטאַרבענדיק פון שווינדזוכט אין 24־יאָריקן עלטער — האָט געשריבן צו מאָפּאַסאַן, וועלנדיק אים רייצן און נייגעריק מאַכן ער זאָל זיך מיט איר באַקאַנען. אַקסעל, מונטע, אין גלענצענד און שפּאַנענדיק בוך „די סטאַרי אָף סט. מישעל“, באַשרייבט אויך אַ געשיכטע וועגן מאָפּאַסאַנס אַ געליבטע, וואָס איז געשטאָרבן יונג אין שפּיטאָל — ליידענדיק דעם גרויסן נאָוועליסט. מונטע דערציילט אפילו אז ער האָט געהיילט מאָפּאַסאַנען. לעצטנס האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן אים.

אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע אַרבעט. דאָס לעבן פון מאָפּאַסאַן וועט שוין אַזוי געשריבן ווערן און ווייטער און ווייטער דורך די דורות. וויכטיק איז זיין ווערק. און אין זיין ווערק איז געשריבן געוואָרן זיין לעבנס־באַשרייבונג. איך האָב געלעזן הונדערטער פון די קורצע דערציילונגען. זיי זענען ווי עכטער, שטאַרקער ווין, וואָס פאַרשיכורט טרויעריק. צי איז עס די דערציילונג ווי אַזוי אַ יונגע פרוי ווערט פאַרהייראַט צו אַן אַלטן, רייכן מאַן און ער נעמט זי אין אַן אַלטן, וואָלגאַטנעם שלאָס וווּ עס איז אַזוי קאַלט און אַזוי מעלאַנכאָליש... ער נעמט זי אַוועק פון איר וואַרעמען קלימאַט, איר פרייהייט. זי פאַרקילט זיך, וויאַנעט, קריגט שווינדזוכט און שטאַרבט.

איז עס די דערציילונג „האַרלאָ“, וווּ דער קינסטלער באַשרייבט זיין אייגענעם צושטאַנד, ווי ער ווערט געפּלאָגט פון מאַניעס און משוגעתן און ווו ער באַשרייבט אַזוי פּלאַסטיש־קלאָר די האַלוצי־נאַציעס. אָדער — אין אַ דערציילונג ווען דעם ווי די טויטע קריכן אַרויס בייַנאַכט פון די קברים און פּראָטעסטירן קעגן די פאַלשע אויפשריפטן אויף די מצבות... צי איז עס די דערציילונג „מאָנט אָריאַן“ — ווו אַ מאַן בלייבט אַליין פאַרן גאַנצן ווינטער אין אַ צי־מער, פאַרשיט פון אייז און שניי און פאַרצערט פון שרעק... צי איז עס די דערציילונג וועגן שאָפּענהויערס לעצטן געלעכטער און וויץ — ער פאַרלירט טויטערהייט זיינע פאַלשע ציין... צי זענען עס די טויזנטער דערציילונגען וועגן זינד, פאַרברעכן, לוסט, האָפנונג, אַנ־טוישונג און — טויט...

אומעטום טרעט ער אויף אַלס נאַטוראַליסט מיט אַ צאַרטן, ווייכן, לימעראַרישן פּענדזל און אַ פּאַלעטע פול מיט פאַרבן... אומע־טום — דער סקעפּטיקער און לירוקער, אָבער קיינמאָל נישט קיין ציניקער... ערטערווייז באַזיצט ער אַפילו אַ רירענדן, צאַרטן הומאָר... אוודאי נישט דעם לירישן הומאָר פון זיין גרויסן תלמיד — אַנטאָן טשעכאָוו... מאָפּאַסאַן איז געווען צו טראַגיש־ערנסט און פאַרשטיי־נערט...

די רייכע געזעלשאַפט פון פראַנקרייך האָט אים ליב געהאַט צו לעזן. זיי האָבן געמאַניעט דאָס זיס־פּיקאַנטע, דעם טרויער האָבן זיי אויסגעמיטן אָדער, אפשר אויך געגאַסן, ווי אַ פיינעם קאָמפּאָט צום מעבטיק־פולן מאָלצייט... מאָפּאַסאַן האָט געהאַט אַ עלעמענט פון פאַרוויילונג... זיינע דערציילונגען זענען געווען שפּאַנענד און — קורץ, נישט איבערגעלאָדן... ער איז געווען אַ וווּנדערלעך־טרויערי־קער קלאָון וואָס „כאַפּט די פּעטש“.

מאָפּאַסאַן געהערט צו דער רייע פון עכט־גרויסע קינסטלער דערציילער, אַזעלכע ווי עדגאַר עלען פּאָ, אַנטאָן טשעכאָוו, אַנדרע־יעוו אַ. אַ. אָבער אַנדרעיעוו האָט אַזוי אָפּגרונטלעך־טיף און אוני־ווערסאַל נישט געקענט דאָס לעבן ווי מאָפּאַסאַן. ווייל מאָפּאַסאַן האָט עס צופיל געקענט — דערפאַר זיין מעלאַנכאָליע, זיין איבער־געזעטיקטקייט, זיין טראַגעדיע און זיין זינקען אין אָפּגרונט אַריין...

90 יאָר! ער האָט קיינמאָל קיין ניינציק יאָר נישט געקענט אַלט

ווערן — אַט דער וואמפּיר פון זיין אייגענעם לעבן... דער בעסטער סימן — ער איז קיין 90 יאָר טאקע נישט אלט געוואָרן... אָבער — א מאָדנע געפיל אָדער טרוים האָב איך: איך שטיי פאר זיין קבר און טראכט: כאָטש טויטערהייט — דאָך איז מאָפּאסאַן אויצט אלט ניינציק יאָר... אַן אונפארשטענדלעך געפיל... פארוואָס? ווייל איך וואָלט שטארק וועלן זען מאָפּאסאַנען... ווייל איך האָב אים ליב. ווייל ער איז מיר אומענדלעך נאָענט אלס מענטש און שרייפטשטעלער...

זיך דערמאָנט אין מאָפּאסאנס צוויי דערציילונגען, וו ער מאָלט א דייטשן אָפיציר אין דער דייטש־פראנצויזישער קריג — און א רייע ענגלענדער... זיי זענען געצייכנט — אויף אייביק...

די ענגלענדער פון היינט — און די דייטשן פון היינט — האָבן זיך נישט געענדערט... די זעלבע רואיקייט און געדולד פון איין זייט... די זעלבע אויפגערעגטקייט, ברוטאליטעט פון דער צווייטער זייט... יאָרן ענדערן נישט קיין פעלקער... און יאָרן ענדערן נישט די וויזיע פון די גאונים...

אלס פסיכאָלאָג איז מאָפּאסאַן געווען גוואלטיק גרויס, ענלעך צו ד' רוסישע רעאליסטן...

שאַרל באָדלער — קלאַסישער מייסטער...
1821 — 1867

„איך האָס די באַוועגונג וואָס ענדערט די ליניעס און קיינמאָל וויין איך נישט און קיינמאָל לאַך איך נישט.“

ווען שאַרל באָדלער איז נאָך א קליין יינגל, פירט אים דער פאָטער ארום אין לוקסעמבורגער גאָרטן. עס איז דאָרט וווּ דער שפּעטערדיקער פּאָעט זאַפּט זיך אָן מיט דער וועלט פון קונסט. די סימעטרי פון פּאַרק, דער בראָנז פון סטאַטועס וואָס באַקומט א ליכטיקן גלאַנץ אין דער נאָכמיטאָג־זון, די דעקאָראַציעס פון בלומען און די גראַנדיאָזיטעט פון שלעסער — אַלץ, אַלץ האָט אויפן קליינעם שאַרל א מעכטיקע ווירקונג און אַלץ וועט שפּעטער זיך פאַרוואַנדלען אין סאָלידער פאָרם פון זיין סקולפּטורישער דיכטונג און — קונסט־קריטיק.

אָבער דער פאָטער וואָס האָט, ווייזט אויס, אַליין געהאַט א קינסטלערישע נייגונג — שטאַרבט אַוועק און באָדלערס מוטער הייראַט מיט א פראַנצויז, וואָס האָט קנאַפּע פאַרשטענדעניש פאַר דער געהיימנישפולער נשמה פון באָדלער. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט אַן אַמעריקאַנער דיכטער, עדגאַר עלען פּאָו. זיין פאָטער שטאַרבט אויך יונג — און א פּערדער און א באַליידיקטער, וועט פּאָו זוכן זיין וועג אין א מיסטעריעזער וועלט און וועט קאָמפּאָנירן די גרויקייט פון לעבן מיט דעם גן־עדן פון מאָרבידער פאַנטאַזיע.

שאַרל באָדלער טרוימט צו ווערן א פּאָעט און צו 16 יאָר ליי־

ענט ער שין דעם טראגישן ציניקער לאָרד בייראָן און סעינט בעוו. נאָך שפּעטער וועט ער זיך פאַרטיפן אין די קונסטווערק פון דעם דאַנטע פון שפּאַנישן בירגער־קריג — גאָיא און פון דעם ביזאַרן קריסט וואָס איז געקומען פון געצנדינערישן קרעטא — על גרעקא. ער וועט לעזן די פראַנצויזישע ליטעראַטור אין זיין פריען עלטער און דער טיוול, וואָס האָט זיך נאָך אין די צייטן פון פראַנסאַ איאָן באַזעצט אויף א געהויבענעם טראָן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — וועט אונאויפהערלעך מיט זיינע ביינערדיקע פינגער קלאַפּן אין באַדלערס שאַרבן. שוין הוגאָ האָט באַזעסן דאָס גרויזאַמע און דאָס גראָטעסקע, וועלכע ער האָט אזוי גלענצענד אויסגעדריקט אין זיינע ראָמאַנען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פּראָספּער מערומעי און אָנאָרעי דע באַלזאַק האָבן אָפּט געשילדערט אין זייערע ווערק — דאָס גרויזאַמע. דאָס מאַקאַברעאַרטיקע און מאָרבידע האָט געטאַנצט אין די וויזעס פון דעם נאַוואַטאַר און עסטעט, גאַטיעי. פלאָבער האָט זיך באַהאַלטן אין די רוינען פון קאַרטאַגאַ און אין לבנה־ליכט געפּאַטשט דעם גייסט פון דער פאַרשוואונדענער „אַטלאַנטוס“ — נישט דורך די כוואַליעס פון אַטלאַנטישן ים צעשטערט — נאָר דורך די רוימישע לעגיאָנען פאַרניכטעט. אייזשען סוע האָט אין די צייטונגען געדרוקט פאַנטאַסטישע ראָמאַנען, וווּ דער חשובער טייוול האָט נישט קיין קליינעם פּלאַץ פאַרנומען. רוסאָ און וואָלטער — איינער לײַדנשאַפטלעכער פאַרליבט אין דער נאַטור און דער צווייטער — א ביטערער שפּעקולאַנט וואָס האָט אויסער דעם אויסגעפּילט דעם גאַנצן 18־טן יאָרהונדערט מיט קולטור אין אַלע געביטן. געטעס „פאַוסט“ איז געווען אין פיל פראַנצויזישע איבערזעצונגען.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט אַז שפּעטער וועט שאַרל באַדלער פאַזירן פאַרן מעפיסטאָפעלעס פון פּאַריז און וועט רייצן דעם „מאָראַלישן־קאַטעגאָרישן אימפעראַטיוו“ פונם בורזשואַ און פיליסטער. אָבער פריער וועט פאָרקומען אַזוינס וואָס וועט שטעמפּלען באַדלערס לעבן מיט א טיפער בענקשאַפט. די עלטערן לאָזן אים נישט ווערן קיין פראָפעסיאָנעלער דיכטער און שיקן אים אַוועק קיין אינדיע. אָבער דער שיקזאַל פון באַדלער איז שטאַרקער און ער וועט אים פאַרוואַנדלען אין א קעניג טאַנטאַליוס. די שיף וואָס פירט באַדלערן קיין אינדיע — דערגרייכט קיינמאָל נישט דעם גאַנגעס. וואָכן לאַנג

בלאָנדזשעט די שיף איבערן ים און אָט די אַדיסיי וועט דער פּאָעט געדיינקען דאָס גאַנצע לעבן. ער וועט שפּעטער זינגען הימנען צו דער שוואַרצער ווענוס. ער וועט טרוימען אַרגיעס אין אַטאַלישן אופן. ער וועט אַ גאַנץ לעבן, מיט דער הילף פון אָפּיום, זען די בלאָע, קופּאָלאַרטיקע, בלוי־אונענדלעכע הימלען — ווי געוואָלטיקע דאָמען. ער וועט בענקען צו דער טיפקייט פון ים וואָס האָט פאַר אים געשפּילט איר מעכטיגע סערענאַדע און אַנטפּלעקט אַלע אירע געהיימנישפולע ביזשוטעריעס. ער וועט חלומען וועגן די ווייס־באַזעגלטע שיפן וואָס פליען אין דער אונענדלעכקייט און וועגן די אַלבאַטראָסן וואָס טראָגן זיך מאַיעסטעטיש מיט בלייך־צעשפּרייטע, שטאַרקע פליגל, אין דער הויך, נאָענט צו די וואָלקנס. ער וועט דיכטן שפּעטער וועגן אומגעווייניכלעכע פלאַנצן און בלומען פון אומבאַקאַנטע לענדער. ער וועט אייביק זיין פאַרליבט אין דער אַריענטאַלישער פרוי און וועט שפּעטער ווערן דער שקלאַף פון אַ מולאַטישער ווענוס — זיין פרוי...

ווי געזאָגט — די רייזע איז קיינמאָל נישט רעאַליזירט געוואָרן אין איר ציל. עס איז באַדלערן געבליבן דער טאַנטאַלישער דורשט נאָך אַ וועלט פון מיסטעריע און לעבנדיק אין פּאַריז, אין דער שטאָט פון זינד און אָפּפאַל — האָט זיך אָט די בייִנקשאַפט פאַרטיפט און אָנגענומען שעדלעכע פאָרמען. דען אויב די שיף האָט דעם היילוקן גאַנג נישט דערגרייכט — האָט באַדלער געזוכט זי צו דערגרייכן דורך אָפּיום און האַשיש.

צוואַנציק יאָר איז באַדלער אַלט געווען ווען ער איז שוין באַרימט געוואָרן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל אַלס דענדי און פּאָעט. אַלס דער מעפיסטאָ פון פאַריזער בולוואַר. ער איז געווען קאַלט און פלעגמאַטיש ווי אַ בריטאַן. זיין מאַסקע האָט זיך נישט באַוועגט און נישט פאַראַטן זיין סופּערנערוועזיטעט און זיין אינערלעכן שטורם. ער האָט באַזעסן אַ קליינעם פאַרמעגן, וואָס ער האָט שנעל געפּטרט אין אַ לוקסוריעזן לעבן. שוין האָט ער זיך געפונען אונטער דער לאַסט פון חובות און — שוין הויבט ער אָן צו אַרבעטן איבער זיין באַרימטער זאַמלונג לידער א. נ. „די בלומען פון שלעכטס".

עס איז געווען דער ראָמאַנטישער יאָרהונדערט אין דער וועלט און בפרט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. אויף דער פראַנצויזישער

זישער טעאטער-סצענע זענען ארונטערגעריסן געוואָרן די פּאפּירענע קרוינען און שווערטן פון ראסינס און קאָרנייס קלאַסישע העלדן. הוגאָ האָט געזוגט. די אנטוישונג אין דער רעוואָלוציע, און נאפּאָלעאָן באָנאפּארט — האָט ארויסגערופן אנטוישונגען אין דער געזעלשאַפט. א גרויסע, טראגישע מעלאָדיע איז דורכגעגאנגען די וועלט. איבער אייראָפּע האָט ווי דער פארבענקטער טשיילד־האראלד — זיך דורכגעטראָגן דער באַליידיקטער לאָרד בייראָן מיט אפּאַללאָס געזיכט און א קורצן פוס. וואַלטער סקאָט האָט שנעל געליפערט די פארלעגער — היסטאָרישע ראָמאַנען, פול מיט זיסן סענטימענטאליזם. שוין לאנג האָט אין פראנקרייך זשאק רוסאָ גערופן צו די גרויסע אידעאַלען פון דער מענטשהייט, צו דער פאַרטיפונג פון דער נשמה און צו דער מענטשהייט, צו דער פארטיפונג פון דער שיינהייט פון גרויסער, אינטימער, אידילישער נאטור. לאמארטען האָט געדיכטעט זיינע פיינע עפּישע לידער, טעאָדאָר דע באנוויל האָט טריי געדינט דער גײַסט פון פאָלקאָמענער פאָרם, האָט באזונגען שיינע דאמען אין טריאָלעטן און אין אנדערע טעכנישע פאָלקאָמענקייטן. אלפרעד דע מיוססעי האָט פיבעריש געדיכטעט פון ליבע.

שארל באדלער קומט כמעט צום סוף פון אָט דעם ראָמאַנטישן מאסקאראד כדי צו טאנצן זיין „דאַנס מאקאברע“. אין קעגנזאַץ צו די ראָמאַנטישע עמאָציעס — האָט ער פארטיפט און פארמאנומענטאליזירט די איבערלעבעניש. אין קעגנזאַץ פון וואסערדיקן חלום, צום מוראזש און פאטא־מארגאנא — האָט ער ארייינגעבראכט די ליבשאפט צום עקסטרעמען. א קלאַסיקער אין פאָרם און אין אינהאַלט, וועמענס פערז האָט די אונבויגיקייט פון מעטאַל און די פּלאַסטיק פון סקולפּטור אין קאלטן, אייביקן שטיין — האָט ער געהאסט דעם נעפּל און דעם ציגארעטן־רויך און דעם רעגן פון פארביקער קאָנפעטי, וואָס די ראָמאַנטיקער האָבן אזוי שטארק געליבט.

זיין ליד איז קאָנסטרוקטיוו־געבויט און איינהייטלעך אין פּלאַן. פּאָלקאָם און אויסגעארבעט ווי די צירונג פון אלטע גאָלדשמידן. נישט נאָר דאָס גאנצע ליד איז פּערפעקט — נאָר יעדער פערז באזונדער איז געשמידט צו א קלאַסיש-קלאָרער שיינקייט און רעפלעקטירט דאָס גאנצע ליד. ער האָט א זעלטענע מאכט צו קאָנצענטרירן דעם עסענץ פון געדאנק און וויזיע און עס איינצופאסן אין דער בעסט־

מעגלעכער פאָרם ווו די ווערטער פאסן זיך אזוי ווי די שטיינער אין א פיראמידע — און דערביי אינטענסיוויזירט ער דעם אינהאלט אז ער וועט שטייף און קאַלט און האַרט און מעכטיק ווי אן עגיפטישער ספינקס, שווער פאראנקערט אין דער ערד. ער זאָגט אליין — צום בעסטן אויסדריקנדיק דעם מהות פון זיין ווערק:

„און איך צי ארויס פון יעדער זאך דעם קווינט־עסענץ".

„די בלומען פון שלעכטס" איז א מין „פאוסט" פון זיין לעבן. וואָס דערציילט אלע זיינע מעטארמאָפאָזן און דראנגען, זיינע אמבי־ציעס און חלומות. עס איז די גייסטיקע מעטארמאָפאָזע פון זיין פערזענלעכקייט — אין אן אטמאָספערע פון טרויער און אומגליק. איר האָט דאָרט די פאָעזיע פון רעוואָלט קעגן שלעכטס — און א טריבוט צו סאטאן און — קין. איר האָט אדאראציעס צו הייליקע מאדאננאס, פאר וועלכע ער בויגט ענטוזיאסטיש פאגאנישע טעמפּ־לען מיט נישעס אין זיין הארצן — און גרויזאמע דערציילונגען פון טויטע קערפּערס און דעם מוסר השכל דערפון — וואָס קלינגט ווי דעם אלטן קעניג קהלת"ס רעזאנירן און מעדיטירן. איר האָט זייט ביי זייט — די אונטערוועלט פון פאריז, מיט אירע שפּיטעלער, אזילן, טורמעס, קלויסטערס, שאנד־הייזער — מיט די אימאזשן פון אָריענט, די וויזיעס פון א מיסטעריעזער וועלט, די פאנטאסטיק פון אָריענט, די בילדער פון אן אויסגעטרוימטן גן־עדן. איר האָט די שווערע אייגנטאניקייט פון לאנגווייל און די רעאליסטישע צויבערייע־ען פאנטאסמאגאריעס פון שיקרעס, פון אָפּיום, וועלכע נעמען אָן, דורך דער פאָעטיש קלאסיש־מאנומענטאלער פאָרם — רעאלע קאנ־טורן. איר האָט ווייסע נעכט ווי שניי און ווי מארמאָר און קילע לבנות ווי פון א גאָט. איר האָט א מין קאטוילישן מיסטיציזם — אויסגעדריקט אין גרויסע, באראָקע קירכן־הימנעס און אין פראנסוא וויאָנישע געבעטן און טעסטאמענטן פון רירנדער שיינקייט און געפילס־אויפריכטיקייט. איר האָט דעם עלנט פון אלטע לייט — אוועקגעוואָרפן אין שמוציקע אזילן און די טרויעריקע מאסקעס פון אלמנות און פארלאָזענע זינד־פרויען און בעטלעריננס. רירנדע תפי־לות צו גאָט און מעכטיקע הימנען צום טייוול — און איבער אלעם דאָמינירט די בענקשאפט צו אינדיע, די טאנטאליום־עקספּיריענס אין זיין לעבן וואָס גייט דורך ווי אן אוונטורע דורך דער מיזערע־אָפּערא

פון דער וועלט, פון פאַריז, פון זיין נשמה. איר האָט קריסטלעכער מיסטיק און אָריענטאַלישע מיסטעריע. און אָט דער דואַליזם ווערט צום גלענצנדסטן אויסגעדריקט אין פאָלגנדע פערזן פון באָדלערן אַליין: „און דעם איינגעשלאָפענעם ברויט דערוואַרט א מלאך.“

די קאָנסערוואַטיווע עפנטלעכע מיינונג פון פראַנקרייך נעמט זיך איצט צום דיכטער. די צענזור וואַרפט אַרויס 6 פּאָעמען פון זיין בוך — וואָס זענען ליטעראַרישע קונסטווערק און זענען פיל ווייטער פון אונמאָראַלישקייט ווי די נאָבעלע ריכטער וואָס משפּטן זיין פּאָעזיע. באָדלער האָט דעם זעלבן גורל ווי אָסקאַר ווײַלד, ווען די פּור־ דיטאַנישע ענגלישע געזעלשאַפט פאַרפאָלגט, אַריינקוקנדיק מיט איי־ דע פרעכע, זינדיקע אויגן אין שליסל־לאָך פון זיין וווינונג און זוכנ־ דיק יענע מאָראַל וועלכע זי, די געזעלשאַפט, באַזיצט אַליין נישט... באָדלערס געזונט ברעכט צוזאַמען.

שאַרל באָדלער אַליין פאַרשטאַרקט נאָך דעם חשד איבער זיין געהיימנישפולער פערזענלעכקייט. ער האָט א בעטערן האַס צו דעם פּיליסטעריזם און שטערט אים מיט די אויסטערלישסטע דעריקלערונ־ גען און וויצן. זיין אָריגינאַליטעט אין קליידונג, אויסזען און שפּראַך. זיין דראַנג צום דערשטוינען. זיינע געפּרעסטע, גרויע געדאַנקען, זיינע קאַלטע מאַניערן פון א דענדי, זיין קיבעצן פראַנק און פריי דעם בור־ זשואַ — דאָס אַלץ פאַרשאַרפט נאָך דעם אַרענאַל פון אונמאָפּוליש־ קייט און מאַרבידיטעט אַרום אים. דער פּאָעט זינקט פיזיש און זוכט זיין רעטונג אין קינסטלעכע סטימולאַציעס.

בלויז איין פריינט געפינט ער, וואָס האָט, ווי ער — זיינע עס־ טעטישע אימאַזשן, זיינע אַנשויונגען איבער קונסט און זיין פלאַס־ טישע פאָרם — דאָס איז עדגאַר עללען פּאָו, וואָס לעבט ערגעץ אין אַמעריקע זיין מיזעראַבעלע עקזיסטענץ. ער וועט איבערזעצן פּאָו איינגנטלעך א י ב ע ר ש א פ ן . ער וועט לערנען פון אים דעם סוד פון מוזיק, פון דעם רעפריין, וואָס גיט צו א נאַקטוירנישע מע־ לאָדיע צום ליד. ער וועט לערנען פון אים די קאַלטע עסטעטיק און די געפּאַסטקייט פונם קורצן ליד. ער וועט אין זיין קריטיק פון קונסט איבערנעמען פּאָוס טעאָריעס. ער וועט זיך איינלעבן אין דעם וויטן פּאָעט פּאָו, וואָס ווערט זיין ברודער און זיין מאַרטירער־גענאָסע. דען ווי פּאָו, וועמענס טראַגעדיע איז דאָס ווערן מיספאַרשטאַנען פון א

באגרענעצטער געזעלשאפט, ליידט אויך באדלער פון מיספארשטענ־דעניש. ווי פאָו איז באדלער — שוואך און ווילנלאָז און די געטראָנ־קען גראָבן אונטער זיין פיזישן עקזיסטענץ, בשעת זיי אינטענסיוויזי־רען זיינע עמאָציעס און חושים.

און אזוי, א צעקראַכענער, קראנקער, איינזאמער און נישט־פאר־שטאנענער— זינקט באדלער אַלץ טיפער אין פאראליזים. ער פאָרט אין בעלגיע, פלאנט צו שרייבן א בוך וועגן בעלגיעס קונסט. און — ער פאַלט אויף די טרעפ פון א קירכע אין נאמור. שפעטער שטאַרבט ער אין א פאריזער סאנאטאָריום.

אויסער זיין „די בלומען פון שלעכטס", וואָס איז די ביבל פון זינד — פונקט ווי פאוסט איז די ביבל פון אלע פריידן און „איוב" — די ביבל פון אלע ליידן און „די געטלעכע קאָמעדיע" — די ביבל פון גהינום און גן־עדן — שרייבט באדלער נאָך עטלעכע ביכער, צוויי־שען זיי „די מוראזשן פון האשיש" — זיכער באווירקט פון דע קינ־סים אָפיום־פרעסער און — „פאָעמען אין פראָזע", וואָס זענען פול מיט מיטלייד צום ליידנדן מענטש און פול מיט דיגניטעט און — באשיידנקייט.

ווי פאָו, האָט באדלער געליבט דאָס שיינע און אפילו אינם „אוגלינעס" זעט ער און ברענגט ארויס דאָס שיינע און עסטעטי־שע. ער האָט געהאסט די טרוקענע קאַפּיע און האָט די וועלט געזען דורכן פריזם פון מענטשלעכער טראגעדיע, פון זיין אייגענער טראַ־געדיע. ער האָט געטרוימט פון א קאַלטער, סטאטישער וועלט, ווו גאָרנישט באוועגט זיך און עס שפּראָצן מעטאלענע בלומען אויפן פּאָן פון אייזערנע און שטיינערנע לאַנדשאפטן. ער האָט געחלומט פון א צייטלאָזער וועלט ווו אלץ רעדוצירט זיך צו שאָטן און רעפ־לעקס: ווו אלץ דינט דעם אידעאל פון שיינקייט. דאָסזעלבע האָט שפעטער איבערגעגעבט — פאול ווערלען, א תלמיד פון שארל באד־לער. ווערלען האָט זיין סאטאניזם און זיין טעאָריע פון מוזיק אין דער פּאָעטישער פאָרם — אויך פארוואנדלט אין א קריסטלעכער רעזיגנאציע־טאָן און ליבע צו מארי, דער הייליקער יונגפרוי, זי אויס־טוישנדיק פאר זיין פריערדיקער קורטעזאנקע. אזוי האָט באדלע־באווירקט דעם סימבאָליזם פון הויזמאנס און מעטערלינק און — די רוסישע מיסטיש־סימבאָלישע דיכטונג פון אלעקסאנדער בלאָק,

פיאָדאָר סאלאגוב א. א. אין פאָרם־עסטעטישע מייסטער. אין אינ־האלט — סימבאָליזם.

אָבער קיינער פון זיי האָט נישט באַזעסן דאָס אויפריכטיקע האַרץ פון באַדלער. הגם ער האָט געהאַסט באַשיידנקייט אין קונסט — איז ער פול מיט באַשיידנקייט אין זיין טיפערן געפיל און שטי־מונג. ער האָט געליבט די ליידנדע פון דער ערד און זיין דיכטונג איז פול מיט מיטלייד. און ווי א מידער מענטש, ווערנדיק אליין מיד און מידער און אריינפאלנדיק אין פאַראַליזש — האָט ער געטרוימט א סאָלידע, פאראליזירטע וועלט, ווו אלץ איז פארכישופט אין א טרויי־עריקן, רואיקן וויאנען און אלץ רעפלעקטירט זיך אין אונענדלעכן הימל, ווי אין א שטייענדיקן, מעטאלענעם אָקעאַן און די דאָזיקע טראגישע דיכטונג איז געשריבן מיט רויטן פלאַם און שוואַרצן מאַרמאָר...

די געטלעכע ראשעל ווײנט...

עס איז געוואָרן הונדערט יאָר זייט דעם ערשטן אויפטריט פון ראשעל אויף דער פראַנצויזישער טעאַטער־בינע. די וועלט־פּרעסע פּייערט דעם אָנדענקן פון דער גרויסער אַקטריסע. אין דער יידישער פּרעסע זענען אויך דערשיינען אַ רייע אַרטיקלען וועגן איר. אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט אָנגעשריבן אַ פיין גוט־דאָקומענטירט בוך וועגן ראשעל. און — אויך איך, מיין וויניגקייט, בין ווי פּלוצלונג אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ שטאַרקער באַגייסטערונג; אַ מין אייזיקע קעלט, וואָס קומט פון צופּיל ענטוזיאַזם, וואָס קומט פון אַ מין שטאַלענעם פייער — האָט מיר באַהערשט — און מיין פעדער ציטערט איבער אַן אַרטיקל וועגן ראשעל...

איך ווייס נישט פאַרוואָס מיר איז באַזונדערס נאָנט אָט די שלאַנקע שוואַרצע, פאַרגליווערטע פיגור, וואָס איז אומבאַוועגלעך ווי אַ קאַלטע, שטיינערנע סטאַטוע. אָבער ווי נאָר זי דערפילט דעם וואַרימען אָטעם פון פּובליקום, ווען זי פילט זיך אויף דער סצענע, וואָס איז נאָר עטוואָס העכער פון געוויינלעכן באָדן, ווען זי געפינט זיך אין אַ דעקאָראַטיוון קלייד פון אירם אַ העלדין — דאַן פלאַקערט זי אויף, דאַן צעעפענען זיך אין אָט דעם טרויעריק־קילע ווייזן אַלע אירע פלאַמען און פייערן, דאַן צעשטראַלט זי זיך מיט אַן אוממענטשלעכער שיינקייט, ווי זי וואָלט זיין אַ טראַגישער מלאך פון נאָטס הימל־פּאַלאַצן און — זי שליידערט דעם גאַנצן זשעניע פון איר מעכטיקן האַרץ, וואָס ווערט פאַר אַ ווײלע דאָס האַרץ פון פאַרשאָלטענע קעניגינס, דאָס האַרץ פון רויזיקע ליידענשאַפט־העלדן, דאָס האַרץ פון דער מענטשהייט...

איך בין געזעסן אליין אין פעלד און אין גראַנדיעזן זון־אונטער־

גאנג צווישן ברענענדיקע וואָלקנס און באוועגלעכע בינעס פון פייִ־ער, איז זי דערשינען, די איינזאַמע ראשעל, אין אַ פלאַמענדיקן קלייד, איינגעהילט אין דער פאָן פון דער רעוואָלוציע, מיט פייערדיקע אויגן און איר בלאַסלעך־ראָזן־געזיכט און — זי האָט דעקלאַמירט מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר עקספּרעסיווער שטימע — די „מאַרסעליעזע", יענע מעכטיקע מעלאָדיע וואָס האָט אויפגעריסען פעלקער פון שלאָף און זיי געריסן צו ברענענדיקע באַריקאַדן. זי האָט דעקלאַמירט דאָס ליד פון רעוואָלט — און די וואָלקנס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שטראַלענדיקע רעוואָלוציאָנערע אַרמייען און האָבן ראַשעלן, די פרוי פון דער רעוואָלוציע, אין דער פאָן איינגעהילט, הויך געטראָגן צו די באַריקאַדן און האָבן מעכטיק געיובלט צו איר גלאָריע.

אָבער — באַלד האָט דער זון־אונטערגאַנג זיך פאַרשלאָסן און אַן איינזאַמע, אין אַ פּורפּור־טונקעלן קלייד, איז פאַר מיר געזעסן די איינזאַמע אַקטריסע. איך בין נישט געווען איבערראַשט. איך האָב זי שוין לאַנג ליב. אַלע אירע העלדן, אַלע אירע געליבטע האָבן זי געליבט ווען זי האָט געשטראַלט אין גלאָריע. ווען זי האָט פון דער סצענע אַרונטערגעשמייכלט צו פּרינצן און קעניגן. ווען זי האָט געפּלאַקערט אין איר געטלעכער קונסט איבער אייראָפּע און אַמעריקע. אָבער איך האָב ליב ראַשעלן ווען זי איז געבליבן גאַנץ איינזאַם. ווען זי איז אַליין. איך קום צו איר אין טיפן אָוונט און איך רעד געַרן מיט איר שטילע רייד. זי איז אַלט און גרוי און טרויעריק. אירע אויגן זענען אומעטיק, פאַרלוירן דאָס „מאַרסעליעזע"־פייער פון רעוואָלט און פון גרויסער טראַגישער קונסט. האָב איך נישט אַ רעכט אייך צו ליבן, אַ, צאַרטע מאַדאַם ראַשעל?...

זי איז טרויעריק געזעסן נעבן מיר און — געוויינט. איך האָב געהערט איר געוויין. און — איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי וויינט... זי האָט נישט באַקלאָגט איר גורל, ווייל איר גורל איז נישט געווען קיין טרויעריקער. האָט זי דען נישט געזיגט? האָט זי דען נישט אין אירע קאַרגע אַכט־און־דרייסיק יאָר די וועלט געצונדן אין פלאַמענדן עקסטאַז פאַר איר קונסט? האָט זי דען נישט געליבט אַזוי פיל ווי אַ גאַנצע מענטשהייט צוזאַמען ליבט? האָט זי נישט אויף אייביק אויסגעקריצט איר נאָמען איבער דעם מאַרמאָרנעם מאָנו־

מענט פון דער אייביקייט? האָט זי דען נישט געזיגט איבער א־ר שוואכן קערפּער, איבער איר שווינדזוכט־קראַנקהייט, איבער דעם סאמע טויט אליין? האָט זי דען נישט געזיגט און איר בארוף, אין איר קונסט־מיסיע, אין איר שטאָלצער, הערא־איש־טראגישער קרעא־ציע?

אָבער — פארוואָס האָט די איינזאמע ראשעל געוויינט נעבן מיר, אין דער מירמורנער שטילקייט פון דער נאכט?

פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן א צארטע מעלאָדיע פון שובערטס א ליד. איך האָב ארויסגענומען א טיכל און אָפּגעווישט די טרערן פון ראשעלס אויגן.

ראשעל האָט געוויינט איבער דעם גורל פון איר פאָלק. איבער דעם גורל פון יענע יידישע קינסטלער, וואָס זענען פארטריבן געוואָרן אין דער פרעמד. מענטשן, דערצויגן אין זייער שפּראך און קולטור, פארוואָרצלט אין דעם לאנד, ווו זיי האָבן זיך קינסטלעריש אויסגע־לעבט, זענען פלוצים פארניכטעט געוואָרן. זי האָט געוויינט און גע־שאָלטן דעם פאשיזם, געשליידערט ביטערע קללות אויף די משוגענע הינט — און אין אָט דער פויזע איז זי געוועזן ענלעך צו יענער ביב־לישער רחל, אין איר איינזאמען קבר אויפן וועג קיין חברון, וואָס וויינט און בעט פאר אירע קינדער...

די יידין אין איר האָט דערוואכט. זי פלעגט שפּילן גריבינס און רוימערינס, זי פלעגט פארשטעלן די ליידנשאפטן, וואָס האָבן נישט קיין קאָליר און קיין ראסע־פארשידענהייט. אָבער זי האָט קיינמאל נישט געווענדעט איר אויפמערקזאמקייט צו דער גוואלדיקער טרא־געדיע פון א פאָלק, וואָס וואנדערט איבער די וועגן פון פלאנעט דורך יאָר־טויזנטער און ווערן פארפאָלגט פארן פאנאנדערטראָגן דעם גייסט פון גערעכטיקייט און ווערן געפייניקט דורך דעם גראנדיעזן אייפער־זוכט פון פעלקער, וועלכע, אין זייער מינדערווערטיקייטס־קאָמ־פּלעקס און שנאה, שעמען זיך נישט צו ווערן אָפענע מערדער און צו מאָרדן אין אלע צייטן די אויסדערוויילטע...

איז עס א בלויזער צופאל וואָס דאָס פאָלק פון אוניווערס האָט ארויסגעגעבן א ראשעל, אזא וואָס איז געוואָרן די אויסדריקערין פון אוניווערסאלע געפילן? ניין, עס איז נישט קיין צופאל. עס איז א געזעץ! איז ראשעל דען נישט ענלעך צו א היינריך היינע, א לוד־

וויג בערנע, אן אלעקסאנדער קין? אלע האָבן זיי דעם צאַרטן הומאָר, שפּילעוודיקן וויץ, גאַלאַנטקייט און העפלעכקייט. און פּלוצלונג ווערן זיי טויט־ערנסט, צינדן זיך אָן ווי ריזיקע רעפלעקטאָרן, ווערן פאַרשטיינערט פון איבערגעפילן און רעפלעקטירן די מענטשלעכע טראַגעדיע, ווייזן די פעלקער וואָס מענטש איז, שפּיגלען טראַגיש אָפּ דעם אונווערסאַלן מענטשס נשמה און מאַכן פאַר א לאַנגער ווייל שווייגן די פעלקער אין עקסטאַז, אין הערָאָאישער באַגייסטערונג פאַר דער פאַרגליווערטער טראַגעדיע, וואָס באַזיגט זיך אַליין און דערהויבט זיך אויף די פליגלען פון ביטערסטן שמערץ צום העכסטן טריומף, צום שענסטן זיג!...

זי האָט געוויינט און איז געוואָרן פאַרשטיינערט, איינגעזונקען אין גרויע פעלזן, ווי דער אַלטער נביא, ירמיהו איז פאַרשטיינערט געוואָרן אויף די בערג ארום ירושלים, קוקנדיק אראָפּ צו דער שטאָט פון גאָט, וווּ שאַקאַלן און ראָבן און ווילדע אָדלערס וווינען, וווּ פּאַלאַצן שטאַרבן און פּרינצן ווערן געפירט אין געפאַנגענשאַפט, אין גלאָריע־וואָגן פון דעם „זיגער"...

די וועלט קען נישט פאַרגעסן דעם וואונדער וואָס אן אָרימע זינגערין האָט געראַטעוועט די קלאַסיש־פראַנצויזישע טראַגעדיע פון ראַסין און קאָרניי, האָט ווידער אין פייער פון באַגייסטערונג געלאָזט אַפּלאָדירט ווערן אויף דער סצענע די שטאָלצע העלדן פון אַלטען גריכלאַנד, האָט פּלאַסטיש געלאָזט אויפשטראַלן די הערָאָען פון דער מענטשלעכער עמאָציע, האָט ווידער אויפגעלעבט די אַנטיקע העלדן פון געפיל און פראַמעטעאישן שטאָלץ און — די וועלט וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. קיין געניוס האָט נאָך נישט באַוויזן קיין גרעסער וואונדער ווי ראַשעל. דער וואונדער איז באַהאַלטן אין איר וועזן. ווען מען לייענט וועגן אירע אויפטרעטונגען און וועגן אירע ליבעס — פאַרשטייט מען פּשוט נישט ווי אזוי א קראַנקע, שוואַכע, בלאַסע יידישע פרוי האָט געקענט אזוי פיל לעבן אין איין מענטשן־לעבן. אין איין קורצן לעבן פון עטלעכע און דרייסיק יאָר האָט זי דורכגעשניטן די וועלט ווי א פייערדיקער בליץ. אירע ליבעס־ראָמאַנען זענען מייסטערווערק! זי האָט אויף דער בינע געלעבט איר לעבן! זי האָט אין לעבן געשפּילט איר קונסט! עס איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד אין איר קונסט און לעבן. אויף דער בינע האָט זי

געגעבן דעם עסענץ פון איר לעבן. זי האט אין שטאַק־קאָנטראָלירטע ראָלעם געשליידערט די פארביגקייט, די געפיל־רייכקייט, דעם שטורמישן דראנג פון איר וועזן. זי האט אין אירע ליבעס זיך פאָרטגעזעצט, פארענדיקט אירע ראָלן פון דער סצענע. אין קונסט ווי אין לעבן האט זי געהאט צו טון מיט קעניגלעכע העלדן. דאס לעבן איז פאר איר געווען א קלאסישע טראגעדיע. ווי פאוסט, וואס וויל דורכלעבן די גאָרע געפילן פון דער גאנצער מענטשהייט, אזוי האט זי די מענטשהייט דורכגעלעבט אין איר קרעאטור. איר לעבן איז געווען אן אייביק־פלאמענדיק שפילן אויף דער סצענע פון דער ערד. זי איז קיינמאָל נישט געווען אויסן איר ראָלע. זי האט אין איר לעבן קיינמאָל נישט געקענט די „הינטער־קוליסן". די פרינצן פון דער סצענע האבן פאר איר באזעסן מער רעאליטעט ווי די נאפאָלעאָנישע פרינצן פון פראנקרייך. פאוסט האט געוואָלט האבן א קינד מיט דער לעגענדארער גריכישער קעניגין העלענע — און זי האט געהאט אירע צוויי אינגלעך פון נאפאָלעאָנס אן איינִיקל...

איז דען נישט דער גרויסער אקטיאָר דער וואס פערסאָניפיצירט די גאנצע מענטשהייט, אין אַלע אירע אספעקטן און עמאָציעס? זי האט דורכגעלעבט אין זיך די גאנצע מענטשהייט. ראשעל איז דער גרויסער אקטיאָר, וואס הערט קיינמאָל נישט אויף צו זיין אקטיאָר, וואס איז שטענדיק באוווסטזיניק מיט דער גאנצער מענטשהייט, וועמעס לעבן איז איין גראנדיעזער מארש אין פלאמענדן גהינום פון לעבן און קונסט...

* * *

זי האט אויך געהאט שונאים. שפעטער, ווען זי איז שוין געווען קראנק, מיד, טרויעריק זענען זיי איר באפאלן, געפרווט זי ארונטערצורייסן אלס אן אונמאָראלישע פרוי. געוויינלעך באשולדיקן די דאָזיקע מענטשן אין אונמאָראלישקייט דעם קינסטלער, בעשת זיי אליין זענען די מיאוסע אויסוואורפן, אָדער וועלכע מוזן זיין „מאָראַליש", ווייל זיי זענען פאָטענצלאָזע ברואים.

געניום איז נישט אוממאָראליש. געניוס האט זיין אייגענע מאָראל, ווי גאט האט זיין אינערלעכע מאָראל. געניע וויל ליבן, וויל לעבן אין אייביקן עקסטאז, שטרעבט צו די הימלען פון פייער, וויל ווערן געליבט דורך איינצעלנע און מאסן.

אין ראשעלן האָט דאָס גרויסע הארץ געטריבן צו ליבן און גע־ליבט צו ווערן. זי איז געווען אַ גענים און האָט געמוזט זיך אויס־דריקן אין ליבע. מען קען קיין געניעס נישט מעסטן לויט דער מאָ־ראַל פונם קליינבירגער און פיליסטער.

זי האָט געלעבט איר לעבן ערנסט און פול. זי איז פארצערט געוואָרן פון שווינדזוכט־פייער, וואָס האָט געשטייגערט איר זשע־ניע, האָט אין פיבער זיך געלאָזן ברענען, האָט אירע אמביציעס אָנגעצונדן. זי איז געווען א שוואכע, א קראנקע, מיט א זשעניע וואָס רייסט אין אייביקער דינאמיק, צו שאפן און צו לעבן. וואָס מער זי האָט באזיגט איר קראנקהייט, מיט דער קראפט פון באגייס־טערונג באזיגט איר מידקייט — אלץ מער האָט איר באהערשט שלום לעך די קראנקהייט. און — ווי טרויעריק איז דאָס לעצטע קאפיטל פון דער איינזאמער פרוי, אין עגיפטן, ווען זי קען נישט מער שפי־לען... ווען זי מוז שווייגן אין שטאָלצן צער, ווי פראָמעטעאוס, בליקן צום זון־אונטערגאנג און זען ווי אירע זייד׳ענע קליידער און דעקאָראַציעס ברענען, לייכטן און געזעגענען זיך מיט איר, זיך שמערצלעך קאָרטשנדיק. איידער זיי ווערן סאזשע... זי האָט געזען ווי אין זון־אונטערגאנג ברענען אירע טראַגעדיעס, די קלאסישע מייסטער־שטיק. די העלדן זינקען איין אין דער נאכט — און זי בלייבט אליין דאָ, אויף אן אונדאנקבארער ערד, וואַרטנדיק אויפן קאַלטן, שטייפן טויט...

עס איז שפעט ביינאכט, ווען איך האָב דערוואכט פון מיינע מעדיטאַציעס. איך בין געווען גליקלעך. בין פאר א קליינע ווײַלע געווען צוזאמען מיט ראשעלן, מיט מיין טויטער געליבטער. איך האָב געפילט ווי קושן פון פייער אויף מיין הארץ, ווי הייסע רוי־זען. איך וואָלט אוועק קיין פאריז, צו איר קבר, זיצן ביים מאָנו־מענט און אין ליכט פון דער לבנה לייענען די אלטע טראגעדיעס פאר ראשעלן, ראשעל זאָל ווידער איבערלעבן אירע גרויסע עמאָ־ציעס, זאָל ווידער פלאמעדיק שטראַלן אין אירע העלדישע ראָלן. אָ, ראשעל, מיין געטלעכע ראשעל, די ביאָגראַפן דערמאָנען מיך נישט אין דעם רייכן צעטל פון דיינע געליבטע; איך בין אויך נישט קיין פרינץ; אָבער דאָס פארמינערט נישט מיין ליבע און מיין רעס־

בּעקט צו דיר. אין איינעם א טאָג פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט וועל איך דערשיינען פאר דיר, זיך פאָרשטעלן פאר דיר, אומשטערב־לעכע ראשעל!...

וועגן דעם לעבן פון סטענדאל...

א מאָדנע שטימונג באַהערשט מיך, אין ביבליאָטעק. עס איז אַן אומבאַוווּסטזיניק געפיל פון פאַרגאַנגענהייט. איך פיל אַז די אייביקייט פון גייסט, וואָס פאַרגייט, איז אייביקער ווי דאָס לע־בען, וואָס זיצט אין דער פאַרקערפּערונג פון יוגנט און — לעזט די אַלטע ווערק. ווי איך ווער דאָ באַגייסטערט, אַרומגערינגלט פון גרויסע ווערק און — איך בין ווי פאַרבונדן מיט דער גאַנצער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט און גייסט.

איך זיץ ביים פענסטער און קען זען אי דעם פּאָעטישן דרויסן אין דער נאַכט — אי דעם גאַנצן זאַל פון דער גרויסער ביבליאָטעק. אַרום די מאַסיווע טישן זיצן די מיידלעך און בחורים — פאַרטיפט אין ביכער. מיידלעך — ווי מאַדאָנאַס... יונגע, וווּנדערשיינע, לוי־טערע. איך בין פאַרליבט אין אָט די אַלע מיידלעך. עס וועיעט פון זיי מיט פרישקייט, יוגנט, פיבער און טרוים.

איך קוק אַרויס דורכן פענסטער; די וועלט זעט אויס צו זיין אַזוי פאַנטאַסטיש; איך קוק אויף די הייזער, אין נעפל געהילט, צו די פענסטער, ווו דולציניייעס לייכטן אין עלעקטרישן ליכט. די אַלע דול־ציניייעס זענען דאָך פריער דאָ געזעסן אין ביבליאָטעק, געווען די זעלבע יונגע מיידלעך, שטודירט און געפלירטעוועט מיט די יונגעלייט...

אַנגעטון אין פאַרביקע קליידלעך, אין וואַרעמע סוועטערס, אין זייד און אין באַטיסט — זעען זיי אויס ווי מלאכים, ווי די העל־דינס פון די ראָמאַנען וועלכע זיי לעזן. אָט לייענט איינע „דאָריאַן גריי" און איז אַליין די צאַרטע אַקטריסע וואָס שפּילט די ראָלע פון שעקספּירס אָפעליאַ; אָט איז איינע — שוואַרץ און דאַר, ווי מערעאַ; אָט זענען גראַציעזע, ווייבלעכע, וויענער־ראַפינירטע פרוי־ען פון שניצלערס ראָמאַנען; אָט זיצט נעבן מיר א מיידל וואָס איז

ליטער טרוים און איז א סינטעזע פון עטלעכע העלדינס פון טראַגישע נאָוועלן. אַט דאָרט, ביים ווינקל, אונטער דעם ביוסט פון פּאַלאַס — זיצט דאָך לענאָרא, פּאָוס בלייבע געליבטע וואָס שטארבט... אַט איז די העלדין פון טשעכאָווס א נאָוועלע — א שווינדזיכטיקע אקטריסע וואָס שטארבט פון אייפערזוכט. און איז נישט זי — די „קאמעליענדאמע", שלאנק, גראציעז און עלעגאנט — די וואונדערליכע העלדין פון ווערדיס אָפּערע „טראוויאטא"...

די מיידלעך לעזן און פּארטיפן זיך אין די ביכער. איך לייען א ביאָגראפיע פון סטענדאל פון דעם איינזאמען מענטש הענרי בייל, וואָס האָט — ווי מארסעיל פּרוסט, ליב געהאט אין טרויער צו שרייבן פון דער פארלוירענער צייט... פון ראָמאנען און ראָמאַנען — לאַנג־דורכגעלעבטע. דאָס טונקעלע געזיכט פון סטענדאל, ווי פון א קאָלאָס פון טרויער — מאכט מיר אומענדלעך אומעטיק. געוועזן א וואונדערלעכער מענטש — אַט דער לירישער איינזאמער, וואָס האָט פיינט געהאט מענטשלעכע טריוויאליטעט, האָט געליבט נאפּאָלעאָנען, האָט געליבט א סך פרויען און — געשריבן טאָג און נאכט, באשריבן די אוואנטיורעס פון זיין לעבן, וועלכער שרייבער טוט עס נישט? האָט נישט ד"אנונציא געשריבן וועגן זיין לעבן? האָט נישט פּרוסט געשריבן וועגן זיין פארגאנגענהייט, וואָס איז געוואָרן די איינציקע רעאליטעט אין זיין קראנקהייט... אין זיינע איינזאמע טעג...

עס איז אָוונט... די ביבליאָטעקערין איז אָנגעקומען און — זי איז מיט דריי וואָכן עלטער געוואָרן. שרעקרעך עלטער געוואָרן. מיט דריי וואָכן צוריק האָב איך זי געזען. זי איז געוועזן יונג און שטראַלענדיק. און — איצט איז זי מיאוס און טרויעריק. האָט זי איר געליבטן פארלוירן? האָט זי א מאן טיף באליידיקט? ווי אלט זי איז אַנטקעגן די יונגע מאדאַנאס ביי די טישן... זי קוקט אויפן זייגער — אויף דעם אלטן רונדן זייגער מיטן גלאט־געשיפטן ציפערבלאט, מיט די דאָן־זשואַנישע ווייזערוואָנסעס. וואָסארא געדולד אַט דער דאָן־זשואן — האָט! ווי לאנגזאם ער באוועגט זיך מיט די וואָנסעס. די צייט קריכט לאנגווייליק...

— און דאָך, מאדעמאזעל! די צייט קריכט שנעל, ווי א בליץ — לויפט זי דורך דעם רוים. אַט איז די גאנצע ריזיקע ביבליאָטעק

אָנגעשריבן געוואָרן אין צייט. און — אַט איז סטענדאַל געווען מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק און האָט געשריבן אַזוי פיל און, אַט ווערט איר אַלט און טרויעריק. אַ, ביטע — גנעדיקע פרײַלין, יאָגט נישט אונטער די צייט. איך וויל לענגער אַרײַנקוקן אין סטענדאַלן...

סטענדאַל — דער עקסצענטריק, עגאָאיסט, קינסטלער. ווי אינ־טערעסאַנט! אַ פרײַנט אָרדנט אײַן אַ אָרגיע, כּדי פרײלעך צו מאַ־כען סטענדאַלן. ער איז אומעטיק. די שאָטנס קריכן אויף זײַן גע־שטאַלט ווי שלאַנגען. די אָרגיע וועט אים פרײלעך מאַכן. דאָס מיי־דעל, אַלעקסאַנדרין, קומט — יונג, מאַדאָניש, בלוט־און־מילך"דיק. זיי פירן זי אַרײַן אין צווייטן צימער און — גייען נאָך דער רייע צו איר...

סטענדאַלס רייע קומט... ער גייט אַרײַן, זי ליגט פּאַסיוו אויפן בעטל און שמייכלט ווי אַ קינד. איר קערפּער — פּערלדיק־קלאָר, ליכטיק, אַלבאַסטערדיק־ריין און צאַרט ווי אַ זוניקער וואָלקן... ער ווערט טרויעריק. ער קען זי נישט שענדן... ער אַנטלויפט. צופיל שיינקייט עס צו שענדן און פּראָפאַנירן.

די חברים לאָזן אַרויס אַ קלאַנג: סטענדאַל איז אימפּאָטענט. סטענדאַל איז אויסגעלעבט מיט פרויען...

אַט וואַנדערט ער אין איטאַליע, טרעט אַרויס מיט זײַנע רע־וואָלוציאָנערע רייד. ער איז גאָרנישט אַזאַ ליבהאָבער פון דער רע־וואָלוציע — ווי אַ האַסער פון די בורבאָנס. ער האַסט מעטערניק — דעם געבעלס פון זײַן צייט. ער וואַנדערט און זוכט ראָמאַנטיק, גליק, ראָמאַנס, פרייד...

דער „פליהענדער האָלענדער" נעמט אומעטום מיט זײַן טרויער. זײַן עקסצענטרישקייט. זײַן לייד און זײַן איראָניע. זײַן סאַר־קאַזם און זײַן שניידענדער וויץ. געבוירן געוואָרן אונטער אַ ציניש שטערן — איז ער אַ טרויעריקער מעפיסטאָפעל וואָס לאַכט אויס די מענטשלעכע פוסטקייט און באַנאַליטעט. ער שרייבט גלענצענדע נאָוועלן — דאָקומענטן פון זײַן צייט, פּסיכאָלאָגישע פאָרטרעטונגען אין מענטשנס נשמה, אין זײַנע עפעקטן און עמאָציעס. אָבער ווער וועט לעזן זײַנע ביכער אין זײַן צייט? ריכטיק שרייבט צו אים דער פאַרלעגער: „דײַנע ביכער זענען הייליק — קיינער רירט זיי נישט אָן"...

ערגעץ אין זיין אומבאוווסטזיין מוז דער איינזאמער פילן אז אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט וועט ער ווערן געלעזן. די צייט פון פסיכאָלאָגיע וועט ארויסהייבן פון פארגעסענגיש איר שרייבער. באַלזאק, אָט דער מעכטיקער סיימאָגראַף פון זיין עפּאָכע, אָט דער ריזיקער געניוס מיט די אמביציעס צו שליידערן די עפּאָפּייע פון א צייט און פון דער גאנצער מענטשהייט — דער שעפער פון „די מענטשלעכע קאָמעדיע“ — אָט דער באַלזאק דערקענט די גרויסקייט פון דעם אומבאקאנטן הענרי בייל און ער שרייבט וועגן אים אז ער איז א מייסטער... נאָר דער גרויסער מאן דערקענט דעם גרויסן מאן איבער די קעפּ פון זיין דור...

סטענדאַל לייענט אויפן טויטן־בעט דעם ארטיקל. עס איז דאָס לעצטע גוטע וואָרט וואָס די מענטשהייט ווארפט אים צו ווי א ביין צום געלעגער פון טויט — — —

דער זייגער דרייט די וואָנסעס און זיינע פאָרצעלייענע בעקלעך גלאנצן ווי ביי א פראנצויז וואָס כאפּט א שנאַפּס און דערזעט דאָס פיסל פון אן אקטריסע אויף דער סצענע אין קאפּע...

די דאמע — די ביבליאָטעקארין — קוקט אויפן זייגער און די ברילן־גלעזלעך שניידן זיך איין אין אירע באקן, אין איר בלאַסער, שווייסיקער נאָז וואָס איז ענלעך צו א טורם — באנוצנדיק א מעטאפאר פון דעם שענסטן ליבע־ליד — „שיר־השירים“. נעבן מיין טישל זיצט א מיידל און שרייבט שנעל און נערוועז. א סעקסועלע ענערגיע שפּרודלט פון אירע פולע אקסלען וואָס זענען געפּרעסט אין א רויטן סוועדער; אירע אויגן — שוואַרצע, געשליפענע שטיינער — לייכטן מיט יוגנט און קראַפט. זי גיט מיר צו ענערגיע און איך שעם זיך מיט מיין אומעט...

איך לייען וועגן סטענדאלן — ווידער... מענטא איז געווען זיין לעצטע געליבטע. אן אריסטאָקראַטישע דאמע, א גרעפין. טראָץ זיין האס צו דעם רעאקציאָנערן עלעמענט — האָט ער ליב געהאט די אריסטאָקראַטיע. דערמאָנט עס נישט אין רוסאָ? רוסאָ האָט באפוילן ביל יאָרן פריער דאָס גיליאָטינע־מעסער זאָל שניידן די אריסטאָקראַטישע קעפּ... פונדעסטוועגן האָט ער אליין געהאט א שוואַכקייט צו דער אריסטאָקראַטיע, און וועלכע ער האָט געזען א מין אידעאַלע געמיינשאַפט. אָ, ווי רוסאָ — איז סטענדאַל אין א סך הינזיכטן,

אין זיין ליבע צו נאטור, צו פרויען, צו פרייהייט, צו גליק — און, אין זיין מיטברענגען אומעטום — זיך, א מענטשן וואס פארצערט אלצדינג צו וואס ער רירט זיך נאר צו. עפעס פון דעם טרויער און דעם ראמאנטיזם פון א רוסא האט ער באזעסן דעם אומרו און דעם דעמאניזם פון דעם פראנצויזישן לירוקער אין פילאזאפיע, פון דעם הינדו־לערער און דעם נאטור־טרוימער, פון דעם ליידנשאפטלעכן סענטימענטאליסט און באפרייער פונם מענטשלעך־פשוטן הארץ, דעם פארערער פון א גרויסן, פרייען נאטור־גאט פון בלומען, טייכען, בערג, וועלדער און — פאעזיע...

די געניעס לעבן אין אלע צייטן. דאך טרעפן זיי זיך קיינמאל נישט צוזאמען. אזוי ארום געשעט אז באדלער, רוסא, אדער א שפינאזא האבן נישט קיין פריינט. די געניעס לעבן כמעט אין די זעלבע צייטן — און דאך טרעפן זיי זיך נישט צוזאמען. דערזעלבער פאל איז מיט סטענדאלן. די מערסטע קינסטלער און דענקער לעבן איינזאם. ווער איז געווען א פריינט צו שאפענהויער, נימציע, ווייניגער? קיינער נישט.

מענטא איז פארליבט אין אים. יא, די פרויען ליבן דעם געניוס. אבער — זיי פארצערן אים דאך פיזיש און גייסטיק. זיי פרעסן אים אויף. מענטא באהאלט אים אין די היילן פון איר פאלאץ. פרעסט זיין קערפער. צינדט אים אן אין ליידנשאפט. ער איז קראנק און בילט אז אט די פייערדיקע ליידנשאפט איז געפערלעך פאר אים. מענטא איז א וואמפירין. זי ליבט אים — ער שרעקט זיך. אין דער זעלבער צייט רייצט אים איר איבערגעגעבנקייט. איז ער דאך נישט אזוי אלט... קען ער דאך יא צוציען פרויען... איז ער דאך נישט אזוי מיאוס... איז ער דאך נישט אזא שרעקלעכער שלימזל... ווי ער האט פריער געדענקט...

א, זי צערטלט זיין אלט, מיאום געזיכט. זי קושט אפ די פלעקען, קנייטשן, שאטנס, אבער באזיגט ער די פרוי — איז אים טרויעריק. דער טרויער באפאלט אים אומעטום. דאס איז מיט יעדן טיפען געניוס. ער שרעקט זיך אין געהיים פאר די ליידנשאפט, און דאך — קאלט ווי די לבנה קען ער נישט פארבלייבן... ער מוז שטענדיק האבן — ליבע, ווארעמקייט, צערטלעכקייט. דער געניוס איז

מער ווי אלץ אין אייביקן קאָנפליקט מיט זיך אליין. ריכטיק פרעגט סטענדאל: „בין איך א גאָט אָדער א מאָנסטער?"...

צווייטער אָוונט אין ביבליאָטעק: — איך נעם דאָסזעלבע בוך און לייען ווידער וועגן הענרי בייל. מערקווירדיק איז דאָס לעבן פון אָט דעם מענטשן. א גריך, א ליבהאָבער פון ליידנשאַפט, קונסט, מוזיק, זון און פרויען — איז זיין גורל פאַרבונדן פאַר א לאַנגער צייט מיט דער נאַפּאָלעאָנישער ארמיי. נאַפּאָלעאָן איז אויך זיין ליידנשאַפט. ער פאָלגט נאָך דעם בלייכן אימפּעראַטאָר קיין מאָסקווע, ווו דעם אימפּעראַטאָרס גורל — אויפן העכסטן זעניט ביז דאַן — ברעכט זיך איבער און ער זעט ווי דער זיגער פון זעצציק שלאַכטן אין זיין לעבן בלייך, פאַרגליווערט ווי מאַרמאָר. ווען ער קוקט זיך צו צום פייער אין מאָסקווע, מיט נאַפּאָלעאָנען קערט זיך דער שפּעטערדיקער וועלט-באַרימטער שרייבער אום קיין ווילנע... ווי צו א גרויסער זון — איז צוגעקרייציגט אָט דער פּלאַנעט סטענדאל צום גורל פון דעם בלייכן זיגער נאַפּאָלעאָן — דעם נייעם צעזאַר, דעם צו־שפּעט געבוירענעם רוימער...

עס איז מערקווירדיק וואָס אלע גרויסע מענער זענען אין זייער צייט, ביי זייער לעבן, פאַרקליינלעכט געוואָרן דורך זייערע צייט־גענאָסן. נישט אזוי — דער פאַל מיט נאַפּאָלעאָנען. זיער נאָר עס האָט אים געזען, אפילו אלס קינד — איז שוין פאַרברענט געוואָרן אין ליבע צו אָט דעם העראָאיש־שטאָלצן זיגער און אוזורפּאַטאָר, צו דעם מאַן וואָס האָט אין זיין בלאַסער האַנט — רייטנדיק איבער די פאַרנומענע הויפּט־שטעט פון אייראָפּע — געהאַלטן נישט נאָר דאָס צוימל פונם פערד — נאָר אויך דעם גורל פון דער וועלט. ווי צעאוס, האָט ער געקענט מאַכן בליצן און דונערן איבער דער וועלט — אָדער געבן דאָס זוניק־גרויסע וועטער...

ווען סטענדאל דענקט יאָרן לאַנג שפּעטער נאָך וועגן זיין אימפּעראַטאָר ווען יענער טיילט שוין דאָס קבר אויפן איינזאַמען פעלז, אין געפאַנגענשאַפט ביים בריטישן לייב — זאָגט נאָך אלץ סטענדאלס: „קיין גרעסערער מענטש ווי נאַפּאָלעאָן האָט קיינמאָל נישט געלעבט". ניין, קיינמאָל!...

סטענדאלס געזונט איז אין שטענדיקן געפאַר. פיבער, טיפוס... די ארמיי מוז ער פאַרלאָזן און — ער איז נאָך אלץ א מענטש אָן א

ציל, בלויז מיט טרוימען וועגן א ליטעראַרישער קאַריערע, וועגן געלט. יאָ, ער פּרוּווט אַפילו פּלאַנעווען צו עפענען א באַנק. ווי פאוסט וואָס ווייסט דעם כוח פונם טייוול — ווייסט ער דעם סעקרעט און דעם דעמאָנישן כוח פון געלט...

סטענדאַל פאַרליבט זיך אין אן אַקטריסע, מעלאַני. זי איז א גרויסע שיינהייט און א שוואַכע אַקטריסע. „קאָמעדי פראַנצעיז" אַנגאַזשירט איר נישט. זי שפּילט אין מאַרסעי און דאָרטן לעבט מיט איר דער גרויסער שריפטשטעלער. לעבט, ליבט, זינגט און פּיי־זישע פאַרגעניגנס און — זוכט פיליכט שוין א מיטל ווי אַזוי צו אַנטלויפן. מערקווירדיק איז אין אָט דעם אומבאַלאַנסירטן מענטשן וואָס אין טרויער זוכט ער די פרוי, געפינט ער די פרוי — זוכט ער דעם טרויער אין איינזאַמקייט. דאָס געלעגנהייט קומט באַלד אונ־טער; מעלאַני האָט נישט קיין גרויסן טאַלאַנט און זי זוכט ווידער א טעאַטער אין פּאַריז. זי הייראַט מיט א רוסישן גענעראַל. סטענדאַל גיט איר נאָך פאַר דעם אויף. ער וויל ווידער לעבן אַליין, לערנען די מענטשן.

ווידער אין איטאַליע. איטאַליע ציט אים שטענדיק צו. ווי גריכלאַנד ציט צו זיין צייט־גענאָסע — לאָרד בייראָן. בייראָן איז דער העלד און דער מעלאַנכאָליקער, וואָס זוכט פרייד, זון, קאָמפּענ־סירט זיין טרויער מיט קונסט און שיינקייט. ווען ער שרייבט שפּע־טער וועגן היידען — דעם מוזיקאַלישן גאון, ברענגט ער אַרויס זיין טעאָריע: מוזיק איז היילזאַם. אין צייטן פון פאָלקס־קאַטאַסטראָ־פעס — שפּיל, מייסטער! רוף אַרויס די ענערגיעס אין די פעלקער. מוזיק — איז ליבע, ליידנשאַפט. מוזיק איז די פרוי וואָס צינדט אָן אין דיר דיינע אייגענע ליידנשאַפטן. זי באַפרייט און צעברעכט די קייטן. נאַפּאָלעאָן איז גרויסע מוזיק, ענערגיע, לוסט. מוזיק רופט אַרויס דעם טרויער, וועלכער טרייבט צו טאַט, צו געוואַגטקייט, צו אונטערנעמונג.

קלינגט עס נישט שאָפּנהויעריש, ניטשעאַניש? יאָ! פאַר שאָ־פּענהויער איז מוזיק געווען דאָס לעצטסטע. אין מוזיק פאַרלירסטו דיך און דערגרייכסט די קאָסמישע לוסט. פאַר ניטשע איז מוזיק געווען דער גרויסער מוסטער פון פאַרקערפּערטער וועלט־ווילן. פאַר ניטשיען איז ער געווען דער גרויסער כאַראַקטער וואָס פירט דורך

די מוסיע פונם טראגישן העלד. פאר סטענדאלן — איז מוזיק — ליבע, לוסט, טאט, ענערגיע, דערפילונג פונם לעבן, הערויאישע טראַגעדיע, געוואגטקייט, זין.

אייגנטלעך איז עס עפּאָכע פון ווילן און כאראקטער, פון ענערגיע און שטורם. עס איז די צייט וואָס וועט באַלד א שליידער טון מעכטיקע טעאָריעס פון דעם אייזערנעם ווילן אין נאטור — טשארלס דארווין. פון דעם ווילן אין דער געזעלשאפט — קארל מארקס און בייראָן — איז ער נישט א נאפּאָלעאָן אין דער פּאָעזיע?!

סטענדאל טרעפט בייראָנען. שילדערט אים ווי א גריכישן העלד. ווי א פולקאַמענע גאָט־מאסקע — איז זיין געזיכט. אָבער, ער באמערקט אויך אין בייראָנען — דעם קאָמפּראָמיס, דעם פיליסטער; דען בייראָן מיט אלע זיינע טרוימען — איבערזעצט אין פּאָעזיע, אין זיין געוואגטן לעבן — איז דאָך געווען א ענגלישער פון געבורט. הגם ער האָט אָפט שטאָלצירט מיט זיינע נאָרוועגישע עלטערן וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין ענגלאַנד — זיגרייך. בלויז איינמאָל, ווען מען האָט בייראָנען אָנגעזאָגט אז די עסטרייכער האָבן ארעסטירט זיין סעקרעטאר — איז בייראָן אריינגעפאַלן אין א גרויסן כעס און — סטענדעל דערציילט אז ער האָט צום ערשטן מאָל אין אים דערזען — נאפּאָלעאָנען, יאָ, נאפּאָלעאָנס אייזיק־פּאַרגליווערטע געטער־מאסקע ווי נאָך דער גורלדיקער בערעזינא־שלאכט. — אָבער בייראָן איז צוריק אריינגעפאַלן אין זיין מכלומר־שטערן און גאנץ רואיק אויסגעהערט די עסטרייכישע פּאָליציי...

סטענדאלן האָט גערעדט מיט בייראָנען וועגן פּאָעזיע, דעם קארסיקאנער אימפּעראטאָר... ער האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין הרטה אויף דעם צוזאמעטרעף. בייראָן ווידער האָט זיך אויסגעדריקט צו א פריינט וועגן סטענדאלן: „ער ווייסט נישט אז ער איז א פּאָעט"...

אָבער סטענדאל האָט עס געוווסט...

אָט דאָס איז די געשיכטע פון סטענדאל — איבערגעגעבן פראגמענטנווייז. שפּעטער וועט ער שרייבן ביכער, נאָוועלן — וועגן מענטשן, וועגן זייערע אייגנשאפטן. ער וועט איבערגעבן נישט בלויז די פסיכאָלאָגיע פון איינצלנע העלדן — נאָר פון זיין עפּאָכע, פון

דער עפּאָכע פון קריג, קאַבינעט-אינטריגע, פינאַנץ, בערזע, דיפּלאָ־מאַטיע, שפּעקולאַציע און פּאָליטיק.

ווי באַלזאַק — פאַלט ער דורך אין זיין טרוים רייך צו ווערן. אָבער — אַלס שריפטשטעלער וועט ער לאַנג נאָך זיין טויט אנער־קענט ווערן. און — דאָס איז זיין ציל. מען וועט דערקענען די ווערק פון דעם מאַן וואָס האָט לאַנג פאַר דעם איידער פּסיכאָלאָגיע איז געוואָרן א וויסנשאַפט — פּסיכאָלאָגיש אַנאַליזירט די מענטשן, פון דעם מאַן וואָס האָט געהאַט אַן אומדערשעפּלעכן דראַנג און ענערגיע צו דערלערנען, צו פאַרשטיין די נאַטור פון די מענטשן און — כדי צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פונם מענטשן אין זיינע טרי־בען, ליידנשאַפטן, אַפעקטן — האָט ער אומברחמנותדיק, סאַדיס־טיש — שטודירט זיך אַליין...

זיכער, סאָקראַטעס, מאַקוס אוירעלוס, פּאַסקאַל, רוסאָ און טאָלסטאָי — האָבן עס געטון. עס איז נישט ניי. און סטענדאַל האָט טיף אַריינגעקוקט אין זיין אייגענער נשמה, כדי צו זוכן דעם אמת פון דעם אוניווערסאַלן מענטשן... ער האָט אייביק אַריינגעקוקט אין זיין אייגענער נאַכט אַריין, און — האָט געזען דאָס לעבן פון אייראָפּע, האָט געשילדערט זיין עפּאָכע, האָט איר אָפּגעדעקט מיט א בליץ־פּראָזשעקטאָר!

ווי נעכטן — האָט די ביבליאָטעק־אַטמאָספערע א קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף מיר... איך קען זיצן שטונדנלאַנג און לעזן, שרייבן, לערנען... די גייסטער פון די ביכער ווירקן אויף מיר דירעקט. א, איך געפין זיך אין גן־עדן פון דער געשיכטע...

איך האָב ליב אין ביבליאָטעק דעם ערנסטן, גוטן לערער. איך דערקען אים באַלד לויט זיין שטילקייט, מעלאַנכאָליע... אָבער — איך האָס דעם גאַסנמענטש וואָס קומט אין ביבליאָטעק ווי א וויל־דער און טאַפּט די ביכער אָן שום אינטערעס פאַר זיי. ער שטערט מיר — אָט דער עלעמענט. איך האָב ליב הייליקע באַציאונג צו קונסט... צו שיינקייט...

א בלאַסע, כינעזישע פּרינצעסין קוקט מיך אָן — פון אַן אַלטע צייכנונג אַרונטער... און — ווי איר ווייסט שוין! וועל איך פאַרענ־דיקן מיט מיין געליבטער לבנה... איך גיי מיט איר איבערן וועג און זאָג צו איר: „איך פאַראַט דיך נישט. איך גיי דורך אַלע שטעט

און אלע עלעקטרישע ליכט... נאָר דיך פאַראַט איך נישט... איך בלייב דיין געליבטער, בלאַסע פרוי, איבעריקענס האָסטו געקענט סטענדאַל?"

די לבנה שמייכלט מעלאַנכאָליש. נאַטירלעך האָט זי אים גע־קענט. זי האָט אָפּט געזען זיינע טרערנפולע אויגן און איינזאַמקייט. זי האָט דאָך אַלע טראַגישע נאַטורן גוט געקענט...

און — איך גייט מיט דער לבנה אין הימל — און אויף דער ערד, נעבן מיר, גייט דער שאָטן פון סטענדאַל — מיין חבר, מיין קאָלעגע... מיין מיט־מענטש...

איך האָב צוגעקראָגן א נייעם, גרויסן פריינט, דירכן לעזן און דערקען אים... איך האָב זייער ליב — איך בין זיך מודה — דעם איינזאַמען מאַן און פּראָזאיקער — הענרי בייל, וועלכן מיר קענען געוויינלעך אונטער דעם שריפטשטעלערישן נאָמען — סטענדאַל.

די מייסטערס פון סיסטעמען

די שטרעקעס פון דער מענטשלעכער קולטור־געשיכטע זענען פול מיט רואינען פון צעבראכענע טעאריעס און סיסטעמען, וועלכע מענטשן פון טאלאנט, מייסטערס פון קונסט און פון נייגעריקייט האבן געפרווט שאפן. צו אלע צייטן פון דער עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט האט מען געפרווט אילומינירן די גרויסע רעטענישן פון זיין, אט פון דעם גוואלטיקן זיין פון דער וועלט, פון דער ערד, פון אירע עלעמענטן און דערשיינונגען, פון דעם גוואלטיקן אקעאן פון וועלטן, פון שטערן און אוניווערס־אינזלען וועלכע רינגלען אונז ארום, דערהייבן זיך אונטער און איבער אונז, ציען זיך אוים אין די אומענדלעכקייטן און בילדן דעם אומענדלעכן קאסמאס, פון וועלכן, צו מיר ווייסן עס אדער מיר ווייסן עס נישט, זענען אן אונפארמיידלעכער טייל.

אבער, אין דעם גאנצן, קאלאסאלן אקעאן פון טעאריעס און סיסטעמען, האבן זיך בלויז א קליינער טייל ארויסגעוויזן פאר אמת און אין הסכם מיט די פאקטן און דערשיינונגען, מיט וועלכע מיר האבן זיך באקאנט אין דער געשיכטע פון דערפארונג און פארשונג. בלויז א דרייסיק טעארעטיקער, מייסטער פון סיסטעמען, הייבן זיך ארוים מיט זייערע פלאמענדע גוזיכטער פון דער געשיכטע.

טעאריעס זענען שטענדיק געשאפן געווארן. מענטש איז די חיה וואס האט דעם באוואוסטזיין פון נית בלויז זיין סוביעקטיווער עקזיסטענץ, נאר אויך פון דער אביעקטיווער וועלט. מענטש האט שטענדיק געוואלט דערגיין „אויף וואס די ערד שטייט" און איז דורך אט די אלע פראגן, היפאטעזן, רעטענישן און עמבריאנישע אנשטרענגונגען צו ענטפערן אויפן גאנצן — דאך דערגאנגען צו געוויסע היפא־

טעזעס וועלכע, דורך דער אָנזאַמלונג פון פאַקטן און דערקענטעניש, זענען זיי פון היפּאָטעזע געוואָרן טעאָריעס.

מענטש פרעגט און פרוווט ענטפערן. געבוירן מיט אַן אומרואי־קער נשמה, מיט אַ דראַנג צו צעקראַצן די שאַל פון איי נאָך איידער ער איז ארויס פון איר, האָט ער שטענדיק געוואָלט וויסן וועגן די אייגנשאַפטן און די סובסטאַנץ פון זאַכן וואָס רינגלען אים אַרום און, וואָס הגם דורך געוווינהייט ווערן זיי נאַטירלעך, דאָך שטעקט אין זיי די וווּנדער פון דער נאַטור־טעכניק, די גרויסקייט וואָס, ווי אַ טייל, פירט סוף כל סוף צו דער דערקענטעניש פונם גאַנצן, וואָס מיר רופן — דעם „קאָסמאָס“.

טעאָריעס ווערן נישט געשאַפן מיטאַמאָל און דורך איין מאַן. טעאָריעס ווערן געשאַפן אין משך פון דורות. געוויסע בלויצאַרטיקע נאַטורן דערזעען אַן אמת און, מעגן יאָר־הונדערטער פאַרשטויבן דעם פונק פון אמת, דאָך ברעכט ער אַמאָל אויס צו דער גרויס פון אַ זון, וואָס באַלייכט אַ סך רעטענישן מיטאַמאָל און זאָגט אָן „טאָג“. געוויסע טעאָריעס, ווי די פּטאָלאַמעאישע צום ביישפּיל, הערשן יאָרענלאַנג, באַפרידיקן טיילווייז די צאָל דערשיינונגען וועלכע מיר האָבן פון דער וועלט. אָבער אָט ברייטערן זיך אויס די רעטענישן, די טעאָריע שטימט נישט מער מיט די נייע פאַקטן, די טעאָריע ווערט איצט שוין אַ שטערונג צו דערקלערן אַלץ וואָס דריקט אונז. קומט אַ מאַן און הייבט אָן צו צווייפלען אין דער טעאָריע אָדער אין אַ טייל פון איר. פון אָט דעם צווייפל, ווי אין פאַל מיט קאָפּערניק, דעקאַרט, איינשטיין און כמעט אַלע גרויסע שעפער פון אַרכיטעקטאָנישע סיסטעמען — ווערט געבוירן דער גרויסער אמת. דער צווייפל פירט צום אַרונטערוואַרפן די אַלטע טעאָריע, וואָס ווייזט זיך אַרויס פאַר באַגרעניצט, אָדער פאַר אינגאַנצן פאַלש, אָדער זי נייטיקט זיך אין אַ מאָדיפיקאַציע אין הסכם מיט די נייע פאָרשונגען — און, אַזוי אַרום פּראָגרעסירט דער אמת וועגן דעם אינערלעכן מהות פון דער וועלט.

טעאָריעס מוזן זיין נוצלעך און, אויסער די שעפערישע פאַנטאַזיע, דער ערשטער שטוים וואָס טרייבט דעם געניוס צו זיין גרויסער אַנטפּלעקונג — מוזן זיי זיין פּראַקטיש, מוזן פאַרענטפערן דעם סכום פון געשטעלטע פראַגן, מוזן אָפּשניידן די קניפּן פון יאָרנלאַנגאַלטע פּראָבלעמען, מוזן זיך שטיצן אויף דער קולטור־דערגרייכונג

פון איר צייט און מוזן אפליידיקן דעם פעלד פון אלע צווייפלען און בערג מיט מתים פון אלע טעאָריעס. די טעאָריע מוז זיין גוט אויס־געפאַרשט, כדי קיין שפּעלטל זאָל אין איר נישט זיין, מוזן ווערן גוט און מייסטערלעך באארבעט, מוזן האָבן אן ארכיטעקטאַנישן פונדא־מענט און געבוי. אזא טעאָריע מוז זיין פונדאמענטאל געגרונטפעס־טיקט אויף דער ערד און דאן ערשט זיך גראדועל הייבן העכער און העכער, ביז צו די הימלישע ברייטקייטן. ווי דער ספינקס אין מדבר. וואָס ליגט פעסט פאראנקערט אויף דער ערד, מיט זיין חיהשן קער־פער — דערהייבט זיך מיטן קאָפּ, מיטן בליק צו די הימלען, מיטן מענטשלעכן קאָפּ וואָס שטעקט אריין אין זיין בליק אין די וואָלקנס, בשעת די חיה אין אים איז פאראנקערט אינם פלאנעט. אזוי דארף זיין א טעאָריע, וואָס איז דורך פאקטן און דורך פאָרשונג ווערט צו ווערן א סיסטעם, א נייע דערקלערונג פון אוניווערס.

שווער איז צו זיין אזא שעפער.

עס פאָדערט זיך א מאסע ענערגיע צוזאמענצוקלייבן אין משך פון יאָרנלאנג די פאקטן, כדי צובילדן דאָס גאנצע, וואָס שטיצט זיך אויפן פרט. עס פאָדערט זיך דער קוראזש צו קענען צווייפלען אין סיסטעמען, וועלכע זענען געשטיצט דורך דער אויטאָריטעט פון אל־טערטום, פון טראדיציע. אזוי איז געווען דורך דער גאנצער צייט פון דער מענטשהייטס־געשיכטע. ווי האָט מען געוואגט אָפּצולייקענען זאכן, ווען זיי שטיצן זיך אויף דער אונקאָמפּראָמיסלעכער אויטאָרי־טעט פון אן אריסטאָטעל, פון פּטאָלעמיי, פון דער ביבל. ווי קען קאָפּערניק באגרינדן אז די ערד דרייט זיך ארום איר אקס און ארום דער זון, ווען יהושע בן נון, זאָגט בפירוש אז ער האָט „אָפּגעשטעלט די זון" און נישט די ערד... עס פאָדערט זיך דעריבער די איבער־מענטשלעכע קוראזש פון א טעאָריע־מייסטער צו פאַרוואַרפן די אל־טע טעאָריעס, וועלכע די מענטשן זענען נישט גענייגט אָפּצולייקע־נען אויך דערפאר ווייל זיי זענען „לאָגיש", ווייל עס איז זיי „לייכט צו פארשטיין", בשעת די נייע טעאָריעס איז שווער צו באגרייפן. ווי קען מען זאָגן אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון, ווען קריסטוס — עס שטייט בפירוש אין דער עוואנגעליע — האָט געבראכט זיין דערלייזונג צו אלע מענטשן... אז די ערד ווערט א נישטיקער טייל אין אוניווערס, אז די ערד איז נישט מער דער מיטלפונקט פון אור־

ניווערס און במילא נישט די מענטשן, אז דער קאָסמאָס איז פול מיט סיסטעמען און מיט מעגלעכע וועלטן מיט לעבן — לייקנט דאָך דאָס אָפּ די עוואַנגעליע... דערפאַר ווערט דזשאָרדאַנאָ ברונאָ פאַרברענט. דערפאַר שמאַכט גאַליליי אין די אינקוויזיציע־קאַמערן. דערפאַר איז שפּינאָזאַ אין חרם געוואָרפן. דערפאַר שמאַכט מאַרקס אין טורמע.

די שעפער פון טעאָריעס באַגעגענען אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד מצד די עפנטלעכע מיינונג און די אויטאָריטעטן פון דער קירך און פון דער מלוכה. זיי פילן אַז ביי יעדער נייער טעאָריע וואָס אַנט־פּלעקט אַ שטיק אמת — קראַכן די אַלטע דאָגמעס, אין וועלכע זיי זיצן פעסט ווי אין וואַרעמע פוטערס. ווער וויל עס, אויסער אַלץ, אַז די ערד זאָל ווערן אַ גראַנדיעזער באַלם אין דער לופט? מען וויל זיין „זיכער", „רואיק", סטאַטיש און אומבאַוועגלעך. מען וויל זיין אַ יחוס — דער אומבאַוועגלעכער צענטער אין אוניווערס... זאָלן די זון און די אַלע שטערן זיך מטריח זיין און דרייען אַרום אונז, אַנשטאָט מיר אַרום דער זון...

עס פאָדערט זיך אויך די ענערגיע פון אַן איבערמענטש צו שאַ־פן אַ נייע טעאָריע, זי צו באַפעסטיקן, זי אויסשמידן ווי איין שטיק, זי מייסטערן צו אַן איינהייט, כדי זי זאָל בינדן די וועלט, די קאָנ־טראַסטן, די רעטענישן, די שפּאַלטן און די דיסאָנאַנסן — אין איין מעכטיקער אַרכיטעקטאָנישער איינהייט. אַזאַ טעאָריע פאָדערט אַ לעבן לאַנג. עס פאָדערט זיך גרויס אינטעלעקט. דרייסטקייט. זעלבסט־קריטיק. אינערלעכער געראַנגל. עס איז אַ שווערער מאַרטירער־וועג. דער ליגנט האַלט זיך לאַנג און שווער. אָבער דער אמת, מיט זיין מעכטיקער דינאַמיק, מיט זיין עקשנות און אייזערנעם ריטם, ברעכט דאָך דורך אַלע פעסטונגען און פייערט זיין זיג אויף די צעבראָכענע רואינען פון אַלטע טעאָריעס, אָדער גלויבנס, דאָגמעס, פאַראורטיילן און פאַלשע „לאָגישע" אַרגומענטן.

שווער איז דער וועג פון אַ טעאָריע, פונם טעאָרעטיקער. ער האָט צו קעמפן מיט זיינע אייגענע ספיקות, מיט זיין צייט, מיט דער געזעלשאַפט. אָבער, ווי אַ נעבולאַ, וואָס איר כאַאָס און אומבאַשטימ־טע פאָרמע נעמט אָן אַלץ מער און דייטלעכער די קאָנטורן פון אַן אוניווערס, פון אַ קאָסמישן סיסטעם, לייטערט זיך אויס און ווערט פיינער, רייפער, קלאָרער און אַרכיטעקטאָנישער — אַזוי ווערט

א טעאָריע אין דער נשמה פון גרויסן מאַן — רייף און שטאַרק, אַזוי אַז קיינער קען זי שוין נישט צוברעכן, ווייל זי איז געבויט און פאַראַנקערט אין די אָקעאַנען פון פעסטגעשטעלטע געזעצן און אמתן.

א טעאָריע, איר אינערלעכע שטרעבונג, איז צו ווערן — אוניווערסאַל, צו זיין דער שליסל צום גאַנצן. גרויסע, ערשט־קלאַסיקע טעאָריעס, וואָס אין אָנהויב שיינען זיי צו באַלייכטן בלויז א טייל פון דער וועלט־פענאָמענא, שיינען נישט צו האָבן קיין אַלגעמיינע ווירקונג אויף דעם פּראַקטישן לעבן — ווערן מיט דער צייט די ריזיקע פּראָזשעקטאָרן וואָס באַלייכטן דאָס גאַנצע לעבן און דאָס גאַנצע זיין אין אַלע זיינע דערשיינונגען, אַספּעקטן און מאָדוסן. זיי ווערן אוניווערסאַל.

דערפאַר איז פאַר מיר געווען אַן אַזוי דאָס בוך פון מר. טראַטנער, וואָס נעמט אריין אין זיך פּופּצן פון דער וועלטס גרעסטע טעאָרעטיקער פון אַלע צייטן און אַלע לענדער. אין א צייט פון איבערפלעכלעכקייט און ברוטאַליטעט, אין א וועלט פון פּוסטע ביכער און פלאַכע טעאָריעס — איז א גרויסער גייסטיקער פאַרגעניגן צו פאַרווייל צווישן די גרויסע פּלאַן־שעפער פון קאָסמאָס, איז א גליק צו קענען זיך שפּיגלען אין די שפּיגלען פון דער אייביגקייט, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין זיך די גרויסע וועלט.

מר. טראָטנער איז א מאַן וואָס באַהאַנדלט קלאָר און זאַכלעך די סיסטעמען און זייערע שעפער. די פּופּצן מענער באַהאַנדלען פאַרשידענע געביטן און פּראָבלעמען, באַשעפטיקן זיך מיט די אומענדלעכע ווונדער און גרויסקייט פון מיקראָקאָסמאָס און מיט די אומענדלעך־קליינע און געוואַלטיקע ווונדער פון מיקראָקאָסמאָס. די שייכות צווישן זיי איז זייער נאָענט און אינטים. פּונקט אַזוי ווי א סך פאַרשידענע „שטראַלן פון ליכט מאַכן זון־שיין, אַזוי פאָדערן זיך א סך פאַרשידענע וויסנשאַפטן אויף צו געבן אונז די גרויסע וויזיע פונם גאַנצן אַלס גאַנצעס“.

אויסער זיין אריינפירונג וועגן טעאָריעס, מיט וועלכער איך האָב זיך באַנוצט אינעם אויבנגעזאָגטן, באַהאַנדלט מר. טראַטנער פאָלגענדיקע מייסטער פון טעאָריע:

1) קאָפּערניקוס — טעאָריע פון זון-סיסטעם.

2) הוטאָן — טעאָריע פון דער סטרוקטור פון דער ערד.

3) דאלטאָן — טעאָריע פון דער סטרוקטור פון דער מאטעריע.
4) לאוואזיער — טעאָריע פון פייער.
5) רומפאָרד — טעאָריע פון היץ.
6) הוגענס — טעאָריע פון ליכט.
7) מאלטוס — טעאָריע פון באפעלקערונג.
8) שוואן — טעאָריע פון די צעלן.
9) דארווין — טעאָריע פון עוואָלוציע.
10) מארקס — טעאָריע פון דער עקאָנאָמישער אינטערפרעטאַציע פון געשיכטע.
11) פאסטעאור — טעאָריע פון קראנקהייט.
12) פרויד — טעאָריע פון געדאנק.
13) טשעמבערליין — טעאָריע פון אָפּשטאמונג פון אונזער פלאַנעט.
14) באָאס — טעאָריע פון מענטש.
15) איינשטיין — טעאָריע פון רעלאטיוויטעט.

* * *

כדי צו שרייבן וועגן יעדן איינעם, וועלכן טראטנער באהאנדלט אין זיין עסיי, איז נויטיק וויניקסטנס אָנצושרייבן אזא בוך ווי טראטנער האָט אָנגעשריבן. איך זאָג „וויניקסטענס", ווייל דער אויטאָר באזיצט די פייאיקייט צו קענען זיך אויסדריקן קלאָר, פּרעציז און קורץ, איינשליסנדיק אין א עסיי נישט בלויז דעם אויפטו פון זיין העלד — נאָר כמעט אין אלע עסייען גיט ער איבער די געשיכטע פונם גאנצן געביט, ווי עס איז געווען דער צושטאנד דערזון איידער עס איז געקומען דער גרויסער מאן וואָס האָט אלץ באלויכטן און ווייטער געפירט די אלע היפּאָטעזן און מכלומרשטע טעאָריעס צו א זיג פון זיין נייעם אמת. אויך, אין א סך פאלן, ווי אזוי דעם שפּעטערס טעאָריע איז ווייטער אנטוויקלט געוואָרן, ביז איר פולער קלאָרקייט, לאָגיק און — אָפטמאָל — אויך פּראקטישער אָנווענדונג אין לעבן, ווי איר ווירקונג אויך אויף אנדערע געביטן. מיט וועלכער זי ווערט נישט זעלטן פארבונדן.

דאָס איז א גוטע אייגנשאפט פונם מחבר, דאָס זאָגן קורץ און קלאָר. אזוי דארף אייגנטלעך וויסנשאפט פאָרמולירט ווערן. דאָס איז נישט לייכט, דען דעה שרייבער דארף וויסן פון אזוי פיל מאַטעריאל אויסצושיידן דאָס סאמע וויכטיקסטע. און אזוי איז דעם מחבר געלונגען, אין א טעאָריע פון פופצן עסייען, שיר ניט איבערצוגעבן די געשיכטע פון דער וויסנשאפט אין אירע הויפּט-געביטן. דען — ווידעראמאָל! — אלע וויסנשאפטלער צוזאמען, שטודירנדיק אין פארשידענע ציַיטן, אין באזונדערע ווינקלען, אויף פארשידענארטיקע געביטן — פאראייניקן זיך אָביעקטיוו אין דער פאָרשונג פון דער איינער גרויסער פענאָמענאָ וועלכע מיר רופן „דער קאָסמאָס“.

אינטערעסאנט זענען די עסייען וועגן קאָפּערניק. וועגן פרויד, דאַלטאָן, באָאז און איינשטיין. יעדער עסיי איז אויפקלערנד, קעמפעריש, ווייל יעדער נייע וויסנשאפטלעכע באלויכטונג האָט פארטריבן אין דער פארגאנגענהייט א מאסע דאָגמעס, מיטאָלאָגיעס, אבערגלויבנס און פאָראורטיילן.

יעדער טעאָריע פארטרייבט די אלטע שאָטנס פון רעליגיעזער פארגליווערונג — און באפרייט נייע אמתן און נייע כוחות צום לעבן, וועלכע העלפן פארבעסערן און פארשענערן דאָס לעבן. אזוי איז אינטערעסאנט דער קאמף וואָס באָאז אנטראפּאלאָגישע אנטדעקונגען האָבן אָנגעהויבן קעגן די מעגאלאמאניאקס, די „טעאָרעטיקער“ פון דעם געדאנק אז די מענטשן זענען נישט גלייך, נישט פּייאיק צו לערנען, שאפן און בויען ציוויליזאציעס, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן מיט זייערע „סופּער־מענטש“־טעאָריעס, פאר איצטיקן ראסיזם פון היטלער און מוסאָליני און זענען פאראנטוואָרטלעך פאר אלע פארפאָלגונגען קעגן די פעלקער וועלכע זענען פּאָליטיש שוואך זיך צו קענען אנטקעגנשטעלן קעגן זייערע באדריקער. אין קאמף קעגן גאָבינאָ און טשעמבערליין, די פּאַטערס פון דער טעאָריע אז די נאָרדיקס זענען די חשובסטע ראסע — האָט באָאז אָנגעוויזן, אויפן סמך פון וויסנשאפטלעכן אנאליז און יאָרנלאנגן פאָרשן, אז אלע פעלקער זענען גלייך פייאיק צו שאפן ציוויליזאציעס, קולטורן, קונסטווערק, אויב זיי האָבן נאָר א מעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען. ער לייקנט די טעזע אז די ווייסע ראסע

האָט געשאַפן די העכסטע קולטור. נאָך פאַר דער ווייסער ראַסע האָבן פעלקער געבילדעט מעכטיקע ציוויליזאַציעס און זענען אונטערגעגאַנגען דורך היסטאָרישע סיבות. עס איז איבערהויפּט אַ נאַרישקייט און אַן אונוויסנשאַפטלעכע זאַך צו זאָגן, אַז די ווייסע ראַסע איז ראַסן־ריין. קיין שום ציוויליזאַציע איז נישט געשאַפן געוואָרן פון איין פאָלק. עס איז אַ כסדרדיקע קאָנטינואַירונג פון קולטור־ווערטן, וועלכע די מענטשהייט שאַפט אין קאָלעקטיוו. אַזוי איז אויך אינטערעסאַנט צו לעזן וועגן פרויד, וועגן זיינע טעאָריעס פון „ליבידאָ סעקסועלאַיס" ביי קינדער אפילו, אונטערבאַוווסט־זיין וואָס רייסט זיך אַפּט אַרויס אין אַ שטרענגער, דעגענערירטער פאָרם דורך דער שטרענגער וואָך אפילו פון באַוווסטזיין, די נאַרציסיזם־טעאָריע. דעם עדיפּוס־קאָמפּלעקס און די סימבאָלאַציע פון סעקסועלער ענערגיע. זאַכן וואָס עפּענען אויף ריזיקע האָריזאָנטן אין דער דערקענטניש פונם מענטשנס פסיכיק, זיין נשמה־לעבן און זיינע האַנדלונגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס האָבן זייער אורזאַך.

יעדער פון אָט די טעאָריעס בגאַרינדעט דורך וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און אויסגעאַרבעט אַרכיטעקטאָניש דורך אונדערמידלעכע פאָרשער און זוכער, וועלכע זענען פייאיק צו פאַראַלגעמיינערונג און אוניווערסאַליזם, אויף דער וויזיע פונם גאַנצן — איז אַ טריט פאָרויס אין דער דערקענטניש פון מענטש, פון דעם וואָס רינגלט אים אַרום און העלפט אים צו באַזיגן די אינערלעכע און אויסערלעכע כוחות וועלכע צוימען אים אין זיין אָנשטרענגונג צו לעבן שיין און פולקאָם.

די דאָזיקע עסיי איז דעריבער אַ פּרווו צו זאָגן עטוואָס אַלגעמיינעם איבער די אַלע טעאָריע־מייסטערס, צו ווייזן דאָס וואָס פאַרייניקט זיי אַלע, די סימנים פון זייער וויכטיקייט און גרויסקייט. און צום שלוס — אַלע די פאָרשונגען און טעאָריעס באַווייזן מיר אַליין דייטלעכער און פייערלעכער אַז דער קאָסמאָס באַזיצט פּלאַן, סיסטעם און אָרדנונג. אַז צופאַל איז נישט קיין פונדאַמענט — נאָר געניוס אין העכסטן זין. אָט די אַלע דערגרייכטע אַנטפּלעקונגען און דערקענטניש־סיסטעמען ווייזן נאָר אָן, הגם נישט שטענדיק אַליין באַוווסטזיניק דערפון, אַז עס הערשט פונם אָטעם ביז

דער העכסטער אוניווערס־קאָנסטרוקציע — איין סטגל, איין גייסט — איין איינהייטלעכקייט, וואָס בינדט אלץ צוזאמען און זיך, אין דעם גייסט פון דעם שעפער פון קאָסמאָס. נישט קלאָר איז די ווי־זיע, די פאָרם, די ארט פון דעם שעפער. אָבער, ביים דעשיפרירען די הערגלאָפן פון דעם גרויסן אייביקן נאטור־ספר — שטויסן מיר זיך אָן אויף דעם גרויסקייט פון דעם אויטאָר פון דעם קאָסמישן ראָמאנס און מיר הייבן אויף די אויגן צום הימל צוגלייך מיט דעם קעניג־טרובאדור פון תהלים, צוגלייך מיטן גרויסן מארטירער פון איוב, מיט דעם פארליבטן פון שיר־השירים און מיט די גרויסע קינסטלער ווי טאָלסטאָי, דאנטע, געטע, מיט די גרויסע פילאָזאָפן ווי שפינאָזא, דעקארט, לייבניץ און קאנט און — מיר זינגען אלע דאָס גרויסע לויב־ליד צו דער אייביקייט, צו דעם שעפער פון אלע וועלטן. מיר זאָגן הויך ביז צו די העכסטע שפיצן פון די בערג: „דו ביסט וואונדערלעך, שעפער, מייסטער פון אָטעם, באַשאפער פון אלץ וואָס עקזיסטירט און שטראלט מיט דער גרויס־קייט און שיינקייט פון דיין גייסט, געניוס פון דער אייביקייט!“...

דאס אוניווערסאלע טאג-בוך פון דער מענטשהייט

די פאָלגענדע נאָטיצן, באמערקונגען און אָפּהאנדלונגען וועגן אמיעלס טאָג־בוך זענען געשריבן געוואָרן צו פארשי־דענע צייטן אין משך פון דריי חדשים, לייענענדיק און מי־שענדיק די בלעטער פון אמיעלס טאָג־בוך.

„הענרי־פרעדעריק אמיעל: (1821־1882), שווערישער פילאָזאָף און קריטיקער, געבוירן אין זשענעווא; פארלירט זיינע עלטערן אלס קליין יינגל, וואנדערט א סך, ווערט אינטים מיט די אינטעלעקטועלן פון אייראָפּע, מאכט א ספּעציעלע סטודיע פון דייטשע פילאָזאָפיע אין בערלין. אין 1849 — ווערט ער פּראָפעסאָר פון עסטעטיק אין דער זשענעווער אקאדעמיע און אין 1854 — פּראָפעסאָר פון מאָראל.

שרייבט סטודיעס וועגן עראסמוס, מאַדאם דע סטאל; פארעפנט־לעכט עטלעכע פּאָעזיע זאמלונגען. זיין „אינטימער טאָג־בוך" ווערט פארעפנטלעכט נאָך זיין טויט, דורך וועלכן ער ווערט בארימט און געאכטעט, א זאך וואָס ער האָט ניט דערגרייכט דורך זיינע אָריגינע־לע ווערק. זייענדיק אָנגעשטעלט און אויסגעהאלטן דורך די דעמאָ־קראטישע אינסטיטוציעס, ווערט ער דערווייטערט פו זיין שטאנד — די אריסטאָקראטיע, וועלכע באהערשט דאָס קולטור־לעבן פון דער שטאָט. אין איינזאמקייט ווערט דעריבער געבוירן זיין „אינטימער זשורנאל."

(ביאָגראפישער נאָטיץ גענומען פון „ענציקלאָפּעדיע בריטאניקא")

אמיעלס טאָג־בוך, ווי יעדעס שעהן טאָג־בוך איז מעלאַנכאָליש. די אורזאַך? אַ טאָג־בוך באַשרייבט דאָס וואָס געשעט מיט אונז דורכן גאַנצן לעבן. דאָס אַקטועלע שטאַרבט כסדר. מיר שטאַרבן פּערמאַנענט — פּיזיש און גייסטיק. וואָס עלטער דער שרייבער ווערט, אַלץ מער פילט ער דעם טויט פון אַ שטיק פון זיין לעבן. די דערינערונגען, ווי אַלטע האַרבסט־בלעטער אין אַ פּאַרק — הויבן אָן צו פאַרנעמען אַן אָרט. די דערינערונגען ברענגען אונז נישט קיין פרייד. ברענגען טרויער, מעלאַנכאָליע, באַדויערן... מיר פילן אַז נישט מיר שטאַרבן אין טאָג פון אונזער טויט — נאָר מיר שטאַרבן יעדע ווײַלע... אָט די מוזיק פון אונטערגאַנג, דער לויה־טאָן — פילט זיך אין אמיעלס בוך, ווערט אַלץ טראַגישער — וואָס נענטער צום קבר, וואָס גרעסער די דיסטאַנץ פונם פאַרגאַנגענעם...

דערינערונגען באַווייזן אונז ווי דאָס פאַרגאַנגענע איז טויט. פרייד צי לייד — עס איז טויט און ברענגט אונז נישט מער די אַקטועלע פרייד אָדער לייד־ עמאָציע... אָבער גלייכצייטיק פילן מיר אַז די טויטע דערינערונג באַלאַסטעט אונז, וויגט אונז ווי אין אַ נאָקטיורנישער מוזיק... די טויטע דערינערונגען לעבן אין אונז, ווי עס „לעבן" מתים אין אַן אַלטן שלאָס, אין אַ פעאָדאַלן גאָרטן... מיר ליבן די דערינערונגען, ווי טיילן פון אונז, הגם זיי זענען ווי אָוועקגעשניטענע גלידער פון אונזער קערפּער — מיט וועלכע מיר האָבן נישט מער קיין שום געמיינשאַפט... דאָך פילן מיר אַ וואַרימע באַציאונג צו „אונזערע" גלידער.

אַ טאָג־בוך איז אַ לויה־הימן נאָך אונזער אייגן לעבן... וואָס לענגער מיר לעבן, אַלץ אָפטער חזרן מיר איבער זאַכן פון אונזער יוגנט... דאַן דערמאָנער מיר זיך די זעלבע יוגנט... ווערן טרויעריק... מיר רעאַליזירן דאַן אַז מיר שטאַרבן שטיקערווייז, שטונדענווייז... די זון פון נעכטן איז אויף אייביק טויט... די זון פון היינט האַלט ביים אונטערגיין... מיר שטאַרבן אין יעדער ליבע צו אַ פרוי, צוזאַמען מיט דער פרוי — מיט אונזער העלדין... מיר שטאַרבן אין זיך, אין זאַכען, אין צייט, אין די צעלן פון קערפּער, אין די עמאָציעס פון גאָלדיקן לבנה־האַרץ...

און — לייענענדיק אַ טאָג־בוך — לייענען מיר אונזער אייגן לעבן... דאָס טאָג־בוך פון אונזער ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט. דער

לויה־דיטם דרינגט אריין אין אונז, מאכט אונז אונהיימלעך און טרויעריק...

* * *

א טיף־רעליגיעזע נאטור — איז ער אויך אט דער גרויסער צווייפלער. טיפע, מאראלישע קראפט, פאעטישע נאטור, וואס באַגרייפט די גרויסקייט און שיינקייט פון אוניווערס, א רעליגיעזער עקסטאז, וועלכער פארלאזט נישט זיין הארץ־טעמפל דורכן לעבן לאנג, איז ער עלעך צו פאסקאל, דעם פראנצויזישן מיסטיקער. ער צווייפעלט דאס גאנצע לעבן, ווייסט די באגרעניצונגען פון מענטשלעכן געדאנק און ווייסט, אז דאס פיזישע דערלאזט אונז נישט צו באגרייפען דאס גייסטיקע. אבער א מאן פון עטיק, גלויבט ער און צווייפלט. פארצייכנט אין אט דעם טאג־בוך זיינע שענסטע געדאנקען און עמאָציעס. זיין כאראקטעריסטישער הויפט-שטריך איז — מעדיטאציע.

פאסיוו, טרויעריק, איינזאם — עפנט ער זיך אינגאנצן, ווי א בלום, צו גאט. איינזאם אויף דער וועלט — פילט ער אבער די שיינקייט פון נאטור, מעדטירט, ליבט אלץ און קען נישט אנדערש אויפנעמען די וועלט ווי אן עטישע, מיט א ציל, מיט א גאט, וואס קרוינט די וועלט. אזוי איז עס סרוב מיט מענטשן, וועלכע פארוואנדלען זייער איינזאמקייט אין א פאגאדא ווו זיי דינען צו גאט, צו א שיינעם אידעאל, צו א העכערער אידייע, צום אייביק־שטראלענדיקן און אייביק־גערעכטן.

יעדעס מאל, אז איך מיש אויף אמיעלס זשורנאל — איז ווי איך וואלט אויפגעמישט דאס גרויסע בוך פון דער מענטשהייט, דאס בוך פון אלע אירע צווייפלען, שיינקייטן און שוואכקייטן. דען אמיעל איז דער מענטשלעכסטער מענטש אין זין פון שוואכקייטן. איין זאך נאר: ער פארצייכנט דרייסט די אלע שוואכקייטן. ווי רוסא, ווי אלע אמתע אינדיווידואליסטן — גריבלט ער זיך אין זייער אייגענער נשמה. דען שליסלעך — פארן אינדיווידואליסט איז וונדערלעך ער אליין, דער שענסטער מענטש, דער שפיגל פון דער מענטשהייט.

זיינע אנטפלעקונגען, וונדערע, פאלקאמענקייטן, אויפגאבן, צילן — אלץ רעדוצירט ער צו זיך. ער איז פאר זיך אליין דער וונדערלעכסטער קאסמאס אין וועלכן ער אנטפלעקט די וועלט־שיינקייטן. שרעקלעך סענסיטיוו, רופט ער זיך אפ אויף אלץ וואס ער באַ־

נעמט מיט די חושים די פארשארפטע און— מיט דער פאעטיש־פי־לאזאפישער נשמה. דערפאר, ווען איך לעז דאס בוך — זע איך דע־רין דאס בוך פון דער נאטור. ווייל אזא — רייכער אין גייסט — נא־טור לעבט דורך אין זיין לעבן, באקאנט זיך אין די לאנגע יארן, מיט גאר דעם אוניווערס — וואס איז נאר צוגענגלעך צום שעגסטן פון די גייסטער. ניט זייענדיק פייאיק צו געבן מייסטערשאפט זיינע קינסט־לערישע פלענער. נישט צו געבן תיקון צו זיין פאעטישער נאטור אין א גרויסן ווערק — איז ער צופרידן מיט זיין גורל צו פארשרייבן אינם טאג־בוך די ברעקלעך פון זיין לעבן, פון זיינע קינסטלערישע עמאציעס און געדאנקען. ער פארניכטעט זיך אין אט דעם טאג־בוך — אבער אלס גאנצעס איז עס א גרויס בוך פון א מענטש. פון א שיינעם, איידעלן, פאסקאליש־גלוביקן און פאסקאליש־צווייפלענדי־קען, מעדיטאטיוון מענטש... אזא וואס ווייסט אז די איינזאמקייט, די לבנה, די נאטור — איז גיפט צו זיין לעבן. אבער פרייוויליק גע־ניסט ער עס, ליבט די אמביציעלאזיקייט, די טראגישע איינזאמקייט, לאזט זיך פרייוויליק — ווי א קינד — פארשלעפערן אין דעם קאס־מיש־זיסער פארפיומישער מוזיק פון דער גאט־אומענדלעכקייט.

* * *

איך לייען אמיעל ווידער. עס איז אנגענעם צו לעזן זיין טאג־בוך. ווייל אן שום נאכטראכטן און צווייפל קען איך זאגן אז — איך לעז מיין אייגן טאג־בוך. דאס ווען פון אמיעל איז מיין אייגן ווען. איך האב אים זייער ליב. ווען ער רעדט וועגן דעם ווי ער איז אומ־באהאלפן אין לעבן, שווער צו זיין דעצידירנדיק, סוביעקטיוו איז אלץ וואס ער טוט — אבער הגם ער איז אינטעלעקטועל סוביעקטיוו, קען ער זיך דערהייבן צו אן אביעקטיוון אמת און קאנסטרוקטיוון אורטייל — אלץ איז פונקט ווי איך וואלט געלעזן וועגן זיך אליין. ווען ער רעדט וועגן דעם טיפן איינפלוס פון רוסא אויף דער פראנ־צויזישער ליטעראטור, וועגן דער טראגעדיע פון רוסאס ווען, וואס איז געווען א סענטימענטאלער געניוס, געפירט —אנשטאט דורך ניכטער־לאגישן אורטייל — דורך זיין וואנדערלעכער פאנטאזיע, דורך זיין עמאציאנעלן אורטיילן — דריקט אמיעל אוים מיין מיינונג און ליבשאפט צו רוסא, דעם קעניג פון פראנצויזיש־שיינער פראזע. ווען אמיעל רעדט וועגן זיך דערנענטערנדיקן טויט, וועגן דער מעלאנכא־

ליע פון פארגיין, ווענן זיין ווילן צו רו, צו הארמאָניע אין לעבן, צו שלאָף און צום לעזן שיינע ווערק — איז פונקט ווי איך וואָלט זיך ערשט נעכטן אויסגעדריקט אין א בריוו צו א פריינדין ווענן זיך אליין. ווען אמיעל רעדט ווענן די שרייבער פון אידעען. אין קעגנ־זאץ צו די פראנצויזישע פילאָזאָפן פון סיסטעמען — דרוקט ער אויס מיין מיינונג, מיך. עס איז ריכטיק! די פראנצויזן קענען וואָרפן אי־דעען, זשאנגלירן מיט פראזן, לייכטן מיט פערפעקציע פון דער פראזע — אָבער בויען סיסטעמען קענען די דייטשן.

איך לייען דעם טאָג־בוך און עס איז ווי איך וואָלט זיך אליין געלייענט. אמיעל באזיצט א סך קולטור, אריסטאָקראטישן גייסט, אורטיילס־פייאיגקייט, שיינקייט פון מעלאנכאָליע. מיר אלע ליבן דאָס טראגיש־שיינע. מיר אלע לעזן אין דער וועלט־ליטעראטור — זיך! אינם וועלט־הארבסט — לעזן מיר זיך! מיר לעזן זיך אין אלץ וואָס איז שיין און גרויס. מיר שטייען ביים מעכטיקן קאָליסעאום און מיר פילן זיך דערהויבן. מיר טרוימען ווענן גאָט — און מיר זע־ען זיך אין אים ווי א טייל. מיר קוקן אריין מיט ענטוזיאזם אין דער גוואלטיקער נאטור און מיר שפיגלען זיך אין אים ווי אין א גרויסן אקעאן־שפיגל. אזוי איז די מענטשלעכע נאטור.

און — נאָך עפעס: —

די קלאסישע פראָבלעמען זענען נישט נײ צו די מענטשן. ליבע און טויט איז דער רוקנביין פון אלע גרויסע ווערק. שעקספיר און האמער באהאנדלען ביידע דעם מענטש און זיינע קאָנפליקטן. סער־וואנטעס און היינע ברענגען ביידע ארויס דאָס הערא־אישע און טראַ־גישע, דאָס לעבערלעכסטע און נישטיקע פונם מענטש דאָן קישאָט. די גרויסע טעמעס זענען אויסגעשעפט. בלויז וואריאציעס אין פאָרם ברענגען מיר ארויס.

דעריבער — לעזנדיק די גרויסע ווערק, געפינען מיר באלד — זיך, אינם קאָמפּלעקס פון אלע מענטשלעכע פראָבלעמען. בלויז דער ווענוס־ווען אָדער מארס־אנער, לעזנדיק אונזער בוך, קען געפינען נייעס דערין. מיר מענטשן לעזן טויזנטער יאָרן דאָס גרויסע בוך פון לעבן. מיר זעען אין די מאָטיוון אונזער גורל. מיר הערן אין דער מו־זיק דעם מענטשלעכן געראנגל.

„קהלת" האָט דאָס פארשטאנען. איך לייען קהלת, דעם אלטן,

קלונג, טראגיש־שמייכלענדיקן קעניג — און איך פיל ווי איך וואלט לעזן א בוך פון נעכטן. די יארטוויזנטער ציילן זיך אין דער אנטוויק־לונג פון דער טעכניק, אבער זיי באדייטן גארנישט פארן מענטשלעכן גייסט. פונקט ווי עס ענדערט זיך ניט פאר אונז די זיטיקע פאזי־ציע פון די שטערן, אזוי ענדערן זיך נישט די אייביקע פראבלעמען. אונזער גורל איז — זיך איבערחזרן, ארויספרעגן קוים־מעגלעכע וואר־ריאציס פון די זעלבע טעמעס, יענע טעמעס, וועלכע שוין דער תנ״ך האט אין זייער פולקייט באהאנדלט און אויסגעדריקט אויף א קלאַ־סיש־קורצן, געמאסטענעם אופן. מיר לעזן טויזנטער ביכער — דאן לעזן מיר צום ענדע איין אלט בוך — און ווי אין א פאקוס דערזעען מיר אלע פראבלעמען פון די טויזנטער קונסטווערק פאראייניקט אין דעם איינעם קליינעם בוך, מיט גרינגע, שימלענדיקע מאוולען... עס שימלט דאס פאפיר! נאר אייביק איז דער גייסט דערין!

דערפאר — אין גרינגעם פארנאכט, אונטערן בלויען הימל, אין א פורפורנער שטימונג, באהערשט פון א נאקטיורנישער שטימונג, טראכטענדיק וועגן ווייטע מענטשן און נאענטע ליידן — האב איך רואיק געלעזן דאס בוך פון אמיעל און צום טויזנטן מאל זיך ווידער געפונען. אזוי געפינט זיך יעדער לעזער. איך האב געמישט די בלע־טער און צוגעקומען צום סאמע לעצטן בלאט פון טאג־בוך פון אט דעם עסטעטיש־איינזאמען, קלאסישן גייסט און — ער האט אזוי זעל־טען־שיין אויסגעדריקט מיין שטימונג... דאס לעבן און און פאר זיך אינטערעסירט אים נישט. ער וויל זיך אויסדריקן, ארבעטן, שאפן. (פונקט אזוי פיל איך די לעצטע יארן). און ווען ער פילט אז ער קען זיך נישט מער אויסדריקן שרייבט ער:

(„ווי שווער איז צו לעבן, א מיין מידעס האריץ!“)

אזוי ענדיקן זיך אלע ביכער, אלע ווערק. דאס איז די פריזמע וואס ווייזט דעם פינאל פון לעבן. דאס איז דער לעצטער צארטער רעגנבויגן וואס בויגט זיך אריבער דער וויזיע פונם לעבן אין מאָ־מענט פון הייליקן טרויער און קרוינט דאס גאנצע... דער פאר ליבן מיר אויך צו לעזן שיינע ביכער. אויב מיר זענען שטום און איינזאם, רעדט צו אונז דער גייסט פון א שיין, קלאסיש בוך, פונקט ווי די לבנה רעדט און דריקט אויס די גאלדענע מעלאנכאליע פון אלע טראגישע בלומען אין דעם „זומערנאכטס־טרוים“...

געגומען לעזן פאר א ווײלע אמיעלס זשורנאל. ווי איבערראשט איך בין געוואָרן פון דער ענלעכקייט פון מיין גייסט צו זיין גייסט, פונקט ווי צוויי בלומען וואָלטן זיך געשפיגלט אין איין פאָנטאַן און זיך קעגנזייטיק באוואונדערט. דאָס וואָס מיר פאנגט אזוי מאגיש אין די ווערטער פון אמיעל, איז: זיין ליבע צו מעדיטירן און צו א מעלאנכאָלישן מעדיטירן וועגן גאָט, נאטור, ליבע, ליידן, לעבן און האר־מאָניע. ער איז אַדורך און דורך צארטע, סענסיטיווע, לירישע נאטור. מיטן עלטער און קראנקער ווערן, ווערן זיינע געדאנקען וועגן לעבן און טויט — אָפּטער און טראגישער. א העכסט־פּאָעטישער גייסט, שטרעבט ער צו מאָראל, עסטעטיק, הארמאָניע, אָבער ער שוידערט ביים געדאנק אַז די נאטור קען זיין שרעקלעך גלייכגילטיק צו אונ־זער לעבן און צו אונזער עטישער ריינקייט. דער געדאנק פון א טייוול וואָס רעגירט ציניש די וועלט — מאכט אים שרעקן זיך. ער נעמט שוין בעסער אָן דאָס הערשן פון א ריזיקן געוויסן, א גראנדיעזן גאָט, פאר וועמען עס האָט א זין צו ליידן.

אמיעל איז א פּאָעט, און ווי ביי סרוב פּאָעטן, רופט יעדער קליינִיקייט ארויס א צארט געפיל א טרוימערישע מעדיטאציע, א ליריזם פון ריינסטן סאָרט. ווען ער רעדט וועגן דעם ווו אונזער לעבן קומט אהין, צי מען זעט עס אין א טויט א גאנצעס, אָן קאָנטינואציע, נאָר מיטאמאָל, ווי איינער זעט אויף א בארג פלוצלונג די גאנצע פּאַ־נאָראמא — אָט דער געדאנק באשעפטיקט אָפט. ווארשיינלעך האָט נאָך אמיעל נישט געוווסט וועגן דער איצטיקער מיסטישער קאָנצעפּ־ציע פון דער פערטער דימענסיע, וואָס מאכט אונז פארשטיין, אז דאָס גאנצע עקזיסטירט אין אייביקייט, אין איין גאנצעס.

דאָס וואָס רופט ארויס מיינע געפילן, איז דאָס לעזן אָן אלטן מייסטער וועלכער פילט פונקט ווי איך, א גאָט, ווען מיר לעזן קהלת, וואונדערן מיר זיך ווי אזוי ער רעדט מיט מאָדערן רייד. די צייט ווערט זילבער־גרוי — אָבער עס ענדערן זיך נישט די מחשבות פונם מע־דיטאטיוון גייסט... איך נעם אָפּט אַן אלט בוך און בין גליקלעך צו לעזן דערין וועגן די זעלבע פּראָבלעמען ווי איצט, דען ענדערן ענדערט זיך דאָך נאָר דאָס לאָקאלע. דאָס אייביקע, דאָס אבסאָלוטע — בלייבט שטענדיק אומפארענדערט, ווי דער שפּיל פון די כוואליעס אויפן רוישיקן ים. ווען אמיעל קוקט ווי צוויי דאמען פוצן, רייניקן, באוואַ־

סערן א קבר — זע איך דאָס בילד, ווי איך זע עס סרוב אויף א בית־עולם, דאָרט זיצנדיק,צו אָטעמען אין טויט־אַטמאָספּערע די לופט פון דער אייביקייט... עס איז ווי איצט, אַלץ, די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז ווי א רגע פאַרן צאַרטן גייסט. מיר האָבן די זעלבע געפילן צום פייער, צו דער לבנה, ווי אונזערע אור־עלטערן אין די וועלדער פון דער אור־ערד און אור־צייט.

בלויז עטלעכע זייטלעך פון אַמיעל האָבן מיך אָנגעפילט מיט אַזוי פיל גליק און שיינקייט, ווייל — נישט קוקנדיק אויפן אָפּגרונט פון צייט וואָס טיילט אונז אָפּ, רעדט אַמיעל צו מיין האַרץ און אַמיעלס בוך לייענט אַזאַ ליריקער ווי ער אַליין איז (נישט געווען — נאָר איז אייביק, דורך זיין זעלטן־שיין בוך). די זעלבע פיין באַוווּנדערונג פאַר אַמיעלס צאַרטער, אומשולדיקער ליבע, וועלכעס מיר טאָרן נישט פּראָפאַנירן, ווייל עס איז הייליק, געטלעך!

אָ, עס איז א מחיה צו לעזן אין א פרעמדן בוך זיך אַליין, דיין אייגענעם גייסט צו לעזן און צו צוטירן!...

* * *

איך לייען אַמיעל און בין איבעראַשט ווי מאַנכע זייטלעך האָב איך אַליין שוין לאַנג צוריק געשריבן. ווי ער, האָב איך א דראַנג צו שרייבן: א טאָג־בוך. א סך פון מיינע עסייען, דערציילונגען, מיניאַטורן — זענען אין דער אמתן טאָג־ביכער! מענטשן, קאָנצענטרירטע אין זיך אַליין, זענען גענייגט צו שרייבן זייער אינטים, פונקט ווי זיי וואָלטן שרייבן פאַר זיך אַליין. אַזעלכע מענטשן שרייבען גערן בריוו, נאָטיצן, טאָג־ביכער. צו אָביעקטיווער קונסט זענען זיי ווייניקער פּייאיק.

אַט באַשרייבט אַמיעל ווי ער זיצט אין א גאָרטן, די מוזיק פון אַן אָרקעסטער דערמאָנט אים אין קינדערישע זכרונות. ער לאָזט אין זיך דורכגיין דאָס וועלט־לעבן, דורכשוועבן פאַרביי זיין וועזן — דאָס גרויסע וועלט־זיין... עס איז גוט זיך איבערצוגעבן צום קאָסמאָס־געפיל... דו פילסט ווי דו פאַרלירסט די גרעניצן פון דיין זעלבסטזיין און ווערסט אָפן, פריי צו דער הויך און טיף, צו דער ברייט און לענג פון צייט־רוים...

אַט דאָס געפיל האָב איך אָפט ווען איך זיץ אַליין און דער ווינט באַרירט מיר און דאָס גאָרע לעבן טוט מיך א גלעט. אויב עס

איז צו גלויבן אין אינקארנאציע, וואָלט איך געגלויב אז איך בין א גלגול פון א סך מענטשן אין דער פארגאנגענהייט. מענטשן אין וועמענס לעבן, כאראקטערן און ווערק איך שפיגל זיך ווי אין א שפיגל. איינער פון זיי איז — דער אריסטאָקראַט־אינדיווידואליסט אמיעל...

* * *

שטענדיק פארליבט אינם אידעאלן, וויכט ער פון פראקטישן לעבן. אָפּט דערמאָנט ער מיט פיין און בענקשאפט דאָס אידעאַלע פאמיליע־לעבן... א פריינט אין געדאנק, אין לעבן, אין עמאָציע, אין פיין, אין איינזאמקייט — וואָסאַרא צארט גליק! אָבער — עקזיסטירט די פרוי וואָס זאָל אנטשפרעכן זיין אידעאל? ניין! שטענדיק פארטון אין מעדיטאציע, האסט ער דאָס לעבן פון טאט. דאָס איז אן עכט־גייסטיקער אריסטאָקראַט וואָס איז שטאָלץ אין איינזאמקייט. א מין בייראָניסטישער העלד — נאָר אָן בייראָנס שטורם, דינאמיק, ווילדן ריטם, טאט־בענקשאפט. בלויז די בייראָניסטישע וועלט־מעלאנכאָליע הויערט אין אים...

* * *

איך לייען נאָך אלץ אין די בקויע נעבט — אמיעל. באמת, יעדער שורה וואָלט איך וועלן איבערשרייבן, ווייל פונקט אזוי פיל איך און מעדיטיר. ווען ער רעדט וועגן דעה פארשידנארטיגקייט פון הארבסטן, דעם רויט־אקטאָבער און דעם גרוי־טרוימערישן, צו דער זיין פארגלייכן אלץ צו צוויי געשלעכטער, צום פאסיוון און אקטיווען, אָדער ווען ער דריקט זיך אויס, וועגן דער נישטיקייט פונם מענטשלעכן לעבן און דאָך דאָס דערזעען די געטלעכקייט, אָדער ווען ער זאָגט אז דאָס לעבן איז נישט מער ווי א גאלעריע פון פאָרמען, וועלכע פארשווינדן שנעל — בשעת דאָס עמאָציאָנעל־גייסטיקע איז אייביק, אָדער ווען ער פילט פארבענקט אין דער נאטור — אָ, דאָס אלץ איז אין מיר, אזוי פיל איך, אזוי טראכט איך. מערקווירדיק, ווי אין אָקעאן פון גייסט דערקענען מיר זיך, זיך אליין — דעם מייל פון גייסט וואָס געהערט צו דער גאָט־אייביקייט!

* * *

„...צו אנטלויפן דורך דער עקסטאז פון אינערלעכער וויזיע פון דעםווירבל פון דער צייט — צו זען זיך אליין סובספעציע עטער

ני איז דער העכסטער באפעל פון אלע גרויסע רעליגיעס פון די העב־
רעערע ראס, און די פזיקע פסיכאלאגישע מעגלעכקייט איז דער
פונדאמענט פון אלע גרויסע האפנונגען. די נשמה איז אומשטערב־
לעך, ווייל זי איז געשאפן צו שטייגן צו דעם וואס ווערט נישט גע־
בוירן און שטארבט נישט, צו דעם וואס עקזיסטירט סובסטאנציעס,
נויטווענדיקערווייזע, אומפארענדערלעך — צו דעם וואס איז גאט."

* * *

„עס איז רירענד און וואונדערלעך צו זען וויפל ווייניק רוים עס
איז נויטיק פאר די געדאנקען אויסצושפרייטן זייערע פליגל".

* * *

„צייט און רוים זענען פראגמענטן פון דער אומענדלעכקייט
מיט וועלכן די ענדלעכע קרעאטורן באנוצן זיך."

* * *

„...אונזער לעבן איז גארנישט, עס איז אמת, אבער אונזער
לעבן איז געטלעך. אן אטעם פון נאטור פארניכטעט אונז, אבער
מיר שטייגן איבער די נאטור ביים אריינדרינגען טיף אונטער איר
גוואלטיקער פאנטאסמאגאריע צום אומפארענדלעכן און אייביקן.

* * *

„...מעלאנכאליע איז אויפן גרונט פון יעדער זאך, פונקט ווי
די ענדע פון אלע טייכן, איז — דער ים. קען עס זיין אנדערש אין
א וועלט ווו גארנישט איז אייביק, ווו אלץ וואס מיר האבן גע־
ליבט אדער וועלן ליבן — מוז שטארבן? איז דער טויט — דער סוד
פון לעבן? דער אומעט פון אן אייביקן קרעכצן נעמט ארום, מער
אדער ווייניקער נאענט, יעדער ערנסטע און מעדיטאטיווע נשמה,
פונקט ווי נאכט רינגלט ארום דעם אוניווערס". (אמיעל.)

* * *

איך האב ערשט דורכגעלייענט די אלע נאטיצן — אין מא־
נוסקריפט — פארצייכנט בשעתן לעזן עמיעלס טאג־בוך און פריי
זיך אז איך וועל זיך אויך טיילן מיטן לעזער דורך די דאזיקע נא־
טיצן. מיר אלע ליבן די עסטעטישן הנאה פארטיילן צו אנדערע.
איצט ליגט איינזאם אויפן טיש, נעבן מיר, אמיעלס בוך און, איך
פיל עפעס טרויעריקעס... דאס שיידן זיך מיטן בוך און דאס אפ־
שליסן די נאטיצן — פילט מיר אן מיט טרערן... אט ווי שיין און

ווי טיף איך פיל צו א שיין בוך, א דאנק וועמענס לעבעדיקע נשמה — דער מחבר איז אומשטערבלעך צו מיר און צו טויזנטער אנדערע... איך דאנק דעם גייסט פון הענרי — פרעדעריק אמיעל, וואס האט פון די בלעטער אזוי וואונדערלעך ארויסגעשטראלט און פארבראכט מיט מיר דורך א סך אנגענעמע נעכט, שיינע און לירישצארטע, אנגענעמע דורך די מעדיטאציע און ליריזם. נאר די צעשיידונג איז מיר באנג... ווי זאגט אמיעל ערגעץ אין זיין טאג־בוך: די מעלאנכאליע באהערשט אלע זאכן...

נאר איך פיל אז מיין לעבן וואלט זיין פוסט — אן מעלאנכאליע... מעלאנכאליע מאכט מיר גליקלעך... אן מעלאנכאליע וואלט דער גלאבוס געוועזן פוסט און רוים... נאר די פורפורנע מעלאנכאליע פון דער וועלט איז דער צארטער רעגנבויגן וואס נעמט אונז טריומפאליש ארום, פון פאלוס צו פאלוס און — גיט אונז די וואונדערלעכע עמפינדונג פון זיין אייביק אפילו אין שטארבן, די צארטע עמפינדונג אז מיר זענען טיילן פון איין קאלאסאלן גאט־סיסטעם... אזוי האט אמיעל געדענקט... אזוי דענקען אלע שיינע און איידעלע נאטורן אויף אט דעם אומעטיקן גלאבוס...

גאָיאַ — דער געניע פון אַן עפּאָכע

דאָס לאַנד איז געווען שרעקלעך אָרעם. יעדער פּראָווינץ איז געווען כמעט א פעאָדאַלע מלוכה פאַר זיך. עס איז נישט געווען קיין אַנטוויקלטע קליינבירגערלעכקייט, וואָס זאָל פאָדערן איר רעכט און סאָציאַלע רעפאָרמען. די קעניגן און די קעניגע זענען געווען אידיאָטן, פאַרנומען מיט אינטריגע און געהיימע ליבע־ראָמאַנען אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן. די מערסטע ערד און רייכטום איז געווען פאַרטיילט צווישן די גרויסע פּריצים, די פּוסט־און־פּאַסטניקעס, בשעת דאָס פּאָלק איז געווען פאַרזונקען אין א שרעקלעכער אָרעמקייט און אָבערגלויבן. דער מיטלאַלטער האָט נאָך אַלץ געלעבט אין דעם שאָטן פון דער גרויזאַמער אינקוויזיציע, דער שאָ־ניען וואָס האָט נישט זעלטן אויפגעפלאַמט מיט די פייערן פון אויטאָ־דאַ־פעס.

רעליגיעזער אַבערגלויבן האָט באַטראַכט טאָלעראַנץ און געדאַנקען־פרייהייט פאַר הערעזיע און אַטעאיזם. די קירכע און די אָקסן־קאַמפן האָבן פאַרטשאַדעט די מוחות און די הערצער פו די מאַסן. דאָס פּאָלק דעמאָלט האָט געגלויבט אין זייער קעניגן ווי אין די פאַרטרעטער פון גאָט אויף דער ערד. א ראָמאַנטישער כוליגאַניזם און קינזשאַל־געפעכט האָט געהערשט אין שפּאַניען. טאָרעאַדאָרס זענען געווען די אָפּגעטער פון שפּאַניען. דאָס פּאָלק האָט באַטראַכט פאַר א פּריווילעגיע צו קענען צוזען די אָקסן־קאַמפן, די אַמאָליקע פאַרווײַלונג פון בלויז דער אַריסטאָקראַטיע.

אין דערזעלבער צייט פלאַמט אויף די פראַנצויזישע רעוואָלוציע

יענער מעכטיקער שטורם אין איירָאפּע וואָס מאכט ציטערן פּרעסטער, פּעאַדראָלָן, קעניגן, טראָנען, דינאַסטיעס און הויפן.

שווער באַמיען זיך די שפּאַנישע פּעאַדראָלן אַז דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע זאָל נישט אריבערפלאַטערן איבער די פירינעען און אָנצינדן די רויטע הערצער פון די שפּאַנישע הונגעריקע און פאַר־וואַרלאָזטע מאַסן. עס געלינגט זיי. די מאַסן פון שפּאַניען זענען פינס־טער און פּאַטריאַטיש געשטימט. ווען נאַפּאָלעאָן שיקט זיינע סאָל־דאַטן צו באַזיגן דאָס לאַנד פון „וויין, ווייב און געזאַנג“, שטעלן זיי זיך הערָאָאיש אַנטקעגן און פאַלן אין די טויזנטער פאַרן קעניג און זייער לאַנד. דאָס איז פיליכט די סיבה פאַרוואָס שפּאַניען האָט נאָך איצט אויך צו טעמפּן מיט דעם קלער, פּאַשיזם און אַמביציעזע באַנ־דיטן אין דער פּערזאָן פון פראַנציסקאָ פראַנקאָ און זיינע מאַראָקאַני־שע, דייטשע און איטאַליענישע אַרמייען...

די שפּאַניער זענען די דרייסטע און די בעסטע שלעגער. אָבער, הלוואַי וואָלטן זיי זיך נישט געשלאָגן קעגן נאַפּאָלעאָנען, דעם דער קליינער־גרויסער קאָרסיקאַנער, זייענדיק אַ אימפּעראַטאָר מיט גרוי־סער פאַנטאַזיע — אין קעגנזאַץ צו די באַגרעניצטע אימפּעראַטאָרן פון דער וועלט־געשיכטע — האָט פאַרראַטנדיק די פראַנצויזישע רע־וואָלוציע, דאָך מיטגעשלעפּט איבערן גלאָבוס די פייערן פון דער סאָ־ציאַלער וועלט־שׂרפה. יאָ, ער, דער טיראַן און צעזאַר האָט זיך נישט געקענט העלפן מיטצושלעפּן ווי גראַנדיעזע ציימן — רעוואָלוציאָ־נערע פייערן איבער איירָאפּע, דען ווי האָט ער אַנדערש דען געקענט באַזיגן שטאָלצע פעלקער, ווען נישט אין נאָמען פון דער גרויסער דראַמע פון נאַציאָנען, אין נאָמען פון יענעם הערָאָאישן שפּיל וואָס האָט אַראָפּגעהאַקט מיט אַ בלויען מעסער — אין דער אמתן!... — די פאַרוקירטע קעפּ פון פּעאָדראָלן, קעניגן, קעניגינס, פּריסטער און רעאַקציאָנערן.

און הגם די שפּאַניער האָבן זיך אַזוי העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט די אַמביציעס פון דעם אייזערנעם קאָרסיקאַנער און האָבן באַשיצט זייערע דומע קעניגן— איז דאָך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די באַצילן פון דער רעוואָלוציע אַ גרויסער שפּאַניער, אַ מאַן פון כאַראַקטער און שטאָלץ, אַ מאַן מיט גרויסאַרטיקן הומאָר און דעמאָנישער קינסטלע־רישער קראַפט — פּערדינאַנד גאָיא, דער מאָלער וואָס האָט אין זיי־

נע ווערק פאַראומשטערבלעכט זיין עפּאָכע, אַלע שיכטן פון זיין פאָלק, אַלע קלאַסן און אַלע ראָלע סצענעס, טראַדיציעס און גנהום פון דעם שפּאַנישן פאָלק. אַ מאַן וואָס האָט אין זיין קונסט אַקומולירט גאַנץ שפּאַניען, זייענדיק באַשענקט דורך אַ גרויסן פרייהייט־גייסט און אַ גרויסער וויזיאָנער קראַפט. אַ מאַן פון אַרבעט און פאַרנעם. אַ מאַן וואָס האָט געדינט צו די קעניגען מיט סאַרקאַזם און ביטערער איראָניע און — האָט געדינט צום פאָלק מיט מיטלייד און ליבשאַפט און סימפּאַטיע. קעניגען און דינאַסטיעס זענען שטערבלעך. זיי בלייבען בלויז מיט בוכשטאַבן אין דער געשיכטע. זיי וואָלטן געווען בלאַבע שאָטנס פון נישט־גוטע, ווען נישט דער גרויסער מייסטער וואָס פאַראומשטערבלעכט זיי מיט אַן אייביקער איראָניע. וואָס טוט זיי אָן אין די קאָלירן פון חוזק. ער מאָלט קעניגן ווי פּאַיאַצן און — דאָס וואונדער איז נאָך מער וואָס די קעניגען האָבן זיך צו אים געבוקט, און נישט אָפּגעזעגט זיין קאָפּ מיט אַ מעסער. זיי האָבן אײנפאַך נישט געזען ווי לעכערלעך זיי זעען אויס, ווען זיי ווערן געמאָלן דורכן גרויכען הויף־מייסטער. אָ, ווען די הערשער פון דער געשיכטע זאָלן אַליין קענען ווי לעכערלעך און קאַריקאַטוריסטיש זיי זענען! — וואָלטן זיי דען געקענט אָננעמען די שטאָלצע, פּוסטע, סקולפּטוריש־צעזאָרישע פּאָזעס און באַפעלן זייערע נאַאיווע אונטערטאַנען צו פאַרגיסן זייער בלוט אין די שלאַכטן פאַר זייער הערשאַפט?!...

גאָיאַ איז אָן צווייפל אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציעס האס און צאָרן, מיט דעם פרייען גייסט פון איראָפּע, מיט די שריפטן פון וואָלטער און רוסאָ. און פאַרוואָס טאַקע נישט מיט די ווערק פון זיין אייגענעם לאַנדסמאַן דאָן מיגועל דע סערוואַנטעס? מיט סערוואַנטעסן האָט ער אַ נאָענטע קרובהשאַפט, ניט נאָר אין זיין אידעאַליזם און טרוימעריי פון געראַכטיקייט — נאָר אין זייער מעכטיקער איראָניע און שווינגפולן הומאָר. הומאָר צייכנט אין אַלגעמיין אויס דעם גרויסן גייסט פון אַלע צייטן, ביי פאַרשידענע פעלקער. אַפילו די טיפסטע טראַגיקער באַזיצן דעם גרויסצוגיקן הומאָר. נאָך עפּעס פאַרייניקט גאָיאַ מיט סערוואַנטעס: דער חוזק קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. דאָן קישאָט האָט אויסגעלאַכט דעם ריטערטום. גאָיאַ האָט אויסגעלאַכט דעם קעניגנום. ער מאָלט פּאָרטרעטן פון זיי, אין וועלכע ער אַנטפּלעקט אָפן זייער נישטיקייט און דומקייט. אָט

דער סאַרדאָנישער קינסטלער פּאַרייניקט טאַקע די קעניגן — אָבער נישט דורך צעוואַרישע זשעסטן — נאָך דורך סאַטירע, דורך אָפּשפּיגלען די כאַראַקטערן פון די מאָדעלן אין זייערע געמאָלטע געזיכטער, דורך ווייזן דעם אמת מיט דער הילף פון זיי קינסטלעריש אויסטאָן נאַקעט אויף זיינע צאָלרייכע פּאָרטרעטן און בילדער.

גאָיא איז געווען א דואַליסטישע נאַטור. פון איין זייט האָט ער געלעבט אין קעניגלעכן הויף, געמאָלן די בארימטע מענער פון זיין צייט, גראַפן און פּרינצן, פּרינצעסינס און גרעפינס. ער האָט אָבער געהאַסט דעם הויף און זיינע אָנגעבלאָזענע העלדן. ער האָט ליב געהאַט דעם פאָלק און האָט דעם פאָלק א סך צייט געווידמעט מיט זיין בייסטערלעכן פּענזל. מיר נעמען אָן, אז אלס א גרויסער מאָלער האָט גאָיא נישט אנדערש געקענט עקזיסטירן, ווי אונטער דעם קעניגס פּראָטעקטאַריאַט, ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענער צייט. אַלע גרויסע קינסטלער האָבן געמוזט דינען דעם הויף — אָבער בלויז איין גאָיא האָט אי געדינט דעם קעניג, אי אים אויסגעשפּאָט.

גאָיא האָט געמאָלן פאַר דער קירכע, הגם די קירכע ד. ה. די אינקוויזיציע — האָט אים ביטער געהאַסט. גאָיא האָט גלאָריפיצירט דעם גרייסן מענטשענזון קריסטוס און געהאַסט דעם פינסטערן קלער. אזעלכע בילדער ווי „דער גלח און די דאַמע“ באַווייזן גאָיאס איראָניע איבער דער „הייליגקייט“ פון די גייסטלעכע און זייער סעקס־אבסטינענץ. „קריסטוס אין גאָרטן“, איז א מעכטיקע וויזיע פו דעם טראַגישן מענטש פון נאַזאַרעט. און צו דערזעלבער צייט קען זיך די אינקוויזיציע נישט קיין עצה געבן מיט זיינע קאַריקאַטורן פון איר געשטאַלטן. זי שטיקט זיך נאָך איצט, דאָס קלעריקאַלע שפּאַניע, מיט זיינע הונדערטער צייכענונגען פון דער זאַמלונג „קאַפּריזן“. גאָיא האָט געמאָלן די פאַנטאַזיעס פון קלער, די שרעק פאַר שדים און מאָנסטערס. גאָיא האָט געוויזן די פאַלשקייט און די פאַרקריפּלטקייט פון די גייסטלעכע פירער. האָט אנטפּלעקט די ווילדע, זינדיקע וואַקכאַנאַליע פון די רעליגיעזע העלדן. האָט איינגעאָטעמט אין זיך שוין אלס קינד די שרעקלעכע מיסטעריעס און אינקוויזיטאָרישע אבערגלייבנס פון דעם אונוויסנדן שפּאַניע, די שרעק פון דעם פאָלק פאַר מכשפות, וועלכע די אינקוויזיציע האָט געברענט אויף שייטער־הויפנס אין גאָיאס צייט נאָך — האָט דאָס אַלץ פאַרצייכנט מיט אומ־

שטערבלעכע שניטן און מאַנדריק אייזלען, פערד, הינט און שלאַנגען, האָט ער זיי געגעבן די פּנימער פון הויף, האָט דערציילט פון נוט־באַקאַנטע פּליאַטקעס, האָט אַנטפּלעקט סצענעס און פּאָזעס, פון דעם קינגס־הויף־קולוארן, האָט פארקערפּערט אין זיינע פאַנטאַסטי־שע וועזנס די רעאַליטעט פון זיין צייט. די ערשטע העלפט צייכע־נונגען פון די „קאַפּריזן" האָבן א רעאַליסטישן הינטערגרונט. זיי דערמאָנען אונז אין די מעשהלאך פון באָקאַטשיאָס „דע־קאַמעראָן", וועלנדיק אויסלאַכן די אָפיציעלע פּערזאָנען פון זיין צייט, וויי־זנדיק זייער נישטיקע פלאַכקייט.

די צווייטע טייל פון די קאַפּריזן זענען א סעריע צייכנונגען פון פאָלקלאָר, פון טראַדיציעס און פאָלקס־מנהגים און סצענעס. גאָיאַ, ווי יעדער גרויסער קינסטלער, האָט געהאַט דעם באַגער אָפּצושפּיג־לען דאָס גאַנצע פאָלק, זיין צייט, די גאַנצע עפּאָכע. אין ערשטן טייל ווייזט ער, ווי מענטשלעכע וועזנס האַנדלען ווי דעמאַנען, אין צווייטן טייל — ווי דעמאָנען האַנדלען ווי מענטשלעכע וויזנס. איבעריקענס, גאָיאַ אליין האָט הנאה געהאַט פון אָט דעם שפּיל פון פאַנטאַסטישע פאָרמען און וועזנס. דאָס איז דאָס נייע אין אים, דאָס רעאַליסטישע, וואָס האָט באַווירקט די מאָדערנע קונסט. גאָיאַ איז איינער פון די פאָרגייערס פון דער גרויסער קונסט פון אונזער צייט. ער איז דער פאָרגייער פון דעם בבל פון איזמעס און ריכטונגען.

א סך האָבן זאָגאר געזאָגט אז גאָיאַ איז געווען גייסטיק קראַנק און זיינע צייכענונגען און מאָלערייען זענען קראַנקע בלומען פון א קראַנקן מוח. ער האָט געחוזקט פון די געשפּענסטער און זיי דאָך ליב געהאַט. דער גרויסער פראַנצויזישער פּאָעט באָדליער האָט זיך אויסגעדריקט איבער גאָיאַ, דען גאָיאַ האָט געהאַט אן איינפלוס אויך אויף אים, און ווער ווייסט אויב נישט אויף אָסקאַר ווילד און עדגאַר עלען פּאָו, אויף דער דיאַבאָלישער ריכטונג אין דער פראַנצוי־זישער ליטעראַטור א. א. וו.

גאָיאַ איז געווען נאָרמאַל, דען אין דער צייט פון די „קאַפּריזן" האָט ער אויך געמאָלן גרויסע, מייסטערלעכע פּאָרטרעטן. ער איז אָבער געווען קראַנק אויך, באַזונדערס געפּייניקט דורך די באַציאונ־גען מיט דער טראַגישער און שיינער גרעפין פון אַלבאַ, וועלכע ער

האָט געליבט און פּאַראייביגט אין צענדליקער פּאָרטרעטן און צייכענונגען.

זיכער איז אז גאָיא האָט געוואָלט אויסדריקן דעם אבערגלויבן פון זיין צייט, די אינטריגעס, פאַלשקייט, „ערע וואָס ווערט פאַרקויפט אין שיינקייט, וואָס לאָזט זיך אליין קויפן", די אראַגאַנץ פון די גרויסע און די אונטערלעקערישקייט פון די קליינע. ער האָט דורך אָט די פאַנטאַסטישע מכלומרשט אונרעאלע קרעאַטורן און וויזענס אויסגעדריקט און דערציילט פון אלע זינד און סקאַנדאַלן פון זיין צייט. ער האָט אויסגעדריקט דאָס אקטועלע אין פאָרמען וואָס די אינקוויזיטאָרישע פירער האָבן כסדר געפּרעדיקט און איבערגעשראָקן דעם פאָלק. ער האָט דאָס פיזישע און מאָראַלישע פון די געשטראָפטע דורך זיין געניע — אויסגעלאַכט אויף אזא אופן, פאַר וועלכן מען האָט אים נישט געקענט צוערשט באשולדיקן. ער האָט, ווי דאַנטע אין זיין „גהינום", געשטראָפט די מעכקיטע און די שטאַרקע אויף אן אומדירעקטן, קינסטלערישן אופן. ער איז געוואָרן דער אריסטאָקאַנעס מיט דער הילף פון א בליי־פעדער, וואָס איז געווען שאַרפער ווי א שווערד. ער האָט, ווי היינע, זיך באנוצט מיט די כשוף־געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגנהייט, כדי אויסצולאַכן די קעגנוואַרט, וועלכע ער האָט געמוזט אטאַקירן אונטער א מאַסקע פון אלעגאָריע און רעאליטעט. ווען גאָיא וואָלט זיי אלע דירעקט אויסגעלאַכט, וואָלט זיין קאָפּ זיכער געווען געפּלאַטערט אין פאַרנאַכטיקן ווינט אויף א תליה פון דער אינקוויזיציע אין דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע.

אָבער גאָיא איז נישט בלויז דער מייסטער פון דער אומשטערבלעכער צייכענונג — נאָר דער קלאַסישער מאַלער, דער מאַן וואָס צוּשליידערט איבער די קירכן געוואַלטיקע פרעסקאָס, וועלכע שליידערט מוראַל־מאַלערייען איבער די פּאַלאַצן, דער מייסטער פון דער גרויסער, עקסטאַזישער וויזיע. דער מאַלער, נישט בלויז פון שפּאַנישע טראַדיציעס אין מיאוסע, געשפּענסטערדיקע פאָרמען — נאָר אויך געגנוס פון שיינקייט און האַרמאָניע. גאָט און דער טייוול — ביידע באגייסטערן אים אין דער גרויסער וויזיע פון זיין עפּאָכע.

גאָיא האָט צוגעזען די קאַמפן פונם שפּאַנישן פאָלק קעגן נאַפּאָלעאָנען. גאָיא האָט געמאָלן די וויזיעס פון קריג און הונגער, פון פאַרצווייפלונג און שוידער. זעלטן ווען א מאַלער זאָל מיט אזא גרוי־

זאמער קראַפט אָפּשפּיגלען דעם קריג. א סך גרויסע קינסטלער האָבן געלעבט אין צייט פון קריגן, רעוואָלוציעס און גרויסע באוועגונגען. אָבער קיין איינע פון זיי האָט קיין פענדזעל און פענסיל נישט געווידמעט די שוידערלעכקייטן פון קריג...

דאָס זענען פינסטערע אפאקאליפטישע וויזיעס פון שוידער און שרעק. דער פאנטאם פון „שרעק“ שילדערט א גרופּע מענטשן, סאָלדאַטן, אומגעוואָרפן אין שרעק פאר דער ריזיקער געשטאלט פון שרעק, א ווייסע, אין תכריכים געהילט, אָן א געזיכט, בויגט זיך ווי א גראנדיעזער מת איבער די אומגליקלעכע. א בוים א נאקעטער דערהויבט זיך איבער דעם שווארצן תהום — דאָס איז דער אייביקער גייסט פון שרעק און עלענט, פון פאָלקס־אומגליק אין קריג. „די נאנע און דער פאנטאָם“ איז ווידער א ענלעכע וויזיע פון שרעק און טויט. א געשטאלט פון א שרעקלעך דעפאָרמירטער פרוי מיט א מתים געזיכט, שפּילט אויף א ריזיקער גיטארע דאָס ליד פון פאַרצווייפלונג, די מעלאָדיע פון קריג און טויט.

דאָס שטאַרקסטע בילד אָן צווייפל איז „דער קאלאָס“. אויפן שווארצן וויסטן, תוהו־בוהודיקן הינטערגרונט דערהויבט זיך אין זיין געדיכטער שווארצקייט דאָס געשטאַלט פונם קאלאָס, דעם פאַרצווייפעלטן מאן, וואָס דערהויבט זיין בליק צום האָריזאָנט. איבער אים הויערט ווי א שארבן די לבנה. ער זיצט איבער דער וויסטעניש — דער קאלאָס פון פארגלייווערטן פיין און רעזיגנאציע, דער מאן וואָס פארקערפערט די מענטשהייט אין איר הילפלאָזיקייט און עלענט אויפן טרויעריקן פלאנעט. דאָס איז א שרעקלעכע וויזיע! אזא וואָס פארגלייווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. א מאן מיט א פארוואקסענעם געזיכט, ווי א ווילדער, מיטן קערפּער פון א גאָרילאַ — בליקט צו די פינסטערע האָריזאָנטן. קיין שטראַל ליכט נישט אין ערגעץ. קיין האָפנונג, קיין שמייכל. דאָס בילד, „די עקזעקוציע“, איז אן אומשטערבלעך בילד. די שארפקייט פון די באיאָנעטן אנטקעגן די העלדען פון שפּאניען. נאכט ארום, פינסטערניש. קיין האָפנונג. נישטאָ קיין אָנדייט אויף זיג פון העלע, זוניקע עלעמענטן. גאָיא שילדערט וויזיעס מיט א שרעקלעכער אָביעקטיוויטעט, ווייזנדיק נאקעטע גרויזאמקייטן אין זייער גרויל און שרעק.

„די טויטע צווייג“, אויף דער שווארצער, נאקעטער צווייג אי־

בערן רויב — מענטשן אין זייער עלנט. אנדערע בילדער, אלע פול מיט די שאָטנס פון טויט, מיט שפּיצן פון הענקערס באַיאָנעטן, מוטער אָרעמען זיך מיט קינדער. צעפוילטע קערפּערס אין וואסערן. פונקט ווי גאָיא וואָלט פאָרויסגעזען די שלאכטן און דאָס פארוויסטע שפּאַניען, און פראנקאָס רויב־און־מאָרד־קריג קעגן זיין אייגענעם פאָלק. יאָ, דער אומשטערבלעכער מייסטער האָט געשילדערט מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק דעם איצטיקן ביטערן קאמף אין שפּאַניען. די צעשאָסענע קינדער און פרויען דורך פראנקאָס אעראָפּלאַנען, די ליידיקע, וויסטע, פארברענטע פעלקער, די אומענדלעכע רייען קברים, די צעשאָסענע ביימער און פלאנצן, די פרויען וואָס באַמיען זיך אין פארצווייפלונג צו אנטלויפן מיט זייערע קינדער ביי די בריסט פון שלאכט־פּלעצער; גאָיא שילדערט ווי מענטשן זעען אויס, ווען דורכגעשאָכענע מיט באַיאָנעטן, מיט צעריסענע קערפּערס, ווען אָן קעפּ, אָן פיס, אָן אָרעמס, אין בערג אוועקגעוואָרפענע פאר די הינט. ער שילדערט די הונגער־חדשים, ווי פרויען, מענער און קינדער גוססן אין די גאסן, ווי אין מיטן העלן טאָג וויינען פרויען איבער זייערע טויטע מענער און קינדער, ווי מתים ליגן אויפגעשוואָלענע און דאָס געוויין פון קינדער און דער ריח פון פוילעכץ טראָגט זיך איבער דער שטאָט.

גאָיא האָט פאראייביקט אָט דעם שוידער. און אין זיינע בילדער וועט מען זען דעם גרויסן וועלט־קריג, דעם איצטיקן שפּאנישן שוידער־קריג. זיינע בילדער קענען זיין אילוסטראציעס צו דער אפּאָקאַליפּסעס לעצטע קריגס־וויזיעס, איידער די וועלט ווערט דערלייזט.

דעם גרויזאמען אמת פון דער מענטשהייטס מארטירער־וועג דורך דער געשיכטע — האָט גאָיא געצייכנט אויף די גרויסע בלעטער פון זיין זאמלונג: „די אומגליקן פון קריג“.

* *
*

קעניג פערדינאנד דער פערטער, פון שפּאניען ווי די מערסטע קעניגן, איז געווען שרעקלעך אונדאנקבאר צו דעם פאָלק וואָס האָט פאר אים הערלאיש געקעמפט קעגן נאפּאָלעאָנען; ער האָט אונטער־

דריקט די קאָנסטיטוציע פון קאדיז; זיין צוריקקומען צו דער מאכט קיין שפּאניען איז געווען א בלוטיקער. ער האָט די העלדן פון פאָלקס־אויפשטאנד דערמאָרדעט. דאָס פאָלק האָט באלד איינגעזען זיין טעות; עס האָט געקעמפט פאר א טיראן. פאר אן אידיאָטישן דעספּאָט זענען טויזנטער פון דעם פאָלקס בעסטע זין געשטאָרבן אין קאמף מיטן ארייננדרינגער. דער ווייסער טעראָר האָט געדויערט יאָרן לאנג. די אינטעלעקטועלן, די פאָלקס־קעמפער, אלע פרייהייטס־עלעמענטן זע־נען בלוטיק אונטערדריקט געוואָרן.

גאָיא, ווי שטענדיק האָט געהאסט די קעניגען און באזונדערס דעם בלוטיקן פערדינאנדס הערשאפט. ער איז פרייוויליק אוועק אין גלות קיין פראנקרייך, א קראנקער, אנטוישטער, באליידיקטער און מידער.

ער דערלעבט ביז א טיפן עלטער. ער מאָלט ביזן לעצטן טאָג. מען דארף נישט זיין אונטערן איינדרוק אז ער האָט בלויז געמאָלן דעמאָ־נען און משוגענע וויזיעס, אָרעמקייט און נויט. ער האָט ליב געהאט שייענע פרוען און האָט געמאָלן א סך פּאָרטרעטן. ער האָט, ווי יעדער מייסטער פון קונסט, געליבט די אומשטערבלעכע שיינקייט. ער האָט געמאָלן א סך בילדער אויף רעליגיעזע טעמעס. דאָס פּראָפאנע און דאָס הייליקע איז שטענדיק געווען אין אים. האָט שטענדיק באגייס־טערט זיין גדניע.

ער שטארבט אין עלטער פון איבער 80 יאָר. פארן טויט פאָרט ער נאָך איינמאָל קיין שפּאניען, צו זען זיינע בילדער, צו זיין אין זיין געבורטס־שטאָט, צו רעדן מיט אַלטע פריינט, דאָס לעצטע מאָל אריינ־צוקוקן אין דעם געזיכט פון דעם שפּאנישן טיף־בלויען הימל... אָבער ער פאָרט צוריק. ער קען ניט אָטעמען די לופט פון פערדינאנדס טי־ראנישער הערשאפט.

נאָכן טויט וועט עמיצער צונעמען זיין שארבן. אָבער קיינער קען דאָך נישט פארניכטן די וועלט פון קונסט, וואָס ער האָט געשאפן. קיינער קען דאָך נישט צושערן דאָס וואָס א ריזן־גאון האָט געשאפן אין משך פון זיין לאנג לעבן, אין אן אייביקן פיבער או באגייסטערונג.

דער מענטש מיקל אנדזשעלא

דער בלאָנדער ייד יוסף פון נאַזאַרעט, מיט די בלויע אויגן און די נער, שלאַנקער פיגור, האָט אָפגעזאָגט אויפן בארג זיין בארג־רעדע. זי וועט אייביק זיין די שענסטע רעדע, נישט מיט איר אָראַטאָר־ישער שיינקייט, אין וועלכע די שפּעטערדיגע טריבונען האָבן אים זיכער איבערגעשטיגן. ניט מיר איר פּאָעטישן חן, אין וועלכן שפּעטערדיקע פּאָעטן האָבן אים איבערגעשטיגן. נישט מיט דער הערלעכער שיינקייט פון משלים, וואָס איז געווען נאַטירלעך פאַר דער שפּראַך פון אָריענט. נישט מיט איר פשטות, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך צו די הערלעכע רייד און ווערק פון די אינדישע הייליקע. זי איז אומפאַרגלייכלעך פאַר דער שיינקייט פון הארץ, פאַר דער טיפקייט פון געפיל, פאַר דער איינגעהאַלטנקייט פון פּאַטאָס, פאַר דער קראַפט פון עכטן גלויבן און פאַר דעם טיפן מיטלייד און ליבע צום איינצעלנעם און צו דער מענטשהייט.

אָבער די דאָזיקע רעדע, וואָס האָט אזוי הערלעך אָנגעצונדן די באַגייסטערונג אין די יידישע אַפּטריניגע, אין דעם קליינעם, פאַרקריפּלט־עפּילעפּטישן ייד מיט דער פייערדיגער נשמה — פּאַולוס. די דאָזיגע רעדע איז צוזאַמען מיטן בלאָנדן מענטשנקינד געקרייציגט געוואָרן אויפן קרייץ, דען זי איז נישט אזוי געווען אַ נייע, רעליגיעזע אַנטפּלעקונג — נאָר האָט אנטהאַלטן יענע דינאַמיק און דינאַמיט פון סאָציאַליזם, פון גערעכטיגקייט, וואָס האָט ביז צום היינטיגן טאָג געגעבן די שענסטע היסטאָרישע ראָלע צו די יידן — די ראָלע פון ווערן דורך די יאָר טויזנטער געפּייניקט און פון טיפן, פון קאָסמישן פּיין אויסצעשרייען דאָס גרויסע, אומשטערבלעכע ליד פון לייד און גערעכטיגקייט. דאָס ליד פון עטיק.

און מיטן מאָמענט ווען דער בלאָנדער ייד, וועמענס אידעע פון

א „הימלישן רייך" איז אייגנטלעך געווען די אידעע פון אן ערדישן רייך אויף יסודות פון גערעכטיקייט — איז געקרייציגט געוואָרן, צו־זאמען מיט זיין הערלעכער בארג־רעדע. האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרראַט פאַר אים און די צעשטערונג פון אלץ וואָס איז שיין און דערהויבן.

אין נאָמען פון „הימלישן רייך" האָט מען אָנגעהויבן פאַרניכטן די ערדישע שיינקייט. אין נאָמען פון אומענדלעכן מיטלייד האָט מען א טראָג געטון איבער אייראָפּע די פייערן פון פאַרפאָלגונג. די, וואָס א ווײלע פריער זענען זיי געפיינ־גט געוואָרן פון די רוימישע צעזאַרן, האָבן איצט, אלץ מער און מער באַקומענדיג די מאכט אין די הענט, א דאנק זייער געשיקטקייט און פאַראַטן די פרינציפּן פון אור־קריסטנטום — אָנגעהויבן צו רודפן אלע אונטערדריקטע, אלע די וואָס האָבן נישט אנערקענט דעם קריסטענטום, וואָס איז פון א הערלעכער סאָציאַלער אידעע פאַרוואנדלט געוואָרן אין א בלוטיגער דאָגמע, וואָס האָט געפּאָדערט בלוט, בלוט, בלוט...

עס איז איינגעטרעטן אין דער וועלטגעשיכטע יענע עפּאָכע וואָס מיר רופן מיטלאלטער. די ערשטע אפּאָסטאָלן זענען שוין לאנג געווען טויט. די נייע עפּיגאָנען האָבן זיך נישט מער געקליידעט אין שמאַטעס — נאָר האָבן זיך געבאָדן אין האָניק און אין בלוט און זיך באַצירט אין גאָלד. די קירכע האָט זיך נישט מער געוואָלט באנוגענען מיטן „הימלישן רייך", נאָר האָט מיט מעכטיגע לאַפּעס ארייננעצויגן צו זיך די גאנצע מאכט אויף דער ערד. רוים, וואָס איז אונטערגעגאנגען ווייל זי האָט נאָר געהאט שטאַרקע אָרגאַניזאַציע און אייזערנע דיסציפּלין — אָבער נישט קיין גייסט, קיין אידעע — איז איצט אויפגעשטאַנען צו מאכט א דאנק דער קריסטלעכער אוני־ווערסאַלער אידעע. ווי א ריזיקער רויטער שפּיז האָט זיך ארייננעגעקוועטשט אין דער הויט פונם ערד־קוגל דער קריסטלעכער קרייץ, אן אויפגעשוואָלענער און פעטער, פון גאָלד און שמאַלץ.

די יידן, וועמענס עטישע אידעען זענען אויסגענוצט געוואָרן פון קריסטנטום און פון די אפּאָסטאָלן, זענען איצט אמשאַרפסטן גערודפט געוואָרן, בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן זייערע עטישע אידעאַלן נישט געוואָלט פאַרראַטן, ווי די קריסטן. די גריכן, די קינדער און שעפּפער

פון דער פרייער פילאָזאָפיע און פון דער עסטעטיק. די העלדן פון שיינקייט, זענען שוין לאַנג געווען באַזיגט פּאָליטיש דורך די אוזור־פּאַטאָרישע רוימער. אָבער זיייענדיק געבונדן אין קייטן, אַלס שקלאַפן אין ריזיגן רוימישן רייך, האָבן זיי אויפסניי אָנגעהויבן אויסדרוקן זייערע פּלאַסטישע אידעען אין דער קונסט און פּאַעזיע, אין טעאַטער פון רוים. איצט האָט דאָס קריסטענטום אַריינגעקריגן די גאַנצע מאַכט — און פאַרניכטעט דאָס קלאַסישע רוים, בלויז איבערנעמענ־דיג אירע טעריטאָריעס. דענקמעלער זענען צעבראָכן געוואָרן. גרי־כישע קונסטווערק זענען פאַרשעמט און געשענדעט געוואָרן. גריכישע און רוימישע געטער, וואָס אַ דאַנק זייערע הערלעכע פיגורן האָט די קונסט געבליט, זענען פאַרטריבן געוואָרן אין די וועלדער אויף ווים־טע, פאַנטאַסטישע אינזלען, אין היילן און קאַטאַקאָמבעס.

טויזנט יאָר האָט די דאָזיגע פינסטערע נאַכט אין דער געשיכטע פון אייראָפּע געהערשט. אַ נאַכט פול מיט גרויל און שרעק, פול מיטן לאַנגן מעסער, מיט גיפט און שמייכלעריי, מיט בגידה און אָפענע ברוטאַליטעט. אָבער צו דער ענדע פון מיטלאַלטער — האָט אַ מעכ־טיגער ווינט אָנגעהויבן בלאָזן. עס איז געקומען דער גרויסער זונ־אויפגאַנג און אויפן הימל פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע האָט די פייערדיגע האַנט פון קאָסמישן היסטאָריקער אַ שליידער געטון גראַנדיעזע בוכשטאַבן, געשניטן אין גליענדיגן מאַרמאָר פון בלויען הימל — און די בוכשטאַבן האָבן זיך אויסגעשטעלט ווי די רויטע זו־נען און געבילדעט דאָס מאַגישע וואָרט: — "RENAISSANCE"

* *
*

אויף אַ ריזיגער ווילע האָט דער מיטלאַלטער געקראַכט און אַ רויטע זון איז אויפגעגאַנגען איבער אייראָפּע. רוים איז זינט יאָרן געווען דער צענטער פון מאַכט און רעליגיעזער פינסטערניש — און איצט איז רוים געוואָרן דער צענטער פון קונסט און קולטור. אַ פּייער־דיקער שטורם־ווינט האָט זיך אַ טראָג געטון און אָנגעצונדן מיט זיין פייערדיגן אָטעם די מענטשהייט. מען האָט זיך איצט דערמאָנט אין

דער גריכישער און לאטיינישער קונסט. פון פארבארגענע הייל און קעלערס און טעמפלען האט מען א זוך געטון די אנטיקע דענקמעלער און זיי געבראכט קיין רוים. מען האט די פאגאניסטישע געטער באפרייט פון די באהעלטענישן און פון זיי אפגעווישט מיט פלאכמענדע בעזעמער דעם שטויב פון יאר־הונדערטער. מען האט אנטדעקט אין זיי נייע שיינקייטן און — מען האט אין פארשטויבטע ארכיוון געפונען די אלטע רוימישע און גריכישע פאעמען, די עפאפייען פון העראאישע מארשן און שלאכטן און העלדישע געטער־ראמאנסן. די אלטע וועלט פון געצענדינער האט אויפגעלעבט אין דעם רוים פון קריסטענטום. דאס פאלק האט אנגעהויבן צו שפראצן מיט קרעפטיגע טאלאנטן און פלאמענדיגע זשעניען, וואס האבן אימיטירט טיילווייז די אלטע קינסטלער און געשאפן אין גאנץ נייע, קינסטלערישע פאעמען. די נייע הערשער פון רוים, צווישן זיי דער וואונדערבארער לארענצא דע מעדיטשי, האבן צוגעטיילט דעם פאלק פארגעניגנס, אזוי ארום זיי גלייכצייטיג אינטערקויפנדיג זייער סימפאטיע פאר זיך. טאג און נאכט האבן פראצעסיעס אין פארביגע קאסטיומען מארשירט איבער די גאסן. די נעכט זענען באלויכטן געווארן מיט פארביגע שטורקאצן און זענען פארשריגן און פארטויבט געווארן פון די היסטערישע געלעכטערן פון אויסגעלאסענע פרויען און דזשענטלמענער. דען צגלייך מיט די עסטעטישע קונסטן, וואס האבן זיך א ריס געטון פון די טויזנט־יעריקע אונטערדריקטע פאטענצן, האבן זיך דערוועקט די סעקסועלע לוסטן, וואס זענען ביז איצט אונטערדריקט געווארן אין נאמען פון „הימלישן רייך"... דאס לייב האט אראפגעווארפען די מאנאכישע קליידער און דאן האט מען דערזען אז דאס לייב איז שיין און שטראלענדיג און זוניג און מען האט דערקענט אין דעם די אלטע באגייסטערונג פון פידיאס און פראקטיטעלעס, די ענטוזיאסטישע שמידער פון מענטשלעך קערפערלעכער שיינקייט. אלע אקטיוויטעטן האבן אויפגעלעבט תחית המתים, דאן האט אויך אויפגעלעבט די ראמאנטיק פון בגידה און מארד. די שרעקלעכע שיינקייט פון וואלדען קארנאוואל, אין וועלכע נישט בלויז די פאלקסמאסן האבן זיך באטייליגט און דעמאנסטרירט זייערע אינסטינקטן — נאר אויך די

הארן פון לאנד, די פירשטען און קאַרדינאַלן האָבן זיך באַטייליגט און מכלומרשט געוויזן ווי ליב עס איז זיי דאָס פאָלק.

א קלאַסישן ביישפּיל ווי פריי עס האָט זיך געפילט די אינדיווידואַליטעט באַווייזט אונז דער אוואַנטוריסט־קינסטלער בענווענוטאָ טשעללינ‌י, אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. אין לעבן פון דאָזיגן העלד קומט צום אויסדרוק די שכרות פון אַן עפּאָכע. די אָרגיע פון לויזגעוואָרענע ליידנשאַפטן. דאָס הייסע בלוט פון א גרויסן פּעריאָד אין דער וועלט געשיכטע.

דאָס הייסט אָבער נישט אַז דאָס קריסטענטום האָט נישט מער עקזיסטירט. צוגלייך מיטן שענסטן פריידנקעריזם האָט געהע־שט שרעקלעכע איגנאָראַנץ און אַבערגלויבן. דאָס הורנהויז איז געשטאַנען זייט ביי זייט מיט דער קירכע אין גאָטישן סטיל — און אָפטמאָל האָט די קירכע איבערגעשטיגן אין געהיימע מעשים דאָס פאַרביקע הויז... די מאָנאַכן האָבן אָפט געהאָט צו טון מיט זונות, אין טאָקע אין דער זעלבער צייט איז געבוירן געוואָרן די דיפּלאָמאַטיע, אין דער פערזאָן און מח פון צעזאַראָ מאַקיאַוועללי... אויך אַן אילוסטרירנדער טיפּ פון זיין עפּאָכע.

און אָט איז אויפן פאַרביקן פאָן פון רענעסאַנס געבוירן געוואָרן אַ שפּין, אַ ריזיקער מאָנסטער וואָס האָט ווי־דער אַ דונער געטון מיט אַן אַפּאָסטאָלישער קראַפט וועגן „הימלישן רייך“ און קריסטלעכן געוויסן. דאָס איז געווען סאַוואָנאַראָלאָ. אָט דער פייערדיגער פאַנאַטיקער האָט א מאָן געטון פון די זינדיקע פירשטן נישט מער ווי — געוויסן... ער האָט אין יאָר 1491 אָנגעצונדן גאַנץ פלאָרענץ מיט די וויזיעס פון... גהינום! דאָס פאָלק האָט אויפגעציטערט ביי זיין שוואַרצער דערשיינונג און פינסטערער געוואַלט פון זיין מעכטיגן פּיסק, וואָס האָט אים שליסלעך געפירט אין 1498 צו דער לעצטער טריבונע פון פייער — צום שייטערהויפן...

אָט אויף דער פאָן פון רענעסאַנס, ווו פרייהייט און פינסטערניש — ווו די ראָמאַנטיק פון קונסט און זינד און קאַרנאַוואַל און די פּעודאַקלאַסיק, און רעליגיע און פאַרברעכן פון פּאַראַטן, ווו קירכע און בלייער קלאָרער הימל — האָבן זיך אויף א ברייטן אופן געקרייציגט, איז געבוירן געוואָרן אַ מאָן וואָס האָט אין זיך טיף איינגעאָטעמט דעם

פלאם פון פרייהייט און שיינקייט און האט גלייכצייטיק א זויג געטון די מעלאנכאליע פונם לעצטן שווארצן דאמיניקאנער סאוואנאראלא. א מאן וואס שטייגט איבער אין זיין שאפונג יעדער מעגלעכקייט און שטייגט איבער אין קאלאסאלער ארבעט — יעדן ריזיגן ארבעטער און — זיין נאמען איז געווען מיקל-אנדזשעלא.

*　　*

*

פונקט אזוי ריזיק ווי עס דערשיינט פאר אונז מיקל־אנדזשעלא דער קינסטלער — אזוי ריזיק דערשיינט פאר אונז מיקל־אנדזשעלא דער מענטש. זיין לעבן איז געווען איין גרויסע נאכט, אין וועלכע עס ברעכט אויס צייטענווייז דער בליץ פון זיין זשעניע מיט א גוואלטיגער קראפט. דער דאזיקער בליץ איז אייגנטלעך דאס איינציקע וואס דערפרייט אים און צינדט אים אן צו הערא‌אישע טאטן. זיין יוגנט איז דורכגעגאנגען ארעם און מיזעראבעל. די מערסטע צייט פון זיין יוגנט האט ער פארבראכט אין דער לער ביי סקולפטורן פון פלארענץ. אזוי אז פון די ערשטע יארן אן האט ער נאר פארבראכט אין קונסט. ער האט קיין פריינט נישט געהאט, דען צו פינסטער, צו נאכלעסיג איז ער געווען פאר וועלטלעכע זאכן. דער דאזיגער שטריך ציט זיך דורך זיין גאנץ לעבן און וואס עלטער ער ווערט, אלץ מער פארשטארקט זיך אט די נאכלעסיגקייט. ווען מיר נעמען אין באטראכט אז דאס געשעט אין דער צייט פון זוניגן און רייכן רענעסאנס, טייטשט זיך מער שאטנדיקער אויס זיין פיגור. ער האט נישט באזעסן דעם דראנג צו דעקאראציע, צו לוקסוס און פוץ, נישט אין זיין קונסט און נישט אין זיין לעבן. אים איז פרעמד אין גאנצן דאס ארנאמענטישע און באצירענדיגע. אין די רייפע יארן שלאפט ער אויף א בעט צוזאמען מיט זיינע פיר קנעכט, וועלכע העלפן אים אין דער ארבעט. זיין קליידונג איז ארעם. זיין שטוב איז ענג און קליין און, דער פאטער דארף אים בעטן אין א בריוו, ער זאל זיך זען נישט צו פארלאזן זיין קערפער צופיל, ער זאל עסן גוטע שפייזן און רוען צו דער צייט, דען ער ווייסט וויל אז מיקל־אנדזשעלא עסט אפטמאל א שטיק טרוקן ברויט און שטייט אפ גאנצע טעג ביי זיינע ריזיגע גראניטן און מארמאר בלאקן, שמידענדיג אין זיי לעבן, ווי א גאט, ארייננעבנדיג אין די מארמארן

— בלוט, פייער, נשמה. די דאָזיגע נישט־דעקאָראַטיווע אייגנשאַפט איז באַזונדערס קלאָר אין דער קונסט, אין מיקל־אַנדזשעלאָס שאַפונג. אויך דאָ פעלט אים דאָס עלאַסטישע, ווייכע, צאַרטע און שטילע. זיינע אימיטאַציעס פון די שאַפונג, זענען טרוקן, ברוטאַל, קאַלט און פּראָזאַאיש. ער האָט גענומען פון די גריכן די קלאַסישע שיינקייט פון קערפּער און האָט זי אויך איבערשטיגן. אָבער אים איז אַבסאָלוט פרעמד די זוניגע פליישיגע שיינקייט און פלייש־ליבע. ווי די גריכן האָבן עס פאַרשטאַנען. די פרעסקאָס פון דער סיקסטינער קאַפּעליע צייבענען זיך אויך אויס, ווי אַלע זיינע ווערק, אינם מאַנגל פון דעקאָראַציע און אין דער קאַלאָסאַלער שיינקייט פון דער נאַקעטער פיגור. זיינע קערפּערס זענען פול מיט אַ מעכטיקער פאַנטאַזיע, דראַמאַטישער ענער־גיע, עקזאַקטע וויסנשאַפט פון אַנאַטאָמישן געבוי, טיפע קראַפט פון אויסדרוק. שרעקלעכע קרעפטן, שיינקייט פון ווילדע כוחות און אַ לעבעדיגער קראַפט פאַרצושטעלן די העלדן אין זייערע באַזונדערע סיטואַציעס.

נישט געניסנדיג קיינמאָל קיין פיזישער ליבער צו אַ פרוי, נישט דאַבנדיק צווישן פרויען קיין פריינדינס און געליבטע — האָט ער אויך נישט קיין שום פאַרשטענדניש פאַר דער צערטלעכער שיינקייט פון דער פרוי. זיינע פרויען־פיגורן פעלט גראַציע, „דאָס אייביג ווייבלעכע“, די צניעותדיגקייט, איידלקייט. זיי קומען ביי אים אַרויס ווי שטאַרקע מענער־פיגורן, פול מיט קראַפט, מוסקולערער ענערגיע, ברו־טאַל און געוואַלטיק. אַזוי מאָלט ער אויך אין זיינע פרעסקאָס — קריסטוסן, אַן אַטלעט, אַ קאָסמישע קראַפט וואָס קומט אויף דער ערד מיט אַ גראַנדיעזער מיסיע אַלץ צו פאַרוואַנדלען לויטן ווילן פון זיין קאָלאָסאַלן טרוים.

ער איז געווען דער ליבהאָבער פון אַבסאָלוטער שיינקייט, וואָס גאָט פאַרקערפּערט צום שטאַרקסטן און פולקאָמענסטן אין מענטלעכן קערפּער. און דעם דאָזיגן האָט ער געשניטן מיט פערפעקטער האַר־מאָניע, הגם אין זייערע גלידער ווײַנט אַ טיפע מעלאַנכאָליע. ער איז געווען אַן אייביגער געצענדינער פון שיינקייט — און די דאָזיגע ליבע האָט אין אים אַנגעצונדן דער זוניגער רענעסאַנס.

*　　*
*

די אויפגאַבע פון דער עסיי איז נישט צו שילדערן מיקל אַנדזשע־לאָ אַלס קינסטלער. דאָס האָבן דאָך עכטע פאַכמענער־קריטיקער אויף אַ בעסערן אופן געטון אין משך פון יאָרהונדערטער, שרייבנדיג וועגן גרויסן מייסטער. דער שרייבער פון די ציילן געהערט צו די יענעכע וועלכע זענען טיף איבערצייגט אַז ווי שיין מען זאָל רעדן און אַנאַליזירן אַ שיינע מעלאָדיע, וואַגנערס אַן אָפּערא, די 5־טע אָדער 9־טע סימ־פאָניע — וועט עס אַלץ זיין בלייך אין פאַרגלייך צו דער מוזיק אַליין, וואָס וועקט אין אונז אויף די הערראַאישסטע געפילן און אַפילו די ערגסטע מענטשן ווערן גוט און הייליג ווען די טענער פון אַ גרויס מוזיקאַליש ווערק באַרירט די שפּיצן־פּליגל פון זייער נשמה. וועט דען אַפילו אַ פאַרברעכער טויטן זיין קרבן, ווען אין דעם מאָמענט זאָל אַ וויאָליניסט אויסשפּילן אַ הערלעך ליד אויף זיין גאָלדענער פידל? קען דען נישט אַ סך שלעכטס פאַרמידן ווערן אויף דער ערד ווען די גרויסע קונסט זאָל ווערן צוגענגלעכער צו די מאַסן און ווען יעדער מענטש זאָל זיין באַקאַנט מיט דער וועלט־קונסט פונקט אַזוי טיף אַן עכט ווי ער קען די מענטשן אַרום אים, ווי ער קען זיין אייגענעם קערפּער אויסערלעך און ווי ער קען כאָטש טיילווייז די אייגנשאַפטן פון זיין נאַטור.

דעריבער די ווערק פון מיקל־אַנדזשעלאָ אַפּעלירן נאָך ווען זיי דערשיינען פאַר אונז ווי הימלישע מלאכים פון עלעקטריק באַלויכטן. אויך מיר ווירקן זיינע ווערק, געזעענטיילווייז אין די מוזעאָום פון אייראָפּע, פול מיט טרייסט. זיי זענען קאַלט און שטאַר — אָבער אָט גייען אַרוים זייערע ריזיקע נשמות, ווי פייערן, און נעמען מיר אַרום און האַלדזן און קושן מיר. איך עמפּפינד אין זייער אָנוועזנקייט ווי מיסטישע רעליגיעזע כוחן וואָלטן אָנפילן מיין נשמה מיט דער הער־לעכסטער מוזיק און פון שלעכטס מיר פאַרוואַנדלען אין אַ ריינעם מענטש, גרייט אַרומצונעמען די מענטשהייט און אָפּפרעסן אויף איר גרויס הארץ אַן אומשטערבלעכן קוש.

וואָס מיר ווילן דערציילן, איז וועגן דעם מענטש, וואָס ווערט אַזוי שיין פאַר אונז אַ דאַנק זיין קונסט, אַ דאַנק דער גרויסער

שלאַכט וואָס ער פירט פאַר זיין קונסט און — ווען די ריזיקע דענקמעלער פון זיין זשעניע פילן אָן די מוזעאומס און קירכן און קברים אין פּאַלאַצן און וואַטיקאַנען און הייף — גייט דער אָרי־מער מענטש, א קליינער און אויסגעפיינקטער שלאָפן, נישט באַגלייט אפילו פון זיינע העלדן, נישט אפילו געטרייסט, אָבער מיט דער גרויסער באַפרידיקונג אז דאָס פייער פון זיין זשעניע האָט דעלדן געשאַפן און האָט אין שיינע צייטן געוואָרפן שטיקער הימל צו דער ערד...

* *

*

א מידער פון שווערער ארבעט, ווען מיקל־אַנדזשעלאָ פּלעגט דערפילן אין זיך יענעם טרויער, וואָס לאָזט זיך נישט שטענדיק אויסדריקן אין קאַלטן שטיין, פלעגט ער שרייבן סאָנעטן. הגם ער איז אין פּאָעזיע בלויז געווען אַן אַמאַטאָר, האָט קיינמאָל נישט באַהערשט פולקאָם די טעכניק פון ליד, פלעגט ער אָבער אויסדריקן א טיפן געפיל אין עטלעכע סטראָפן. זייער א סך סאָנעטן האָט ער געשריבן, בשעת זיין טיפע פריינשאַפט מיט וויטאָריא קאָלאָנא. רירנד איז זיין באַציאונג צו דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז געווען א באַדייטנדיקע דיכטערין און א שטאַרק־רעליגיעזע נאַטור. איר לעבן איז געווען טראַגיש. איר מאַן, א באַרימטער גענעראַל, איז באַשולדיקט געוואָרן אין טאָפּעלן פאַראַט און איז הייַנגעריכטעט געוואָרן.

אין די אָוונטן פלעגט מיקל־אַנדזשעלאָ באַזוכן די אַלטע פרוי. כמעט שוין א צובראָכענער און מידער. ביים שיין פון קאַמין פלעגן זיי שמועסן, רעדן וועגן די פאַרגאַנגענע פּאַסירונגען אין פלאָרענץ און רוים, וועגן פערזענלעכע איבערלעבענישן. דאָ איז מיקל־אַנדזשעלאָ נישט מער געווען דער אייזערנער, אומדערמידלעכער אַרבעטער, דער וואָס שניידט דעם שטיין מיט ווילדן צאָרן, וואָס רוקט אזוי טיף אריין די דליטע אינם שטיינס אינגעווייד, אז ער צוברעכט אים אזש און מוז באַצאָלן פאַר נייע בלאָקן מאַרמאָר. דעריבער איז

געבליבן נאָך אים אַזוי פֿיל אומפאַרענדיקטע ווערק, וועלכער דער קינסטלער פלעגט בשעת זיין שאַפֿונגס־באַגייסטערונג — איינפאַך פֿאַרניכטן.

אין דער אָנוועזנקייט פון וויטאָריאַ קאָלאָננאַ האָט אויפגעלויכטען אין אים יענע בענקשאַפט צו דער פרוי, וואָס וואָלט אָן צווייפעל אַריינגעבראַכט אַביסל וואַרימקייט אין זיין פינסטער לעבן. פֿילייכט האָט צווישן ביידע העלדן געהערשט אַ קעגנזייטיק געפיל פון ליבע, פון סימפּאַטיע, וואָס איז געקומען אַזוי שפּעט. צו וויטאָריאַ קאָלאָננאַ שרייבט ער הערלעכע סאָנעטן, פול מיט געפיל פון ליבע, גאָט און אייביקייט. אָבער אינגיכן שטאַרבט די שוואַכע דיכטערין — און מ. פילט זייער טראַגיש דעם טויט פון זיין איינציקע פריינדין. איצט שרייבט ער סאָנעטן אויף איר טויט. רעדט צו איר אין אַ טיף־רירנדער, פּאָעטישער שפּראַך. איצט דערפילט ער די קראַפט פון טויט, וועגן וועלכן ער האָט דורך זיין גאַנץ לעבן איינפאַך נישט קיין צייט געהאַט נאָכצוטראַכטן...

אָבער מיקל־אַנדזשעלאָ האָט געהאַט אַ צווייטן פריינט, טאָמאַסאָ קאַוואַליערא. אין משך פון לאַנגע יאָרן, ביזן מייסטערס טויט, זענען זייערע באַציאונגען געווען הארציקע. טאָמאַסאָ קאַוואַליערא האָט צום מייסטער געפילט אַ טיפע צוגעבונדענקייט, דאַנקבאַרקייט, פאַרערונג און ליבע. דער קינסטלער האָט אין יונגן מענטשן באַוווּנדערט זיין קערפּערלעכע שיינקייט, זיין אידעאַליזם, גייסטיקע קראַפט. מיקל־אַנדזשעלאָ איז שטענדיק שטאַרק צוגעצויגן געוואָרן פון מענטשן וואָס באַזיצן גייסט און שיינקייט, האַרמאָניע צווישן גוף און נשמה. קיין שום זאַך אויף דער וועלט האָט אים נישט אַזוי באַגייסטערט ווי שיינקייט. צו זיין יונגן פריינט פלעגט ער ווידמען הערלעכע סאָנעטן, פול מיט באַוווּנדערונג און טיפן געפיל פאַרן יונגן מענטשן, וואָס האָט אים זיכער באַגייסטערט אין זיין שאַפונג.

אַ סך איז געשריבן געוואָרן וועגן מייסטערס באַציאונג צו מענער. אָן צווייפל איז עס אין יענער צייט נישט געווען פאַרעכנט פאַר אומּמאָראַליש. דער רעסאַנס איז פול מיט אָט דער פּלאַטאָנישער ליבע, וואָס האָט זיכער אויפגעלעבט צוזאַמען מיטן ניי־העלע־

ניזם. אויף שריט און טריט באגעגנט מען ראמאנסן צווישן שיינע יונגלינגע און דזשענטעלמענער, באזונדערס אין די קרייזן פון קינסט־לער און אינטעלעקטועלע.

אנדערש איז אָבער דער פאל מיט מיקל־אנדזשעלאָ. קיין אײ־נער פון די איינוווינער פון רוים האָט ניט געוואגט צו באשולדיקן דעם קינסטלער אין אינמאָראלישע מעשים. זיין קאָלאָסאלע ליבע פאר שיינקייט האָט אים דיקטירט זיך צו בוקן פאר אמתער שיינ־קייט, וואָס קומט צום שטארקסטן צום אויסדרוק אין מענלעכן קער־פער, לויט אנשויאונג אין א סאָנעט דריקט ער אויס די פלאטאָני־שע אידעע פון ליבע, וועלכע איז ריין־קערפערלעך צווישן די אנט־קעגנגעזעצטע סעקסעס, פון דער נאטור באשטימט, פאר באשטימטע צוועקן. דאקעגן איז אידעאל די ליבע אויס באוואונדערונג, די ליבע צו דער שיינקייט פון גייסט.

אזוי איז באקאנט דער פאל פון מיקל אנדזשעלאָס א פריינט, וואָס האָט געהאלטן ביי זיך א געוויסן צעטשינא, זיין קוזין, א וווּנדערשיינעם אינגל, וועלכן דער פריינט האָט זייער פארערט. דער גרויסער מייסטער האָט דעם זעלבן אינגל פאר זיין איידעל־קייט און שיינקייט אויך פארערט און ווען ער שטארבט, אין זיי־נע בליענדיקע יאָרן, שרייבט מ. איינעם פון די רירנדסטע סאָנעטן אויף זיין טויט, באוויינענדיק דעם גרויסן פארלוסט פון א שיינעם קינסטווערק אין דער פאָרם פון א חנוודיק אינגל. אזוי שרייבט ער אויך סאָנעטן צו א געוויסן פעבאָ, וועלכן ער שטיצט אפילו מיט געלט, וואָס איז זיכער אן אויסדרוק פון זיין גוטסקייט און איי־דעלקייט. ווען זיין קנעכט אורבינא שטארבט, קען זיך דער מייס־טער נישט באהערשן און דריקט דעם גוואלדיקן טרויער אויס אין א ליד.

הגם די דאָזיקע פארערונג און קולט פאר מענער־שיינקייט איז ריין־רעסטעטיש, איז עס אָבער אויך א פראָדוקט פון רענעסאנס־פע־ריאָד, ווי אומנאטירלעכע ליבע איז באטראכט געוואָרן פאר עכט נאטירלעך און אידעאל, דערהויבן.

מיקל־אנדזשעלאָ איז א העכסט־מאָראלישער מאן און פון זיי־נע געשפרעכן איבער קונסט, קומט באזונדערס צום אויסדרוק די

מאַראַלישקייט וואָס ער פאָדערט פון א קינסטלער. ווי הויך דער קינסטלער זאָל נישט זיין טעכניש, עסטעטיש, פאָדערט ער אָבער פון אים ריינקייט אין פריוואטן לעבן, ווייל אן אידעלער און ריי־נער מענטש שאפט אידעלע און ריינע קונסט. א פאַרדאָרבענער מענטש, ווי גרוים זיין זשעניע איז, וועט לאָזן טונקעלע פלעקן אין זיין העכסטער שאפונג אפילו.

אום גייען נישט אָן די פראָבלעמען פון זיין צייט, די פּאָליטי־שע פארהעלטעניש, די אינטריגעס און אלע יענע מענטשלעכע נע־שעניש וואָס מאכן אוים צוזאמען די ריזיקע סומע פון רענעסאַנס. ער איז כסדר פארטאָן אין אייביקע פראָבלעמען. אין קונסט, אין וויסנשאפט און שיינקייט. גלייכצייטיק אָבער האלט ער אוים זיין פאמיליע, עסט אליין נישט צו דער זאט און שיקט זיי כסדר געלט און זאָרגט וועגן זייערע אלע באדערפענישן.

טראגיש אין זיין ראנגלען זיך מיט די פויפסטן, קארדינאלן און קעניגן. ער מוז אויסשטיין כסדר זייערע קאפריזן. יעדער הער־שער וויל זיך פאראייביקן אין גלאָררייכע מאָנומענטן, הגם ער איז קליינלעך און ווארעמדיק אין פערזענלעכן לעבן. יעדער איינער וויל אים אויסנוצן פאר זיינע אינטערעסן — און באצאָלן ווייניק, קוים אויף די הויכע הוצאות פארן מארמאָר אפילו. עס איז מערק־ווירדיק ווי צו יענער צייט וואגט מיקל־אנדזשעלאָ פיל מאָל נישט צו פאָלגן, ענטפערט אויף באליידיקונגען און בלייבט שטאָלץ און מור־מיק, הגם אינגאנצן זיך מאכן אומאָפהענגיק פון די דאמאָלסטיקע הערשער־מעצענאטן איז געווען אוממעגלעך.

אזוי מאטערט ער זיך כסדר אויסצופירן די ריזיקע פלענער פון זיינע ארבעטן. פאר יוליוס דעם צווייטנס קבר דארף ער צוגרייטן 40 גיגאנטישע דענקמעלער. יעדעס מאָל, אז א הערשער שטארבט, קומט א נייער און הייסט ברעכן דעם פריערדיקן קאָנטראקט. אזוי אז דער מייסטער ראנגלט זיך כסדר, קען קיינמאָל נישט ענדיקן אן ארבעט, איז שטענדיק פארשקלאפט און ווערט אייביק באשולדיקט אין נישט ארבעטן שנעל, הגם ער ארבעט איבער די כוחות, רוט נישט, שלאָפט נישט, אָפטמאָל לייגט ער זיך צו צום געלעגער אין אנטועכץ און די שיך מוז מען שפעטער אראָפרייסן פון די געשוואָ-

לענע פּים מיט שטיקעה פלייש... ער האָט נישט קיין פרייען אוונט, צי לייענען זיין באליבטן פּאָעט דאנטע...

און אזוי ווערט ער אלץ פינסטערער און פינסטערער. א ריזי־קע שווארצע נאכט. דאָס לעבן שענקט אים נישט קיין שום פרייד פאַת זיין ריזיקער מי. בלויז דער איינציקער ענטוזיאזם פאר קונסט באלוינט אים מיט דער גרויסער פרייד פון שאפונג, וואָס איז גלייב־צייטיק א פּיין פאר אים. זיין זשעניע איז אַ פייערדיקער דעמאָן וואָס פרעסט דעם מייסטער, לאָזט אים נישט רוען, גיט אים כסדר אויף ריזיקע אויפגאבן צו רעאליזירן, זיין זשעניע איז א חיה, א פינסטערע חיה, וואָס פּייניקט דעם העלד מיקל־אנדזשעלאָ א לעבן לאנג, און וואָס שוואכער און טרויעריקער ער ווערט אלץ שטארקער ווערט זיין זשעניע און אָט זיינען הונדערטער וויזיעס פון נייע ד׳ענקמעלער צו ווייניק. אָט, ער וועט דעם גאנצן ערד־קוגל פארוואנד־לען אין איין ריזיקן מאָנומענט אין אוניווערזום... א גראנדיעזן מאָנומענט פון מענטשלעכע ליידן...

די נאטור האָט איין וועג צו באלוינען העלדן און געניע פאר זייערע געוואלדיקע טאטן אין ווערק: זי שענקט זיי דעם טויט. אין א סך פאלן איז דער טויט א הילף פאר די ליידנדע, פאר וועמען דאָס לעבן איז איין גרויסער גהינום... דער טויט דערשיינט ווי א אידילישע אינזל, פול מיט צארטע, ליכטיקע בלומען, וואָס אָטעמט מיט רו און טרוים... א גן־עדן... און אויב דער טויט ברענגט פּאַק־מיש נישט צו די מענטשן קיין גהינום אָדער קיין גן־עדן, איז ער עם פילייכט אליין א גן־עדן...

און אזוי, מיינע טייערע פריינט, אין א נעבעלדיקן טאָג איז גע־גאנגען שלאָפן, נאָך א ריזיקן לעבן פון פארצווייפלונג, געראנגל און ארבעט, א ג א נ צ ע ו ו ע ל ט , די ריזיקע וויזיע פון רענעסאנס — אין דער פּערזאָן פון איינאיינציקן פיזיש־צעבראָכענעם מענטש מיקל־אנדזשעלאָ.

די בײַנקשאַפֿט צו דער אומענדלעכקייט

מיר פֿאַרשטייען בלויז איינצלנע סעקציעס אין צייט און אין רוים. מיר ווייסן נישט וואָס עס עקזיסטירט און וואָס נישט. אומ־פֿענסקים בוך עפֿנט פֿאַר מיר גאַנצע נײַע האָריזאָנטן אין דער באַ־טראַכטונג פֿון וועלט און מענטש. מיר זענען אומענדלעך באַגרע־נעצט.

מיר טיילן איין די צייט, צום בײַשפּיל, אין פֿאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפֿט. די פֿאַרגאַנגענהייט איז טויט פֿאַר אונז, זי עקזיסטירט נאָך נישט. וואָס איז עקזיסטענץ? — די קעגנוואַרט. אָבער — וועלכע קעגנוואַרט? מיר ווייסן אַז די קעגנוואַרט טיילט זיך איין אין איר יעדן מאָמענט אין פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט. יעדער מאָמענט טיילט זיך אויף דעם וואָס פֿאַרגייט און וואָס וועט קומען. אין דער קעגנוואַרט איז גאָרנישט קאָנסטאַנט. הייסט עס, אַז אויך די קעגנוואַרט עקזיסטירט איבערהויפּט נישט. בשעת עס עקזיסטירן אייביק די פֿאַרגאַנגענהייט און די צוקונפֿט, וועלכע מיר זענען נישט אימשטאַנד צו פֿירן אַלס רעאַל, ווײַל מיר זענען באַגרענעצט, דרײַ־דימענסיאָנעל.

מיר דאַכט אַז עס איז אַ „לײַכטער אמת", איך מיין לײַכט צו פֿאַרשטיין אַט דעם בײַשפּיל פֿון צייט. און מען מוז אײַנשטי־מיק זײַן מיט יענער קאָלאָסאַל־שיינער אינדישער קאָנצעפּציע פֿון אַן „אייביקן איצט", אין וועלכן פֿאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפֿט זענען פֿאַראייניקט אין איין צייט־עקזיסטענץ. פֿון אַט דעם שטאַנדפּונקט איז מיר קלאָר די פּראָזע פֿון תנ"ך אַז אונזערע טוי־

זענט יאָר איז פאר גאָט בלויז איין טאָג... ווי עס קומט פאר שוין צו יענער צייט האָט מען געקענט האָבן אזעלכע קאָנצעפּציעס, וואָס זענען ערשט לעצטנס ארויסגעבראכט געוואָרן דורך ריזיקע מאַטעמאַטיקער און פיזיקער — איז מיר אוממעגלעך צו פארשטיין.

עס ווערט מיר אויך קלאָר פון אָט דעם שטאַנדפּונקט די טעאָריע, אז ווען אַ מענטש שטארבט — זעט ער זיין גאַנץ לעבן דורכגיין אויפסניי פאר זיינע גייסטיקע אויגן. אַ טיפער געדאַנק, וואָס ווערט געוויינלעך נישט באמערקט, איז באהאלטן אין אָט דער היפּאָטעזע. ווי גרויסארטיק! ווי געוואַלטיק שיין און טיף עס איז! עס שיינט צו זיין אז ווען אַ מענטש שטארבט — דערגרייכט ער יענע גייסטיקע פיאיגקייט, דורך אויפלייזן זיך פון דער דריידימענסיאָניקער וועלט, דורך באפרייען זיך פון די חושים — צו זען דאָס גאנצע לעבן זיינס אין זיין איינהייט, נישט אין זיין צעטיילבארקייט פון קליינע מאָמענטן און אינהאַלטס-פראַגמענטן. ער זעט דאָס גאנצע לעבן — אלס גאנצעס, אין אינהאלט ווי אין צייט. דאָס איז אַ גרויסארטיקער געדאַנק!

* * *

איך פלעג שטענדיק הערן צווישן מאטעריאַליסטן, מארקסיסטען, פּאָזיטיוויסטן, דעם טערמין „מאטעריע“ — זאָגן מיט אזא באשטימטקייט און זעלבסטפארשטענדלעכקייט, אז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט די חוצפּה צו פרעגן וואָס איז „מאטעריע“. איך בין פון שטענדיק אָן אַ קריטישער סקעפּטיקער. „מאטעריע“ איז אין משך פון טויזנטער יאָרן באטראכט געוואָרן ווי עפּעס סאָלידעס, דער פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ. וועלטן זענען געבויט געוואָרן אויף דעם טערמין „מאטעריע“.

איצט לייען איך ביי אוספּענסקין אז אייגנטלעך עקזיסטירט גאָרנישט אזא זאַך ווי „מאטעריע“. און איך בין נישט איבעראַשט דערפון. קיינער האָט נאָך קיין מאטעריע נישט געזען. און דאָך איז „מאטעריע“ פאר אַ מארקסיסט-מאטעריאַליסט פּונקט אזוי ממשותדיק און זיכער ווי די עקזיסטענץ פון זיין אָנקל אָדער ווייב.

מאטעריע איז אַ צושטאַנד, לויט אוספּענסקין, פּונקט ווי בלינד זיין איז אַ צושטאַנד. בלינדקייט איז און פאר זיך קען נישט אָנגע-

רופן ווערן ווי א באשטימטע זאך. לעצטנס זענען געמאכט געוואָרן אזעלכע טיפע אנטדעקונגען אין אטאָמען, עלעקטראָנען, פּאָזיטראָנען א. א., אז די „מאטעריע" צעשווימט ווי א זייפענבלאָז. ווירקלעך, וואָס איז מאטעריע?

איך פלעג שטענדיק אוועקגיין פון לעקציעס וועגן היסטאָרישן מאטעריאליזם אן אומצופרידענער. מיר זענען קיינמאָל די אזוי גערופענע „זעלבסט־פארשטענדלעכקייטן" נישט געווען פארשטענדלעך קיינמאָל. אויך איצט, הער איך ווי מענשטן רעדן וועגן זאכן מיט באשטימטקייטן און אזוי לייכט. מיך שאקירט אזא מין וויסן. איך וויים אז די סאמע פשוטסטע זאך איז פאר מיר אונפארשטענדלעך.

מיר באנעמען בלויז דאָס אויסערלעכע, דאָס וויזיאָנערע און דענקען אז מיר האָבן באגריפן דאָס אינערלעכע און דאָס גאנצע. א פּשוטע בלום איז פאר מיר א זאך, אן עקזיסטענץ, פון וועלכער עס שפּראָצען ארויס טויזנט פראגן און פּראָבלעמען, ווי גייסטיקע בלומען, וועלכע קענען נאָר באגריפן ווערן מיטן אבסטראקטן געדאנק. ווען ער איז אויף זיין העכסטער הויך — און אויך דאן זענען מיר באגרעניצט בנוגע דעם מהות פון זאכן.

* * *

גלויבט אוספּענסקי אין א מין דואליזם פון אונזער אוניווערס, ווי אלע בוז־איצטיקע מיסטיקער און אבסטראקטע דענקער?

ניין, אוספּענסקי איז אין דעם זין א מאָניסט. פאר אים עקזיסטירט נישט א רעאליטעט — אונזער וועלט — און אן איבער־רעאליטעט — גאָט, „יענע וועלט" א. א. וו. ער האלט, אז מיר הויבן נישט אָן צו באגרייפן די פיר־דימענסיאָנעלע וועלט. אונזער עקזיסטענץ איז קאָלאָסאל העכער, גוואלטיקער, שענער, ווי מיר דענקען וועגן איר. דואליזם איז פּשוט א פּראָדוקט פון הילפלאָזיקייט און באגרעניצטקייט. מיר פארשטייען נישט די פענאָמענאָ. מיר זעען נישט די נומענא די אידעע פון דער פענאָמענא. מיר זענען ווי די מייז אין קלעטקעס. ווי אזוי מיר דרייען זיך — קענען מיר נישט ארויס פון דער דריי־דימענסיאָנעלער וועלט, ווייל מיר זענען דריי־דימענסיאָנעל. מיר לעבן שוין אין דער העכערער וועלט פון דער פערטער דימענסיע. אָבער מיר הויבן נישט אָן צו פארשטיין גאָרנישט פון אָט דעם גאנצן קאָלאָסאלן עקזיסטענץ. לויט אוספּענסקי איז אונזער „עקזיס-

טענץ", וועלכע מיר דענקען אלס די אמתע רעאליטעט, נאָר א שאַ־פונג פון אונזער דמיון, בשעת די אמתע רעאליטעט זעגען מיר נישט אימשטאנד צו באגרייפן.

* * *

א ווונדערלעך קאפיטל האָט אוספּענסקי וועגן ליבע, און הגם ער זאָגט נישט אין דעם פּרט קיין שום נייעס, דאָך אנטפּלעקט ער א וועלט פון אמתן, וואָס יעדער איינער פילט און ווייסט — און פאַר־געסט עס צו אָפט. בלויז דער פּאָעט, דער טיפער קינסטלער, איז באוווסטזיניק דערפון.

לויט שאָפּענהויערן און אנדערע פילאָזאָפן און געלערנטע, ווייסן מיר אז ליבע דינט בלויז אלס פאַרטפלאנצונגס־טריב פון נייע גע־נעראציעס אין דער נאטור. שאָפּענהויער, זייענדיק א פּעסימיסט, א קעגנער פונם לעבן אויף דער ערד — האלט, אז די ליבע איז א טריק פון דער נאטור, כדי ארויסצוציבערן, אָדער — בעסער און פּשוטער גערעדט — ארויסצונארן גענעראציעס פונם געפיינינקן וועזן. א מופת פונם וועלט־ווילן...

אָבער אָט קומט אוספּענסקי און ווייזט אָן אז ליבע איז אַן אָביעקטיוו־קאָסמישער עלעמענט. אויב ליבע איז דער מיטל צום ציל פון פאַרטפלאנצונג — פארוואָס איז ליבע א פיל גרעסערער כוח וויפל עס איז נויטיק פאר אָט דעם ציל? בלויז א קליינער טייל פון אָט דעם אומענדלעך־גרויסן געפיל — ווערט אויסגענוצט פון די מענטשן פאר סעקס־צוועקן. ווו גייט די רעשט ענערגיע?

דורך אָט דער איבעריקער ענערגיע פון חלום פאנטאזיע, באגערן, געדאנקען, שטורם פון געפילן א. א. וו. קומען מיר צום דירעקטן ציל פון פאַרטפלאנצונג, פונקט ווי מיר באקומען דורך דער „איבעריקער" היץ-אנטוויקלונג פון א ליכט — איר פייער...

די אונדירעקטע ליבע־ענערגיע גייט איבער אין א מער־וויכטיקער שאפונג: אין קרעאטיווער שאַפונג פון קונסט קולטור, ציוויליזאציע. אליץ אין אונזער וועלט האָט צו פארדאנקען יענע ריזיקע כּבומים ענער־גיע פון ליבע, וועלכע ווערט נישט אויסגענוצט פארן פאַרטפלאנצונגס ציל אליין, וואָס פאָדערט בלויז א קליינעם פּראָצענט פון ליבע — דעם קאָסמישן געפיל.

דאָס זינגען פון א פויגל איז נישט אליין נויטיק כדי צוצוציען

דעם אנטקעגנזעצטן סעקס־פּארטנער — נאָך צוליב אינערלעכע קאָס־מישע האַרמאָניע, שיינקייט, זעלבסט־אויסדרוק און אזוי ווייטער.

סעקס־באַגער ברענגט נישט בלויז צו דער שאַפונג פון א נייעם דור — נאָר ברענגט אויך צו דער רוחישער אַקטיוויטעט כדי צו שאַפן א מעגלעכקייט צו עקזיסטירן פאַרן נייעם דור. אַלץ אין דער נאַטור איז א פּראָדוקט פון אָט דעם ליבע־געפיל. מענטשן ווערן גוט און ווערן שלעכט, ווערן הייליקע און מערדערס — צוליב ליבע. עס קען באַפרייען פון מאַטעריע. עס קען באַפרייען א ברוטאַלן מענטש פון דער ברוטאַליטעט. עס ענדערט כאַראַקטער, פּסיכיק און שטימונג. ליבע קען באַפרייען די מענטשהייט פון ליידן. עס קען אויפּעפענען באַהאַלטענע קוואַלן פון ליבע אין אונז, פון קאָנגזייטיקער ליבע, אינטעלעקטועלער און קאָסמישער. עס קען אונז אָנצינדן צו ווערן גאָט, צו בענקען נאָך גאָט, צו ליבן גאָט.

ענערגיע און נאַטור גייט נישט פאַרלוירן. ווען מיר זאָלן אָננעמען אז עס פאַרוואַנדלט זיך אין נייע אַקטיווע כוחות אין דער מענטשהייט — איז עס אויך שוין גוואַלטיק. אָבער ווען מיר זאָלן דענקען אז קרעאַציע, די שאַפונג פון אידעען אין קונסטווערק איז דאָס ליכט פון דעם גרויסן פייער פון ליבע — דאַן מוז דאָס פייער זיין אזא גוואַלטיקעס און קאָסמישעס. אין אָט דעם אייביק־ברענענדיקן פייער, אין וועלכע די מענטשהייט און די גאַנצע וועלט ווערט אייביק געלייטערט, אין וועלכן אַלע כוחות פון דעם מענטשלעכן גייסט זענען געשאַפן — מוזט פּאַרט זיין א קראַפט וואָס וועט שליסלעך באַפרייען די מענטשהייט פון די קייטן פון אומוויסן און גוראַנגל. נייע אידעען, באַלויכטונגען און מיסטעריעזע וועלטן, וועלן אויפטויכן פאַרן מענטש פון דער צוקונפט, דורך דער הילף פון אָט דער ליבע־פלאַם.

ביי די אַלטע עגיפּטער איז „ליבע" געווען פאַרבונדן מיט „טויט". עס ליגט א טיפער זין אין פאַרבינדן ליבע — דעם אָנהויב — מיט טויט — די ענדע פון אונזער „רעאַלער" עקזיסטענץ. ערָאָס איז אומפאַרמיידלעך א פּראָדוקט פון אָרקוס, דעם טויט־גאָט. דער טויט ליפערט דאָס קאָלאָסאַלע לעבן. ליבע און טויט זענען ביידע דער פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ... ווער ווייסט... פיליכט זענען ליבע און טויט — איין גאָט... אָרקוס פאַרקערפּערט זיי ביידע?!...

פיליכט איז טויט נישט די ענדע פון אונזער עקזיסטענץ —

נאָר דער סאמע אָנהויב? פּיליכט אן אָקעאַן, וועלכע רינגלט ארום דאָס גרינע אינזעל פון לעבן? ווייסן מיר דען וואָס לעבן איז? וואָס טויט איז? וואָס ליבע איז? זענען מיר נישט יענער בלינדער בעטלער וואָס שמייכלט צו די שטערן, בעטעלט א מטבע ביי די פארבייגייער און זיצט אויף א ריזיקן לעגענדארן אוצר, באגראָבן אונטער זיינע פיס?!...

* * *

— ווי אזוי קען מען דאָך באגרייפן דאָס אומענדלעכע? האָט עס ווער באגריפן? ווי אזוי?

צום ענדע פון זיין גלענצענדן בוך — ברענגט אוספּענסקי א רייע קאפּיטלעך, ווו ער רעזומירט זיין בוך און רעדט וועגן דער צוקונפט.

די דאָזיקע קאפּיטלעך זענען די אינטערעסאנטסטע פארן פשוטן לעזער. אוספּענסקי גלויבט נישט אז וועלכע עס איז פּאָליטיש־עקאָנאָמישער סיסטעם וועט לייזן אלע פראגן פון מענטשלעכן לעבן. ער גלויבט אויך ניט אז די איצטיקע וויסנשאפט, אין דעם באגרעניצט־פּאָזיטיוויסטישן צוגאנג אירן צו זאכן— וועט געלינגען צו לייזן די אלע פּראָבלעמען. אוספּענסקי גלויבט אז די גאולה וועט קומען דורך אַן אינערלעך־גייסטיקער אנטוויקלונג פונם מענטש אינם איבער־מענטש אריין. דאָס איז נישט קיין ניטשעאנישע וויזיע פון זאראַטוסטרא וואָס שטרעבט צו מאכט און וויל קומען צו זיין זוניקער פולקאָמענהייט. סאיז דער איבער־מענטש וואָס א דאנק זיין קאָסמישן באוווסטזיין וועט ער זיך באפרייען פונם באגרעניצט־מענטשלעכן, דערגרייכן דעם העכסטן אמת און זיין פריי פון אלע נויטן און צווייפלען, וועלכע פרעסן אייגנטלעך אויף אונזער לעבן.

צו פארשידענע צייטן באוויזן זיך מענטשן, וועלכע זענען די פּאָרגייער פון יענעם נייעם דור איבער־מענטשן, וועלכער איז אזוי ווייט פון דעם איצטיקן פּסיכישן צושטאנד פונם מענטש, ווי מיר זענען ווייט דורך א ריזיקן עוואָלוציע־פּראָצעס און זעלבסט־אנטוויקלונג — פון דער חיה, וועלכע איז בלויז אינטויקטיוו־באוווסטזיניק.

אוספּעסנסקי ברענגט א סך ציטאטן אין זיין בוך, באזונדערס פון יענע און וועגן יענע מענטשן, וועלכע האָבן פּלוצלונג אין א מאָמענט פון העכערן באוווסטזיין דערזען דאָס געטלעכע —און אָט דער מאָמענט איז געווען גענוג צו באלויכטן זוניק זייער גאנץ לעבן. נישט

אליין זייער אייגן לעבן — נאָר צו שאַפן רעליגיעס, ריזיקע קולטן און קונסט־ווערק. ער ברענגטביישפּילן פון דער געשיכטע (פּאולוס, מאַ־האמעט, קריסטוס). ער ציטירט פראגמענטן פון דר. בוקע, בלאוואטס־קא, קארפּענטער א. א. וועגן דעם זעלבן ענין.

וואָס שייך דעם שרייבער פון די שורות, איז אים אויסגעקומען צו באגעגענען אין לעבן א סך מאָדנע, פּסיכיש־אָריגינעלע טיפּן, ווי עפּילעפּטיקער, מיסטיקער און א געוועזענעם משוגענעם.

פון זיי האָב איך דערפארן וועגן ענלעכע וויזיעס ערב, בשעת און נאָך זייערע אטאקעס. ווען איך לייען וועגן די זעאונגען פון דעם און דעם „היילוקן", קומט מיר שטענדיק אויפן געדאנק יענע טיפּן, וועל־כע האָבן מיר דערציילט פון אויסערגעוויינלעכע זאכן וועלכע זיי זע־ען. עס איז אָן שום ספק, אז זיי האָבןווירקלעך „געזען".. דאָס האָב איך זיך געקענט איבערציייגן לויט דער באגייסטערונג זייערער, די פלאמענדיקע אויגן א. א. וו. אָבער — איך צווייפל צי דאָס וואָס זיי האָבן געזען, האָט וועלכן עס איז אָביעקטיוון, רעאלן ווערט. איך בין ביי זיך איבערציייגט, אז דאָס האָבן זייערע קראנקע געהירן געזען די אלע מאָדנע, שטראלנדיקע וויזיעס. אָבער א פאקט איז, אז די וואָס האָבן געהאט אזא וויזיע — ווערן אויפן גאנצן לעבן עקזאלטירט, זענען אינערלעך באלויכטן און זענען אימשטאנד א סך מענטשן צו באקערן צו זייערע אידעען, וועלכע וואקסן ארויס פון זייערע זעאונ־גען און פּסיכישע איבערלעבונגען.

איך בין פּונקט ווי איבערציייגט אז מאהאמאט, פּאולוס, א. א. רעליגיעזע עקסטאטיקער האָבן „געזען" וויזיעס און אויף אייביק אָנגעגאָסן געוואָרן מיט א הערלעכער שכרות. אָבער זייערע זעאונגען האָבן נישט קיין שום ממשות פון שטאנדפונקט פון אמתער, קלאָ־רער דערקענטניש.

אנדערש דענקט אוספּענסקי. אפילו אזא גייסט ווי ער, קאַלאָ־סאל קריטיש — בויט אויף אָט די פּסיכישע וויזיעס אויף זיין הויפּט־טעאָריע. ער גלויבט אין זיי. ער באהאנדלט זיי גאָרנישט קריטיש, אָבער ווען עס האנדלט זיך וועגן א ניכטערן, פּאָזיטיוו־וויסנשאפט־לעכן ענין — דאָ ווערט אוספּענסקי איראָניש און ביטער און באנוצט זיין גאנצן קריטישן טאלאנט.

איבעריקענס, דאָס איז נישט קיין נייעס. עס איז די אייגנשאפט

פון די מענטשן אזוי צו זיין. מענטשן וואָס שאַפן זיך דאָגמעס, גלויבען אין זיי אזוי שטאַרק. בשעת מיר קענען נישט פאַרשטיין ווי אזוי זייער סקעפּטיציזם צו זאכן, וועלכע פאַרדינען גלויבן — און זיי באַציען זיך מיט גלויבן צו זאכן וועלכע פאַרדינען סקעפּטיציזם.

אָבער — צוריק צום ענין:

וואָס איז אייגנטלעך „קאָסמישער באַוווסטזיין"?

* * *

1) קאָסמישער באַוווסטזיין איז: זיין באַוווסטזיניק פונם קאָסמאָס, דאָס הייסט, פון דעם לעבן און פון דער אָרדנונג פון אוני־ווערס, וועלכער איז נישט קיין טויטע מאַטעריע — נאָר גייסטיק, אומאַטעריאַל, לעבעדיק.

2) טויט איז אן אבסורד. אלץ לעבט אייביק.

3) מיטן קאָסמישן באַוווסטזיין קומט פאַר א געוויסע אינטעלעקטועלע באַלייכטונג, אן אילומינאַציע פייער אין זיך זעלבסט, וואָס שטעלט דיר אויף א העכערן פּלאַן, גיט דיר מער ווערטיגקייט, און דערהויבט דיר צו א העכערער וועזן, צו א טייל פון גרויסן אוניווערס עקזיסטענץ.

4) מען ווערט מאָראַליש דערהויבן. מען פילט זיך קאָסמיש-דערהויבן גליקלעך. מען ווערט גערייניקט פון אלע ערדישע קליינלעכקייטן. דורך אָט דעם געפיל קען א מענטש ווערן גאָט, אין זין פון הייליקייט. דאָס איז וויכטיק פאַרן אינדיווידו ווי פאַר דער ראַסע.

5) מיטן קאָסמישן באַוווסטזיין קומט א געפיל פון אומשטערבלעכקייט, פון אן אייביקן לעבן. (נישט ערשט נאָכן טויט וועט ער עס האָבן — נאָר ער באַזיצט שוין די אומשטערבלעכקייט דורכן קאָסמישן באַוווסטזיינס־געפיל).

דער קאָסמיש־באַוווסטזיניקער ווערט איבערצייגט דורך דער וויזיע פונם גאַנצן אז דער מענטש איז נישט אליין שטיקער לעבן אין אן אומענדלעכן אוניווערס פון טויט און סטאַטיק — נאָר אז דער מענטש איז רעלאַטיוו־טויט אין אן אומענדלעכן אוניווערס פון אומענדלעכן לעבן

קאָסמיש־באַוווסטזיניקע מענטשן זענען די ערשטע פאָרגייער פון דער צוקונפטיקער קאָסמיש־באַוווסטזיניקער מענטשהייט, וואָס וועט

נישט וויסן פון שרעק, צווייפל, פיין, רעליגעס, טויט, נויט א. א. וו.
אלץ וועט זיין געלייזט אויפן פולקאמסטן אופן.

* * *

אט דאס איז דער זין פון קאסמישן באוווסטזיין, געצייכנט פון מיר ווי ווייט מעגלעך קלאר און צוגענגלעך. אן צווייפל איז דאס א גוואלדיק געפיל! אן צווייפל וועט אזא עמאציע ברענגען צו דער פאר־ניכטונג פון קעגנזייטיקע מיספארשטענדעניש צווישן די מענטשן, פארשידנהייט פון דענקען. עס איז נישט נויטיק דאס אויסצורעכע־נען אלע שלעכטסן און איבלען פון דער היינטיקער געזעלשאפט, וועל־כע וואלט אפגעפאלן דאן, ווען די מענטשהייט וואלט זיך דערהויבן צו אן איבערמענטשהייט, צו גאט, צום באגרייפן דעם איצט־באהאל־טענעם באדייטונג פון לעבן, פון יעדער זאך, וועלכע מיר קענען איצט נישט באגרייפן. מיר לעבן בלינדערהייד אויף אונזער ערד.

ווי איך האב שוין באמערקט אין מיין פריערדיקער עסיי, כמעט איבער דער זעלבער טעמע, גלויב איך נישט אין דער גלייכקייט פון די מענטשן. אוספענסקי איז א גרויסער קעגנער פון אט דעם „דע־מאקראטישן" חלום פון גלייכהייט.

עס לאזט זיך נישט גלויבן, אז די גאנצע מענטשהייט וועט גלייכ־מעסיק דערגיין צו אט דער גוואלטיקער הויך. אויך דאן, דאכט זיך מיר, וועלן זיין וויי‎ניקער באגאבטע און מער באגאבטע.

מיר דאכט זיך אויך אז דאס נשמהדיקע באנעמען די וועלט וועט זיין פארשידנארטיק. סוף כל סוף לעבט דאך יעדער איינער איבער אנדערש דעם קאסמאס. גאט, די העכסט־אבסטראקטע אידעע, איז אנדערש דעפינירט געווארן דורך פא־שידענע טעאלאגן. פארוואס זאל דאס קאסמישע באוווסטזיניק־ליכט יעדן איינעם קלאר ווערן — גלייך, אין דער זעלבער וויזיע? א דעסטאיעווסקישער עפילעפטיקער וועט אנדערש זען די וועלט, דעם אוניווערס, גאט — ווי עס וועט דאס זען א רואיקע, לירישע, צארטע נאטור.

ווי עס זאל נישט זיין אבער, גלויב איך אז די מענטשהייט גייט פארווערטס. און כדי צו גיין פארויס, אנערקען איך יא די נויטווענ־דיקייט פון עקאנאמישע רעפארמען, וואס זאלן געבן די מאסן א מעג־לעכקייט צו דערגרייכן צו וויסן, בילדונג, קונסט, שיינקייט, ליכט.

אויב א טייל וועלן דערגרייכן קאָסמישן באַוווסטזיין, די העכס־טע פּערפעקציע, דאַן וועט דאָך דער טייל וואָס שטייט נידעריקער פון אים — כאָטש דערגרייכן דעם צושטענד פון א היינטיקן פּראַק־טישן געלערנטן. אויב דער וואָס גייט פאָרויס, וועט דערגרייכן דעם זעניט — זאָל כאָטש דער וואָס איז ווייט הינטערשטעליק, דערגרייכן די לעצטע טרעפּ וואָס פירן צום זעניט...

* * *

איך פיל איצט ווי סרוב זשורנאַליסטן וואָס שרייבן וועגן איינ־שטיינס רעלאַטיוויטעטס טעאָריע. זיי הויבן אָן אליין צו פילאָזאָפירן ארום דער קאָלאָסאַל־אַבסטראַקטער טעאָריע, אַזוי, אַז די טעאָריע פארלירט איר הויכע קוואַליטעט און ווערט א נישטיקייט.

לאָמיר דעריבער נישט צופיל פילאָזאָפירן. דאָס בוך איז א גוואַל־טיק ווערק, וואָס באַגייסטערט אייך מיטן אַרכיטעקטאָנישן בוי, מיט דער פּרעציזקייט פון זאַץ און אויספיר, א בוך וואָס האָט אָן אָקעאַן מיט געניאַלע אידעען, אייגענע און ציטירטע פון אַנדערע ווערק.

אוספּענסקי דענקט אַז מיר שלאָפן נאָך גייסטיק, ד. ה., אַז מיר דאַרפן זיך ערשט אויסלערנען ווי אַזוי צו דענקען וואַכערהייט, אָן די איינפלוסן און ווילדפליישן פון אונזער ציוויליזאַציע און געשאַפענע פאָראורטיילן.

כדי אָפּצופרעגן זיינע היפּאָטעזעס, פאָדערט זיך א העכערע אויטאָריטעט ווי עס איז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, ד. ה. אַן אויטאָריטעט וואָס זאָל זיין א מאַטעמאַטיקער, א פיזיקער, א וויסנ־שאַפטס־מאַן.

איך האָב וועגן דעם בוך געשריבן, ווייל איך בין אָנגעשטעקט געוואָרן פון די נייע, אָריגינעלע געדאַנקען און אידעען. ווייל אין דעם ים פון באַנאַלע, פּראָזאַיש־קאַלטע ביכער איז א מחיה אָפּצופרישן דעם „פאַרשלאָפענעם“ מוח מיט עטוואָס אָריגינעלעס, טיפעס, מיסטישעס.

און — דאָס ווענדן זיך צום אוניווערס, דאָס קאָסמישע באַוווסט־זיין, וואָס פילט אָן מיט גליק דאָס האַרץ פון דעם וויסן־דורשטיקן מענטשן — איז מיר נאָענט. יעדער גרויסער פּאָעט, מאָלער, מוזיקער — ווערט גרויס דאָרט, וווּ עס הויבן זיך אָן די רעגיאָנען פון דער אייביקייט פון גאָט. שוין די שפּאַניש־יידישע פּאָעטן האָבן געהאַט די

קאָסמישע בענקשאפט; געטע, לוקרעץ, דאנטע און טאסא, די נביאים. טאַמאס מאן און — אוספּענסקי, אלע פּרוּוון זיי אויפהויבן דעם פאָר־האנג פון דער קאָסמישער מיסטעריע, נאָך וועלכער דאָקטאָר פאוסט האָט אזוי בלוטיק געגארט צו וויסן.

מיר אלע זענען טראגישע פאוסט־געשטאלטן, וועלכע בענקען נאָך אומענדלעכקייט, און ווען א קאָסמישער שטראַל טוט א בליץ אין די אויגן פון אונזער הארץ, נשמה און מוח — ווערן מיט ליכט־שיכור, שטראַלן־גליקלעך און אויף אייביק דערהויבן.

דאָס איז אויך דער סוד פאַרוואָס שפּינאָזא, אין זיין ביטער, אָרעם, קראַנק, פאַרפאָלגט און איינזאם לעבן — איז געווען גליקלעך! אין אים האָט אריינגעשיינט דאָס גרויסע ליכט פון דער אייביקייט און אומענדלעכקייט. דער פיזישער טויט איז דאן א נישטיקייט. דער עקסטאז איז אזוי גרויס, אז מיר זענען אימשטאנד אין מאָמענט פון קאָסמישן גליק אָנצוצינדן מיט אונזער קוש פון פרייד דעם גאנצן קאַלאָסאלן הימל און פלאמענדיקער ליבע...

די שיינע ליטעראטור...

עס איז געווען היימ און איך בין מיט מיין פריינדין געזעסן אויף א שטיינערנער באנק, נעבן דער ביבליאטעק אויף פינפטער עוועניו... איך האב ליב ביבליאטעקן. עס דאכט זיך מיר, אז דער מענטשלעכער גייסט איז אומשטערבלעך — ווען אקומולירט אויף געראומיגע פאלאצן, אין גרויסע זאלן מיט א סך לופט, מיט זון... אבער — אין אונזערע צייטן ווערן ריזיקע ביבליאטעקן פארניכטעט... מוזעאומס, קאטעדראלן, סינאגאגן, מעכטיקע געביידעס — ווערן ברוטאל צושטערט... דער מאנסטערישער אעראפלאן-פויגל — צינדט זיי אלע אונטער...

עס איז געווען בין השמשות... די צייט — ווען לעבעדיקע וועזענס פילן באזונדערס אומעטיק... דער מיטאלאגישער קאמף צווישען טאג און נאכט מאכט טרויעריק. די געביידע פון דער ביבליאטעק — א רייך-דעקארירטע, מאסיווע, אין סטיל פון זוניקן רענעסאנס, פעסט פאראנקערט מיט איר פונדאמענט אויף דער ערד — האט זיך איינגעהילט אין שאטנס... איך האב זיך דערמאנט אין מאנכע גייסטער פון דער וועלט-ליטעראטור. ווי ווייט זענען זיי שוין פון אונז — און דאך האב איך געזאגט צו מיין נאבעלער פריינדין, וואס איז נעבן מיר געזעסן בלייך ווי א גייסט, ווי א צארטער ספּירעט — און דאך זענען זיי מיר אזוי נאענט... איך אנטלויף שטענדיק פון די צייטונגען און די מאדערנע ביכער — צו די קלאסיקער... צו די אלטע שריפטשטעלער.

אט איז אנאטאל פראנס. זיין נאמען (פראנס — פראנקרייך) דריקט ווירקלעך אויס זיין אינהאלט, זיין זשאנר. ער איז געווען פראנצויזיש דורך און דורך. אין זיין פיינער, פארפיומיקן סטיל, אין דער געבלומטער שפראך — און דאך, טיפער, זוסער, פשטות,

פשוט ווי די וויינטרויבן בלוי־אראמאטישע אויף די וויינשטאָקן. פראַנצויזיש אין זיין ברילאנטענער איראָניע, און זיין סאטירישער קריטיק אויף די מענטשן, אויף זייערע מכלומרשטע הייליקייטן און באהאלטענע, אומגעצוימטע ליידנשאפטן. אמת, מען לייענט נישט מער אנאטאָל פראנס.

מיין פריינדין זאָגט ארויס א ריכטיקע מיינונג.

— מען נעמט נקמה איצט... ווען ער האָט געלעבט — האָט גאנץ פראנקרייך מיט אים געקלונגען. וויכטיקע שרייבער זענען געווען אין שאָטן. ער האָט שטענדיק געהאט דערפאָלג. איצט נעמט די עפנטלעכקייט — נקמה... מען פארשווייגט אים.

זייער ריכטיק. אנאטאָל פראנס איז געווען א מענטש וואָס האָט ליב געהאט נישט בלויז צו קויפן אלטע ביכער פון ד׳ בוכהענדלער ביי דער סען — נאָר אויך דאָס לעבן איז אים געווען טייער. און שיינע דאמען מיט קלאָרע, שלאנקע פיס... און גוטע שפייזן און שיינע קונסטווערק און ווייטע רייזעס און קאָסטבארע קליידער און אמוזאנטע קאָנווערזאציעס און אלטע וויינען... ער האָט אָבער אויך נישט פאזירט אלס צדיק... פארקערט, ער האָט אין א העכסט קינסטלערישן אופן, עלעגאנט און ראפינירט אָפגעשפיגלט די אלע ליידנשאפטן, באהאלטן אין די געבליטן פון די קריסטלעכע הייליקע, פון די עפיקורייער, פון אלע סאָרטן פילאָזאָפן, פאָעטן, פאָליטישע פירער... איז דאָך זיין בארימטע „טאָוס" א וואונדערלעכע באשרייבונג פון פאנפנוטיוס־עס געראנגלען... די קאמפן פון דער נשמה מיטן פלייש, מיטן פארשאָלטענעם פלייש — וואָס ציט צום שטן...

אָבער — נישט דאָס אליין איז ריכטיק, אז מען נעמט נקמה פון אים פאר זיין דערפאָלג. עס איז פאראן נאָך א סיבה: די איצטיקע צייט איז קעגן שיינע בעלעטריסטיק, קעגן די גרויסע פראָזע פון פארן קריג. אנאטאָל פראנס איז געווען טראָץ זיין עגאָאיזם, א ליבעראל. ער האָט ליב געהאט אין תוך די מענטשן. ער האָט, ווי וואָלטעיר, לייכט און אין משך פון זיין גאנץ לעבן — קריטיקירט די קירכע. ער האָט סאטיריש־פאָעטיש אָפגעלאכט פון דער ביוראקראטיע, פון די פאָליטישע אינטריגאנטן. זענען נישט געמיינט געוואָרן די מאָדערנע דיקטאטאָרס, די שטענדיקע אוזורפאטאָרס —

אין זיין גלענצענדן ווערק „די געטער זענען דורשטיק?"... דורשטיק נאָך בלוט, נאָך הערשאַפט... אינם דאָזיקן שיינעם ווערק האָט אנאַטאָל פראַנס לייכט אַנגערירט די טראַגען פון די פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע... ער האָט זיך גלענצנד אמוזירט איבער זייערע קליינינקייטן און בלוט־באַגערן...

אנאַטאָל פראַנס איז געווען אַ מענטש פון דער אַלטער אייראָפּע, פון יענער אייראָפּע וואָס האָט ליב געהאַט ווייַן און קונסט־שיינקייטן און שיינע פרויען און צירקן און גוטע קאָמעדיעס. אנאַטאָל פראַנס איז אויפגעטראָטן צוזאַמען מיטן מעכטיקן טריביון, זשאַן זשאָרעס, אויף טריבונעס פאַרן פאָלק... איינער פון די גאָר גרויסע הומאַניסטן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער הגם איך געדענק נאָך קלאָר יענעם ווינטערדיקן פרימאָרגן ווען אנאַטאָל פראַנס איז געשטאָרבן — דאָך זעט עס מיר אויס ווי אַ לעגענדע. מיר דאַכט אַז פראַנס איז שוין טויט עטלעכע הונדערט יאָר... און נישט נאָר אנאַטאָל פראַנס... די אַלטע אייראָפּע מיט אירע גרויסע ליטעראַרישע פאָרשטייער זענען אַלע ווי אָפּגעבלאַקירט אין דער איצטיקער צייט. ווער לייענט דען אַזעלכע ריזן ווי באַלזאַק און סטענדאַל? ווער לייענט גוסטאַוו פלאָבער און פאָל וואַלערי? און מאַרסעל פּרוסט און ד. ה. לאָורענס און גאַלסוואָרטי און טאָמאַס האַרדי? און סטרינדבערג און קנוט האַמסון?

ווען בערנאַרד שאָו וועט שטאַרבן, — וועט מיט אים שטאַרבן דער לעצטער גרויסער פאָרשטייער פון אַ גלענצענדער עפּאָכע, וואָס האָט באַזעסן שטימונג, לייכטזיניגקייט, עלעגאַנץ און הומאָר.

אמת, ראָמען ראָלאַן לעבט נאָך אויך, אָבער, אָט דער שאַרפזיניקער גייסט איז אין גרונט אויס אַן אַריסטאָקראַט, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשריבן וועגן די גרויסע מענטשן, די מעכטיקע טריבונען, די טראַגישע געשטאַלטן — אין לעבן, אין רעוואָלוציע, אין דער קונסט. אַן אינדיווידואַליסט־הומאַניסט וועמענס שטימע איז בכלל שטום געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. (פּאַנאַיט איסטראַטי, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן דורך ראָלאַן אין שפּיטאָל, נאָכדעם ווי דער באַלקאַנישער טרעמפּ האָט זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז — איז איינגעלאַדן געוואָרן צו ראָמען ראָלאַן. קומענדיק אין זיין פּאַלאַץ,

האָט דער גלענצנדער טרעמפּ־פּראָזאאיקער געמוזט נעמען א גוטע באָד איידער דער דינער האָט אים צוגעלאָזט צו ראָלאָן...)

די צייטן זענען ביטערע — און נאָר די מער־אינטעליגענטע לעזער גערעדנקען א קנוט האמסון, די צויבערלעכע מוזיק וואָס האָט אין זיינע ווערק אזוי מיסטיש־מיסטעריעז געקלונגען. די געוואַלטיקע אידיליע פון רויער, געזונטער, שטראַלנדיקער נאַטור, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין זיין „פּאַן", „וויקטאָריע", „ די ברכה פון דער ערד" און אַלע זיינע שטימונגס־פּול־זיסע ראָמאַנען, ווו דער מענטשען גייסט ווערט אויסגעזונגען צוזאַמען מיטן אונפאַרשטענדלעכן גייסט פון דער נאַטור, פון קאָסמאָס. דער לירזים פון זיין שפּראַך, די פּשוט־ביבלישע שפּראַך, דער סטיל וואָס איז געווען דער גרויסער סטיל פון דער גאַנצער אייראָפּייאישער ליטעראַטור... מען האָט געשעפּט כוחות פון זיין מיסטיק, זיין געהיימניספולע מעלאָדיע. עס איז געווען די שטים פון א מעכטיקן סקאַנדינאַווער, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט גאַנץ אייראָפּע. אַוועק צוריק אין זיין געבורטסלאַנד און דערציילט דער מענטשהייט א טראַגיש־ליריש מעשהלע וועגן ליבע און וועגן מענטשן... מענטשן וואָס ליבן און קומען אום אין פייער פון זייערע הערצער... באַצאָלן מיט זייערע לעבנס פאַר דער גרויסער ליבע.

און — סטרינדבערג! אָט דער ראָמאַנטיש־באָהעמישער גייסט וואָס האָט געשריבן אזוי שיין, אזוי פּאָעטיש — זיינע דראַמען, זיינע היסטאָרישע דערציילונגען, זיינע ראָמאַנען און — האָט געוויזן די טויזנט פּעלערן פון דער פרוי און האָט זי דאָך אזוי וואונדערלעך געליבט... און געווען איינזאַם און טראַגיש ווייל ער האָט זיך געוואַגט צו קריגן מיט דער חוה... וויפל פאַרגעניגן האָבן מיר געהאַט לייענענדיק זיינע הערלעכע דערציילונגען, ווו דער פאַרוואונדעטער גייסט אַנטפּלעקט זיינע פּסיכישע קאַמפן...

דער אָוונט טונקלט. דער טיגער אויף מיין פריינדינס בראַסלעט — גענעצט, א לאַנגווייליקער, די זון האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א לבנה, וואָס הענגט אומבאַדייטנדיק אויף דער פינפטער עוועניו, ווי א באַלאָן — נישט געניג אָנגעצויגן צום פּלאַצן און נישט געניג דורכזיכטיק. שאָטנס שלייכן אַרום דער ביבליאָטעק־געבייד. די אַלטע לייבן אין פראָנט זענען מיד און דרימלען. אויך לייבן קענען נישט

שטענדיק פּאָזירן ווי לייבן. די שטיינערנע פיגורן פון די באַז־רעליעפן ווישן דעם שווייס פון זייערע שטערנס. מיין פריינד — טוליעט זיך אינטימער צו מיר און — איך טראַכט וועגן דער וועלט־ליטעראַטור...

ווו איז דער מעכטיקער גלויבן, דער קוראַזש און דער אָפּטימיזם פון א מאקסים גאָרקי, דער הומאניסט און ענערגישער גייסט — דער לעצטער פון דער פּלעיאַדע גרויסע רוסישע קלאסיקער? ווו זענען איצט פאראן שריפטשטעלער וואָס זאָלן אזוי שטארק ליבן דאָס פאָלק, קומען פון די טיפענישן פון דער מאסע און אזוי שפּרודעלדיק און דינאמיש — שנעל, געאיילט, נערוועז — אָפּשפּיגלען אין אַן אָנגעשטאָפּטער, אינהאַלטספולער פּראָזע דאָס גאָרע לעבן פון א פאָלק, פון א גאנצן פאָלק — ווי עס האָט עס געטון מאקסים גאָרקי, דער מאַן מיט קראנקע לונגען, וואָס האָט נאָך דערביי צוגעגרייט די רעוואָלוציע, קאָרעספּאָנדירט מיט אלע רוסישע פירער פון דער סאָציאַלער באוועגונג, געשאַפן געלט, ארויסגעגעבן זשורנאַלן, רעדאַגירט זאמל־ביכער און געשריבן אזוי פיל...

און ווו איז אפילו אַן אנרי בארבים, דער איידעם פון קאטול מענדעס, — מערקווירדיקע ליטעראַרישע געשטאַלט פון דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט.

א טריבון וואָס רעדט פון דער טריבונע מיט איבער הונדערט גראַד פיבער. צעבראָכן און צעשמעטערט זיין געזונט אין קריג — גיט ער דאָס רעאַליסטישע שטיק פּראָזע וועגן דעם קריג אין „פייער“ און ווערט נישט מיד צו שילדערן דעם ווייסן טעראָר און שרייבט ווידער וועגן דעם נאַזאַרענער און — איז בכלל א הערלעכע נאַטור, אָט דער אנרי בארבים — דער „באַקאַנטער סאָלדאַט“ פון לעצטן וועלט־קריג.

מענטשן — שיינשרייבער און מיט אמביציע, האָבן ביי האָנט האָט אין זיי געלעבט דער קינסטלער און דער קעמפער, דער מענטש און דער קונסט־צויבערער. מענטשן וואָס האָבן געקענט זיך מקריב זיין פאַר זייערע אידייען, זייערע ווערק. זיכער, א סך זענען אָפּגעשטאַנען, האָבן פאַרראַטן — ווי האַמסון און גערהאַרד האופּטמאַן...

אָבער, עס זענען נאָך פאַרבליבן אזעלכע ווי טאָמאַס מאַן, וועמענס פּראָזע איז אינטעלעקטועל־איבערגעלאָדן. עס איז א טיפּיש

דייטשע פּראזא — ענלעך צו איר פילאָזאָפיע... די שפּראך — שווער קאָמפּליצירט, רייך באַלאָדן מיט געדאנקען. קאמפּאקט, אָנגעפּראפּט, שווער און מעכטיק איז אָט דער שריפטשטעלער. די מאָדערנע וויסנשאפט, די פילאָזאָפיע, די פּסיכאָלאָגיע — האָבן אין אים זייער שריפטשטעלער. ער צעקייעט, אנאליזירט און גיט די אלע אידייען לעבן, רעאליטעט — אין זיין פּראָזא, וואָס איז גלענצנד און געדיכט ווי א הימל מיט גאנצע בערג שטערן אין א זייער פינסטערער נאכט...

אָבער — די געדאנקען ברייטערן זיך אוים. נייע און נייע שריפטשטעלער פון דער פארגאנגענהייט טויכן אויף ווי קרעאטורן טויכן אויף רוישיקע כוואליעס אין א לבנהדיקער נאכט. מיט קרוינען אויף די קעפּ. אומענדלעך איז די צאָל. מיין פריינדין איז מיד. עס איז געווען גוט צו זיצן א ווײַלע אויף דער שטיינערנער באנק, ווי אין א נישע — און טראכטן, זיך דערמאָנען איבער קינסטלער... פון אָט די דערמאָנונגען בלויז קען מען שרייבן א פּאָר טויזנט בענדיק ווערק... מען קען אזוי אין בין השמשות־שטימונג דורכגיין די געשיכטע פון גאָר דער וועלטס ליטעראטורן און קונסטן...

די בלעטער פון די ביימער גלאנצן אין לבנה ליכט — א סימן פון דער היץ. די וואָלקנקראצערס טורמען זיך אין דער הויך — מעכטיקע גיגאנטן, עדות פון א גוואלטיקער ציוויליזאציע... די שטערען־וועלטן אין טיפן הימל איינגעפּאסט זעען אוים נישטיק אנטקעגען די ערדישע גראנדיאָזיטעטן... אָבער דער מענטשלעכער גייסט ווייסט אז אָט די גראנדיאָזיטעטן זענען נישטיק אין פארגלייך צו די שטערן־גאלאקסעס, צו דער קייט פון אומענדלעכע ליכט־וועלטן... עס איז דער געדאנק פון אייביקייט, פון העכערע רעאליטעטן — וואָס קאָמפּענסירט אין מיר שטענדיק דעם טרויער און די ביטערע שטימונג, דעם באוווסטזיין פון אונזער גרויזאמער רעאליטעט... דאָס גאָלדוואָרג פון די שטערן — דאָס איז מיין טרייסט... און די שיינע אייראָפּייאישע ליטעראטור האָט שטענדיק אויפמערקזאם געמאכט אויף אָט דער מעכטיקער רעאליטעט — הגם זי האָט אזוי קלאָר געצייכנט די קאנטורן פון ערדישן לעבן...

ליבע, טאַנץ און טויט

(וועגן איזידאָרא דונקאַן.)

פאַראַן גרויסע מענטשן, וועלכע לעבן דורך זייער שיין לעבן אויף אונזער ערד אין שטילקייט און רו; ערשט נאָכן טויט דערזעען מיר זיי אין פלאַמענדן שיין פון זייערע געוואַלטיקע ווערק; עס זענען נאַטורן, וועלכע האָבן אייגנטלעך זייער גאַנץ לעבן פאַרקערפּערט אין זייערע ווערק; אַזעלכע מענטשן זענען נישט פאַראַן פיל, ווייל דערצו מוז מען נישט זיין בלויז א קינסטלער אָדער געניאַלער דענקער — נאָר אויך א גרויסער מענטש.

מען קען זיי אויפציילן אויף די פינגער. אָט איז דער גרעסטער מאַן פון אַלע צייטן — ברוך שפּינאָזא, אָפּלעבנדיק זיין לעבן אין דערפער אין האָלאַנד, זיך שלאָגנדיק צוואַנציק יאָר מיט זיין שווינדזוכט-קרענק; דער דאָזיקער עכט-גרויסער מענטש האָט געהאַסט ליב און רום, טיטולן און פּראָפעסאָר־שטעלעס; זיין לעבן איז אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן פון זיין ריזיק ווערק „די עטיק“, וועלכע איז געבויט אַזוי פאָרזיכטיק, מיט אַזעלכע אייזערנע געזעצן און פאָרמען — אַז דאָס בוך וואָס באַהאַנדלט די געזעצן פון אוניווערס, איז אַליין געבויט מיט דער פעסטקייט, מאַטעמאַטישע אויסגערעכנטקייט און פּעדאַנטיק, ווי דער אוניווערס... זיין לעבן און זיין ווערק קען נאָך פאַרגליכן ווערן צו גאָט אַליין, בילדנדיק די וועלט.

נאָך מער ווונדערלעך איז, וואָס שפּינאָזא, אַזוי ביטער ליידנדיק און זיך ביטער ראַנגלענדיק — האָט דאָך אומאָפּהענגיק פון זיינע ליידן און מאַטערנישן, געשאַפן א סיסטעם פון אוניווערס, וווּ אַלץ איז גערעכט אין זיך, וווּ אומבאַגרענעצטע פרייד הערשט, וווּ

עס ווערט אויסגעזונגען דאָס אומשטערבלעכסטע ליד פון אינטע־לעקטועלער ליבע צו גאָט...

נאָך עטלעכע גייסטער, וועמעס לעבנס זענען דורכגעגאנגען ווי שאָטנס אויף אונזער אומעטיקן פּלאַנעט, קען מען אויסרעכענען. עמאַנועל קאַנט, א מאַן וואָס האָט אין משך פון זיינע איבער אכציק יאָר נישט פאַרלאָזן זיין געבורטסשטאָט קעניגסבערג, שאַפנדיק יאָר נאָך יאָר שטילערהייד זיינע גוואַלטיקע פילאָזאָפישע ווערק וועל־כע נעמען אַרום אַלע מאָראַלישע, מעטאַפיזישע און קינסטלערישע פּראָבלעמען.

ריינער מאַריאַ רילקע — איינער פון די גרעסטע דייטשע לי־ריקער פון 19־טן יאָרהונדערט — לעבט זיין לעבן איינזאַם און שטיל, ווי א שמעטערלינג.

אָבער אין קעגנזאַץ צום דאָזיקן שטילן לעבן, זענען פאַראַן גרויסע קינסטלער, וועלכע גייען אויף אין אונזער וועלט, ווי געוואַל־טיקע פייער־בליצן. זייער קונסט און זייער לעבן צינדן זיך אָן פאַר א קורצער ווײַלע, ווי ריזיקע מעטעאָרן איבער א נאַכטיקן האָרי־זאָנט. זיי קענען נישט לעבן רואיק. זייער קונסט ווערט גענערט פון פלאַמען. אַזעלכע ריזיקע גייסטער, וועלכע ענדיקן זייער טראַגיש, א דאַנק אָט דעם אינערלעכן געווירבל און טיפֿן — זענען געווען פיל מער ווי שטילע מענטשן-געניעס.

עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע מענטשן, ווי לאָרד בײַ־ראָן, דער שטורמישער ענגלישער פּאָעט, וועלכער רײַסט אויף ווי א קאָסמישער ראַקעט אויפן הימל פון פּוריטאַניש־ענגלישן פאָלק, ווערט פאַרפאָלגט, פאַריאָגט און ער טראָגט זיך א קורצע צייט אַרום איבער גאַנץ אייראָפּע, ביז ער פאַלט, ווי א מידער שמעטער־לינג מיט פאַרברענטע פליגל — אין גריכנלאַנד, קעמפנדיק פאַר דער באַפרייאונג פון דאָזיקן אַמאָל־גלאָררייכן פאָלק.

מען קען דערמאָנען די נעמען פון שעללי, קיטס, וואַילד, ווער־לען, רעמבאָ, ניטשע — אַלץ ווילדע נאַטורן, וועלכע ווערן געבוירן צו יעדער צייט א יאָר־טויזנט צו שפּעט...

צו דער צווייטער רייע פון העלדישע נאַטורן, מוז מען, אָן צווייפל, צורעכענען אָן אַמעריקאַנער פּרוי, געבוירן אין קאַליפאָר־ניע, וועלכע איז לויט איר טעמפּעראַמענט און שטורעם אין איר

קונסט און לעבן, ענלעך צו די אלע פריערדיקע ריזן. זי איז די גרעס־טע פרוי, וואָס אמעריקע האָט ארויסגעגעבן און — וועגן איר לע־בען וויל איך דאָ עפּעס דערציילן.

*   *
*

לעבנדיק אליין, איך מיין דעם שרייבער פון די שורות, אין אַן אומאַקטיוון צושטאַנד; ליגנדיק אויפן בעט און באַטראַכטנדיק יע־דען טאָג דעם זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג, בענקט זיך אים צו לייענען ביכער פון יענע מענטשן, וואָס האָבן דורכגעשניטן זייער לעבן מיט לוסט און פרייד, מיט ריזיקע אויסברוכן פון ליידנשאַפט אין לעבן. זייער לעבן איז מיר איצט א טרייסט. איך פאַרקערפּער זיך טרוימיש אין זייערע פּערזענלעכקייטן, איך מאַך דורך זייערע הערלעכע איבערלעבונגען.

אזוי האָב איך לעצטנס דורכגעלעבט א גרויס לעבן, לייענענדיק איזידאָרא דונקאַנס איינציק בוך „מיין לעבן“. עס איז א בוך אין וועלכן זי דערציילט די אינטערעסאַנטסטע עפּיזאָדן פון איר לע־בען, וואָס איז א סינטעזע פון קונסט און ליבע, פון פרייד און לייד, פון ריזיקע עקזאַלטאַציע און שוואַרצסטער אנטוישונג. מיט איין וואָרט: דאָס לעבן פון א שמעטערלינג, וואָס פליט צו דער זון און פאַלט שטענדיק דורך אין א שרעקלעכן נאַכט־אָפּגרונט...

*   *
*

ליבע און טאַנץ! אָט דאָס איז איר לעבן. אין איר בוך דערציילט זי וועגן די דאָזיקע ליבעס אפּערעס. אָן ליבע קען זי נישט לעבן. זי קען נישט שאַפן איר קונסט. ליבע איז איר אייביקע באַגייסטער־רונג. ליבע נעמט זי אָפּט אוועק פון טאַנץ, פון קונסט. אָבער נאָך יעדער אנטוישונג דערוואַכט אין איר מיט א ווולקאַנישער קראַפט די קונסט. די קונסט ווערט ווידער דער גרויסער פלאַם אין וועלכן זי וואַרפט זיך אריין. עס איז דאָס געפיל וואָס גיט באַגייסטערונג

אלע גרויסע דיכטער. אלע זשעניען! ליבע גיט אויך צו גאָט עקסטאַז און פלאַם! ליבע האלט אויף די פּלאַנעטען ארום דער זון: די זון ליבט, גאָט ליבט די וועלט, די מענטשהייט ליבט גאָט!

„ראָמעאָ“ — אים טרעפט זי בשעת איִרע ערשטע דערפּאָלגן אין בודאפּעסט. ער איז א יונגער אקטיאָר. שפּילט די ראָלע פון ראָמעאָ אין „ראָמעאָ און יוליע“ אין שעקספּירס טראַגעדיע.

ער איז א ווילדע שטיק ליידנשאפט. ער איז שיין, שווארצאויגיק, א גריכיש אינגל פון די אנטיקע צייטן. זי ווארפט זיך אים אריין אין די אָרעמס. ער שעפּטשעט צו איר „דו ביסט מיין בלום“. ער באַ־וואונדערט איר קונסט. זי זיצט אין טעאטער אן עקסטאטישע ווען ער שפּילט. זייט ער ליבט זי — שפּילט ער ליידנשאפטלעכער די ראָלע פון „ראָמעאָ“. ער אנדעקט די ליבע. ער וויל מיט איר הייַ־ראטן, זיי זוכן א צימער, אָבער, די קינסטלערין פילט, אז ער וועט זי איינשלינגען. פאר אים עקזיסטירט נאָר זיין קונסט — זי וועט ווערן זיין פרוי, זיין שקלאפין. דער ערשטער קאָנפליקט צווישן א קינסטלער און א קינסטלערין. זי מוז זיין אומאָפּהענגיק! זי אנט־לויפט. ליידט. אָבער ווידער וועט זי אויפפלאטערן דורך ליידן צום טאנץ, צו דער קאָסמישער פרייד.

* *
*

אין 1905 טאנצט זי אין בערלין אונטער א שטורעם פון אפּלאָ־דיסמענטן. זי קוקט נישט צום פּובליקום. דאָס רייזיקע פּובליקום שיינט איר ווי א ריזיקער גאָט פון הומאניטעט. אָבער זי פילט די אָנוועזנקייט צווישן פּובליקום פון איין מענטש — א געוויסער עדוואַרד גאָרדאָן קרעיג. ער פאלט צו צו איר דעם זעלבן אָוונט מיט באגייסטערונג. זי פארבעט אים אהיים. ער איז אייביק עק־זאָלטירט. דער זון פון דער ענגלישער אקטריסע עללען טעררי. ער איז א דעקאָראציע־מאלער. ער נעמט זי אוועק פון איר מוטער און שוועסטער אין זיין סטודיאָ. אויף דער ערד שלאָפן זיי צוויי וואָכן צייט, הונגערן.ביידע זענען אָרעם. די וועלט זוכט איזידאָרא דונקאן. זי ליגט א נאקעטע מיט אים. וועלכער איז ענלעך צום גריכישן ענ־

דימיאָן. בלאַנק און ווייס. דאַן רייסט זי זיך אוועק פון אים. זי ליבט אים, אָבער זיי זענען צוויי פלאַמען. טאָג און נאַכט שרייט ער: „מיין ארבעט! מיין ארבעט!" זיין גניגע איז אייביק אָנגעצונדן, ער איז דער גייסט, וואָס אָן אים וואָלטן היינט נישט עקזיסטירט ריינהארט, סטאַניסלאַווסקי, פּיסקאַטאָר און אנדערע.

ווידער ברענגט זי אים אין רוים. צו עלעאָנאָרא דוזע. ער דעקאָרירט איבסענס א ווערק פאר איר. זיי קריגן זיך: צוויי ריזיקע פלאַמען. ער דעקאָרירט אין א גאַנץ נייעם גייסט, אַלץ איז אין א ים פון בלויקייט, פרעכטיקע קאָלירן פון אָריענט. גריבישע פּאַלאַצען און עגיפּטישע טעמפּלען דערוואַכן ווידער.

אָבער — ער וויל איר פארשלינגען. זי ווערט זיך. אַט איז זי אייפערזיכטיק אויף אים, אַט בענקט זי צו אים און אַט פילט זי די געפאַר. זי אנטלויפט פון קריג — דער זשעני, וועלכער וויל אין זיינע ריזיקע פליגל איינהילן איר זשעניע!

* *
*

אין האָלאַנד קומט צו איר א מאַן, א בלאָנדער, מיט 18 טראָנקס קראַוואַטן אָנצוגען. ער איז פּוסט, אָן אידייען, אָן קונסט. זי פאָרט קיין רוסלאַנד. זי לאַדט אים איין מיטצופאָרן. עס וועט איר אומעטיק זיין צו פאָרן אליין איבער די רוסישע שניי-סטעפּעס. ער וויליקט איין, אָבער זיין כלה פארפאָלגט אים. אין א שווארצער נאַכט לויפן זיי אין א אויטאָ איבער א וועג ביי א וואַסער, און אנדער אויטאָ פארפאָלגט זיי. שפּעטער, אין רוסלאַנד, וועט זי שלעפּן איר געליבטען מיט זיינע אכצן טראָנקס קראַוואַטן.. עס וועט דויערן א ווייַלע. זי וועט אים ערגעץ פארלירן. און עפּיזאָד אין דער גרויסער קאָמעדיע איז געענדיקט.

זי איז א גרויסע טענצערין. ווען זי וויל, איז זי באפרידיקט. האָט זי שוין אַלץ דערגרייכט. איר רום האָט זיך אויפגעוויקלט ווי א ריזיקע בלום איבער דער ערד. פעלקער שמאכטן נאָך איר. מען צורייסט אירע קליידער פאר אָנדענקונגס-זאכן. מען טראָגט איר איבער די גאַסן פון פאריז, לאָנדאָן, בערלין און בודאפּעסט. צו די

מארטירער פון יעדן לאנד טאנצט זי אירע ערד־טענץ. מוזיק! מוזיק! זי טאנצט צו אלע מעלאדיעס! אירע טענץ — זענען פלאסטישע ריטם־באוועגונגען. דאס פאלק פון פאריז ליבט זי פארן טאנצן אין א רויטן קארמין־קלייד די „מארסעלעזע". וואס פאר א העלדיש ליד, וואס וועקט ווידער אויף די פלאמען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע! זי טאנצט רעוואלוציאנערע טענץ צום אפלאוז פון די ארימע! זי ווערט דער טאנץ־אפאסטאל פון דער רעוואלוציע. זי האט אלץ דערגרייכט און דאך: א טרוים לאזט איר נישט זיין רואיק. דאס איז א ריזיקע אידעע וואס פארפאלגט זי. וועגן דער אידעע וועל איך דערציילן צום סוף.

* *
*

אינמיטן פון איר גרויסער טורנעע איבער די סקאנדינאווישע לענדער דערפילט זי אונטער איר הארץ דאס ערשטע ליד פון א גרויסער געשעעניש פאר יעדער פרוי: א קינד! וואס פאר א גוואלטיק געפיל! פלוצלונג פארלאזט זי דאס ווילדע, עקסטאטישע פובליקום, לאזט איבער אלעמען, באזעצט זיך אין א דערפל ביים נארדישען אקעאן, נארדוויק. אין דער איינזאמער „ווילא מאריא" זיצט זי אפ חדשים לאנג, אליין. אן איין־איינציקן פריינט. ביינאכט שטורעמט דער נארדישער ים, די ווילדע כוואליעס טאנצן ווילדע ריטמען אויס. זי הערט זיך צו, זעט צו ווי איר קערפער — פלאסטישיין ווי א גריכישע סטאטוע — ווערט דעפארמירט. די קליינע, הארטע ברוסטן — ווייך און צוויירען. אבער זי טראגט אונטערן הארץ א קינד! א קינד! קיין שום איינזאמקייט וועט איר נישט אונמוטיק מאכן!

זי געווינט דאס קינד: בלויע אויגן, דינע, זיידענע האר פון צארטען גאלד. די דאזיקע פרייד באצאלט איר פאר שרעקלעכע ליידן!

עס איז דאס קינד פון עדוואורד קרעיג. איצט ציט איר צוריק צום פובליקום. איצט וועט זי צוריק גיין צום פאלק און ווי בליצן אין רויטע זייד געוויקלט — טאנצן צום טאנץ פון בליצן, א פייער־

דיקע פרוי, וועט זי טאנצן דעם קאָסמישן טאנץ פון זון, ליבע און רעוואָלט!

* *
*

אין א צייט ארום האָט זי א צווייט קינד פון א מיליאָנער. ער בויט א פאלאץ פאר איר אין פראנקרייך, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט פארענדיקט. איצט איז זי צופרידן: צוויי געטלעכע קינדער, וואָס טאנצן פאר איר אָריגינעלע טענץ. זיי לאָזן איר נישט פארריכטן, קאָרעגירן זייערע טענץ! איצט איז זי די קעניגין פון אייראָפּע!

אָבער אין א פאלאץ זענען אָנגעצייכנט אויף די טירן שווארצע קרייצן. ביינאכט, ווען זי שלאָפט, קומען די קרייצן — שווארצע געשטאלטן — און דראָען איר...

און — אין א געוויסן טאָג ווערן אירע ביידע קינדער דערטרונקען. א שרעקלעכע טראגעדיע! אלע וויינען און רייסן די קליידער אויף זיך. ביידע פאָטערס ספאזמירן. זי אליין — פון ליידן — בלייבט, פארשטיינערט, פארגליווערט און — זי וועט פארוואנדלען די טראגעדיע אין שיינקייט.

און — זי לאָזט קרעמירן אירע ביידע קינדער. בערג פון בלומען. זי לאָזט אויפשטורעמען גלוקס „אָרפעע". שפעטער וועט זי איבער אייראָפּע טאנצן דעם טויטן־טאנץ: שאָפּענס טרויער־מארש!

זי וועט טאנצן א קרעאטור, וואָס טראָגט אונטערן אָרעם אירע טויטע קינדער. זי וועט טאנצן דעם אריינפאלן אין קבר. דאן וועט קומען דער פינאל: די נשמה פארלאָזט דעם גוף און טראָגט זיך הויך, הויך און העכער צו דעם בלויען אוניווערס!

די גרעסטע טראגעדיע פון איר לעבן וועט זי אָנקליידן אין שיינקייט. ווי די אלטע גריכן, וועט זי טראנספאָרמירן טראגעדיע אין קונסט. זי וועט שמערץ פארוואנדלען אין מוזיק! מוזיק וועט ווערן דאָס גרויסע ליד פון ליידן! פיראמידן פון בלומען וועלן אויפשטראַלען אונטער פלאמענדיקע שטראלן. וואָס פאר א ריזיקע פאָרטזע־

צונג פון דער נשמה פון אלטן גריכלאנד, פון איר גרויסער קונסט, פון איר אומשטערבלעכער עסטעטיק!

* *
*

דורך איר גאנצן לעבן טראָגט זי דורך איין גראנדיעזע אידעע: די אויפלעבונג פון דיאניזישן טאנץ אין אלטן גריכנלאנד. דריי מאָל איז זי געווען אין גריכנלאנד. אויף די חורבות פון די אמאָליקע פּאַלאצן זעט זי וויזיעס פון גריכלאנדס גלאָריע. זי פרייט זיך מיט יעדען גריכישן טעמפּל. זי וואנדערט אום ווי א משוגע־עקזאַלטירטע אין די רואינען פון אקראפּאלוס, נעבן אטען. איין בילד פון איר ווייזט איר אין א ריזיקן טויער פון אקראָפּאָלוס, מיט צושפּרייטע אָרעמס, ווי שמעטערלינג; סימבאָליש שטייט זי אין אָפענעם טויער — ווי א נייע דערלייזערין פון גריכנלאנד.

דיאניזאס איז איר גאָט. דער גאָט פון וויין און פארגעניגן, פון אקטיוויטעט און פרייד. דער גאָט פון מוזיק, טאנץ, טראַגעדיע, ליבע, אוואנטורע, פּאָעזיע; דאָס איז א גאָט, וואָס הייסט פארגעסן אין אלע מענטשלעכע ליידן, זיך דערהויבנדיק אויף די שטאפּלען פון העכסטער קונסט.

דאן קומט דער גאָט אפּאָלאָ מיט גאָלד־געלאָקטע לאָקן. דער גאָט פון שלום, רו און אָפּרו. דער גאָט פון עסטעטישער דערהויבונג און לאָגישער אָרדנונג. דער גאָט פון עפּישער פּאָעזיע, פּלאסטישער קונסט, מאַלעריי און שיינקייט.ביידע געטער זענען א סינטעזע פון העכסטער שיינקייט און קונסט — באַזינגנדיק דעם טרויער.

ביידע געטער געפינען זייער נייע פּראָפעטין אין איזידאָרא דונקאן. די אידעע טראָגט זי דורך אייראָפּע און אָריענט. יעדער גרויסער פּערזענלעכקייט שטעלט זי פאָר איר טרוים.

אירע טענץ זענען די עקסטאטישע אויסדרוקן פון איר גריכישער נשמה.

אָרימע איזידאָרא!

אין גריכנלאנד שטעלט זי פאָר דעם קעניג אירע אידעען. ער ווינטשט איר ווידער אויפצולעבן פּודואסעס קונסט און גריכלאנדס

גרויסקייט. אָבער דער קעניג שטאַרבט פון א ביס פון א מאַלפּע.

אָרימע דונקאַן! זי ווייסט נישט, אַז אַלץ וואָס איז געווען שוין איינמאָל, קערט זיך נישט מער צוריק אין דערזעלבער פאָרם. ווי קען מען אויפלעבן דעם באַקכוס-קולט ווען מיר לעבן אין א מאַטעריאַ־ליסטישער צייט? ווען דער וועלט־קריג איז דער אויסדרוק פון א נייעם בלוט־גאָט — מאַרס! באַקכוס האָט באַנקראָטירט און שיכורט ערגעץ אין די אָפּגרונטן פון די אָקעאַנען. דיאָניזאָס איז טויט! אומ־זיסט די אָנשטרענגונג; די איראָניע פון גורל טויטעט איר צוזאַמען מיט דער הערלעכער אידעע...

* *
*

דער פינאַל פון איר גרויס לעבן איז ווירקלעך געקומען אומגע־ריכט. אין 1927 ווערט זי דערשטיקט דורך איר אייגענעם פּערסישן שאַל, וועלכער כאַפּט זיך אריין מיט די רעדער אין ראָד פון איר אויטאָ. וואָס פאַר א באַנאַלער טויט! אָבער — טויט! דער פינאַל פון יעדן גרויס לעבן איז — דער טויט! פון איר אידעע איז גאָרנישט געוואָרן. גריכנלאַנד פון אַמאָל איז נאָר באַהאַלטן אין די פּאָעמעס פון אירע פּאָעטן און איר גלאָריע און פּראַכט איז פאַרשטעקט אין געלן שימל פון די פּרעכטיקע רואינען, וועלכע לייכטן ווידער אויף אין לבנה־שיין די הערלעכע שלעסער פון לוקסוס...

* *
*

דער טאַנץ פון זון, ליבע און פרייד — ווערט דער טאַנץ פון טויט. די ערד וואָס טראָגט אין זיך די ביינער פון גרויסע דענקער און העלדן, טראָגט אויך אין זיך דעם דאָזיקן ריזיקן קערפּער פון אָט דער גרויסער פרוי, א קערפּער, ווי פון מאַרמאָר געשניטן.

* *
*

דאָס איז אַלץ. איך האָב געענדיקט דעם בוך און שווייגענדיק געבליבן ליגן אויפן בעט. קליינע בליצן האָבן אויפגעפלאַמט, דאַן גרעסערע. פּיליכט טאַנצט זי ערגעץ אין אוניווערס איר דיאַניזישן טאַנץ; פּיליכט טראָגט זי א רויטע פּאַלערינע פון בליצן, טראָגט זיך איבער שטערן, וואָלקנס און פּלאַנעטן אין דער רעאַליזירונג פון איר ריזיקן טרוים — און באַקכוס, דער גאָט פון וויין, שטרעקט אויס א רויטן בעכער ליקער...

די לעצטע גריכין איז געפאַלן. אין דער נאַכט פון איר טויט האָבן די פּרויען־סקולפּטאָרן אויף די אַלטע ווענט פון אַקראָפּאָלים — געוויינט... די לעצטע גריכין... אַלץ פאַרגייט... אַלץ פאַרגייט... אפשר ערגעץ אַנדערש טאַנצט זי איר ליידנשאַפטלעכן, פלאַמענדן טאַנץ און די ברעגן פון איר רויטן העמד בליצן איצט אויף פאַר מיר אויפן הימל, אין מיר צינדנדיק פיבער...

מאריע באשקירצעף

(א בוך פון א שווינדזוכטיקער געניאלער פרוי)

א פריינט האט מיר צוגעשיקט א בוך דורך א צופאל. איך האב דאן געוווינט אויפן איינזאמען אינזל לאנג איילאנד. עס איז מיר געווען זייער אומעטיק. איך האב אויפגעמישט דאס ערשטע בלעטל פון בוך און דערזען אן אינטערעסאנט בילד, א יונג מיידל מיט בלאנדע, געקרויזלטע האר, ווי לארעליי, מיט א זיידענעם באנד איבער זיי. אירע וואנדערשיינע העגט זענען אנגעשפארט אונטער איר געזיכט; אירע אויגן זענען רונדע, אומעטיקע, קלארע און טרויעריקע; איר פיגור איז שלאנק. דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז פון א וואנדערלעך־קלוגער קעניגין, יונג און מעלאנכאליש; שיינקייט און טרויער אויף א געניאלן אופן פאראייניקט.

איך האב לאנג געקוקט אויפן בילד פון מאריע באשקירצעף. שפעטער, ווען איך האב אין די נעכט געלעזן איר וואנדערלעך טאג־בוך, האב איך נאך יעדן זאץ ווידער אויפגעמישט דאס בילד — און ווידער לאנג איר אריינגעקוקט אין די אויגן, ווי איך וואלט זיין פארליבט...

זעלטן האט אויף מיר א בוך געמאכט אזא מעכטיקן איינדרוק. עס איז ווי איך וואלט פלוצלונג געלעזן מיין אייגענע אויטאביאגראפיע, געשריבן מיט בלוט און מיט פייער...

מאריע באשקירצעף איז די איינציקע טאכטער פון א פארמעגלעך־רוסישער, אריסטאקראטישער פאמיליע. זי הייבט אן איר טאג־בוך פון 14 יאר אן. שוין פון די ערשטע בלעטלעך אן דערזעען מיר א וואנדערבארע פערזענלעכקייט. זי שטארבט ביי 24 יאר, פון א פארקילונג, מאלנדיק אין דרויסן א בילד. אבער כמעט פון איר יוגנט אן קרענקט זי אויף טובערקולאז.

אלס 14 יאָריק מיידל איז זי טיף רעליגיעז. רעדט צו גאָט אויף א רירנד־נאאיווער שפראך. איז קינדעריש. מיינט ווירקלעך אז גאָט אינטערעסירט זיך מיט אלע קליינינקייטן. מיינט אז גאָט פירט איר לעבן, פאר גאָט פארטרויט זי זיך איבער אלע אירע „עפילן. שפּעטער וועט זי — ווי איוב, ווען זי וועט קראנק ווערן, זיך וואונדערן וואָס גאָט שטראָפט איר אזוי ביטער. שפּעטער וועט זי אנטדעקן, אז גאָט נאָרט זי אָפּ, וועט דערזען די נאקעטע רעאליטעט און דאָס שטענדיקע קינד אין איר וועט זיך צעוויינען. וועט נישט זאָגן גאָט קיין שלעכט וואָרט — אָבער זי וועט שוין אזוי עקזאַלטירט און צערטלעך אים נישט ליבן...

אלס 14 יאָריק מיידל ליידט זי שוין. זי איז שוין איינפערזיכטיק אויף די גראנד־דאמען. וויל שוין זיין א פּרינצעסין. וויל טראָגן שיינע קליידער. האָט שוין גוואַלדיקע אמביציעס... זי ליבט דעם גראף, האָט מיט אים קיינמאָל נישט גערעדט. זעט אים בלויז טיילמאָל. ער איז שטרענג און מענלעך. זי ליבט אים מיט איר רויטן הארץ — און ווען דער גראף האָט חתונה, איז די איבערלעבונג פאר מאריען א שרעקלעכע. דאָס קינד קען זיך דאָס נישט שענקען. שפּעטער וועט זי לאכן פון איר ליבע צו אזא גרויסן, אלטן מאן. שפּעטער וועט זי אָפּלייקענען די ליבע...

זי קען אלס יונג מיידל שוין באוואונדערן סקולפּטאָרישע קונסט. אין ניצע, נעאפּאָל, פלאָרענץ און רוים באוואונדערט דאָס יונגע מיידעל די קלאסישע דענקמעלער פון די אלטע פעלקער. זי לעבט איבער גרויסע געפילן אין וואונדערלעכע קירכן. ליבט דאָס קאָלאָסאלע און גראנדיעזע. זי, דאָס נאאיווע מיידל, דערזעט עכטע, שטארקע קונסט. זי וואנדערט ארום א פארכשופטע אין מוזעאומס; סקולפּטור איז פאר איר א רעליגיע. זי שאפט מיט די פינגער פון איר נשמה די מאַרמאָרנע פאָרמען. וואָס פאר א פראכט זי זעט אין פארגליווערטע געדאנקען פון שטיין, אין ריזיקע גלידער, אין פלאסטיק! אין דער קונסט פון געטער. שפּעטער, ווען זי וועט מיט אזוי פיל פיבער, באגייסטערונג און קראנקהייט מאָלן — וועט זי נאָך אלץ באדויערן וואָס זי סקולפּטירט נישט. זי פּרוווט קנעטן מאָדעלן, דאָס ליים ווערט איר ליבער און טייערער ווי דאָס אייגענע פלייש.

זי וועט גליען אין הערָאישער באַוווּנדערונג פון פּלאַסטישער קונסט, פון מוזיק און שטיין, פון פאַרגליווערטע, אייביקע טענער...

זי פאַרליבט זיך אין אַ שוואַכן, שיינעם און פרומען יונגנמאַן. ער ליבט איר — אָבער ער איז פאַרבונדן מיט זיין פאַמיליע פון קאַרדינאַלן און גבירים.

מאַריע ליבט אים אויך. וויל ער זאָל מיט איר מיטפאָרן אין פּאַריז. ער צווייפלט. זי הערט זיך צו מיט דער ערשטער מיידל־נייגעריקייט צו זיינע רייד. צווייפלט באַלד צי זי ליבט אים באמת. פאָדערט קרבנות... איז גרייט מיט אים צו הייראַטן, נאָר זאָל ער זיין פריי, שטאָלץ. זאָל ער עפּעס טון פאַר איר. ער גייט נישט מיט. שפּעטער וועט זי באַדויערן וואָס זי האָט זיך געלאָזט קושן די האַנט... וועט זיך עס קיינמאָל נישט פאַרגעבן. שעמט זיך פאַר איר ליבע. לייקנט איר ליבע צו אים.

זי וויל זינגען פאַר טויזנטער מענטשן. גייט צו אַ מוזיקער. ער פּרוּווט איר שטימע. זי האָט אַ שטימע. זי פרייט זיך. שפּעטער וועט זי פאַרלירן איר שטימע. איר טרוים וועט איר פייניקן... דער טרוים פון גליען אין פלאַמען פאַר אַ פּובליקום. דער דראַנג צו רום וועט נקמה נעמען אין איר. זי וועט צוריק בעטן ביי גאָט איר שטימע. פאַרפאַלן, זי איז אנטוישט...

זי ליבט קונסט ביז צו וואַנזין. פאַרנאַכלעסיקט דאָס לעבן. ליבט שיינקייט. נעמענדיק איינמאָל אַ באָד, בלייבט זי שטיין אַ האַלבע שעה, צייט פאַרן שפּיגל, באַוווּנדערנדיק איר קערפּער. זי ליבט זיך ווי נאַרציז, אָבער זי באַשולדיקט זיך ווי איוב, פּראָטעסטירט און וויינט, איז אומגליקלעך. הויבט אָן צו גיין אין אַ מאָלער־אַקאַדעמיע. מאָלט טאָג און נאַכט. אירע ערשטע אַרבעטן געפעלן די גרויסע מאָלער. זי באַקומט האָפענונג. פון זעקס אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרבעט זי. זי גייט דורך די יוגנט־טעג און יאָרן צווישן טרויער און קונסט־וואַנזין. זי לויפט שנעל דורך די גאַס. דערזעט נאָר דעם בעטלער. זעט נאָר די אָרעמקייט. זי איז אַריסטאָקראַטיש. אָבער זי איז פאַר די אָרעמע, פאַר די קראַנקע, פאַר די אומגליקלעכע.

אין אַקאַדעמיע שטייגט איר איבער אַ געוויסע ברעסלער; יעדע האָט דריי יאָר פריער אָנגעהויבן צו שטודירן, מאַריע ווערט

אייפערזיכטיק. זי ארבעט כדי איבערצויאָגן ברעסלערן. ברעסלער ארבעט אויך. יעדן אָוונט פאַרצייכנט די עקזאַלטירטע איר פּיין, איר אייפערזוכט. גלייכצייטיק ליבט זי ברעסלערן. איר קונסט, איר טאַלאַנט. ביז קרענקלעכקייט פאָלגט זיך נאָך ברעסלערן. זי מאָלט שטאַרק און העראָאיש. מאָלערס טרייסטן איר. זי הערט זיך נישט צו צו קאָמפּלימענטן און ליבע־דערקלערונגען. הערט זיך נאָר צו צו קאָמפּלימענטן אויף איר קונסט־אַדרעס. זי איז טיף דאַנקבאַר. נאָכ־דעמאָל וועט א וווּנדערלעכער מאַן — אויף איר באַזוך אין רוס־לאַנד — איר ליבן. זי וועט זיך צוהערן צו זיינע רייד — אָבער ניט צוריק ליבן. איר האַרץ געהערט דעם פלאַמענדיקן קונסט־גאָט, איר האַרץ געהערט דעם טויט!...

יאָ, דעם טויט! דעם אינמיטן פיבער און פלאַם, אינמיטן ליבע און קונסט, ווערט זי געוואָר אז זי איז קראַנק אויףביידע לונגען. דערשרעקט זיך. זי וויל לעבן, זי מוז דאָך לעבן. זי האָט דאָך נאָך גאָרנישט אויפגעטאָן. איז דאָך ערשט אין אָנהויב פון איר קאַריער־רע. מוז דאָך ארבעטן טאָג און נאַכט. מוז דאָך אויסשטעלן אין סאַלאָן א בילד. זי מוז דאָך... געוואַלד! זי — אַזוי יונג... ווי קען זי שטאַרבן?... עס איז א העראָאישער קאַמף צווישן א גרויסער פרוי און אירע צוויי שרעקלעכע שונאים: די קונסט און דער טויט! ווען נישט די קונסט, וואָלט זי גערן געשטאָרבן. עס קען דאָך נישט זיין, אז דאָס לעבן דאָ איז דאָס איינציקע לעבן. עס מוז דאָך עפּעס זיין. גאָט וואָלט דאָך געווען באַנאַל און נאַריש. אָבער זי שרעקט זיך פאַר פאַרניכטונג. איר לעבן איז אַזוי שיין, פול מיט העראָאישער אָנשטרענגונג. די קראַנקהייט פּראָגרעסירט. כאָטש ביז דרייסיק יאָר וויל זי לעבן. ווערן באַרימט, הייראַטן, געניסן אמתע ליבע — שטאַרבן. אָבער איצט? — אך, זי מוז ליגן אין בעט. און דאָ וואַרט די וועלט אויף איר. זי זעט ווי שיין זי איז אין אן אָוונט, באַלויכ־טען פון פיבער־פלאַמען. א גאָט! וועט ער איר נישט העלפן כאָטש איין מאָל אין לעבן? זי בעט זיך. זי גייט צו א טרעפערין. די טרע־פערין זאָגט איר צו באַרימטקייט, גליקלעכע הייראַט, פרייד און — אן ערנסטע קראַנקהייט... דאָס איז דאָך טאַקע די ערנסטע קראַנק־הייט... זי האָט געטראָפן... אָבער דאַן — דאַן קומט דאָך נאָך היי־ראַט, גליק, פרייד... די טרעפערין האָט ריכטיק געטראָפן: אן ערנסטע

קראנקהייט — אָבער... וועט זיך אויך דאָס אנדערע רעאליזירן?...

זי איילט זיך. יעדן טאָג פארצייכנט זי איר טראגיש לעבן. אָ געטער! א שטערבלעכער מענטש ליגט ווי א וואָרים אין בעט, בעט זיך אביסל לעבן פאר איר קונסט! נישט פאר ליבע, נישט פאר לעבען, נישט פאר פרייד! בלויז פאר איר קונסט! אָ גאָט! האָסט איר געגעבן די אמביציע פאר גרויסע זאכן — גיב איר אויך די מעגלעכקייטן... צעשטער זי נישט אין איר שאפן... גאָט איז אכזריותדיק...

ווי א סימאָגראף, וואָס פארצייכנט גענוי ערדישע בויך־ציטערנישן — פארצייכנט זי געגוי אירע אומגליקן. שוין ליגט זי אין בעט. איינמאָל, ווען זי גייט אויף א אויסשטעלונג, דערזעט זי צום פארקויפן צוויי ריזיקע בריליאנטן... דאָס קינד־פרוי דערוואכט אין איר... אָ, ווי זיי גלאנצן, ווי שיין זיי זענען! ווען זי האָט זיי! און איר מוטער קויפט זיי פאר איר. זיי זענען געל און לייכטן געהיימניספול. אין בעט ליגט דער גראנדיעזער געניע־פלאם און שפילט זיך פיבעריש מיט די צוויי צארט־גרויזאמע בריליאנטן... זי שטארבט און שפילט זיך פארן טויט מיט צוויי גרויסע שטערן אין איר נאכט... באלד וועט זי זיך צעוויינען און די טרערן וועלן רינען איבער די שארפע קלאָדן. זי דערזעט דאָס נארישקייט פון די בריליאנטן. זי וועט צולויפן צו דער פיאַנאָ, שפילן מאָצארט און בעטהאָווען; זי פאראייניקט זיך מיטן וועלט־גייסט, מיטן טויט, מיט גאָט, מיט דער אייביקייט, מיט דער הארמאָניע פון אינעווייניק...

זי לייענט. זי שלינגט קלאסישע ווערק. זי לייענט פלוטארך און טאציטוס, צעזאר און וואָלטער. זי טרינקט ווייַן פון הוגאָ און רוסאָ. זי לייענט דייטשע פילאָזאָפיע. זי לייענט גריכיש און לאַטייניש, איטאליעניש און רוסיש, ענגליש און שפאניש. זי שרייבט איר טאָג־בוך אין פראנצויזיש. זי שרייבט ווי א בליץ — ערנסט און דעמאָניש, צערטלעך און פלאמענד, הייליק און הערויאיש. זי קען די וועלט־לעטעראטור. זי זאָגט טיפע געדאנקען. נעבן איר איידערנעם בעטל אין קליינעם צימער געפינט זיך די וועלט־ביבליאָטעק...

דאָס ערגסטע איז — וואָס זי זעט איר פארניכטונג. זי פארשטייט אזוי גוט. זי איז וועלט־קלוג. און ווי די אמביציעס שטייגן! ווי מיטן טויט צעפלאמט זיך איר זשעני. דער פיבער צינדט אָן

איר בלוט צו מאכט און געוואלט. זי אומארמט דעם אוניווערז. און גאט שטראפט זי דערפאר? — א גאט, שעם זיך טיף!

איצט, — ווען זי פראגרעסירט — פארערגערט זיך די קראנק־הייט! ווי שרעקלעך! דער דאקטער הייסט איר אוועקפארן אין אווארעם לאנד און צולייגן א פלאסטער צו איר ברוסט... ווי גרויזאם! זי וועט פארקריפלען איר שיינע פיגור — איר שטאלץ. זי וועט זיך לייגן א פלאסטער אויף דער ברוסט. אבער ווי קען זי אוועק פון פאריז? פון פאריז — וו זי ווערט בארימט? וו זי קען שאפן? וו זי האט אזוי פיל פריינט? זי מוז ליגן אין בעט! ווי אזוי? זי מוז דאך לויפן אין אקאדעמיע. זי מוז דאך ארבעטן. א נאטור! ווי ביטער האסט באשטראפט דער קעניגין פון עמאציע און שיינ־קייט — מאריא באשקירצעף...

די מענטשן ליבן איר. זי געפעלט אלעמען. זי ווערט טויבער און טויבער. ווי גרויזאם ווידער! גאט נעמט איר צו דאס געהער! איר — וואס זי האט אזוי ליב מוזיק! אימעצער וועט רעדן צו איר אין דער אקאדעמיע — זי וועט וועלן הערן און זיך פארשעמען, רויט ווערן. קען עס זיין אזוי? איז זי טויב? דער דאקטער זאגט איר, אז זי וועט נישט געהיילט ווערן... טויב אויך... זי וועט א סך פאר־הערן אין טעאטער... — אבער נאך גוט אז זי זעט. זי ליבט אזוי לײדענשאפטלעך קאלירן. נאר בעסער שניידן פארמען אין שטיין. באשאפן א גראנדיעזע ווערק. א, ווי סקולפטור איז גרויס, געטלעך, ברייטצוניק, גראנדיעז! זי ליבט דעם גראניט, דעם מארמאר!

וואס וועט זיין? זי מוז ליגן די לעצטע טעג אין בעט. זי קען שוין נישט ארויף אויף די טרעפ. זי קען זיך נישט באוועגן מער. און דא ברענט! א יונגע פרוי! א געניאלער שטורם! א, וואולקאן! וואס וועט זיין? און דער זון־אונטערגאנג איז אזוי שיין, צינדט אן אין איר א בלוט־שטורעם... און די לבנה שיינט אויף קעניגלעך און קושט זי און פארבט רויטער אירע רויטע לאקן! א, ווילדער טרויער? וואס וועט זיין? זי האט אמאל געוואלט נקמה נעמען: ווער־דען א קעניגין... שליידערן אנטקעגן גאט מעכטיקע ווערק! און ברעס־לערן לויבן אלע; זי שטייט אפ; זי האט לעצטנס נישט פראגרע־סירט; וואס איז איר ווערט אזא לעבן פון טויט? און זי — וואס

האָט אזוי פיל געטרוימט, וואָס באַזיצט אזוי פיל אמביציע, ליידן, פיין און רעוואָלט!

די טובערקולאָז קראַנקהייט גייט פאָרוים אין די רויטע אליי־ען פון מאַרים לונגען; טובערקולאָזע ארמייען פון באַצילן גייען צו דער לעצטער שלאַכט אין זון־אונטערגאנג; א שטערבלעכע פרוי ליגט אויפן אייזערנעם בעטל. זי קען שוין נישט לעבן. אָט צוויי־פעלט זי גאָר אז זי איז א קינסטלערין, אָבער פאַרוואָס האָט זי שוין אַלס קינד זיך געשפּילט אין קאָלירן? פאַר וואָס האָט זי זיך אזוי פיל באַוואונדערונג דערוואָרבן מיט אירע קונסטווערק?

זיכערקייט און אומזיכערקייט גייען האַנט ביי האַנט; אָט איז זי א פלאַם — און אָט גאָר א קינד. דער דראַנג צו באַזיצן אַלצ־דינג, די קאָלאָסאַלע אינספּיראַציעס — דאָס אַלץ קען איר נישט לאָזן לעבן. זי איז געווען גערעכט, פאַראויסזאָגנדיק אז זי וועט שטאַרבן יונג. אָבער ווי עס איז אינטערעסאַנט; די האַנט פון טויט האָט איר באַריירט. זי טראָגט עפּעס א געהיימען סוד אין זיך! אָ, ווי שיין! ווי צו טראָגן דעם טויט אין זיך; זיך צוגרייטן צום שטאַרבן, צום אייביקן לעבן!...

און — איינמאָל צעוויינט זי זיך; מאַריע די הייליקע מוטער — דאָס בילד וואָס זי וויל מאַכן, איר אויסגעטרוימט מייסטערווערק — דערשיינט פאַר איר אין וויזיע; מאַריע פאַלט צו צו איר, גלעט איר, צערטלט און קושט איר; די אידעע פון איר ווערק האַלט צום לעצטן מאָל דעם געניוס; איידער דער שעפער שטאַרבט און פאַלט אין קבר מיט אַלע זיינע אינספּיראַציעס און פלאַמען.

נאָך איידער זי שטאַרבט — דאַרף זי נאָך באַדינען א שטאַר־בענדיקן קינסטלער; באַסטיען־לעפּאַזש, דעם מאַלער וועלכן זי פאַר־ערט, באַדינט זי, ווען ער איז קראַנק; עס איז אַן אינטעלעקטיא־לע ליבע. דער שטאַרבנדיקער קינסטלער ליבט אין איר די פרוי. פון טויטן־בעט רעדט ער צו איר אין צערטלעכע ווערטער. פון טוי־טען-בעט בליקט ער צו איר, זיינע אויגן ווערן גרויס און פול מיט גלאַנצנדער צערטלעכקייט; ער טרייסט זי; דער טויטער קינסטלער טרייסט דער טויטער פּאָעטעסע... זי באַוואונדערט אים פון שטענ־דיק אָן; זי ליבט אים מיט אַן אינטעלעקטועלער ליבע. ער איז א

שאָטן, זי איז א שאָטן. צוויי שאָטנס ליבן זיך אויף אונזער קאַלטן פּלאַנעט, אין שיין פון דעם לעבנס לעצטע שטראַלן.

און ווען דאָס אומשטערבלעכע מיידל לייגט זיך אין בעט, ווען די ווונדן אין די לונגען און די ווייען פון איר באליידיקטער נשמה ווארפן דעם ריז־קינד־סאָלדאַט אין בעט, דאן קומט דער קראנקער קינסטלער אויף קוליעס, אויף די אָרעמס פון זיין ברודער — צום ליבן מיידל.ביידע זיצן זיי אויף ליג־שטולן, רעדן וועגן קונסט — די לעצטע רייד וועגן קונסט פון צוויי וועזנס וואָס שטארבן ביידע פאַר דער קונסט.

און אויף די לעצטע בלעטלעך פון איר בוך, ווען זי פילט שוין דעם טויט אין זיך — פארצייכנט זי מיט פיין די קראנקהייט און האָפנונגסלאָזיקייט פון דעם קינסטלער — ביידע שטארבן — ביי־דע גייען צוגלייך זיך פארערנדיק קעגנזייטיק אין די אָרעמס פון טויט.

* *
*

צו 24 יאָר שטאַרבט דאָס ווונדערבארע קינד. איז עס נישט די גרעסטע אומגערעכטיקייט אין דער נאטור?

איר בוך דערשיטערט. עס איז די ביאָגראפיע פון אלע געניא־לע מענטשן אויף אונזער פּלאַנעט. די קינדער פון פלאַם וואָס ריי־סען זיך דורך פינסטערע נעכט צו גליענדע, בריליאַנטענע זונען — און שטארבן אויף אונזערע בעטלעך...

א ווונדערבאַר בוך; דאָס בוך פון א זונען־קינד — באשרייבנ־דיק אזוי דעטאַל־מעסיק איר מארטירער־לעבן; עס איז די באשריי־בונג פון א ריזן־גרויסער, צארטער, פלאַמענדיקער בלום, שטאַרבנ־דיק אינמיטן פון איר העראָיסטישן טרוים...

* *
*

און ווען איך האָב היינט, אין א זוניקן פרימאָרגן, געענדיקט לעזן די לעצטע בלעטלעך פון זעלטענעם בוך, האָב איך געוועגדרעט מיינע בליקן ארום מיר; זעקס קראנקע זענען געלעגן אין זייערע אייזערנע בעטלעך; די זון האָט א העלן זייל אויפגעהאנגען אויף דער וואנט, דער ראדיאָ־אפאראט האָט געזונגען מיט אונגארישע צי־גיינער־מעלאָדיעס.

„איך געפין עס צו שווער ארויפצוגיין. אויף די טרעפּ“ — דאָס זענען די לעצטע ווערטער פון דעם שיינעם, טראגישן קינד. עס איז געווען א שיין וועטער — באמערקט זי עטלעכע שורות פריער. אזא שיינער וועטער ווי היינט...

וואסלאוו ניזשינסקי

(וועגן דעם געניאלן רוסישן טענצער)

„ניזשינסקי“ — אזוי הייסט דאָס בוך וועגן דעם טראגישן רוסישן טענצער, וואָס איז לעצטנס דערשינען און וואָס איז געשריבן פון זיין פרוי, ראמאָלאָ ניזשינסקי.

זעלטן־ווען האָט א בוך אויף מיר געמאכט אזא מעכטיקן איינדרוק, ווי דאָס דאָזיקע פשוטע דערציילן פון דער זייער איידעלער פרוי. פאר אונז גייט דורך, ווי אויף א פילם־לענטע, דאָס גאנצע קאָלאָסאל־אידעאלע און טראגישע לעבן פון דעם דאָזיקן מאן, וואָס האָט אויפגעשטורעמט ווי א מעטעאָר אויפן רוסישן באלעט־הימל און אזוי שנעל און גרויזאם פארניכטעט געוואָרן, ווערנדיק משוגע.

פרוי ראמאָלאָ ניזשינסקי דערציילט פשוט, רירנד און שיין דאָס דאָזיקע לעבן. זי שפילט פערזענלעך א גרויסע ראָלע אינם העלדס לעבן. זי איז דורך דער גאנצער צייט פון זייער הייראט ניט בלויז זיין פרוי, נאָר זיין באוואונדערין, זיין דערציערין, זיין פריינט, זיין איבערגעגעבענע דינערין און קאָלעגע אין טאנץ. כמעט די שענסטע קאפיטלעך אין בוך זענען יענע, ווו זי דערציילט וועגן אירע באציאונגען צו אים. עס איז געווען אין אן אָוונט אין בודאפעסט, ווען זי איז צופעליק אָנוועזנד געווען ביי א פאָרשטעלונג פון רוסישן באלעט. דאן האָט זי געזען צום ערשטן מאָל און איר לעבן טאנצן דעם דאָזיקן אינגל. קוים אן 19-18 יאָר אלט, האָט ער שוין געהאט געענדיקט די רוסישע קייזערלעכע באלעט־שולע, געווען א מיטגליד אינם מאריאינסקי־טעאטער, ווו צווישן אנדערע איז דער גרויסער שאליאפין געווען אין דער טרופע.

זי דערציילט זיין לעבן מיט אן אויסערגעוויינלעכער אויפריכ־

טיקייט און שטילקייט. ער איז געבוירן אין קיעוו, בײַ עלטערן, — טענצער. שוין קלײנערהייט ווערט ער דערצויגן וואנדערנדיק איבער גאנץ רוסלאנד, פון דער פוילישער ווייכסל ביז צו די ווייטע טייגעס און אוראלער סטעפעס. די פארבן פון זיינע עלטערנס באַלעט־טענץ, די אלט־רוסישע דעקאָראציעס, די דערפער מיט דער גרויסער אָרימקייט, די קלויסטערס מיט זייער ביזאנטישער אַרכיטעקטור, די סטעפעס, די פּעיזאזשן און דאָס אָרימע אַרטיסטן־לעבן, מאכן אויפן קליינעם אינגל אַ קאָלאָסאַלן אײַנדרוק. זיין ברודער, צוליב אַן אומגליק, ווערט שפּעטער משוגע. ער שטאַרבט אין דער קריגס־צייט. וואסלאוו ליבט זיין ברודער. אַן צווייפל באווירקט אים שטארק זיין ברודערס משוגעת, וועלכעס ער נעמט זיך צום הארצן און טראכט אָפט דערפון. זיין פאָטער איז שטענדיק אַ באַעולהטער. זייענדיק אַ פּרעכטיקער טענצער און נישט האָבנדיק געענדיקט קיין קייזערלעכע שולע — קען ער נישט אָנקומען אין קייזערלעכן באַלעט־טעאַטער. ער וואנדערט אַלע יאָרן ארום איבער דער ווייטער און ברייטער רוסלאנד, טרינקט און וויינט. אויף איינער פון זיינע עקסקורסיעס פאַרליבט ער זיך אין אַ יונגער סיאַמעזישער טענצערין, גט זיך מיט זיין פרוי, צוליב וועמענס אומליבע ער האָט זיך אמאָל געוואָלט דערשיסן. ער וואנדערט ווייטער אוועק, טאנצט, צעברעכט אַ פוס, מוז ליגן אין בעט. אָבער יאָרן פאַרן טויט הערט ער אז זיין זון וואסלאוו איז טענצער אין קייזערלעכן טעאַטער. ער וויל אים זען. וואסלאווס מוטער פּראָטעסטירט. ענדלעך פאָרט דער געניאַלער זון זען זיין פאָטער. זיי צעקוּשען זיך. נישט אַן אייפערזוכט קוקט זיך דער צעבראָכענער פאָטער צו ווי זיין געניאַלער זון טאנצט. דער פאָטער טאנצט אויך פאַרן זון. זיי אָרעמען זיך און וויינען. זיי זאָגן זיך צו זען דאָס אנדערע יאָר אין פּעטערבורג. פריער אָבער שטאַרבט דער אַלטער, באַעולהטער מאַן און ווען איינער פון די ארטיסטן ברענגט צו ניזשיסקין די ידיעה פון זיין פאָטערס טויט, דאנקט ער און טוט אַ מאָדנעם שמייכל...

ניזשיסקי ווערט דערצויגן אין קייזערלעכן טעאַטער. אַלע זעען אין אים רוסלאנדס גרעסטן טענצער. ער פאַרטיפט זיך אין זיין קונסט. בלויז זי ליבט ער — און מער קיינעם נישט. יאָ, אין די פריִע אורלויבן פאַרברענגט ער מיט זיין מוטער, וועלכע איז אָרעם,

האָט א רעסטאָראַן, האָט חובות, איז קראנק און איינזאם. איר זון איז משוגע. די גאנצע האָפנונג ליגט זי אויף וואסלאוון, אויף איר טאָכטער, בראניא, א סאָליד מיידל, וואָס האָט אויך אמבי־ציעס צו זיין א טענצערין.

אזוי שילדערט ראמאָלאָ ניזשינסקי זיין לעבן. זי דערציילט ווי זי האָט זיך פארליבט אויפן ערשטן בליק אין דעם געניאַלן טענ־צער. זי שרייבט אויף זיך אליין: „איך דאנק דיר, גאָט, אז איך לעב אין דעם „ארהונדערט, ווען איך קען זען ניזשיסקים טאנצן". זי זוכט זיין בעקאנטשאפט. ער אָבער איז פארשלאָסן אין זיך, שטרענג און געהיימניספול. ער שיינט צו זיין גוטמוטיק, שמייכלענדיק; ער געפעלט איר אלס געניאלער טענצער און אלס אויסערגעוויינלע־כער שיינער מאן. ער האָט אין זיך דאָס, וואָס אלע גרויסע מענטשן אויף אונזער פלאנעט באזיצן — דעם צויבערלעכן חן, דעם טיף־ליבן און דעמאָנישן גלאנץ און אויך די שלאנקע פיגור, דעם זעל־טענעם שמייכל, אָנגענעמע זשעסטן און ער שיינט אין יעדן טאנץ ווי פארשיידנארטיק ער זאָל נישט זיין, צו זיין צוגעפאַרט און ווי ספעציעל געשאפן פאר דעם. ער איז אינגאנצן לופט און טאנץ, הויבט זיך קוים־קוים אויף דער ערד, שוועבט אין דער לופט ווי א מלאך; זיין קונסט איז א מייסטערשטיק פון דער פולקאָמענער טעכ־ניק, פון מייסטערלעכער פארם און אבסטראקציע. זשעני און טאנץ פארפולקאָמען זיך קעגנזייטיק; ער פערפעקציאָנירט זיינע ראָלן; ער איז דער שקלאף און דער הערשער פון טאנץ. אלע רופן אים „דער גאָט פון דער טאנץ־קונסט".

צו ניזשינסקין איז נישט צוצוטרעטן. אים באהערשט זיין מע־נעדזשער, דיאַגילעף, א רוסישער אריסטאָקראַט־אָפשטאמלער, א מאן, מיט אן ענערגישער נאטור, וואָס ווייזט ווי אזוי צו שלאָגן קאפיטאל פון פרעמדן זשעני און גלאנץ. אין זיך פארמאָגט ער בלויז א שטארקן אינסטינקט פארן שיינעם. ער איז א דילעטאנט אין מוזיק, אין געזאנג, אין טאנץ. ער איז א מייסטער פון לעבן, א מאַן פון דער וועלט, 'L'homme du monde.' ער רעדט פער־פעקט אייראָפייאישע שפראכן; זיין הויפט־קראפט איז אלס אָר־גאַניזאטאָר אין גרויסן מאסשטאב. ער מאכט באקאנטשאפט צווישן

די אריסטאָקראַטישע קרייזן, קען אלע קינסטלער פון רוסלאַנד און פראַנקרייך.

דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט זיך עטוואָס פון יענעם דעמאָ־נישן דראַנג צו הערשן — ווערט מענדזשער פון רוסישן באַלעט, וועלכן ער פירט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד ארויס קיין איירָאָפּע, קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, שפּאַניע, עסט־רייך, דייטשלאַנד און אונגאַרן.

די דערפאָלגן פון רוסישן באַלעט, באַזונדערס אין פּאַריז, זע־נען קאָלאָסאַלע. דאָס האָט אויך א פּאָליטישע באַדייטונג פאַר רוס־לאַנד און פראַנקרייך. דיאַגילעף ווערט בליץ־שנעל פּאָפּולער אין גאַנץ איירָאָפּע און אין דער פּעטערבורגער וועלט באַזונדערס. דעם עפּאָגיי פון גלאַנץ און כבוד דערגרייכט ניזשינסקי. דאָס פּובליקום פאַרגעטערט אים. מען וויל אים זען, מיט אים רעדן, הערן זיינס א וואָרט, אים באַוואַרפן מיט בלומען, אים דאַנקען.

ניזשינסקי ווערט נאָך יעדער פאָרשטעלונג פאַרשווונדן. דער איינציקער וואָס האָט א צוטריט צום געניאַלן טענצער איז דיאַ־גילעף. ער איז אויך דער מאַן וואָס באַהערשט אים איגאַנצן און לאָזט נישט צו קיינעם צו אים. אין דיאַגילעפן איז נישט בלויז דאָ א גרעניצלאָזע פאַרערונג פאַר ניזשינסקיס זשעני און א דראַנג אים ווייטער צו אַנטוויקלען — נאָר עס איז דאָ א קרענקלעכע לי־בע, א ליבע פאַר זיין שיינעם קערפּער, פאַר זיין אויסערגעוויינלעכן חן, פאַר דעם וועלט־באַרימטן טענצער ניזשינסקי.

ניזשינסקי לאָזט זיך באַהערשן. פון קינדווייז אָן איז ער גע־ווינט צו איינזאַמקייט און שטילקייט. די וועלט פון עלעגאַנטע פּרויען, וואָס וואָלטן זיך געשאַצט גליקלעך מיט זיין שמייכל, אינ־טערעסירט אים נישט. דיאַגילעף איז דער מאַן פון ל ע ב ן. ניזשינסקי — דער הערצאָג פון דער קונסט. ביידע פאַרפולקאָמען זיך. ניזשינסקי איז צופרידן פון דיאַגילעפס אָרגאַניזאַטאָרישער קראַפט. ער פירט אים אין דער ברייטער וועלט: ער צוימט אים אָפּ פון דער וועלט. אונטער די פליגל פון דיאַגילעפס פּראַקטיקאַרישן ווילן קען ניזשינסקי מיט לייב און לעבן זיך איבערגעבן זיין קונסט. דאָס איז ביי אים דער עיקר. זיין קראַנקהאַפטע ליבע נעמט דער נאַאיווער ניזשינסקי אָן פאַר טיפער פריינשאַפט. ביידע ליבן זיך קעגנזייטיק.

אויפן וועג קיין זיד־אמעריקע פאָרט מיט דעם רוסישן באַלעט מיט ראמאלא, די טאָכטער פון אונגארישע אריסטאָקראַטן און גרויסע פאטריאָטן. זי זוכט כסדר זיין אויפמערקזאמקייט. אָפטמאָל רעדט ער מיט איר, שמייכלט וואונדערלעך־שיין... זי איז גליקלעך! אָבער צומאָרגנס קען ער זי נישט מער, גריסט זיך נישט צו איר. דאָס חזרט זיך איבער זייער אָפט. זי איז שוין מיד און פארצווייפעלט.

אָבער איינמאָל קומט צו איר אין קאבינע איינער פון דער טרופע מיט א פאָרשלאג צו איר פון ניזשינסקין. ער וויל מיט איר חתונה האָבן.

זי איז איבערראשט. ווי קען עס מעגלעך זיין. ער ווייזט איר איבערהויפט נישט ארוים קיין שום אויפמערקזאמקייט. זי אנטלויפט צו זיך אין קאבינע, טיף באליידיקט פון זיין חוזק.

שפעטער אָבער, ווען זי גייט ארויף ביינאכט אויף דער דעק פון שיף, קומט פלוצים צו צו איר ניזשינסקי. נישט קענענדיק קיין פראנצויזיש, זאָגט ער צו איר אין די עטלעכע ווערטער: וואולעוואו, וואו־מיא? (ווילסט איר, איך און איר?...) זי ענטפערט: וואו, וואו, וואו — (יאָ, יאָ, יאָ!) און אין בוענאָס איירעס הייראטען זיי.

די ארטיסטן גראטולירן איר, טייל וואָרענען איר פאר זיין האָמאָסעקסועלע נאטור, פאר זיין ווילדקייט און לויטער קאלטע נאטור. זי ענטפערט אלעמען אז זי איז גרייט אונטער באדינגונגען באדינען דעם זשעני פון ניזשינסקי.

זי דערציילט ווייטער און ווייטער זיין לעבן. ווי ער איז א גוטער מאן, געניאל אין ליבע און אין טאנץ. זיי קערן זיך אום צוריק. אומעטום שאפן זיי זיך קאָלאָסאל פיל פריינט, צווישן פרינצן, קעניגן און קריטיקער. די גאנצע קינסטלערישע וועלט איז עקזאַלטירט פאר אים. ווי נאָר ער דערשיינט אויף דער סצענע, געווינט ער אלעמענס הערצער מיט זיין מעכטיקער קונסט. אויף דער סצענע פארגעסט ער אָן אלעמען, דערהויבט זיך הויך אין דער וועלט פון קונסט, לעבט זיך איין מיט א דעמאָנישער קראפט אין זיין אילוסטרירנדער ראָלע. ער פארקערפערט זיך אין הונדערטער כאראקטערן. זיין זשעני איז פארשיידנארטיק, פול מיט געגנזעצלעכע

אינדיווידואליטעטן. אין יעדער ראָלע איז ער ווי נאָר געבוירן פאַר איר אליין...

אזוי גייט אלץ גוט. ביז — ביז עס קומט צו דער טראגעדיע פון זיין לעבן. דיאַגילעף, וואָס איז נישט געווען אויף דער שיף קיין סאוט־אמעריקע, ווערט געוואויר פון זיין הייראט מיט ראמאלא. ער שליסט אים אויס פון רוסישן באלעט־טעאטער. ער רייסט מיט אים איבער אַלע באציאונגען.

פאר ניזשינסקין איז עס א שווערער קלאפּ. מען דארף פאַר־שטיין די נאטור פון ניזשינסקין, כדי צו פארשטיין די טראגעדיע פון דאָזיקן איבערברוך. ניזשינסקי איז אין לעבן — אויסער זיין קונסט — געווען אומגעלומפּערט און אומפּייאיק. ער איז דערצוי־גען געוואָרן אין אן אטמאָספערע פון דער רוסישער באלעט־שולע; דאָרטן האָט מען זיי מיט אלעמען פאַרזאָרגט, זיי זענען געוואָרן מאריאָנעטן פון דער קונסט. ניזשינסקי האָט נאָר געוווּסט זיך פאַרן קייזער צו בוקן — מער פאר קיינעם נישט. שפּעטער האָט דיאַגילעף אים מיט אלעם פאַרזאָרגט. ער איז נישט געווען צוגע־ווינט צו מענטשן, צו אָרגאניזאציאָנעלע אקציעס, צו זעלבסט־שטענדיקע אונטערנעמונגען. פון איין זייט האָט דיאַגילעף אים געבראכן א גרויסן נוצן, אנטוויקלענדיק בלויז זיין טאלאנט — דאָס איז געווען געַנוג פאר ניזשינסקין.

שעדלעך איז ער אָבער געווען אין זיינע סעקסועלע אָנשויאונ־גען. דיאגילעף האָט געהאלטן אז א זשעני מוז זיין בי־סעקסועל (טאָפּל־געשלעכטלעך). די ליבע צו דער פרוי איז בלויז א פליכט־געפיל צו באשאפן א נייעם דור. דאָס איז ליבע מיט א צוועק. דא־קעגן די ליבע צום מאן ווערט נישט דיקטירט דורך קיין שום צילע־קען און געזעצן. זי איז א ריין־פּלאטאָנישע־קינסטלערישע. אן עס־טעטישע. זי איז אויך ריין און שיין דערפאר ווייל עס איז נישטאָ קיין שום אונטערשיידן אין די געשלעכטער. זי באזירט זיך אויף הארמאָניע.

ניזשינסקי איז געווען סעקסועל־נאָרמאל. פּיליינט איז ער ארונטערגעפאלן אונטערן איינפלוס פון דיאגילעפן. טיף אין זיין נאטור האָט ער געבענקט נאָך א פרויען־נאטור, א צאַרטן וועזן, וואָס זאָל אים ליבן און פארשטיין. מיט ראמאלא האָט ניזשינסקי

געהאט א מיידעלע, קירא, וועלכע איז אינגאנצן געווארן וואס אמאל ענלעכער צו איר געניאלן פאטער.

איצט איז ניזשינסקי געווען אליין. די וועלט־קרוין איז אונטערגעבראכן, מיט אלע אירע שווידערלעכקייטן און פארברעכנס. וווינענדיק ביי ראמאלאס פאמיליע ווערט ער שלעכט פארשטאנען און מיסהאנדלט. ער איז א ה. סישער בירגער. זיי האלטן אים אלס קריגס־שונא, פאר זיי איז ער א רוס. ער אבער איז א פאציפיסט, ער האט ליב רוסלאנד, האט ליב אירע מענטשן, ער איז קעגן קריג און מענטשן־מארד. זיי זענען פאטריאטן, אריסטאקראטן און קריגס־פאנאטיקער. זיי העצן אים אויף, באליידיקן, באשולדיקן אים אין אלעם. די איינוווינער מוסרן אים אלס רוסישן שפיאן. מען פארפאלגט אים.

ניזשינסקי קען נישט פראקטיצירן די טאנץ־קונסט אין א לייטישן טעאטער. די איינציקע פרייד אין דער דאזיקער ברוטאלער צייט איז זיין קליין מיידעלע קירא. מיט איר שפילט ער זיך, לאזט זי רייטן אויף זיך, לויפט מיט איר ארום אין גראז, שפאצירט און לאכט.

אין יענער צייט קומט אים אויף א געניאלע אידייע, צו קענען פארצייכענען באלעטן, פונקט אזוי ווי די קאמפאזיטארן פארשרייבן מיט נאטן די מוזיק טענער. דורך דער גאנצער געשיכטע פון טאנץ זוכן מענטשן צו געפינען אזא מעטאדע פון קענען באהאלטן די טאנץ־פארמען פאר די צוקונפטיקע דורות. ער ארבעט ביז שפעט אין דער נאכט אויף דער דאזיקער דערפינדונג.

איינמאל ווערט ער גערופן אין דער פאליציי. דארטן ווערט ער באשולדיקט אין שפיאנאזש און אלס באוויז ווייזט מען אים א געוויסע צייכענונג זיינע, וועלכע די איינוווינער האבן צוגעגנבעט פון אים, מיט פארשיידענע „סטראטעגישע פלענער", ווי מען האט אים געזאגט. לאנג און שווער איז אנגעקומען ניזשינסקין אויסצוטייטשן זיין דערפינדונג. ערשט, מאטעמאטיקער און מוזיק־עקספערטן האבן אים באפרייט פון דער דאזיקער באשולדיקונג.

דער קריג געדויערט יארנלאנג. ניזשינסקי ווערט פארצווייפלט. אזא טיף־עטישע נאטור איז גערירט און צעבראכן נישט בלויז דורך זיין נישט קענען פראקטיצירן און אויפטרעטן — נאר דורך

די טראגעדיעס פון דעם קריג. טאָג און נאכט רעדט ער וועגן די אומגליקלעכע מענטשן וואָס גייען צו א זיכערן טויט אין קריג. ער איז אלטרואיסטיש. קיים שום פערזענלעכער אומגליק ווירט אים נישט אזוי שטארק ווי די דאָזיקע שוידערלעכע מאסן־טראגע־דיעס. ער איז גרייט אלעמען צו העלפן. ער וויל אויפטרעטן אומ־זיסט לטובת די פארוואונדעטע, פארן רויטן קרייץ — בתנאי אז דאָס געלט זאָל גיין פארביידע פיינטלעכע ארמייען.

דורך פארשיידענע איינפלוסרייכע פערזאָנען און באמיאונגען פון זיין פרוי געלינגט זיי צו פאָרן קיין ניו־יאָרק. דאָ טרעטן זיי ווי־דער אויף מיטן רוסישן באלעט. דיאַגילעף זעט זיך מיט אים, אָבער וויל אים נישט אנטשולדיקן פאר דעם „גוואלטיקן פארברעכן פון הייראט".

ניזשינסקי פאָרט צוריק קיין אייראָפּע, אנטוישט אין דער ווי־דער־אויפשטעלונג פון זייער פריינטשאפט. עס בלייבט אים צו אנ־גאזשירן אליין א טרופּע, אליין אויפטרעטן. ער טוט דאָס. ניזשינסקי איז אומבאהאָלפן, מוז באצאָלן די ארטיסטן פאר א יאָר געהאלט, טראָץ דעם וואָס זיי זענען גרייט צוריקצופאָרן קיין רוסלאנד אָן געלט. ער איז אן ערן־מאן. אים קרענקט וואָס ער מוז אין לאָנדאָן אויפטרעטן אין א קאבארעט־הויז, ווו פאר אים און נאָך אים אפלאָ־דירט דאָס פובליקום א פּאיאץ, א מיטלמעסיקע טרופּע.

צום לעצט באזעצן זיי זיך, נאָך א עקסקורסיע מיט דיאַגילעפס טרופּע אין שפּאניע — אין סט. מאָריץ (די שווייץ). דאָ רוט ני־זשינסקי אָפּ, הערנדיק די קאנאָנען־שאָסן אויף דער נישט ווייטער דייטש־איטאליענישער שלאכטפעלד. דאָ ווערט ער אליין פערזאָנע־גראפיקער. ער איז נישט בלויז א געניאלער טענצער — נאָר אויך א טעאָרעטיקער, א באלעטן־מייסטער. ער ברענגט אריין אָן א שיעור נייע ענדערונגען אינם טאנץ־באלעט. ער שטייגט איבער אין קאָמפּאָ־נירן באלעטן — דעם געניאַלן פאָקין, דעם גרינדער פון רוסישן מאָ־דערנעם באלעט.

ער טרוימט צו גרינדן א טרופּע פון ערשטקלאסיקע טענצער, צו וווינען אין פאריז, זיך צו קויפן א פאלאץ אין סט. מאָריץ. ער וויל העלפן זיין אלטע מוטער, זיין שוועסטער בראָניא; ער שאפט אלץ נייע און נייע באלעטן. אָבער דאָס איז די לעצטע הייִם אלס

קלאָרער מאַן. ער הויבט אָן ארויסצוווייזן פארשיידענע צייכנס פון מעלאַנכאָליע, פון משוגעת. ער באַלייִדיקט אַפּט זיין פרוי.

אין יענע טעג ווען ער פילט זיך גוט, גלויבט ער נאָך אין זיך, אין גליק. ער רעדט מיט זיין פרוי וועגן זיינע פּלענער, וועגן זייער טאָכטער. ער טרוימט צו האָבן פון איר א אינגל, א צוקונפטיקן טענ־צער — דעם פּרינץ פון דער גרויסער דינאַסטיע...

ער גלויבט אין אַלעם. טראָץ אַלע אַטאַקעס, קריגן און פאר־ברעכנס פארלירט ער נישט זיין האָפנונג אין דער גוטסקייט פונם מענטש. אַפילו דיאַגילעפן, דעם דאָזיקן מאַנסטער פון זיין לעבן, האסט ער נישט. ווידער און ווידער האָט ער אַלץ געהאָפט צו באַ־נייען מיט אים זייער פריינטשאַפט. ער איז טיף רעליגיעז און דאַנק־באַר גאָט און זיין מוטער פאר זיין קונסט. „מיר רעפלעקטירן גאָטס שיינקייט אין אונז, ווען מיר טאַנצן" — דערקלערט ער איינמאָל.

שוין לאַנג האָט ראמאלא אין אים באמערקט א נייגונג צו טאָלס־טאָיס אידייען. די לעצטע צייט רעדט ער אַלץ אָפטער און אָפטער וועגן גאָט, קריסטוס; אָט איז ער א וועגעטאַריער, וויל נישט עסן קיין פלייש, לאָזט קירא, זיין טאָכטער, זיך נישט דערנערן מיט פלייש, טרוימט אינגאַנצן אָוועקצוּוואַרפן די קונסט און גיין קיין סיביר אין א רוסישן קלויסטער, זיין א נזיר...

איינמאָל, אהיימקומענדיק, טרעפט אים נישט זיין פרוי אין דער היים. זי לויפט אים זוכן, טרעפט אים אויפן וועג מיטן גרויסן גאָל־דענעם קרייץ און קראוואט, אָפּשטעלנדיק די פארבייגייער. יעדן איי־נעם פרעגט ער צי ער איז געוועזן אין דער קירכע.

ווען ראמאלא איז צוגעקומען צו אים, אים געפרעגט וואָס סאיז געשען — האָט ער זיך שעמעוודיק געוועגדעט צו איר מיט א רעדע: „פארוואָס זאָל איך זיי נישט לערנען עפּעס נוצלעכעס. זיי אימיטירן מיין קונסט, מיינע קאָסטיומען. זיי לערנען זיך אוים אַלע מיינע זשעסטן. פארוואָס, פעמקא, זאָל איך זיי נישט לערנען גוטסקייט און ליבע"...

אזעלכע סצענעס פלעגן זיך אָפט איבערחזרן. ענדלאָך איז געקו־מען דער טאָג פון דער לעצטער אויפטרעטונג אין פאריז.

אין א באשטימטן אָוונט האָט זיך פארזאמלט א גרויס פובלי־קום. אַלץ איז געווען גרייט. ענדלאָך איז ניזשינסקי דערשינען אויף

דער סצענע. זיין פרוי פרעגט אים וואָס די פּיאַניסטן זאָל שפּילן. בייזערהייט, טונקל און דראָענדיק שרייט ער אויף איר אָן: „איך וועל איר אָפּיין זאָגן צו דער צייט. רעד נישט. שטיל!"

דאַן ווענדעט ער זיך צום פּובליקום: „איך וועל אייך ווייזן ווי אזוי מיר לעבן, ווי מיר ליידן, ווי מיר שאַפן". דאַן נעמט ער א שטול, זעצט זיך אנידער און קוקט צום פּובליקום, ווי וועלנדיק לעזן זייערע געדאַנקען. דאָס פּובליקום איז געוועזן שטיל, ווי היפּנאָטיזירט דורך זיין שרעקלעכן בליק. זיי זענען געזעסן אומבאַוועגלעך. ענדלאַך הויבט די פּיאַניסטן אָן צו שפּילן זיינע באַליבטע טענץ-מעלאָדיען. אפשר וועט דאָס ווירקן אויף אים. זיין פרוי גייט צו אים צו, זאָגט: „ווילסט אָנפאַנגען? טאַנץ "Les Sylphides"" ער רעגט זיך אויף, זאָגט: „איך בין נישט קיין מאַשין. איך וועל אָנפאַנגען ווען איך וועל וועלן". זי איז אַוועק. ווען זי איז אין עטלעכע מינוט צוריקגעקומען — האָט וואסלאוו געטאַנצט. ער האָט גענומען עטלעכע שטיקער זייד, שוואַרצע און ווייסע, אויסגעשפּרייט איבער דער סצענע אין א ריזיקן קרייז. דאַן האָט ער זיך געשטעלט איבער דעם, מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. א לעבעדיקער קרייץ.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער געזאָגט צו ראַמאַלאַ אז דאָס וועט זיין זיין "Marriage avec Dien" — זיין „הייראַט מיט גאָט"...

דאַן זאָגט ער: „איצט וועל איך אייך טאַנצן דעם קריג, מיט זיינע ליידן, זיינע פאַרניכטונגען, זיין טויט. דעם קריג וועלכן איר האָט נישט באַקעמפט. אזוי אז איר זענט אויך שולדיק דערפאַר".

ניזשינסקי האָט געטאַנצט דעם קריגס-טאַנץ, דעם לעצטן קריגס-טאַנץ אין זיין לעבן. די לעצטע שלאַכט פון א העלד...

ער האָט געטאַנצט מיט אן אויסערגעוויינלעכער קראַפט, מאָנומענטאַלע זשעסטיקולאַציעס; ער האָט אויסגעזען ווי א גאַנצע שלאַכט וואָלט געטאַנצט; ער האָט מאַרשירט איבער טויטע קערפּערס, איבער רואינען און שלעסער, ער האָט מאַרשירט אין שטאָלצע און אומגעהויערע ליידן דורך דער גרויזאַמער שלאַכט —

זי דערציילט ווי ער האָט יענעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט געטאַנצט; ווי א טיגער, וועלכן מען לאָזט ארויס פון שטייג; מיט אזא קראַפט, מיט אזא גרוילעכער מאַכט; א טיגער פון זשאַנגל וואָס

האָט יעדן מאָמענט אַלעמען געקענט פּאַרניכטן. און ער האָט אַלץ זיך באַוועגט, באַוועגט אין דעמאָנישע זשעסטן צום קאָסמאָס, איבער מענטשלעכן זין און איבער ליידן, טויט, פאַרוויסטונג און פאַרניכ־טונג — דער לעצטער גרויזאַמער טאַנץ צו דער אייביגקייט.

און מערקווירדיק: אויסער זיין פרוי ראַמאַלאַ און אַ דאָקטער האָט קיין איינציקער נישט באַמערקט זיין משוגעת. זיי האָבן אים היים אָפּגעפירט און ער איז געווען צופרידן, שמייכלענדיק. ער האָט אויסגעזען ווי קומענדיק פון ערגעץ ווייט. די משוגעת איז שוין גע־ווען אין זיינע געהירן — אָבער דער זשעני אין אים האָט נאָך גע־האַט די קאָנטראָל און געטאַנצט דעם לעצטן, שענסטן טאַנץ צו גאָט, ווו ער האָט זיך געפּורעמט צו אַ קאָלאָסאַלן קרייץ — אַ קרייץ פאַר גאָט — פאַר דער מענטשהייט; אַזוי אַרום האָט זיך ניזשינסקיס זשעני אויף דער סצענע געזעגנט, אין אַנוועזנקייט פון פּובליקום, מיט ניזשינסקי דעם וואַנזיניקן.

אָדער אפשר איז ניזשינסקי אומשולדיק; בלויז זיין זשעני איז דערגאַנגען ביז אַ משוגעת. ווי רירנד עס איז, ווען זי דערציילט, ווי ער וויל זיין וואַך און קלאָר. ביזן לעצטן מאָמענט שפּילט ער זיך מיטן קינד, גיט האַפענונגען זיין פרוי. ער שמייכלט נאָך אַזוי זעלטן־שיין ביים לעצטן וויזיט צום דאָקטער, ווען ער ווערט דערקלערט צו פרוי ראַמאַלאַ פאַר משוגע.

און — שוין ווערט ער געפאַנגען דורך דער פּאָליציי; שוין געפינט ער זיך מיט אַנדערע פּאַציענטן; שוין ברענט ער אין אַ ווילדער אַטאַ־קע פון משוגעת. ער איז פאַרניכטעט. די טאַנץ־קונסט איז טויט פאַר אים. שוין יאָרן לאַנג ווי ער האָט אַזוי געטרוימט צו ווערן אַן אַסקעט. איצט איז ער שוין...

זיין פרוי בלייבט איידל און רירנד ביז דער לעצטער רגע. זי האָט געשוווירן ביי זייער הייראַט צו שטיין ביי אים אין „אומגליק און גליק;" זי האַלט וואָרט... גאָרנישט קען איר באַווירקן זיך צו גטן מיט אים. זי נעמט אים נאָך אַרויס פון סאַנאַטאָריום, גיט אים די אילוזיע פון אַ היים. אָבער יעדעס מאָל פאַלט דער קראַנקער אַריין אין זיינע אַטאַקעס. פאַר אים איז דאָס רעאַלע לעבן — אַ טרוים... אָבער די טרוימען זענען איצט זיינע ווירקלעכע איבערלעבונגען. נאָך פירט ער קריג. נאָך הערט ער די קאַנאָנען־שאָסן, וועלכע האָבן שוין

לאנג פארקלונגען. נאָך הערט ער געשרייען, קרעכצן. נאָך זעט ער ווי סאָלדאטן שטרייטן ארום אים... ער האַלוּצינירט, פאנטאזירט און טרוימט זיינע טרוימען...

די מוזיק־טענער פון זיינע באלעט טענץ רופן אין אים נאָך ארוים א ליבן שמייכל. ער פאלט אויף קיינעם נישט אָן. ער איז נישט ווילד. ער איז דאָס זעלבע, שטילע אינגל — כאָטש ער ווערט אלט און איז פאראורטיילט צו לעבן אזוי אָן זינען...

נאָך איינמאָל האָט אים דיאַגילעף באזוכט אין פאריז. „וואס־לאוו, ווי דו ביסט פויל. קום, קום, איך האָב דיך נויטיק. דו דארפסט טאנצן פארן רוסישן באלעט, פאר מיר!“ — זאָגט צו אים דיאַגי־לעף.

“je ne Peux pas car je suis fou” —

(איך קען

נישט, ווייל איך בין משוגע!“) — ענטפערט דער שטילער אומ־שטערבלעכער...

און — יאָרן גייען. ווען פרוי ראמאלא האָט געענדיקט שרייבן דאָס בוך זענען שוין 14 יאָר פארגאנגען. ערגעץ ווו, אין קרייצלונ־גען (די שווייץ) חלומט דער געניאלסטער טענצער פון אלע צייטן אויף אונזער ערד...

ווירקלעך, א מָדוויעריקער פלאנעט! אירע קינדער לעבן און שטארבן אזוי טראגיש.

“Marriage avec Dien” הייראט מיט גאָט... ער איז געטריי דער דָאזיקער לעצטער הייראט. ער ליבט גאָט, ער דינט אים, ער טאנצט פאר אים אין טרוים אלס בלומנדיקער קרייץ צווישן זייד און רויזן...

צום לעצט בלייבט איבער בלויז צו רעזומירן דאָס בוך, די אומ־ענדלעכע טראגעדיע פון ניזשינסקין. די רעזומע איז פאָלגנדע: דער קריג, מיט אלע זיינע גרוילטאטן, וואָס האָט פארניכטעט מיליאָנען לעבנס און אויך פסיכיש צעשטערט א „גאנצן דור“, ווי רעמארק דריקט זיך אוים — האָט געהאט א טראגישע ווירקונג אויף אזא טיף־עטישן גייסט, אויף אזא ריינע, גוטע, מענטשן־ליבנדיקע און גרויסע נאטור ווי ניזשינסקי. די מלחמה איז אלזאָ געווען איין פאקט־טאָר צו זיין פריוואט־קער טראגעדיע.

די פריינטשאַפט מיטן פאַרדאָרבענעם דיאַגילעף האָט אָן ספק צעשטערט די אינערלעכע גלייכגעוויכט פון דעם בלויז אין דער קונסט שטאַרקן ניזשינסקין; — אין לעבן איז ער געווען א שוואַכער, נאַאיווער, ליבער יונגערמאַן. ער האָט נישט פיל געקענט אונטערשיידן צווישן נאָרמאַל און אַבנאָרמאַל. ליבנדיק די קונסט — איז אים ליב געווען זיך איר אינגאַנצן אָפּצוגעבן. ער איז געווען צופרידן וואָס דיאַגילעף האָט אים באַשאַפן א „כינעזישן מויער", נישט צוגעלאָזט קיינעם. ניזשינסקי האָט אין דער קונסט אפילו פאַרשווענדט זיין סעקסועלע ענערגיע. דאָס איז געווען א געצנדינער פון ריינסטן סאָרט. נעמענדיק דאָס לעבן אין זיינע הענט, באַקומענדיק א פרוי און קינד, מוזנדיק אליין איינאָרדנען זיינע אויפטרעטונגען, ליידנדיק מאַטעריעלע דורכפאַלן, נישט קענענדיק רואיק פירן זיין לעבן און צום לעצט פאַרלירנדיק די דאָזיקע עכט גרויסע פריינשאַפט צום שיין־גייסט, אייראָפּייער, דענדי, עסטעט און ניזשינסקי־פאַרערער דיאַגילעף, וואָס האָט ווירקלעך ליב געהאַט ניזשינסקין — איז ער אריינגעפאַלן אין מעלאַנכאָליע. דאָס איז דער צווייטער פאַקטאָר צו זיין טראַגעדיע.

א דריטער און גרויסער פאַקטאָר איז די ראָלע פון רוסישן באַלעט און פיליכט פון אַלגעמיינעם באַלעט איבערהויפּט. די דאָזיקע קונסט איז נאָר פאַר עסטעטן, קינסטלער און פיינשמעקער. נאָך ביז איצט האָט דאָס פאָלק נישט קיין צוטריט — צוליב א גאַנצער רייע סיבות — צו דער טאַנץ־קונסט. ניזשינסקי האָט געשוועבט מיט זיין איידעלער באַלעט־קונסט אין א באָהעמישער געזעלשאַפט, צווישן עסטעטיקער, איבערגעפרעסענע מיט קולטור, האָמאָ־סעקסואַליסטן און פיין־גייסטער. אים האָט דאָס פאָלק נישט געקענט. אזא פּשוטער, ווי ער איז געווען, האָט באַדאַרפט פאָלקס־באַגייסטערונג, עכטע, אוממיטלבאַרע באַרירונג מיט די מאַסן, טיפע פריינטשאַפט, א פלאַמענדיקן פויק פונם פאָלקסגייסט. די רוסישע באַלעט־טרופּע און שפּעטער ניזשינסקי אליין האָט נישט געהאַט די פאָלקס־באַזע. בלויז פּרינצן, קעניגן און פּאַריזער עסטעטן. דער קינסטלער האָט בלויז געלעבט אין זיינע טרוימען, איינזאַם און אומעטיק, באַפאַלן פון זיינע ראָמאַנטישע געשטאַלטן, אָפּגעזונדערט. אָט איז אַלזאָ א דריטער פאַקטאָר אין זיין טראַגעדיע.

דער פערטער פאקטאָר איז די פאמיליע־קראנקהייט, וואָס איז געווים אויך איבערגעגאנגען צו אים. זיין ברודער האָט אויף אַן אומגליק אין דער יוגנט רעאגירט מיט משוגעת, אומהיילבאר גע־שטאָרבן. ניזשינסקי — נישט קענענדיק פארמיידן דעם אינערלעכן טרויער — און די אלע פאקטאָרן — האָט פונקט ווי זיין ברודער, אזוי טראגיש רעאגירט אויף זיינע ליידן.

די פינפטע, און פיליכט לעצטע, גרויסע טראגעדיע איז די טראגעדיע אין ניזשינסקין זעלבסט. אין זיין נאטור אלס זשעני, אלס בליצארטיק פלאם־געשטאלט. דער דאָזיקער מאן פארפולקאָמט זיך אין זיין קונסט ביז דער העכטער פערפעקציע. די קונסט ווערט זיין געגנזאץ. שוין האָט ער דערגרייכט די גרעסטע זיגן אין טאנץ־קונסט. שוין ווערט ער אליין א איך וויים נישט וואָס. שוין פאנטא־זירט ער אליין אין זיינע פרעכטיקע אימאזשן. שוין איז ער אליין ניט נאָר א געניאלער טענצער — נאָר א געניאלער קרעאטאָר, א שאַפער. און אָט — אויפן העכסטן פעדעסטאל פון זיין קונסט, פון זיין עס־טעטיק — הויבט ער אָן צו עמפינדן די גרויסע מענטשלעכע ליידן. עס איז די איינציקע טראגעדיע פון דער עסטעטיק און די מענטש־לעכע ליידן. עס איז די טראגיק וואָס וויקלט זיך אויף ביי די גרויכן און רוימער, אין דער גאנצער וועלט־געשיכטע, ווערט די אקס פון לעבן און אויף איר ווערט געקרייצט יעדער גרויסער זשעני. אָט — גריכלאנד, די מעכטיקע און אומשטערבלעכע עסטעטישע קונסט־שעפערין; די קינסטלער פון פערפעקטער הארמאָניע! די צויבערער פון לעבנס־פרייד, גלייכער, זויבערער ליניע, זיי שאפן די גראניטע־נע סקולפטור־ווערק פול מיט שיינקייט און מענטש־צופרידנקייט. אָבער אָט אנטדעקט סאָפאָקלעס און עאוריפידעס דעם גרויסן פ א ־ ט ו ם, די פאטאליטעט פון די מענטשן, יענע שארפע דעמאָקלעס־שווערד וואָס הענגט איבערן מענטשן־וועזן, גרייט אים דעם שארבן צו צעשמעטערן. דאָס איז אויך די ענדע פון רוים, וואָס איז אין איר אנטשטיין גרויס, מעכטיק, שטארק; אירע ארמייען אומבאזיגבאר; איר פּאָעזיע — פול מיט אימפעריאליסטישע האָפנונגען; איר קונסט אין שטיין — גראנדיעז, שטארק און פאר דור־דורות געשמידט דורך מוסקולענע מענער. און — עס קומט דער קריסטענטום, די מענטש־לעכע לייד, דער טרוים פון ליבע, עטיק, פון א הימליש רייך; ווי

קליינע קאַרטן־הייזלעך צעפאַלן אלע עסטעטישע ווערטן און איבער־ווערטן. די מענטשלעכע לייד — שוואך און בלייך — מארשירט מיט דארע פיס איבערן קאַפּיטאַן און טוט אָן א געלן הארבסט־קראַנץ דער אַלטער, שטאַרקער וועלט, וואָס דרימלט איר גאָלדענעם שיינ־גייסט חלום אונטער בערג געלע בלעטער...

ערגעץ, אין טונקעלע שלוכטן, אונטער פעלזן און בענק און שאָטן בוימער, קומען די אַלטע געטער פון גריכלאַנד, די געטער פון רוים — און טאנצן אין לבנה־שיין באַלויכטן זייערע סאַטור־נאַליעס, זייערע באַקראַנטישע, ווילדע, אַרקיאַסטישע טענץ; דאָס פייערט די אלטע וועלט איר אלטן יובילײ; דאָס טאַנצט באַהאַלטן אין די גרינע וועלדער און בערג די ווייטערע וועלט פון שיינקייט, פאַסאָן און עסטעטישע קונסט און געטער־פאַנטאַזירערײ...

דאָס איז אויך די טראַגעדיע פון יעדן זשעני; איינער פון יענע קעניגן, אין א גאָלדענעם פורפור־מאַנטל, האָט זיך אויסגעבויט פּרעכטיקע פּאַלאַצן פון עלפאַנטביין, האָט זיך באַהאַלטן צווישן צאַרט־גרימירטע מאַריאָנעטן, האָט גערויכערט זיין שטילן פייקע־וויי־רויך צו די שטערן און איז געווען פארליבט אין א גאָלד־האָריקער מאַנ־דארינין אויף א טאַבאַק־שטעקעלע פון אַלטע צייטן — אָבער אָט האָט זיך זיין לעבן צעבראָכן, דער קעניג האָט געשיט אש, גרינעם און בלויען אש אויף זיין פורפורנעם מאַנטל און דאַרטן, אין דער טונקעלער צעלע פון פיין און ווייטאָג האָט ער „אנטדעקט“ די מענטשלעכע לייד, האָט צעריסן אויפן לייב דעם מאַנטל פון פור־פורנע פעדים און האָט זיך געזעצט שבעה אויף דער ערד נאָך זיין אַלטער, פּאַגאַניסטיש־דענדיסטיש־ליבער קונסט... דער דאָזיקער טרויעריקער קעניג האָט געהייסן אָסקאַר ווײַלד...

און דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם פּרעכטיקן און נאאיוון זו־נען־אינגל וואַסלאַוו ניזשינסקי, וואָס האָט אויף די אַלפּן פון זיין קונסט, פארכישופט און שיכור פון די אייגענע פאַנטאַסטישע דע־קאָראַציעס — דערזען אין א ווינקל יענע מענטשלעכע לייד און — —

דער קעניג האָט אויסגעטון דעם רויט־גאָלד־זייד־פורפורנעם מאַנ־טעל, האָט צו דער ערד געשליידערט די פאַנטאַסטיש־גרין־פינקלענ־דיקע שמאַראַגדן־קרוין און האָט זיין לייב באַדעקט מיט גרינעם אש...

און — אין זיין אינערלעכער משוגעת־אַטאַקע — האָט ער זיך

געשטעלט ווי א בעטלערביים וועג און געוויזן דער מענטשהייט נישט מער זיין דעמאָניש־געצנדינערישע קונסט — נאָר האָט גע־וויזן דעם קרייץ, וואָס ער האָט פון קליינעם קינד צוגענומען, דעם קרייץ, דעם סימבאָל פון מענטשלעכע ליידן און יסורים!... —

ווען א הימל פאלט אראפ אויף דער ערד...

(שטריכן איבער דזשאן קיטס, 1795-1851).

"Bright Star! Would I were steadfast as twou art"
—John keats.

איך ווייס נישט פארוואס די ענגלישע פאעטן האבן אויך מיר א קאלאסאלע ווירקונג. צי ווייל זיי זענען אזוי טראגיש? צי ווייל זיי שטארבן פאראכטעט פון אלעמען, מיט א העלדישן טויט ערגעץ אין פרעמדע לענדער, ארויסגעטריבענע פון זייער היימלאנד?

אויף מיר ווירקן שטארק די פראנצויזישע דיכטער אויך. דאס איז דערפאר ווייל איך ליב אין זיי דאס אפענהארציגע, דאס שטורמישע, דאס פריי־באהעמישע; ווען איך דערמאן זיך דעם נאמען פונם גענילן באדלער, ווער איך אנגעצונדן פון עקסטאז. איך דערמאן זיך די קאלאסאלע טראגיק פון א גרויסן דיכטער־העלד וואס פארפיקסירט אין דער קונסט די מענטשלעכע ליידנשאפט, וועלכער טרוימט זיין גן־עדן אין ערדישע זינד, וועלכער זעט אלץ אין פילפארביגע קאלירן, וועלכער לעבט זיין טרויעריג לעבן דורך אפיום, דורך האשיש, דורך שכרות און דורך וויזיעס פון מעטאלענע פייזאזשן. נאך פיל מער ווירקט אויף מיר ווערלען — די פארקערפערונג פון גאט און טייוול, פון פלאמיגן גיהנום און גאלדענעם גן עדן, דער מאן וועמענס אלע לידער זענען דאקומענטן פון צער, פון בענקשאפט, פון אונמוט, פון דער טרויעריקער נאטור פון פאנטאזיע און שכרות. נאך פיל מער און מער ווירקט אויף מיר דער שטורמישער רעמבא, דער גע־

זונטער הויכער, אטלעטישער אפאלא־יונג, מיט דעם זיידענעם האַריץ פון אַ האַרף, מיט דער אונמענטשלעכער פאנטאזיע, מיט דער בלי־צארטיגער קראפט פון וויזיע, מיט דער פינסטערער טראַגיק פון אַ בליץ אין אַ געדיכטער, שווארצער נאכט. ווי געזאָגט, זיי אַלע ווירקן אויף מיר שטארק. נישט אויסגעשלאָסן פראנסוא וויאָן, יענעם פרעכ־טיגן פּאָעט וואָס זינגט דער ערשטער אין פראנקרייך זיינע אינדיווידוע־לע לידער, וועלכער באגיסט זיך מיט טרערן, וויינט, זינגט זיינע וואונדערלעכע באַלאַדן פון געהאנגענע באנדיטן און פארליבטע אפּאַ־שען־דיכטער, פול מיט מיטליידס־רוף, מיט אַ זעלטענער אָפנקייט. שפּעטער זעען מיר אין רוסא דאָס דאָזיקע אָפנהארציקייט, דאָס זיך אנטרינקען מיט אַ ביסל פורפּענעם וויין — און שוין אנהויבן רעדן אין אַ שפּראַך ווי מתודה זייענדיג זיך פאַר גאָט. דאָס איז איינציג און אַליין אין דער פראנצויזישער ליטעראטור. מיר געפעלט דאָס דעמאָניש־פלאַמיגע, דאָס פרום זינדיגע, די קאנטראסטן צווישן גאָט און טייוול, דאָס באגיסן זיך אינערלעך מיט טרערן, דער ציניזם פון טרויער, די איראָניע פון טיפער דערקענטניש און פאטום־גלייכגיל־טיקייט.

ווען איך הויב אָבער אָן צו דענקען איבער ענגלישע פּאָעטן — ווער איך מאָדנע אינטריגירט דורך זייערע העראָישע געשטאלטן. דאָס זענען שוין נישט די פראנצויזישע אפּאַשן־פּאָעטן וועלכע קומען איי־געגטלעך ארויס פון דער פראנצויזישער אייגנארטיגקייט, פונם פאָלק, פון דעם פארדארבענעם און קונסט ליבענדן פאַריז. זיי אַלע זענען קראַנקע, האפנונגסלאָזע קינדער פון אַ פאָלק און פון אַ שטאָט ווו מען דינט צו א נייעם מין גאָט: צום וויין. ערגעץ ווו טרוימט וואן גאג: דער קראנקער מאלער, אז געל איז די פארב פון גאָט. די פראנ־צויזן גלויבן אז רויטע פארב פון וויין שפּיגלט אָפּ גאָט. די פראנ־צויזישע פּאָעטן זענען נישט אין קעגנזאץ צום פאָלק, צום לעבן, זיי זענען אַ פּראָדוקט דערפון. עס איז אָבער אמת אויך אַז טראַצדעם ווערן זיי גערודפט, פארשריגן אַלס אונמאראלישע מענטשן, הגם די וואָס באשולדיגן זיי דערין, זענען אַליין עכט געמיין און פאלש.

ענגלאנד איז אַ פוריטאניש פאָלק פון דער ביבל. עס קען ניט פארליידן קיין שום זינד און עולה פון אירס אַ גרויסן זון. דאָס ענגלי־שע פאָלק האלט פאר רעכט די געשיכטע ,די פּאָליטיק און די עקס־

פלואטאטארישע הערשאפט פון איר לאנד איבער די קאלאניעס און פרעמדע לענדער. דערשטיקן אן אויפשטאנד פון א רעוואלטירענדיק פאלק מיט קאלטבלוטיקן ציניזם — דאס איז קענטיק, זייער רעכט און געטלעך, אין איינשטימיקייט מיט דער ביבל. דאגעגן איז אונעטיש ווען איינער פון אירע זשעניען גט אפ זיין ווייב, דערציט זיינע קינדער אין אטעאיסטישן גייסט אדער איז אין פריינדלעכע באציאונגען מיט זיין שטיף־שוועסטער. די ענגלענדער זענען די מעכטיגע הערשער איבער ווייטע קאלאניעס, זענען קעניגן איבער די אקעאנען; און דאך בליקט דאס ענגלישע פאלק ניט איבער די ווייטע, אומענדלעכע שטרעקעס פון איר אימפעריע. זי ליבט בעסער מיט געמיינע פאראורטיילן ארייַנצוקוקן אין שליסל־לאך פון א בארימטן מאן, ארויסצוטראגן סודות פון זיין שלאף־צימער און אין איין נאכט צו פאראורטיילן און פארניכטן איר גרעסטן מאן.

אויב די פראנצויזישע דיכטער וואקסן ארויס אלס פראדוקט פון זייער פאלק־אייגנארט און פון זייער גייסטיקער מיליע — וואקסן די ענגלישע פאעטן אויס אין דירעקטער סתירה צום פוריטאנישן גייסט פון זייער פאלק, אין רעאקציע קעגן דער פארגליווערטער מאראל, אלס פראטעסט קעגן דער טיפער, געדיכטער פינסטערניש.

וואס האט דאס ענגלישע פאלק געטון מיט לארד בייראן, דעם וואונדערבארסטן פאעט אויף אונזער פלאנעט? זיי האבן אים פארטריבען איבער ווייטע ימים אין לענדער, ער איז געווארן דער בליץ־וואגאבונד איבער אייראפע, דער אריסטאקראט־רעוואלוציאנער אין עקסיל, דער קארבאנאריער טעראריסט און איטאליר. דער העלדנקעמפער פון גריכישן פאלק פאר איר באפרייאונג קעגן דער טערקישער טיראניע. ענגלאנד האט איר גרעסטן פאעט צו שאנד געמאכט, פארשטיינערט צוליב זיך מישן אין זיינע פריוואטע אנגעלעגנהייטן.

שעלי, אט דעם איידעלסטן רעוואלוציאנער פון אלע צייטן — ווי האבן זיי באהאנדלט. זיי האבן אים צוגענומען זיינע געליבטע קינדער, אים באשפיגן, אים פארשריגן אלס אטעאיסט און אונמאראלישן מאן. ער, וועלכער דערקענט אזוי טיף גאט אין דער נאטור, ער וואס איז ענגלאנדס גרעסטע לירישע הארף, ער, וואס פאראייניגט אין זיין בוזים אלע וואס איז אין אוניווערס און זינגט עס אויס אין כוואליע ארטיגע געזאנגען, ער וואס ליבט די מענטשהייט אזוי טיף און

וואָס שאפט דעם מעכטיגן פּראמעטעאוס־געשטאלט, דעם זיגער אין קייטן; קעגן דאָזיגן פּאָעט וועט ענגלאנדס באליידיקונג און חרפּה נישט אָפּגעוואשן ווערן „מיטן וואסער פון אַלע אירע אָקעאנען“, ווי היינע האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט.

מיר ווייסן וויניג וועגן שעקספּיר. מיר זענען גיכער געניגט אָנ־צונעמען, אַז שעקספּיר האָט געשאפן דעם טראגישן האמלעט נישט פון דענישן פּרינץ געשטאלט — זאנדערן ער אַליין איז דער פּראָטאָ־טיפּ פון אים. וואָס ווייסן מיר דען פון אים? אַז צווייפל איז ער גע־ווען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַ קאמעדיאנט און געהונגערט, דען נאָך יאָרהונדערטער האָט אים ערשט ענגלאנד אנערקענט. און אויך דאָן וויל זי זיינע ווערק פון אים אָפּנעמען, צוּוואַרפן דעם פּי־לאָזאָף און נישט־ערלעכן רעגירונג מענטש בעקאָן.

דאקעגן ווייסן מיר וועגן די לעבנס פון מילטאָן, פון סוויסט, פון בוירנס און וואָאיילד. ווען איך בין מיט יאָרן צוריק געשטאנען או־פען קבר פון וואוּאיילד, האָט מיין הארץ געשאָלטן ענגלאנד. דאָ ליגט דער קעניג פון דער קונסט און פון לעבן — האָב איך זיך געטראכט — ווען דאָס ענגלישע פאָלק האָט אזוי געוויסנלאָז פּאראורטיילט צו קערקער און שמאך, צו שאנד און חרפּה. און קיינמאָל מער האָט זי אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו רעכטפארטיגן. זי האָט אים פארטריבן קיין פּאריז, ער זאָל אַ געשוואָלענער פון סיפילים שטארבן אין אַ וואנציגן האָטעל, בעטלען אַ נדבה ביי אַ דאמע און באגראָבן ווערן אין פּרעמדע ערד און באשענקט ווערן מיט עפּשטיינס אַ ריזיגע מצבה מיט אַ פליענדיגע פיגור, מיט סימבאָליש־אָפּגעהאקטע פליגל. עס איז געווען דאָרט, טאקע ביי וואואיילדס קבר, ווען די רויטע בלע־טער פון הארבסט זענען געפאלן צו מיינע פיס און גערוישט און גע־רעדט צו מיר אין אַן אומפארשטענדלעך־ציגיינערישער שפּראך — ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם יונגסטן פּאָעט פון אַלע צייטן, נישט בלויז פון פראנקרייך אַליין — דעם פונקט אזוי הערואישן ווי די אַנדערע. דארטן האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וואנדערבאַרן, זיי־דענעם, איידעלן און צארטן, כמעט פרויענארטיגן — אָבער אין דער פּאָעזיע מעכטיגן און שטארקן — דזשאָן קיטס.

איך שרייב נישט קיין ליטעראַרישע אָפּשאצונגען און נישט קיין ביאָגראפיע. אין קיטסן זע איך אַן אויסערגעוויינלעכן זשעני, וועל־

כער וואלט ביי א לאנג לעבן און ביי גליקלעכע אומשטענדן געשא־פען מעכטיקע, גרויסע, ברייטע ווערק. לײדער איז אין זיין דערשײ־נונג דא דאס בליצארטיקע, וואס קען נישט לאנג זיך האלטן אויף דער ערד, ער געהערט נישט צו די מענטשן וואס קענען לעבן און שאפן — זאנדערען זיי קענען נאך א קליינע ווײלע דיכטן, שאפן מיט פײ־ער און הארץ און — שטארבן...

ער שטארבט ביי 25 יאר, האבנדיק געדיכטעט ריזיקע פאעמען פון האמערישער גרויס. ער ווערט באלד פאראורטײלט פון דער קרי־טיק. דאס איז פאר אים א שטארקע אנטוישונג. ווי אלע גרויסע דיכ־טער, איז ער זייער סענסיטיוו, פילבאר. גארנישט וועט אים מער פרייען. עס איז דער שטאלץ פון א בליץ וואס ווערט געשענדעט אין זיין פלאמענדער דערשײנונג. שעלי און בייראן גלויבן אז ער שטארבט דורך דעם, באלײדיקט דורך א שלעכטער רעצענזיע. דאס גלויבט זיך נישט. צו פיל איז דער געניוס פאראייניקט מיט זיין קונסט, ער זאל שטארבן און אויפגעבן זיין קונסט צוליב א שלעכטן אורטייל. אבער אז דאס ווירקט אויף אים — איז באשטימט און זיכער. יעדן אידיאט וועט די קריטיק אנערקענען, נישט אבער אן אנגעוואלטיקן דיכטער.

וואס אים צעשטערט איז די שווינדזוכט־קרענק, וואס ווילט אוים איר קרבן צווישן די איינציקע אין יארטוויזנטער אויף דער ערד. ער לייגט זיך איינמאל אין בעט, שפייט אוים א שטיקל בלוט, הייסט צוברענגען דעם לאמפ און אין שיין באטראכט ער עס. דאן זאגט ער: איך דערקען דאס בלוט. עס איז ארטעריש בלוט. דאס איז מיין טויט־צייגניש. איך מוז שטארבן". און ער האט רעכט — ער „מוז" שטארבן.

די דאזיקע קראנקהייט ווערט פארשארפט דורך אן אוממענטש־לעכער, גרויסער ליבע צו א לייכטזיניק מיידל. זי ווייסט נישט ביז איצט טויט ווער ער איז. זי דערקענט נישט, ווי אלע פרויען, אין אים דעם גרויסן מאן. פאר איר צינדט ער זיך אן און ברענט ביז צו זיין טויט. דער פיבער פון זיין שטורמישער ליבע טרייבט אים אין לענ־דער צו זוכן זון און רום. ער קען זיך נישט קילן, איז אומבאהאלפן ווי א קינד, וויל שוין דעם טויט און שרעקט זיך פאר אים. דער טויט וועט דאך אים צונעמען אפילו די שרעקלעכע פיין פון דער לי־

בע — וואָס איז אויך עטוואָס פּאָזיטיוו, טרייסטפול. זיינע בריוו צו איר זענען גלענציאַלע דאָקומענטן פון מענטשלעכער גרויסקייט. פאַרן טויט, אין פיבער, וואַרפט ער צו איר און שליידערט יענע פלאַמענדע בריוולעך, אין וועלכע עס איז פאַרצייכנט דאָס אומגליק פון א גרויס געפיל צו דער פרוי. און ער, וועלכער לעבט אויף אין דער דיכטונג דעם דראַנג צו דער נאַטור, ער וועלכער זעט אין דער זון זיין פרוי און אין די שטערן זיינע קינדער, ער וועלכע האָט איין אמתע געליבטע — די קונסט — און וועלכער פאַרערט ניט די פרויען, צוליב זייער ערדישקייט — ער קען זיך נישט באַפרייען פון דער לייכטזיניקער מיידל און פון זיין בליץ־גערויש אין בוזים.

די קראַנקהייט ווערט אויך פאַרשטאַרקט דורך זיין געניוס. ער צינדט זיך אָן אין דער דיכטונג. ער האָט א שטרעבונג צו שרייבן א משטערבלעכע אייביקע פּאָעזיע. ער איז דער גרויסער טראַגיקער. ער לעבט אויף גריכלאַנד, איך מיטאָלאָגיע, מיט א מעכטיקער, דער־מאָנישער פאַנטאַזיע. דער קליינער קראַנקער ווינקל איז אפשר אונ־דייך טעכניש — אָבער וואָסאַרא גוואַלטיקע קראַפט, וואָסאַרא הער־ראָאישע ווערק עס שליידערט דער יעניקער בליץ! ער דיכטעט „ענ־דומיאָן“, די פּרעכטיקע גריכישע לעגענדע וועגן יענעם געהיימניס־פולן ווינקל וואָס שלאָפט דורך זיין לעבן אויף א פעלז, טרוימט איי־ביק, וויל קיינמאָל נישט דערוואַכן און די לבנה קושט אים, נידערט אראָפּ צום פעלז און האַלזט דעם טרוימענדיקן ווינקל, דאָס איז קיטס. קיטס איז — ענדומיאָן. דער וואָס וויל שלאָפן און טרוימען. ער שרעקט זיך נישט פאַרן טויט. דער טויט נעמט נאָר צו ביי אים עט־לעכע גראַנדיעזע פּאָעמען — אָבער נישט זיין לעבן. ער ווערט די פאַרווירקלעכונג פון זיין טרוים; אייביק טרוימען, זיין א פאַנטאַס־טישער ענדימיאָן, אייביק געקושט פון דיאַנא. ער זאָרגט נישט פאַר זיין לעבן. ער איז נאַטירלעך. ער ווייסט אז בלויז א קליינע ווײַלע פאַרווײַלט ער דאָ אין ערדישן געשטאַלט. באַלד וועט ער טרוימען אן אייביקייט לאַנג. דעם דאָזיקן „ענדימיאָן“ דיכטעט ער אין קלאַ־סיש־האַמערישן פערז. א גלענציאַלע פאַנטאַזיע, א רייפע פאָרם. א גראַנדיעזער פּלאַן אויפצולעבן אן אַלטע צייט, פול מיט געטער, סטיכישע עלעמענטן און נאַטור כוחות. ער ווייסט אז ער שטאַרבט און ציט אויס זיין לעבן מיליאָנען יאָרנלאַנג אין זיין ווערק — און

ער אליין גייט טרוימען אונטער דער לבנה וואָס וועט אים קושן מיט בלויע ליפּן און אָנטאָן אין רויזענזייד־קליידער...

עס איז די טראַגעדיע פון אלע גרויסע מענטשנקינדער וועמעס ליידנשאַפטן זענען פיל גרעסער און דעמאָנישער פון זייערע שוואַכע קערפּערס. קיטס איז קליין און שוואַך, שווינדזיכטיק און אומבאַהאָלפן. זיין וועלט איז דער אוניווערזום פון קונסט. וואָס זאָל ער טון, דער שוואַכער יינגל, וועלכער פילט אז דער טויט איז נאָענט? ער קען בלויז זאָגן צו א פריינט: „מיין פאנטאזיע איז שרעקלעך לעבעדיק מיט איר. איך זע זי, איך הער זי... אָ, איך האָב קוילן פון פייער אין מיין ברוסט. עס איז פאַר מיר א איבערראַשונג, אז דאָס מענטשלעכע הארץ איז פעאיק אויף אזוי פיל ליידן". און אנדערש מאָל זאָגט ער: „איך שטארב, איך וועל שטארבן לייכט. שרעק דיך נישט, זיי מוטיק און דאנק צו גאָט אז עס איז געקומען דער טויט". פון שיף, פאָרנדיק קיין איטאליע, שרייבט ער צו א פריינט: „די זאַך צוליבן וועלכן איך וויל אזוי שטארק לעבן, וועט זיין די אורזאַך פון מיין טויט. איך קען זיך נישט העלפן, ווער קען העלפן? וואָלט איך געווען געזונט, וואָלט עס מיר קראנק געמאַכט — בפרט אין מיין איצטיקן צושטאנד, ווי קען איך עס דורכטראָגן? איך ווינטש זיך דעם טויט יעדע נאכט און טאָג, כדי מיר אויסצולייזן פון דער דאָזיקער פּיין — און דאָך פאראכט איך דעם טויט, ווייל דער טויט וועט צושטערן אפילו די פיינען, וועלכע זענען דאָך בעסער ווי גאָרנישט".

ווי ביי יעדן שווינדזיכטיקן, מערקט זיך אויך אין קיטסן דאָס כאראקטעריסטישע ענדערן זיך פון דער שטימונג. א טראגישע זאַך! די געטין פון שווינדזוכט, וועלכע קושט אזוי ברוטאל אריין אין אירע קרבנות דעם טויט — זי שפּילט זיך מיט זיי. זי לעבט זיי אויף, הייסט זיי זיך פרייען, פילט זיי אָן מיט א וואונדערבארער מוזיק — און באלד ווארפט זי זיי צוריק אריין אין פינסטערע שטימונגען און זי מאכט זיי ווי איבערצייגן אז דער טויט איז נאָענט. ווען קיטס פילט זיך גוט, לעבט ער אויף, דיכטעט ווידער. זיינע ליטעראַרישע טרוימען זענען גוואַלטיק. אָט וויל ער שרייבן דראמען וואָס זאָלן מאכן א רעוואָלוציע אין דער דראַמאַטישער קונסט, פונקט ווי קין האָט געמאַכט זיין רעוואָלוציע אין שפּילן. ער וואָס איז טראַגיש און ערנסט, וויל דיכטן א הומאָריסטישע פּאָעמע און שרייבט די

ערשטע קאפּיטלעך. ווען זיין לעבן איז פּאקטיש א „לעבן אין טויט", ווי ער דריקט זיך אליין אויס. דאן טרוימט ער די פּשוטע רויזן פון היימישן פרילינג. ער ליבט אויסערגעווײנלעך בלומען. ער ליבט דאָס לעבן, און דורך ליידן און אומגליק פאַרגעסט ער נישט צו זיין פריינדלעך, סימפּאטיש, אן עכטער פריינט. יאָרן שפּעטער נאָך זיין טויט שרייבן די פריינט זיינע וועגן אים מיט א טיפן דרך ארץ און ציטער. זיי רעדן וועגן אים ווי וועגן אן אידעאלן מענטש, דעם איי־דעלסטן פריינד און אן עכטן אלטרואיסט, וואָס איז גרייט צו העל־פען און אלץ אוועקצוגעבן יענעם. ער איז פּאקטיש „ציטווייליק" אויף אונזער טרויעריקן פּלאנעט. ער ווייסט עס. זיין זיידענער ווען מאכט דעם איינדרוק פון א ווייסן, זיידענעם, גליענדיקן בליץ וואָס האָט דורך א צופאל פארבלאָנדזשעט אויף אונזער ערד און ווערט דאָ פארבלוטיקט און שטארבט. אָבער ער ווייסט אז נאָכן טויט ווערט ער ווידער בליץ. און איידער ער שטארבט, גליט ער אין ליבע, אין פּאָעזיע, אין באגייסטערונג פאר דער שיינקייט וועלכע ער אנטדעקט און באזינגט. די שיינקייט איז זיין געליבטע. „איך פיל מער און מער יעדן טאָג, מיט דער שטייגערונג פון מיין פאנטאסטישער קראפט, דאָס איך לעב נישט אין דער דאָזיקער וועלט אליין, נאָר אין טויזנ־טער וועלטן". ער לעבט איבער העלדישע טאטן פון דער היינטיקער צייט. ער פלאמט דורך דער אייביקייט. מיט די העלדן פון דער מי־טאָלאָגיע איז ער טעטיק. א ריזיקער גייסט האָט זיך באזעצט אין א שוואכן גוף און מאטערט אים און טיראניזירט אים ביזן לעצטן אוי־גענבליק.

און ווען די ליידן ווערן גרעסער און גרעסער, ווען די ליידנ־שאפט פארצערט דעם קערפּער, ווען דער גניוס מאָרדעט אים ווי א תליון פון אומגעהויערע באגייסטערונג — ווען דער באגער נאָך זיין געליבטע און נאָכן לעבן שטייגט און ער זעט אזוי קלאָר ווי א גאָט, זיין אומבאהאָלפנקייט און האָפנונגסלאָזיקייט — דאן טוט ער דאָס שרעקלעכסטע: ער נעמט אָפּיום. די פריינט אנטדעקן עס און וואָרענען אים עס נישט צו טאָן, אז ער פארקירצט זיין לעבן. ער זאָגט זיי צו מער נישט צו טון דאָס — און געניסט ווייטער אָפּיום. ער פילט דאָך אז נאָר דער טויט קען אים רעטן.

איינמאָל אין א קאלטער נאכט, זיצנדיק מיט א פריינט אין א

דאך־שטיבל, האָט ער מיר דערציילט א געשיכטע וועגן א וווּנדער־לעכער האַרף וואָס האָט געשפּילט און אויפגעהאַלטן די האַרמאָניע אויף דער ערד. אָבער א שטאַרקער שטורם האָט פאַרטראָגן די האַרף אין די זומפּן פון אָקעאַן און די האַרמאָניע האָט אויפגעהערט אויף דער וועלט און מוטיקע העלדן זוכן די האַרפע, זוכן און ווילן זיך דאָס ליד פון האַרמאָניע — אָבער צווישן פּערל און קאַראַלן, אונטער בלויע כוואַליעס, צווישן סקעלעטן פון די מוטיקע טויכערס ליגט די האַרפע און שווייגט איר שרעקלעכן שווייגן...

און קיטס איז די דאָזיקע האַרף. ער קען ברענגען די געטלעכע האַרמאָניע. אָבער ער מוז שטאַרבן. ער מוז. פאַרן טויט געפעלט איטס נאָך יענע קאַפּיטל אין דאַנטעס געטלעכער קאָמעדיע פון פּאַאָלאַ און פראַנציסקאַ וועלכע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו שמאַכטן אין גהינום, ווייל זיי האָבן זיך א קוש געטון ווען זיי זענען געווען זייער יונג. אפילו דער „ברוטאַלער" דאַנטע האָט מיט זיי מיטלייד אין גהינום און ער פאַרגיסט טרערן אויף זייער גורל. זיי מוזן אייביק שוועבן אין די הימלישע רוימען, פאַראייניקט דורכן קוש. געהאַלזט און געבונדן מיט די צאַרטע אָרעמס... קיטסן געפעלט דאָס, טרוימט ער אַזוי מיט זיין געליבטער צו שוועבן ערגעץ איבער די פאַנטאַסטישע רוימען.

ער שלאָפט איין. די האַרפע פון האַרמאָניע ווערט שטיל. די האַרפע אויף וועלכע די נאַטור און די שיינקייט שפּילן נאָכאַמאָל א שיין ליד און ציטערן איבער די וווּנדערבאַרע סטרונעס מיט צויבער — די דאָזיקע האַרפע שטאַרבט. דער טויט צערייסט אירע סטרונעס.

* * *

עס איז געבליבן א קליינע צייכענונג פון אים, עמיצער האָט זי געמאַכט, זיצנדיק ביים טויטן קערפּער. א וווּנדערבאַרע דיכטונג, צאַרטע, זיידענע האָר איבער הויכן, בלאַסן שטערן; די אויגן ליבלעך געשלאָסן; אויף זיין געזיכט שיינט א מלאכישער שמייכל, א געטלעכע צופרידנהייט... אָבער ער וועט נאָך לאַנג מוזן וואַרטן אויף זיין געליבטערס גייסט. כדי מיט איר צו שוועבן איבערן פירמאַ־

מענטש פון גהינום — ניין, פון גן־עדן! — דען זי וועט נאָך לאַנג לעבן נאָך אים, הייראַטן, זיין גליקלעך, ווי א סך פרויען וועלכע פאַראַכטן דאָס שיינע, דאָס גע׳ניאַלע, דאָס קאָסמישע אויף אונזער קראַנקער, מעלאַנכאָלישער ערד...

און ווען איך קוק אויף זיין צייכענונג — זע איך אַלץ דייט־לעכער און דייטלעכער אַז נישט קיין מענטש דזשאַן קיטס האָט אונז געשאָנקען געטלעכע פּאָעמען; ניין, דאָס געזיכט איז פון א טרוים! אַן אומשטערבלעכער טרוים האָט אָפּגעשפּיגלט אויף דער ערד א טראַגעדיע, געבוירן געוואָרן אַלס מענטשנקינד, געליבט, געפלאָ־טערט און געגליט און געשטאָרבן אַלס מענטש... דאָס איז נישט קיין טראַגעדיע. דאָס איז א קאָמעדיע. א טרוים האָט אונז באַוויזן ווי ער קען פריי דיכטן א מענטשנלעבן און ווי דאָס מענטשנלעבן דיכ־טעט איבער מענטשלעכע פּאָעמען.

מיינע הערן, עס איז געשטאָרבן א ריזיקער טרוים, שטראַלנ־דיק און גרויס ווי א קאָסמיש זון...

* * *

א ליבנסווירדיקע דאַמע האָט מיר די טעג צוגעשיקט אַן עלעגאַנ־טען באַנד מיט די קאָמפּלעטע ווערק פון שעלי און קיטס. אויפן שער בלעטל האָט די דאַמע געשריבן: „דו טענענבוים, מיר קומען צו דיר ווייל מיר ווייסן אַז דו ליבסט אונז... שעלי און קיטס“.

דאָס איז אַזוי ליבנסווירדיק ווי שיין. דער באַנד איז געבונדן אין גרין־געפּאַרבטע, דינע, ווייכע לעדער. די גרינקייט איז מיר באַ־זונדערס אַנגענעם, ווייל עס דערמאָנט מיר אין פרישע, גרינע גראָז פון פרילינג. עס דערמאָנט גלייכצייטיק אַז די פּאָעזיע פון אָט די צוויי דיכטער איז אייביק פריש, אייביק גרין און אייביק ווי גראָז...

די לעצטע טעג זענען פרילינגדיק, א נייע זון איז געבוירן געוואָרן אויפן הימל, כדי אַרויסצוקושן פון דער ערד מיט אירע רויטע ליפּן — אַלערליי שיינקייטן. קיין מענטש, קיין קעניג, ווי רייך ער זאָל זיין, איז נישט אומשטאַנד צו באַשאַפן אַזוי פיל מאַגישע רייכקיי־טען, ווי דער פרילינג רופט אַרויס אינם אָרעמסטן ווינקל פון דער ערד, הגם אין א סך ווינקלען פון פּלאַנעט הערשן בירגערקריגן און בלוט־

טיקע שלאַכטן צווישן מענטש און מענטש, צווישן די קרעאַטורן וואָס טראָגן גאָטס מאַסקע...

איז מיר באַזונדערס לעצטנס ליב צו לייענען די העראָאיש־פאַנ־טעאַסטישע דיכטונג פון שעללי, וועמענס יעדער פערז האָט אַ וועלט מיט ליריק אין זיך, מיט מיטגעפיל צו די ליידענדע און איז אַזוי בויגיק און גראַציעז ווי דאָס ליד וואָס טאַנצט אַרויס פון אַ ציי־גיינערס פידל.

* * *

און — ווידער וועגן קיטסן: ווידער מוז איך באַוווּנדערן דאָס פאַנטאַסטישע יינגל וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אַלס אַ בלויער, זיידע־נער הימל אויף דער ערד. זיין חוש פאַר דער נאַטור איז אומגעהויער, אין טייל לידער הערט זיך פאַקטיש דער ריטם פון דער נאַטורס אינ־טימסטע אָרגאַנען, ווי ווינט, וואַסער און וועזנס. זיינע חושים זע־נען פּערפעקט, מיט דער קראַפט פון אויער, אויג און פילן קען קיין שום זאַך נישט זיין פאַרהוילן צו אים. פאָרם, קאָליר, פּאַרפיום און מוזיק זענען זיין אָטעם אין פּאָעזיע, טייל לידער האָבן די רואיקע עפּיק ווי פון האָמער, גלייכצייטיק זייענדיק פיל לירישער, פיל ווייי־בער, פיל צאַרטער און סאַמעטענער. אָט דאָס יינגל האָט געבענקט צו דער אומענדלעכקייט, צום אומבאַגרענעצטן, ווו שיינקייט איז געווען זיין אַבסאָלוטע געטין — און די שיינקייט האָט עס נישט בלויז באַגריפן און אַרויסגעצויבערט ווי אַ זון אינם רעאַלן און דייט־לעכן, נאָר האָט מיט דער קראַפט פון זיין מעכטיקער פאַנטאַזיע אויפ־געלעבט גריכנלאַנדס העלדן, געטער און געטינס. אינם הערלעכן אָקע־אַן פון די אַלטע פאַנטאַסטישסטע מיטאָלאָגיש־העראָאישע געשטאַל־טען האָט ער געטויכט און געווען קעניג, געקענט טאָן מיט די אַלע העלדן וואָס ער האָט געוואָלט. מיט אַ פּלאַסטישער קראַפט האָט ער זיי געצוווּנגען צו האַנדלען אין זיינע פּאָעמען, ווידער צו לעבן זיי־ער קאָלאָסאַל שיין לעבן. דאָס זעלבע האָבן געטון אַ סך פּאָעטן. זיי האָבן געוואָלט אויפבויען ווידער די אַלטע גריכישע פּאַלאַצן, זיי האָבן די אַניזאַס אין אַפּאָלאָ ווידער באַגייסטערט און באַגאָסן האָ־בען זיי מיט ווין און ווייַנטרויבן אָנגעשיכורט. אָבער געלונגען איז

עס נאָר אַט דעם טראַגישן יינגל, וועלכער האָט זיין לעבן אָנגע־פילט מיט א ריזיקער ליבע צו א מיידל, וואָס האָט אפילו נישט גע־ווּסט ווי שיין איר יינגל זינגט.

ווי סימבאָליש אין קיטס איינציקער, טראַגישער ליבע, זעט מיר אויס דער פאַקט וואָס אין „לאמיא", איינע פון זיינע שענסטע פּאָ־עמען, באַזינגט ער די העלדין, וועלכע ווערט פון א שלאַנג פארוואַנ־דעלט אין א וואונדערשיינע פרוי, וועלכע פילט אָן אלץ מיט שיינ־קייט און פרייד... אָט די לאמיא, דעם דיכטערס געליבטע, זי האָט פאַר א ווײַלע אָנגעפילט דעם יינגלס בוזים מיט צופיל בענקשאפט און פארדרוס.

אָבער ער איז געווען צו יונג נאָך אפילו צו דערזען די אינטע־לעקטועלע שיינקייטן פון דער וועלט. סאָציאַלע אידייען האָבן נאָך נישט א שיין געטון פאַר זיינע יונגע אויגן. פילאָזאָפיע, פּאָליטיק און עטיק זענען אים נאָך נישט געווען גענוג באַקאַנט, כדי וועגן זיי צו דיכטן. דאָס האָבן בייראָן און שעללי געטון. זיי האָבן געלעבט און געאָטעמט מיט די אידעען פון זייער צייט, גלייכצייטיק פלאַ־טערנדיק ווי פלאַמענדיקע אָדלערס איבער די כוואַליעס פון דעם איי־ביגקייטס-אָקעאַן. קיטסן האָט נאָך א פאַנג געטון דער אלטערטום, די קאַלטע שיינקייט פון גריכישע סקולפּטורן, וועלכע ער האָט אָנ־געפילט מיטן פייער פון זיין נישט-באַפרידיקטער ליידנשאַפט.

און עס זעט מיר אויס אזוי סימבאָליש, וואָס נאָכן טויט, האָט מען אין איין אייביק-גרינעם באַנד צענויפגעפאָרעט שעללי און קיטס. און נאָך ערגעץ האָט מען זיי צענויפגעפאָרעט: אין פאַשיסטישן רוים, אויף א פּראָטעסטאַנטישן בית־עולם, ליגןביידע פּאָעטן.

שעללי האָט באַוואונדערט זיין קאָלעגע. אָבער, ווען ביידע האָ־בען זיך באַגעגנט, האָט קיטס נישט ארויסגעוויזן צופיל פריינשאפט דעם עלטערן, גרויסן דיכטער. קיטס איז געווען פארביטערט, בייז, באַליידיקט פון דער קריטיק און פון דער געליבטער... אָבער טראָצ־דעם האָט די געשיכטע זיי באהאלטן צוזאַמען אין פאַנטאַסטישן פּאַנ־טעאָן פון דער וועלט-פּראָזע.

אין א לעצטן בריוו צו זיין געליבטער קען מען דייטלעך ארויס־זען ווי דער דיכטער איז געווען באַליידיקט און מיד פון לעבן. דאָרט שרייבט ער צווישן אנדערעס, אז ער איז אומרואיק, אז ער קען נישט

דערוואַרטן קיין רו אויף דער וועלט, אַז אַלץ האָט אים באַליידיקט, אַז ער איז אַנטוישט אין אַלעמען און אַז נאָר אין קבר האָפט ער צו געפינען ענדלעך רו. און — די צייכענונג פון זיין טויטנמאַסקע באַשטעטיקט טאַקע, אַז דער דיכטער האָט געפונען רו אינם גוטן טויט, אינם סאַמעטענעם, פּליושענעם, אומשטערבלעכן טויט. און דער „אָדיע טו אַ נאַכטיגאַל" זאָגט ער טאַקע:

"Darling, I listen; and for many a time,
To take into the air my quiet breath."

Called him soft names in many a mused rime,
I have been half in fove with easeful death,

און אַזוי איז דער בלויער זיידענער הימל — דזשאָן קיטס — וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד, זיך פאַרשמוציקט און פאַרבלוטיקט. אין אַ שטילער נאַכט אין רוים, ווידער געוואָרן אייביק רואיקער, אייביק בלויער, אייביק פּליושענער און אייביק דער באַליידיקטער גלעטנדיקער און צערטלנדיקער הימל...

דער פּאָעט פון די ליידנדיקע...

שאַרל באָדלער איז צו די מערסטע באַקאַנט ווי אַ פּערווערזיער פּאָעט, אַ ביזאַרער גייסט און מאָרבידער וויזיאָנער. דאָס איז אָבער אינגאַנצן אַ פאַלש בילד פון אָט דעם פראַנצויזישן פּאָעט, וואָס האָט ליב געהאַט די אָרעמע, האָט געדיכטעט וועגן די ליידנדע און וועמענם גאַנץ לעבן איז אַ מאַרטירערשאַפט.

בלויז וויניקע אין זיין צייט האָבן פאַרשטאַנען דעם הייליקן ערנסט, די טיפע מיטלייד פון דאָס ליידן פון שאַרל באָדלער, אין וועמענס באַרימטן בוך „לע פלאַוער די מאַל", (די בלומען פון שלעכטס) מיר דערזעען פאַר זיך אַן אָפּגרונט פון ליידן, פּונקט אַזוי ווי די לעזערס מיט 600 יאָר צוריק האָבן געזען אין דאַנטעס „דיווינא קאָמעדיע" גאָר די עפּאָפּייע פון מענטשלעכע ליידן. וויניקע, בלויז אַ טעאָפיל גאָטיעי אָדער אַ וויקטאָר הוגאָ האָבן געהאַט דעם מוט צו טרייסטן דעם גרויסן, דעם באמת גרויסן פּאָעט פון דעם פראַנצויזישן פאָלק, בשעת די פראַנצויזישע צענזור און די פּרעסע האָבן זיך „איזדיעקעוועט" איבער אים, איבער זיין בוך, עס פאַראורטיילט פאַר אונמאָראַלישקייט. אויסגעשטראָכן אַ רייע לידער דערין. אָבער, עס איז שוין אַזוי אַז ווען עס געשעט אַן אומגליק מיט אַ גרויסן קאָלעגע, רוקן זיך זיינע פריינט אָפּ אין אַ זייט און לאָזן דעם קאָלעגע זינקען... גרויסע קריטיקער און פּאָעטן האָבן געלעבט אין באָדלערס צייט. ווו איז זייער שטימע פון פּראַטעסט? דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון אָסקאַר ווײַלד. ווען אַלע זיינע שריפטשטעלער־פריינט האָבן אים פאַרלאָזן אין דער שטונדע פון ביטערער נויט.

איך ווייס נישט פון קיין אנדער פּאָעט מיט מער ליבע צו די אָרעמע — ווי באָדלער, באַזונדערס ווי ער אנטפּלעקט זיך אין זיינע

„פּאָעמען און פּראָזע", וואָס איך האָב די לעצטע וואָכן געלייענט מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן פאַרצערט ווי א טייערן, אַלטן געטראַנק, אין א גילדערנעם בעכער...

לידער און פּראָזע — אָבער, וואָסאַרע הומאַניסטישע לידער; פאַראַן א ליד „מאַסען". דערציילט עס ווי גליקלעך דער פּאָעט איז, דען ווי די לעגענדאַרע נשמות וואָס זוכן גוף — קען ער זיך פאַרקערפּערן אין גאָר די מענטשן פון דער ערד, ער קען דורכלעבן די ליידן פון די מאַסן. די אינדיווידואַליסטן האָבן קיינמאָל נישט אַט די דערהויבענע סענסאַציע פון זיין איינזאַם אין די מאַסן — אָדער אין איינזאַמקייט אָנצופילן די איינזאַמקייט מיט מענטשן. די גרויסע פאָלקס־פירער, נביאים, געזעצגעבער — זיי לאָבן פון די וואָס ווייסן נישט דעם זיסן טעם פון מקריב זיין זיך פאַרן פאָלק. דער פּאָעט לעבט איבער גרויסעס און זיין מיסיע איז א „הייליקע פּראָסטיטוציע" פון איבערגעבן זיך די מאַסן, פון דורכפילן אין זיך גאָר די מענטשהייט, ווי פאַוסט האָט עס געשטרעבט צו טון.

אין א צווייטן ליד און פּראָזע — „די אויגן פון די אָרעמע" — דערציילט דער דיכטער וועגן א נייער, רייכער קאַפע. אירע הערלעכקייטן. די צויבערן פון מעבל, פון לוקסוס, פון די וויינען און די כלים. דער פּאָעט ווערט אָבער באַאומרואיקט: דריי פּאָר אויגן פון א פאָטער מיט צוויי קינדער קוקן אריין מיט אַזוי פיל באַגער און טרויער... די געליבטע הייסט זיי אוועקטרייבן פון פענסטער... און באַדלער באַמערקט טרויעריק אַז אַזוי שווער איז עס זיך קעגנזייטיק צו פאַרשטיין... און אַזוי פרעמד זענען געדאַנקען, אַפילו צו די וואָס ליבן זיך... ווי ווייניק האָט די געליבטע פאַרשטאַנען דעם פּאָעטס מיטלייד אין דעם מאָמענט מיט די אָרעמע אויגן...

„דער קוכען". א סובלימע לאַנדשאַפט ווו מענטש פאַרגעסט זיינע נישטיקע קליינלעכקייטן. דער הימל איז אומענדלעך און די זון גליט און מייסטערהאַפט זענען פאַרטיילט די ליניעס און פאָרמען אין דער ווייטער, גראַנדיעזער לאַנדשאַפט. דער פּאָעט נעמט ארויס א שטיקל ברויט מיט א געוויסן עליקסיר, כדי צו דערפרישן זיין מידקייט נאָכן לאַנגן שפּאַציר. ער דענקט אַפילו אַז די ביכער זענען גערעכט, זאָגנדיק אַז דער מענטש איז פון נאַטור — גוט. זיין נשמה, דעם פּאָעטס שיינט אים צו זיין אַזוי

שיין, ריין און אומענדלעך ווי דער דאָס פון הימל וואָס רינגלט אים ארום. נאָר, א מאן בעט ביי אים א שטיקל ברויט און באלד קומט א צווייטער און הייבט זיך אָן צו שלאָגן מיטן ערשטן איבערן שטי־קעל ברויט. א פרוכטבארער קאמף! אן אומנויטיקער! מענטש פאר־וואנדלט זיך אין א חיה. דאָס שטיקל ברויט ווערט אויף דער ערד צעריבן. ווען דער קאמף איז געענדיקט — זעען זיי אז עס איז נישט געווען איבער וואָס צו קעמפן. אָט דער קאמף האָט פארניכ־טעט די שיינקייט פון דער לאנדשאפט, די גרויסארטיקע שטימונג, די געטלעכע רו.

„**פענסטער**". דער פאָעט קוקט אין אָוונט אריין אין די פענסטער פון מאנכע הייזער און וויפל שמערץ דערציילן אים די געזיכטער פון די אלטע פרויען און מענער... שפעט ביינאכט ליגט ער אין זיין צימער און הערט זיך איין אין זיין געשיכטע פון דער פרוי, מיטן גרויען קאָפ האָר און טרויעריקע אויגן... די גע־שיכטע איז ליגנט, צוגעטראכט? אָבער, זי העלפט אים צו לעבן, צו באנעמען טיפער די וועלט. צו האָבן זין אין זיין אייגן לעבן, אי־בערצולעבן די מיסטעריע פון ליידן — דען זענען דער צע־מענט פון קונסט, פון אלץ וואָס איז שיין און אינהאלטסרייך: וואָס מיר קענען זען אין זון־ליכט — איז ווייניקער אינטערעסאנט ווי דאָס וואָס אנטפלעקט זיך צוויבערהאפט אין אן אָווענטיקן פענס־טער... פון גאָרנישט כמעט מאכט ער די געשיכטע פון א מענטשנס לעבן און דערציילט עס זיך מיט טרערן אין די אויגן...

נישט קיין וואונדער אז דעם פאָעט ציט צום פאנטאסטישן קאָקאין־לאנד, וועלכן ער שילדערט מיט אזוי פיל פאָעטישער עקסטראוואַ־גאנץ אין זיין „ל"אינוויטאסיאָן א וואיזש" (איינלאדונג צו דער רייזע), ווו דער פאָעט קען טרוימען נייע פלאנצן, נייע בלומען, נייע וויינען און נייע פריידן. „דו ווייסט פון די פיבערישע קראנק־הייטן וואָס באפאלן אונז אין קאלטער מיזעריע, די נאָסטאלגיע צו אומבאקאנטע לענדער, די בענקשאפט צום „קוריאָזן". נו, דער פאָ־עט ווייזט דאָס לאנד; אן עכט לאנד פון קאקאין, ווו דאָס מעבל איז גרויס, פאנטאסטיש, קוריעז, באוואָפנט מיט שלעסער און סע־קרעטן ווי ראפינירטע נשמות. די זון שקיעהם וואָס צינדן אלץ אָן מיסטעריעז — גייען דורך פרעכטיקע פאָרהאנגען... די „אלכעמיקער

פון הארטיקולטור קענען אים נישט קאָנקורירן אין די דערפינ־דונגען פון בלומען און צויבערייען אלערליי — עס איז א לאַנד פון מאָצאַרטישער מוזיק... אין א וועלט פון פיין — מוז דער פּאָעט זיך אָנטרינקען מיט פאַנטאַסטיק, מוז כאָטש קענען טרוימען. דאָס זענען די גליקלעכסטע מינוטן פאַרן סענסיטיוון, טראַגישן פּאָעט.

„בין השמשות". די אָרעמע, די אַנטוישטע, די וואָס האָבען געהאַפט און באַשווינדלט געוואָרן פון פאַטום — זיי אַלע ווערן טרויעריק און מעלאַנכאָלישער דעמערונג, ווען נאַכט ראַנגלט זיך מיטן פיבערישן טאָג. אָבער די נאַכט קומט און שטילט איין די יסורים. די וועלט איז א שפּיטאָל, וווּ יעדער טרוימט פון אַן אַנדער בעט — איינער דענקט אז ביים פייער וועט ער געזונט ווערן. א צווייטער האָפט צו ליגן אינם בעט ביים פענסטער, וווּ ער וועט קענען זיך דערפרייען מיט דער פרישער לופט...

„זיי שטענדיק שיכור" פון ווייַן, פון טוגנט, פון קונסט — אָבער, זיי באַטרונקען, זיי שיכור מיט די גרויסאַרטיקייטן פון לעבן. זיי שיכור — „אויב דו ווילסט נישט זיין א געמאַטערטער שקלאַף פון צייט." שטענדיק וועט דער ווינט, אָדער די כוואַליע, אָדער דער שטערן, אָדער דער פויגל, אָדער דער זייגער — אַלץ וואָס פליט, זינגט, רעדט, קרעכצט, וויינט — אַלץ וועט דיר זאָגן: עס איז די שעה צו זיין שיכור... זיי שיכור...

„ערגעץ אין דער וועלט אוועק" — אין א טיף־רירנדע ליד וועגן דער בענקשאַפט פון דער נשמה צו דער ווייטקייט... יאַווּאָ? האָלאַנד? ליסאַבאָן? — מיט מאַרמאָר־הייזער אין זוניקן ליכט, מיט ליקיד־שפּיגלען — צו רעפלעקטירןביידע... די נשמה וויל וואַנדערן אין דער אומענדלעכקייט...

בענעדיקטאַ איז טויט — זי וואָס פילט אַן ערד און ים מיט אידעאַלן. דער פּאָעט באַגראָבט בענעדיקטאַן אין א קבר — זי, וואָס האָט אים באַגייסטערט מיט יושר, גלאָריע, באַגער צו גרויסקייט, העראָיזם. א צווייטע קומט און זאָגט: זי איז די אמתע בענעדיקטאַ, די אידעאַל־טרעגערין... אָבער, דער פּאָעט ווייסט אז דער אידעאַל איז באַגראָבן טיף אין דער ערד... דער סימבאָל פון גערעכטיקייט — בענעדיקטאַ — האָט ער אַליין באַהאַלטן אין קבר... ער ראַנגעלט זיך מיט בענעדיקטאַן, דער פאַלשער — און בשעת ער שרייט

— ניין, די אמתע בענעדיקטא ליגט דאָ אין דער עוד — פאַלט זיין פוס ביז איבערן קני אין דער ערד און, אויף אייביק בלייבט ער צוגעפעסטיקט צום פלאַץ פון אמת, פון שיינקייט און יושר.

— — — — — — — — — — — — —

פון אַט די אַלע מיניאַטורן קען מען דערקענען די נשמה, דעם מהות פון באָדלערס פּאָעזיע. שטענדיק האָט זיין ליד א זין, א ציל, א צוועק. און דער צוועק איז — צו שילדערן די ליידן פון די גע־מאַטערטע, צו אויסדריקן מיטלייד צו די אָרעמע, צו די עלנטע. פּאַריז איז פול געווען מיט זיי שוין אין זיין צייט, באָדלערס. אַל־טע פרויען, פּאַראַליזירטע, וואָס גייען קוים צום קליינעם פּאַרק צו. די קראַנקע אין די שטאָטישע שפּיטעלער. די גאַסן־פרויען פון בולוואַרן און קאַבאַרעטן. די שיכורים אונטער דער סען־בריק. די קלושאַרן, די ראַכיטישע קינדער, די אָרימע פון די הינטער־געס־לעך. די אויסגעדאַרטע אין די אַזילן. זיי האָט דער זאָרגפולער פּאָ־עט געשילדערט אין זיינע טראַגישע פּאָעמען.

אָבער — צוגלייך מיט דעם ראַציאָנאַלן אינהאַלט אַנטפּלעקט זיך א מייסטער פון דער פאָרם, אונפאַרגלייכלעך אין דער וועלט פון פּאָעזיע. צוליב דעם גלאַנץ פון זיין פאָרם, זיין עסטעטיק, זיין צמצום אין אויסדרוק, זיין פּלאַסטישע בולטקייט, זיין שאַרפן קריץ אין דער וואַנט פון מאַרמאָר, זיין פאַנטאַזיע און טיפער באַגער צו שיינקייט — צוליב דעם איז ער פאַרשריגן געוואָרן, ווי א דע־קאַדענט. אָבער באָדלערס דעקאַדענטיזם איז נישט קיין אינדי־ווידואַליסטישע דעגענעראַציע. עס איז די דעגענעראַציע פון דער וועלט, פון פּאַריז אין זיין צייט, פון די סאָציאַלע קאָנפליקטן און קאָנטראַסטן אין דער רעאַלער וועלט. באָדלער האָט אַט די אַפּ־טיי־לעכע וועלט געשילדערט, די קראַנקע עראָטיק און איר זינקען אין שלעכטס. מיספאַרשטאַנען אין זיין צייט — איז אויך דער פּאָ־עט ווייניק פאַרשטאַנען געוואָרן אין אונזער צייט.

ביז טרערן רירן באָדלערס לידער. קיין פּאָעט איז נישט טענ־סיטיווער צו דער וועלטס ליידן. אין פאַרגלייך מיט זיין טיפן פי־לען — איז בייראָנס „וועלט שמערץ" — ראָמאַנטישער זשעסט, דראַמאַטישע דעקלאַמאַציע.

שאַרל באָדלער איז געווען, אמת, פּאַסיוו, בשעת בייראָן איז

געבליבן דער רעוואלטירער און שטורם מענטש. דערפאר — באדלער איז טראגישער. דערפאר — זיין אינטימע טראגעדיע, זיין סקעפּ־טיציזם און טרויער האָט דעם פּאָעט אינגאנצן פארגליווערט. פּאַ־ראליזש האָט אים פארוואנדלט אין א „שטיינערנעם" מענטש, וואָס זעט ווי ער ווערט אויפגעפרעסן און ווי דער שונא — דער טויט — שטארקט זיך מיט זיין בלוט און פלייש...

דער געראַנגל פון די גרויסע...

עמיל לודוויג האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע ביאָגראַ־פיעס פון די גרויסע מענער אין דער וועלט־געשיכטע. ער האָט, ווי אַמאָל — דער ענגלישער עסייאיסט קאַרלייל, אויסגעווײלט די **גרויסע מענטשן**, אָן אונטערשייד צי זיי האָבן זיך אויסגע־צייכנט אויפן וועג פון סאָציאַלן קאַמף און רעוואָלוציאָנערע טאַטן — אָדער אויפן וועג פון גייסט. קאַרלייל האָט געשריבן וועגן קראָמ־וועל און ראָבערט בוירנס, וועגן בייראָן און נאַפּאָלעאָן, וועגן דאַנטע און די העלדן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועגן נאַוואַלים און פרידריך דעם גרויסן, וועגן שילער און זשאַן זשאַק רוסאָ, וועגן שעקספּיר און מאַראַט, וועגן געטע און ראָבעספּיער. קאַרלייל האָט געהאַלטן אַז נישט די צייט שאַפט דעם גאון — נאָר דער גאון שאַפט די צייט. דער גרויסער מענטש באַוועגט די געשיכטע, ווי אַרכימעדעס האָט געוואָלט באַוועגן דעם גלאָבוס. די צייט איז שטרוי פאַר דעם טיטאַן וואָס צינדט זי אָן.

א היפּש ביסל איז מען אַוועק פון אָט דער טעאָריע, זייט מאַרקס היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן אַר•נבליק אין דער געשיכטע. פונדעסטוועגן איז אַלץ דער געניוס, דער מאַן פון ווילן און קראַפט — דאָך געבליבן אויף זיין טראָן.

ניטשע, אַנטפּלעקנדיק אין אוניווערס דעם ווילן צו מאַכט, האָט גלאָריפיצירט די גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך דעם קאָסמישן ווילן צו מאַכט. פאַר ביידע, פאַר ניטשע און פאַר שאָפּענהויער, וואָס האָט נאָך פריער אַנטדעקט דעם ווי־לען צום זיין, צום עקזיסטירן — איז נאַפּאָלעאָן געוועזן דער גרוי־סער שטורם־מאַן וואָס פּערסאָניפיצירט דעם ווילן צו זיין, דעם ווי־לען צו הערשן.

פון דער מארקסיסטישער לערע וואָס האָט געזוכט צו פארלייקענען די ראָלע פון דעם העלד אין דער געשיכטע — איז דורך גלגולים ארויסגעוואַקסן זיין גלאָריפיקאַציע. די דארוויניסטישע טעאָריע פון „קאַמף אונטס דאזיין" און דעם זיג פון די וואָס זענען שטארק אין ווילן — האָט פארשטארקט דעם גלויבן אין דער איינצלנער פערזענלעכקייט. דארווין האָט באווירקט די פילאָזאָפיע, די וויסנשאַפט ביז אויף היינטיקן טאָג. אויך די ליטעראַטור און קונסט. מארקס אין דער סאָציאָלאָגיע, זאָלא אין דער ליטעראטור, קורבעי אין דער מאָלעריי, שאָפּענהויער, ניטשע, הארטמאַן — זיי אלע זענען תלמידים פון דארווין. קארלייל אליין, האָב איך מיט יאָרן צוריק געלעזן ערגעץ אין זיינס א בוך — האָט שוואַך געהאַלטן פון דארווין. זיי האָבן זיך געקענט פּערזענלעך. אָבער — קארלייל אליין האָט געמוזט זיין באווירקט פון דארווין, אומבאוווסטזיניק.

ביאָגראַפיעס, אלזאָ, ווערן געשריבן אין אלע שפּראַכן, אין אלע צייטן און לענדער. יעדער ברענגט אויף זיין אופן ארויס די גלאָריפיצירונג פון דער פּערזענלעכקייט. אפילו אַן אנרי בארביס, שרייבנדיק א ביאָגראַפיע פון סטאַלין — האָט די גאַנצע רוסישע גרויסקייט און דערגרייכונג פארקערפּערט אין איין מענטש — אין סטאַלין. סטאַלין אליין — אין אַן אינטערוויו מיט ג. ה. וועלס — גלויבט אין דער ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט. די קאָמוניסטן — מארקס תלמידים — זינגען שבחים זייער אָפּגאָט סטאַלין. אין אונזער צייט איז די גלאָריפיקאַציע, דער קולט פונם פירער — געוואָרן די ביטערסטע קללה. שעקספּיר, אין זיין „יוליוס צעזאר" — מאַכט חוזק פון דעם קולט אויף אַן אופן וואָס וואָלט איצט זיין מאָדערן און וואָלט זיך לעזן ווי א סאַטירע אויפן היינטיקן דייטשלאַנד אָדער איטאַליע. (די טראַגעדיע אָדער די קאָמעדיע אין דער וועלט־ליטעראַטור איז אזוי אייביק ווי דאָס טראַגישע אָדער דאָס קאָמישע אין דער מענטשהייט).

צי איז עס ראָמען ראָלאַן, וואָס **אידעאַליזירט** זיינע העלדן, ווי טאָלסטאָי, גאנדי, מיקל אנדזשעלאָ, בעטאָווען, דאַנטאָן; אָדער איז עס סטעפאַן צווייג וואָס מאַכט לעבעדיק די העלדן פון ביטערען געראַנגל מיט דער ווירקלעכקייט — ווי עראזמוס פון ראָטערדאַם, מאַגעלאַן, מארי אנטואנעט, מארי פון סקאָטלאַנד; אָדער איז

עס אנדריי מאָרוא וואָס מאָנומענטאַליזירט אויף א בעלעטריסטיש־עסייאישטיש־היסטאָרישן אופן דיזראעלי, שעלי א. א., אָדער איז עס פראנץ ווערפעל וואָס לאָזט אויפפלאמען דאָס פארצווייפלטע און מעכטיקע געשטאַלט פון נביא ירמיהו — קעגן זיין צייט; אָדער איז עס פויכטוואנגער וואָס ווייזט דעם געראנגל פון יוד־זיס, יוזעפוס פלאוויוס — דעם קאמף צווישן גלאנץ און לוקסוס פון איין זייט — און טראַדיציע און קידוש־השם פון דער צווייטער זייט; אָדער איז עס עמיל לודוויג מיט די ביאָגראפיעס פון אייברעהעם לינקאָלן, נאַפּאָלעאָן, געטע, פּרעזידענט רוזוועלט, מיקל אנדזשעלאָ, בעטאָווען, רעמבראנדט; אָדער איז עס געאָרג בריינדיס מיט זיינע קלאסישע ווערק איבער אלעקסאנדער דעם גרויסן, יוליוס צעזאר, געטע, ניטשע, וואָלטעיר; אלע די דאָזיקע ביאָגראפן און אסייאיסטן גלויבן אין דער קראפט פון דער פערזענלעכקייט וואָס שלאָגט זיך מיט די רויע עלעמענטן פון דער ווירקלעכקייט.

באזונדערס איז דאָס קענטיק אין עמיל לודוויגס „דריי טיטאנען": 1) מיקל אנדזשעלאָ; 2) רעמבראנדט; 3) בעטאָווען. אויך אין צייט דערשיינען זיי איינע נאָך די אנדערע, פונקט ווי זיי וואָלטען זיין גלגולים פון איין און דערזעלבער פערזענלעכקייט. און נישט בלויז אין צייט — לויט דעם ווי איינער ווערט געבוירן נאָך דעם צווייטנס טויט, נאָר אויך אין אלע עפּיזאָדן פון זייערע לעבנס — איז עס ווי איין ראָמאן, וואָס וואָלט זיך ציען אין פאָרטזעצונגען. עס איז באמת ווי די עפּישע דערציילונג פון איין מענטשן. אלע דריי טיטאנען זענען אין דער אמתן איין טיטאן. איין ווילדער גאָט פארקערפערט זיך אין די דריי מעכטיקע דערשיינונגען אויף דער ערד. עס ענדערט זיך אויך נישט די צייט. פונקט ווי עס ענדערן זיך אויך נישט די העלדן. מיקל אנדזשעלאָ איז איינזאם דורך זיין גאנץ ריזיק און פיינלעך לעבן. ער איז עקסצענטריש, ווייל די וועלט וויל אים פשוט פארניכטן. ער ראנגלט זיך מיט גוואלט אין דעם מארמאָר, פונקט ווי זיך־טרינקענדיקע מענטשן אין א ים־שטורם ראנגלען זיך אָן די שארפע פעלזן. גארנישט קען מיקל אנדזשעלאָן אָפּרייסן פון די רויטע פעלזן פון קאַראַ. ער פילט דעם סנאָביזם —די נישטיקייט און די אידיאָטישקייט פון די פויפּסטן, קעניגן, קארדינאַלן, מיליטער־יגער און הערשער. ער שמייכלט נישט. ער

זוכט נישט קיין ליבע און קיין פרייד אויסער זיך, ביי די מענטשן. ווען ער איז אמאָל באגייסטערט פאר עמעץ — איז ער נאָר פאר אזא וואָס פארקערפערט מיט זיך שיינקייט, גראציע, ליניען־האר־מאָניע. אזוי אויך גיט ער זיך נישט אָפּ דעם לעבן. ער ווייס די פארגענגלעכקייט פון לעבן. דאָס איינציקע וואָס איז פאר אים רעאַל — איז די העלדן־גאלעריע וואָס ער צויבערט ארויס אין שטיין, וואָס ער דעקט אָפּ מיט א מאכטיקער דעמאָניע, אין די ווילדע, אלטע פעלזן. ער ברעכט די רוקנס פון די פארעקשנטע שטיי־נער, כדי זיי זאָלן באפרייען יענע וויזעס וואָס ער, דער אור־מענטש, האָט אין זיי דערזען — גליענדיק און פלאמענדיק.

באלד נאָך מיקל אנדזשעלאָס טויט — נישט ווייט פון איטאַ־ליען, נעבן א מיל אין האָלאנד, וועט געבוירן ווערן א זון ביי א מילנער און דאָס ערשטע וואָס ער וועט דערזען איז א שפיגל אין שטוב, אן אלטער שפיגל, אין וועלכן ער וועט דערזען זיין אייגן געזיכט. און אויסער דער שטוב וועט ער זען ווי די מיל, אויפן בארג, ברענט אין אן אָרגיע פון זון־פארגאנג־קאָלירן. א גאנץ לע־בען וועט ער לעבן אין פיבער, ווי מיקל אנדזשעלאָ. דאָס וואָס עס פעלט דעם פלאָרענטינער דעמאָן — ליבע, וועט רעמבראנדט דער־גענצען אין זיין לעבנס־קאפּיטל. ער וועט ליבן און ער וועט ווערן געליבט. אָבער ער וועט דאָס בלוט און דאָס פלייש פון זיינע גע־ליבטע פרויען — פארוואנדלען אין פארב, אין גערדיכטן פלייש פון קאָליר, אין וויזיע.

און א גאנץ לעבן וועט ער אריינקוקן אין זיין קינדהייטס־שפּי־געל און זען ווי די צייט שרייבט זיין געשיכטע אויפן פנים וואָס ענדערט זיך יעדער ווייַלע און ער וועט א גאנץ לעבן קוקן צום זון־אונטערגאנג, ווי די שטראַלן טרינקען זיך אין די כוואליעס פונם רהיין, נעבן דער אלטער מיל און באָדן זיך אינם שפּיגל און דאָס ליכט ארום דער מיל — וועט ער מאָלן א לעבן לאנג...

ער וועט פארצערן זיינע געליבטע. ווי קעניג מידאס — וועט ער באזיצן א סך גאָלד און ווי פאר קעניג איוב — וועט זיך דאָס גאָלד פארוואנדלען אין בלאָטע און אין ווערם. פריער וועט ער — דער קעניג, פארוואנדלען די בעטלער אין קעניגען. דאַן וועט ער ווערן אליין א בעטלער און די בעטלער וועלן אויף אייביק פארבלייַ־

בען קעניגען דורך דער דעמאָניע פון זיין קונסט. ער וועט זיך שלאָגן מיט דער וועלט, ווי יעקב מיטן מלאך און ער וועט רעדן לשון הרע אויף רובענסאָן — דעם קעניגלעכן שטאַטסמאַן און דעם פּלאַ־מענדיקן וויזיאָנער. און ווי א בעטלער וועט ער שטאַרבן, דער וועלט־פּרעמדער רעמבראַנדט, וואָס פּאַרוואַנדלט אפילו דעם שטאַר־בענדיקן האַרבסט אין גאָלד און טוט אָן ביזשוטעריע אויף די אַל־טע פרויען אין אגאָניע.

זעט איר נישט און דערקענט איר נישט אַז רעמבראַנדט איז — מיקל אנדזשעלאָ? דערקענט איר נישט אין זיין צייט, רעמ־בראַנדס, די סנאָבען און ציניקער פון וואַטיקאַן, פון קעניגלעכן הויף? די האָלענדישע מלוכה־באַאמטע זענען גלגולים פאַרקליידעטע פון די פּויפּסטן און קאַרדינאַלן.

באַלד נאָך רעמבראַנדס טויט — וועט געבוירן ווערן בייַ א פּלעמישער פאַמיליע א יינגל, לודוויג פאַן בעטאָווען. ער באַווייזט קוים אויסצוואַקסן — ווי דער אַלטער, שיכורער פאָטער פאַרפּיי־ניקט אים און שלאָגט אים צו שפּילן פאַר די פּרינצן און פירשטן פון עסטרייך. און אַזוי שלאָגט אין אים דער אַלטער שיכור אריין די מוזיק מיט געוואַלט. און בעטאָווען קען זיך נישט העלפן. און פון אומגליק צו אומגליק וועט ער גיין דורך זיין גאַנץ לעבן... אַר־מעטום וועלן אים באַגלייטן פּירשטן און שיינע דאַמען. אָבער ער וועט זיי אַלעמען האַסן, זידלען, באַליידיקן. אַזוי טוט מיקל אַנד־זשעלאָ מיט זיינע מעצענאַטן וואָס צווינגען אים צו שאַפן פאַר זיי מאָנומענטן ביים לעבן און מאָנומענטן נאָכן טויט. און ווען זיי שטאַרבן — זאָגן אים זייערע געשפּענסטער נאָך און פאָדערן דעקאָ־ראַטיווע אַרבעטן אויף זייערע קברים. און דער קינסטלער איז אַלט און פאַרפרוירן פון איינזאַמקייט. אַזוי קומט עס פאַר מיטן האָלענ־דישן מייסטער, ווען די זעכצן באַאמטע קומען צו אים ווילן זיך פאַראייביקן מיט זייערע אוניפאָרמען, מיט די העלמען, מעטאַלע־נע קעפּ, מעדאַלן, טאַשמעס, שנורן און שווערדן און דער אַלטער מייסטער פאַררוקט זיי אין דער טיפעניש, פון שאָטנס באַהערשט, וויייזנדיק זייער שטערבלעכקייט און אונוויכטיקייט און ווי זיי פילן זיך באַליידיקט. אַזוי קומט עס פאָר מיט בעטאָווען. ער וועט א גאַנץ לעבן זוכן ליבע — און דער טייוול וועט אים שלאָגן

מיט טויבקייט און מיט יסורים, ווי אמאָל, אין זיין קינדהייט האָט אים דער פאָטער געשלאָגן און ביזן לעצטן טאָג וועט ער ווערן געשלאָגן — ביז דעם לעצטן קלאַפּ וועט אים געבן דער טויט. אָבער דורך דער גאַנצער צייט שאַפט ער און שליידערט צום אוניווערס דעם געזאַנג פון אוניווערס וואָס ריזלט דורך זיין ברוסט און די גאַנצע נאַטור וועט שאַלן דורך אָט דעם געקריינקטן גייסט אין בערג, אין ים, אין וואָלקן און וועלדער. און מענטש און פויגל און חיה און שלאַנג — אַלץ, אַלץ וועט אָט דער טויבער גייסט דערהערן און אָפּשלאָגן זיין עכאָ אין אַ מעכטיקער, שטאָלצער און הערלאַישער מוזיק צו דער אייביקייט — — — —

אָט דאָס האָב איך געוואָלט באַווייזן, ווי אַזוי אַלע דריי טיטאַנען זענען אין דער אמתן איין און דערזעלבער טיטאַן. און דאָס ווערט מולטיפּליצירט. אַלע גרויסע ריזענגייסטער זענען אין דער אמתן פאַרשידענע מעטאַמאָרפאָזען פון איין גוואַלטיק־טראַגישן גאָט און אַזוי פאַרייניקן זיך אין איין וועזן סאָקראַטעס און היינע, פּלאַטאָ און דער רמב״ם, פּינדאַר און מיקל אַנדזשעלאָ, משה און מאַהאָמעט, שעקספּיר און ניטצ׳ע, בודאַ און גליצענשטיין, פּושקין און נאַרוואַלים, ישעיהו און וואָלטעיר, סטראַזמוס און רוסאָ, קהלת און קראָפּאָטקין, רעמבראַנדט און טאָלסטאָי און אַלע, אַלע העלדענגייסטער אין דער געשיכטע פון טאָט און גייסט, און קונסט און קאַמף — אַלע זענען איינע און די זעלבע טעטיקייט פון דעם טראַגישען גאָט.

איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען דער געדאַנק פון עמיל לודוויג — אָדער צופעליק האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין דער רייע, אין צייט־פאַרטזעצונגען. אָבער דאָס איז דער אמת וואָס איך האָב ארויסגעפילט אין לייענען איבער די דריי טיטאַנען. עס איז די מעטאַרמאָרפאָזיע פון דעם גאָט פון געניאַליטעט וואָס קומט צו יעדן דור ווי אַ ריזיק, הימליש פייער — נאָר די מענטשן באַמיען זיך דאָס דאָזיקע פייער אויסצולעשן... אָפטמאָל געלינגט זיי... און אָפטמאָל — געלינגט דעם אַטלעטישן גייסט צו ברענען און צו לייכטן אין דער נאַכט פון דער וועלט־געשיכטע נישט נאָר דורך די יאָרן פון זיין לעבן — נאָר דורך די יאָרטויזנטער פון זיין ווירקונג.

אסקאר או אײלד

אין א פראנצויזישן דאָרף, נעבן דעם ים, האָט זיך פּלוצלונג אין א געוויסן זוניקן יוני־פרימאָרגן באַוויזן א הויכער, פעסטער מאַן, לויט זיין גרויס — א ריז, אַרויסגעוואקסן ווי א דעמב. די איינ־ווױנער פון דאָרף, פישערס און בעלי מלאכות, האָבן מיט שטוינונג געקוקט אויף אָט דעם מאַן וואָס איז ענלעך צו א מאָנומענט אין מאַרמאָר. זיין געזיכט איז געווען גרויס, בלייך, קוואַדראַטנע. פאַר זיין וווקס האָט געפּאַסט א מער־ענערגיש, מער־מענלעך און מער אַנטשלאָסן געזיכט. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט א טיפער טרויער, עפּעס ווי פון א פאַרפאָלגטער חיה, וואָס האָט טאָג און נאַכט נישט קיין רו. א געלער צאָן, ווי פון גאָלד, שטאַרצט אַרויס פון זיין אויבערשטער שורה ווייסע, גלייכליניקע ציין. די נאָז איז גריכיש, גלייכמעסטיק און היפּש, ווי ביי מערסטע מענער פון גייסט. די קליידער זענען געווען אַלטע, אָפּגעטראָגענע און האָבן נאַכלעסיק געהאַנגען אויף זיין ריזיקן קערפּער, וואָס האָט געמוזט זיין אַמאָל נאָך פעסטער. א ריח פון נאַפטאַלין האָט זיך געטראָגן פון די קליידער, קענטיק אז זיי זענען לאַנג געלעגן אין קופערט — אָדער גאָר אין א טרונע... ווערט דאָך דערמאָנט אין דער עוואַנגעליע וועגן דעם מאָדנעם לאַזאַרוס, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים?..

מיט קיינעם האָט דער מאַן נישט גערעדט, אויסער מיט מאַנכע פרעמדע מענטשן, וואָס זענען פון צייט צו צייט דערשינען אין דאָרף מיט א קאַרעטע אָדער דראָשקע. די פרעמדע לייט האָבן אויסגעזען רייך און פאַרנעם, דאָך נישט פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. גיכער זענען זיי געווען — קינסטלער... אינטים פלעגן זיי שפּאַצירן צום ים, פירן דעם איינזאַמען מענטשן ביים אָרעם, ווי ער וואָלט זיין קראַנק אָדער וואַנזיניק. אז דער פרעמ־

דער מענטש איז עפּעס א מערקווירדיקע נאטור — דאָס האָבן אלע געזען. די דאָרפישע מענטשן האָב אינסטינקט און זיי ווייסן אז פון צייט צו צייט באווייזן זיך אין זייער מיטע גאנץ גרויסע מענטשן, וועלכע אנטלויפן פון דער ציוויליזאציע.

ביים ים, ווען די זון פלעגט זיך קליידן אין פורפור־זייד און ווען די כוואליעס פלעגן ווערן אומרואיק, פלעגט ער זיך באווייזן, דער הויכער מאן און קוקן לאנג צום זון־אונטערגאנג, ביז די שאָטענס פון אָוונט האָבן אים איינגעהילט אין טונקלקייט. אויך דאן פלעגט ער זיך נישט רירן פון אָרט און שטיין שטונדן לאנג... אזוי פלעגט דער איינזאמער קארסיקאנער געפאנגענער שטיין אויף די פעלזן פון אינסל סאנקט העלענא און קוקן ארונטער צו די ברויזנדע כוואליעס און זען זיינע ארמייען — מארשירן צום זיג אין וואַטערלו, וווּ ער איז געקרוינט געוואָרן אלס העלד, געפאלענער פון דער וועלט־געשיכטע...

א רויז האָט געצירט זיין רעכטע לאץ און לויט דעם פלעגט זיין קענטיק אז דער פרעמדער מאן, מיטן מאָדנעם, אומבאקאנטן נאָמען סעבאסטיאַן מעלמאָנט, איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש. אמאָל פלעגט ער טיילן נדבות — גאָלדענע מטבעות — צו די קינדער פון דאָרט און דאָס פלעגט ער טאָן מיט דעם זשעסט און גרויסמוטיקייט פון א קעניג... און אפשר איז ער א קעניג — האָבן די איינוווינער זיך געטראכט. א קעניג פון א פרעמדן לאנד... האָבן דאָך די פראנצויזן זייער רויבער־דיקטער, פראנסוא וויאָן, וואָס איז געשטאָרבן ערגעץ אויף א תליה פאר א מאָרד אָדער א רויבעריי, געקרוינט אין דער לעגענדע אלס קעניג פון פראנקרייך... „לע רוא־פאָעט“ — אזוי איז ער באקאנט געוואָרן פאר די קינפטיקע דורות...

טראגיש און נאבלעסיק האָט ער אויסגעזען — אָבער אין זיין געפאלנקייט האָט מען געקענט דערקענען א געשטירצעטן גאָט פון הימלישע טראָנען. עפּעס גרויסעס, מאיעסטעטישעס האָט פון אים געוועיעט. אָן אָרעאָל פון ריינעם זון גאָלד האָט געלויכטן ארום זיין קאָפּ מיט צעפלאָשעטע, שוין לאנג נישט־געשאָרענע האָר...

אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט ווער עס איז סעבאסטיאַן מעלמאָנט... ווער עס איז דער קעניג אין זיין טיפער געפאלנקייט...

עס איז געווען ווי דער קעניג שלמה וואָלט ווידער פאַרוואָרפן געװאָרן פון קעניג פון די שדים, פון אשמדאי, אין ווייטע מרחקים און אין צעריסענע קליידער, אָן זיין גאָלדענער קרוין, וואָלט ער שעפּטשען „אני שלמה!"

אָבער סעבאַסטיאַן מעלמאָנט האָט דאָס נישט געזאָגט. פאַרקערט, ער איז געווען גליקלעך אין זיין איינזאַמקייט, דען ער האָט געזוכט צו פאַרניכטן די שפּורן אונטער זיך און ווי אַ רויבער האָט ער זיך געפרייט ווען דער ווינט האָט די טריט אין זאַמד פאַרווישט...

ביים ברעג פון ים איז געשטאַנען אַן איינזאַמע סטאַטוע פון מאַריאַ, דעם מענטשן זון מוטער. צוויי געלע ליכט האָבן געברענט אַרום איר. פון אַלטע האָלץ איז געווען געבויט דאָסביידל און עטלעכע אַליוון-ביימער האָבן געשפּרייט שאָטנס אַרום. דאָרטן פלעגט מען אָפט זען דעם פרעמדן קעניג, טרערן זענען געפלאָסן פון זיינע טרויעריקע אויגן און ער פלעגט טיף אַריינקוקן אין די אויגן פון דער געפאַרבטער פרוי... זוכט ער פאַרגעבונג? איז ער אַ בעל-תשובה? איז ער גרויסן פאַרברעכן באַגאַנגען? ווער ווייסט...

דאָס הויז וווּ סעבאַסטיאַן מעלמאָנט האָט געוווינט, איז אויך געשטאַנען ביים ים, אויף אַ בערגל און אויפן גאַנעק פלעגט מען אָפט זען זיצן דעם מאַן און נעבן אים — אַ הויכער, שלאַנקער פּודעל, צו וועמענס פּיסק סעבאַסטיאַן מעלמאָנט פלעגט דערלאַנגען שטיקער בלוטיקע פלייש. אַ בערגל מיט ביכער פלעגט שטיין אויף אַ שטול. אָפט פלעגט ער נעמען אַ שווערן בוך, עפענען, אַ קוק טון און, אַ נערוועזער, אַ מידער, אים באַלד צוריק לייגן. דערפאַר פלעגט ער ווענדן זיינע אויגן צום הימל, לייענען אין די וואָלקנס די געשיכטע פון גאָט און אַזוי לאַנג זיין פאַרטיפט אין דער בלויער אומענדלעכקייט...

און אַזוי ווי ער איז פּלוצלונג דערשינען, אַזוי איז ער אין אַ טאָג פּלוצלונג פאַרשוווּנדן. די איינוווינער האָבן זיך אַלץ געוווּנדערט און דערציילט אפילו פאַרשידענע לעגענדעס וועגן אים. דאָך איז מיט דער צייט זיין עקזיסטענץ בלייך געוואָרן אין זייער זכרון... בלויז איינמאָל איז אָנגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטער בריוו צו דער מאַדאַם פון הויז, וווּ ער האָט געוווינט. דער בריוו איז נישט

געווען אויפן נאָמען פון סעבאסטיאן מעלמאָנט — נאָר האָט זיך גאָר געלעזן: „מאָנסיער אָסקאר ווײַלד״...

אָסקאר ווײַלד?... הייסט עס אז ער איז דאָ געווען אונטער א פארשטעלטן נאָמען און, אָסקאר ווײַלד, האָבן זיך די איינ־ווױנער דערמאָנט, איז דאָך גאָר דער „סעקסועלער פארברעכער״ מיט וועמען די צייטונגען האָבן מיט איבער צוויי יאָר צוריק זיך אזוי פיל פארנומען... אָט דער לומפּ! ווען זיי ווייסן, וואָלטן זיי אים פון זייער ערלעכן דאָרף פארטריבן ווי א משוגענעם הונט...

קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאלן אז דער אמתער נאָמען פון אָסקאר ווײַלד איז געווען סעבאסטיאן מעלמאָנט — אז אָט דער אמאָליקער קעניג פון זון, האָניג און ווײַן איז געווען ערשט ארויס פון קערקער און אז ער איז געקומען זוכן רו, ווידער זיך צוזאמענעמען און שרייבן א גרויס ווערק, ווו ער זאָל זיך רעהאַ־ביליטירן... אָבער דער גייסט פון פארפאָלגונג האָט אים גע־פּייניקט. דער, וועמען עס טרעפט א גרויס אומגליק, פּלוצלונג, ווי א בליץ — קען זיך קוים באהערשן. אָסקאר ווײַלדן האָט אזא בליץ געטראָפן און, ווען ער האָט געזען אז די שטילע געגנט פון דאָרף, די קלאָרע ים־לופט, די נאטור־שטילקייט — קענען אים נישט העלפן, איז ער פון דאָרט אוועק אין פאריז, געלעבט אין א וואנ־ציקן האָטעל ווו ער איז אין א שרעקלעכן צושטאנד אויסגעגאנ־גען... דער מאן וואָס האָט זיין גאנץ לעבן אזוי הערלאיש געדינט דעם גאָט פון שיינקייט, דער העדאָניסטישער רעליגיע — דערזעל־בער איז געשטאָרבן א צעפרעסענער פון סיפילים, א באליידיק־טער פון גאנץ ענגלאנד און בלויז געטרייסט פון ווייניקע איינצלנע...

אָ, ווען די דאָרפישע איינוווינער וואָלטן געוווסט אז דאָס איז אָסקאר ווײַלד — וואָלטן זיי אים געקרייציקט פאר זיינע זינד... זיי האָבן נישט געוווסט אז ער האָט זיך שוין לאנג אליין געקרייציקט און מער ווענן אָסקאר ווײַלדן האָבן זיי נישט גע־וווסט, ווי דאָס אז ער איז א סעקסועלער פארברעכער... מער ווי דאָס האָבן זיי נישט געוווסט...

א מין מארקיז דע סאָד איז ער פאר זיי געווען — ער, אָסקאר ווײַלד, דער טראגישער מענטש, דער הערלעכער דינער

אין טעמפל פון שיינקייט, ער, וואָס האָט געוואָלט דאָס לעבן אָנ־פילן מיט די צויבערן פון־קונסט...

איז גאט - א מאטעמאטיקער?

לעצטנס איז געשטאָרבן דער בארימטער וויסנשאפטלער און מיסטיקער סער ארטור לאדזש. א סך איז געשריבן געוואָרן וועגן אים אין אן איראָנישן אופן. אזוי אז נישט מיין באציאונג צו דער טעאסאפיע און ספּיריטואליזם. איך חוזק נישט און נעם שטענדיק ערנסט די געביטן ווו דער מענטש פּרוווט דערגרייכן דעם גרויסן אמת פון אוינוועדם אויף אן אינטואיאטיוו־נשהמהדיקן ארפן. וואָס מיר שאקירט אָבער אין מאנכע טעאָסאפן און ספּיריטואליסטן איז דאָס וואָס זיי באשטעטיקן אלץ פאר לויטער אמת. זיי קענען אייך אויסטראכטן די גרעסטע פאנטאזיעס און בייז זיין אויף אייך אויב איר גלויבט נישט. אָט די זיכערקייט איז מיר דערווידער. דאָס האמלעטישע צווייפלען איז מיר נענטער. דאָס פּאסקאלישע מעדיטירן — שענער. די טעאסאפן נעמען סרוב ריינע פאנטאזיע און גיבן עס אייך פאר לויטער אמת.

אויב איר דערווידערט זיי — ענטפערן זיי אייך מיט א פראגע: און דאָס וואָס איר שרייבט — איז אמת?

איז, ערשטנס: דאָס וואָס איך שרייב — פארקויף איך קיינעם ניט אלס לערע, וואָס מוז זיך באגרינדן אויף אמת. צווייטנס — אויב ליטעראטור און קונסט איז נישט דירעקט, ליטעראריש — אמת, איז עס אָבער אמת אין אלגעמיין. א שריפטשטעלער מעג אויסטראכטן פּאסירונגען, סיטואציעס און העלדן. אָבער — אָט די אלע אויסטראכטונגען זענען גענומען פון לעבן און זענען אמת אויף אזוי ווייט אויף וויפל דאָס קונסטווערק גיט א רעאליסטישע בילד פון דער געזעלשאפט.

אָבער, טראָץ זייער זיכערקייט אין זיך — האָבן די טעאסאפן און ספּיריטואליסטן פאָרט א סך אמת און א סך שיינקייט. נאָר פון

צייט צו צייט בענקט זיך מיר צו דער ריינער וויסנשאפט. די וויסענשאפט האָט די מעלה וואָס זי פאָרשט גרינטלעך אוים די מאַטעריעלע וועלט און — צווייפלט אין אלץ, באזונדערס איז עס דער פאל מיט דער וויסנשאפט פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט. אין די פארגאנגענע יאָרהונדערטן איז די וויסנשאפט אויך געווען זיכער אז זי האָט אנטדעקט די לעצטע אמתן. נאָכדעם אָבער ווי זי האָט זיך איבערצייגט אז אלץ נייע אמתן קומען אויף און לייקענען אָפּ די אלטע אָדער מאָדיפיצירן זיי גענצלעך — האָט די וויסענשאפט איינגעזען אז זיכערקייט איז בלויז א שטערנדע זאך, וואָס איז דער שונא פון אנטוויקלונג. צווייפל איז דער פרוכטבאַרער געדאנק אין דער מענטשלעכער קולטור בכלל.

אויך איך צווייפל — ווייל איך דערגיין דעם אמת. אויב איך צווייפל בין איך צופרידן און בין א זוכער און פּאָטענציעלער אנטפלעקער פון נייע אמתן.

אָבער, מיר דאכט — דורכלייענענדיק ביידע ווערק פון דעם עמינענטן וויסנשאפטסמאן און מאטעמאטיקער, זשינס — אז די מענטשהייט וועט שוין אייביק אזוי צווייפלען. דען דער לעצטער אמת פון דער סובסטאנץ וועט זיך קיינמאָל נישט אנטפּלעקן... מיר מענטשן, זענען געגליכן צו דעם פּובליקום וואָס באאבאכטעט א סצענע מיט אקטיאָרן... מיר זעען דאָס שפּיל... דעם אינערלעכן מהות און זין פון די אקטיאָרן, דאָס אזוי גערופענע הינטערקוליסן לעבן פון קאָסמאָס — וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגיין. אָדער — פּלאטאס משל איז דער ריכטיקסטער; מיר זיצן אין א הייל און זעען בלויז אויף אן אנטקעגנאיבערדיקער וואנט די שאָטנס פון דער אויסנוועלט... מיר אורטיילן אלץ לויט די שאָטנס און נעמען זיי אָן פאר עיקר־געשטאלטן... מיר זיצן אייביק אין א הייל און — מיר אָבסערווירן בלויז די דערשיינונגען פון זאכן. לויט די דערשיינונגען אורטיילן מיר די וועלט.

די געשיכטע פון דעם מענטשנס אויסטייטשן דעם אוניווערס — דאָס איז די געשיכטע פון אונזער קולטור. ווען די ערשטע אסטראָנאָמען, די מענטשן פון די פארצייטיקע פעלקער אין אָריענט, האָבן א גרופּע שטערן אויפן הימל אָנגעוויזן צו זיין בערעניקעס האָר — שוין דאן האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן די מענטשלעכע

קולטור. וואָסאַרא ריזיקן שריט די אסטראָנאָמיע האָט געמאַכט זייט יענעם גרויסן אָוונט, ווען אין די טיציאַניש־בלאָנדע שטערן האָבן די אַלטע פעלקער געזען בערעניקעס פרעכטיקע האָר. נאָכ־דעם ווי זי האָט געשווירן אַז אויב איר מאַן, פּטאָלעמעאוס דער דריטער וועט זיך צוריקקערן פון קריג — וועט זי זיך אָפּשערן די גאָלדענע האָר פאַר אַ קרבן צו די געטער... און פונם טעמפּל זענען זיי געוואָרפן געוואָרן צום הימל און אויף אייביק לייכטן זיי שוין — אָט די טיציאַניש־בלאָנדע, קעניגלעכע האָר פון אַ נאָבע־לער דאַמע אין דער וועלט געשיכטע.

אין זיין ווערק וועגן דעם גאַנג פון די שטערן — איז זשינס פּשוט און באַלערנדיק. ער גיט איבער אַ גוואַלטיק בילד פון אוּ־ניוועּרס, לויט די לעצטע סך הכלען פון דער אסטראָנאָמיע — די פּאָעטישסטע וויסנשאַפט אין דער וויסנשאַפט.

דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער איבערזיכט איבער דעם טראַנספּאַ־רענטן קאָסמאָס. מיר ווייסן וועגן דער גוואַלטיקער צאָל שטערן און נעבולאַס אין רוים. מיר קענען מעסטן זייער ווייטקייט און וועגן זייער וואָג. מיר קענען באַשטימען ווען זיי זענען געבוירן געוואָרן און ווען זיי וועלן שטאַרבן. דען די שטערן אין הימל — ווי די מענטשן אויף דער ערד — האָבן זייער געבורט, ווען זיי גלאַנצן רויט און זענען ריזיקע קינדער פון גאָט. זיי ווערן באַלד געבוירן — גיגאַנטן. זיי עלטערן זיך אויך גיך. אינגאַנצן אין אַ מיליאָן יאָרן ווערן זיי אַלט. פאַרלירן פון וואָג. ווערן אויסגעצערט פון זייער אייגענעם עלעקטרישן לייכטן. ווערן בלוי. דאַן — ביים ענדע ווען דאָס קבר איז נאָענט, ווערן זיי ווידער רויט. אָבער, עס איז דער לעצטער צאַנקענדיקער אויפבליץ פון אַ ליכט. זיי ווערן קליין און איינגעשרומפּן. אַ טייל שטערן זענען שוין לאַנג טויט. נאָר מיר קוקן אויף זיי נאָך מיט אַזוי פיל באַוווּנדערונג. דאָס איז דערפאַר וואָס עס נעמט הונדערטער טויזנטער יאָרן ביז זיין ליכט דערגרייכט צו אונז. מיר קוקן אויף אים און זעען זיין געבורט. אָבער דער שטערן איז לאַנג שוין טויט... ווי קלינגט עס טראַגיש און פּאַטעטיש. און אַזוי שטאַרבן די שטערן און די זונען אין די ווייטע נעבולאַס — די שטעט פון שטערן — אַנטוויקלען זיך אויך גוואַלטיקע סיסטעמען, כדי צו שטאַרבן. און אַלץ אין אוניווערס

האָט זיין געבורט און זיין טויט. עס ברענט זיך פּשוט אויס. די מאַטעריע פאַרלעשט זיך. די אַטאָמען, די עלעקטראָנען פאַרוואַנדלען זיך אין אַלע שוואַכע מאַטעריאַלן — און אַזוי ווי ראַדיום ברענט זיך יעדער סעקונדע אויס און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּיל ביליקערן כעמישן באַשטאַנד־טייל — אַזוי ברענט זיך דער קאָסמאָס אויס. דערצו ווערט דער רוים פּיל פאַרגרעסערט. ער ווערט גע־שוואָלן ווי אַ פאַרביקע זייפענבלאָז. די שטערן טראָגן זיך יעדער ווילדע מיט אַ ריזיקער שנעלקייט אין רוים, טיילן זיך אָפּ קעגנזיי־טיק אויף אַלע ווייטערע שטרעקעס, מיר — מיט אונזער פּלאַנעט, פּלאַנעטן און זון — טראָגן זיך אויך אין אַן אומבאַקאַנטער ריכ־טונג. דער מאַגנעטיזם פון דער זון — דורכדעם וואָס די זון פאַר־לירט איר ליכט־כוח — ווערט שוואַכער. אַלס רעזולטאַט רוקן זיך די פּלאַנעטן אַלץ ווייטער אָפּ פון איר אין זייערע אַרביטעס־וואַנדערונגען. דער אוניווערס ווערט ריזיק גרויס. די ענערגיע — פאַרוואַנדלט אין ראַדיאַציע, וואָס שטאַמט אויס אין די ווייטע רוימען־האָריזאָנטן. אַזוי ווי אַ קינסטלעכער זייפן־בלאָז — אַזוי ווערט ער גרויס און — וועט ער פּלאַצן?

אין פאַרגלייך מיט אָט דעם מעכטיקן זייפנבלאָז — איז אונ־זער מענטשלעכע געשיכטע — בלויז אַ פּינטל פון אויג. אַ ציטער מיט אַ ברעם אַנטקעגן דער צייט פון קאָסמאָס־עקזיסטענץ. מיר זע־נען בכלל נישט אין פּלאַן פון גאָט. מיר זענען אָפּגעריסן געוואָ־רען פון דער זון — אַלס פּלאַנעט, צוזאַמען מיט די אַנדערע פּלאַ־נעטן, אויפן זעלבן אופן ווי גאָט האָט אָפּגעריסן אַ ריפּ פון אָדם און באַשאַפן די אומשטערבלעכע חוה... קלינגט ניט די טעאָריע ענלעך? אַ ריזיקער שטערן האָט זיך דערנענטערט צו דער זון און מיט זיין אומגעהויערן מאַגנעטיזם אָפּגעריסן שטיקער מאַטעריע פון דער זונס קערפּער. די שטיקער האָבן זיך אין אינערציע גע־דרייט און געבילדעט די פּלאַנעטן — אייביק זייענדיק פאַראור־טיילט צו דרייען זיך אַרום דער זון און שעפּן ליכט, לעבן, יניקה — פון דער פלאַמענדיקער מוטער.

ווען דער פּלאַנעט ערד האָט זיך אָפּגעקילט און די אַטאָמען האָבן אין משך פון מיליאָנען יאָרן זיך קאָמבינירט — איז איינ־מאָל, דורך אַ צופאַל — אַנטשטאַנען לעבן... ווען מאַלפּעס זאָלן

מיליאָנען יאָרן לאַנג זעצן מיט די האַריקע הענט אויף טייפּרייי־טערס — וואָלטן זיי דאָך אַמאָל אויסגעקלאַפּט שעקספּירס אַ סאָ־נעט...

מיר זענען אַלזאָ אַ צופאַל... אויב אַ צופאַל — מיט וועלכע ר׳עכט רעדן מיר וועגן דערגיין צום קאָסמישן פּלאַן. וועגן דעם אַז גאָט באַהאַנדלט אונז ברוטאַל. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דאָ איובס טענות? אויב מיר זענען די אומגעבעטענע בעטלערס אויף אַ פרעמ־דע חתונה — טאָ וואָס ווילן מיר פון די מחותנים? האָבן זיי אונז דען אין זינען? אויב מיר זענען נישט קיין טייל פון אוניווערס — נאָר בלויז אַ צופאַל — טאָ ווי קענען מיר אפילו האָפן צו פאַר־שטיין דאָס גאַנצע? מיר זענען די אינסעקטן וואָס ווערן פאַר־ניכטעט און אין זייער נאַיוויטעט טענהן זיי אַז דער אוניווערס איז אומגערעכט און אַז גאָט באַציט זיך ברוטאַל צו די אינסעקטן — וואָס זענען דאָך זיכער — לויט זייער סוביעקטיווער אויפפאַסונג — דער זין פון אוניווערס... אָט דער ביישפּיל קען גלענצנד כאַ־ראַקטעריזירן די טענות פון אונזערע שאָפּענהויערס, טאָלסטאָיס, לעאָפּאַרדוס און ניטשעס...

אָבער — פרעגט זשינס — פונקט ווי ער פרעגט פריער וועגן דעם שטאַרבענדיקן אוניווערס — זענען מיר טאַקע בלויז אַ צו־פאַל? האָבן מיר יאָ אַ זין? מיינט עס טאַקע אַז אַלע אונזערע אָנ־שטרענגונגען זענען אומזיסט? אַז מיר דערגייען צו אַ קאַלאָסאַלן טויט אין אוניווערס? אויב אַזוי, האָט דאָך גאָרנישט קיין זין, מעגן מיר דאָך איינפּאַקן די קרעמלעך און גיין שלאָפן. וואַרטן אויפן טויט פון אוניווערס...

דער גרויסער לאָגיקער זשינס פּרוּווט אין זיין ווערק „דער מיסטעריעזער אוניווערס" — געבן אַן ענטפער אויף אָט די אַלע פּראָבלעמען. אָבער — באַפרידיקט ער מיך? וואָס פּרוּווט ער זאָגן? געלינגט אים אויפצוהויבן דעם פאַרהאַנג פון דער יצירה? וועט עס דען בכלל געלונגען אויפצוהויבן דעם פאַרהאַנג אַמאָל? (איר־בעריקענס, די טעאָסאָפן טענהן אַז סאיז נישטאָ קיין פאַרהאַנג... פּשוט: די גאַנצע פאַרשטעלונג קומט פאַר פאַר אונזערע אויגן... די מאַטעריעלע וועלט אין וועלכער מיר לעבן — איז גלייכצייטיק די גייסטיקע וועלט אין וועלכער מיר דערקענען גאָט. (אַז אונזער

אוניווערס איז דער א י י נ צ י ק ע ר א ו נ י ו ו ע ר ס — איז אויך געניינט צו דענקען די מאָדערנע וויסנשאפט, אינגאנצן א באווירקטע פון פראָפ. אלבערט איינשטיינס שטוינענדע טעאָריעס...)

אלזאָ — לאָמיר פארלירן א פּאָר ווערטער אויף זשינס „דער מיסטעריעזער אוניווערס".

* *
*

געוויינלעך, דערוואַרטן מיר פון אזא ווערק ווי זשינס „דער מיסטעריעזער אוניווערס" — מער, וויפל עס קען אונז געבן. מיר דערוואַרטן בכלל מער פון יעדער לוסט־זאך אפילו, ווי עס קען אונז געבן...

זשינס פרעגט זיך אינם ערשטן קאפּיטל „דאָס שטארבן פון דער זון" די אלע אויבנדערמאָנטע פראגן. פראגן וועלכע די וויסנשאפט פּרוווט לעזן אויפן עמפּירישן אופן, בעאָבאכטענדיק די דערשיינונגען פון דער נאטור און, וועלכע די פילאָסאָפיע פּרוווט לייזן אויפן ספּעקולאטיוון אופן — מיטן געדאנק באטראכטנדיק די נאטור און געבנדיק א לאָגישן אנאליז.

זשינס גייט דעריבער דורך אין זיינע נעקסטע דריי קאפּיטלעך די געשיכטע פון דער וויסנשאפט, באזונדערס דעם נייגצענטן יאָרהונדערט, ווו עס איז געווען פּאָפּולער די מעכאניסטישע אויפפאסונג פון אוניווערס, באקומענדיק איר שטארקסטן אפּאָסטאָל אין ניוטאָן, דעם באגרינדער פון דער קאָסמישער גראוויטאַציע.

ער ווייזט אָן, זשינס, ווי אונטער די האמער־קלעפּ פון פּלאנקס „קוואנטום טעאָריע" און איינשטיינס ספּעציעלע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע — האָבן געפּלאצט די מעכאניסטישע אילוזיעס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם קאָסמאָס ווי א גוט־איינגעאָרדנטע מאשין. זשינס ווייזט אָן אין א פּשוטער שפּראך, אין א פיינעם רואיקן אופן, ווי אזוי די וויסנשאפט האָט פּראָגרעסירט, ווי אלטע געטער האָבן געקראכט. ער ווייזט אויף די אמאָליקע וועלט פון אטאָמען, די וועלט ווו מאטעריע איז געווען אנגענומען אלס איר באשטאנד־

טייל און אלס א סאָלידע זאך — איז פאַנאַנדערגערונען ווי א חלום. נישטאָ קיין הארטע, סאָלידע מאטעריע. מאטעריע ווערט בסדר פארוואנדלט אין ענערגיע. ענערגיע איז וואָס שעפּט זיך אויס, ברענט זיך אויס. לויט פּלאנקען האלט דער אוניווערס די זעלבע מאָס ענערגיע פאר אויסשטראלונג, פיבער, ראדיאציע, אלע צייטן. מיר זעען אָבער אז ענערגיע ווערט פארניכטעט. דער אוניווערס גייט דורך א ריזיקן ענטראפּיע־פּראָצעס, וואָס וועט צופירן צו איר טויט. אלץ לייזט זיך אויף. „צייט" און „רוים" — די בעסטע פונדאמענטן פון אוניווערס — האָבן אבסאָלוט פארלוירן זייער ווערט. צייט איז א פערטעדימענסיע. פּונקט ווי עס איז דאָ אין רוים אן „אונטן" און אן "אויבן" — אזוי איז דאָ א „פריער" און א „שפּעטער". אין צייט. נעמט אוועק די דריי דימענסיעס פון רוים — און צייט עקזיסטירט נישט. איך לעב 80 יאָר! אָבער אז איך ווער נישט געבוירן — איז נישט פאראן קיין אכציק יאָר. זאָל רוים אויפהערן צו עקזיסטירן — עקזיסטירט אויך אין דעם מאָמענט קיין צייט נישט. זייגערס האָבן געשאפן צייט. אויך — צייט קען ביי געוויסע באדינגונגען געקירצט און פארלענגערט ווערן. „צייט" און „רוים" זענען אילוזיעס פון דער מאטעריע. די צייט פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז בלויז א פּאָר טיק־טאקס פון דעם אסטראָנאָמישן זייגער. און די צייט אין וועלכער דער אוניווערס עקזיסטירט — איז בלויז א פּאָר טיק־טאקס אין דעם גוואלטיקן גאָרנישט וועלכן מיר רופן „אייביקייט", וואָס — לויט איינשטיין, עקזיסטירט בכלל נישט קיין אייביקייט. בערענסאָן איז שוין דאָ גערעכט: די צייט איז דער ד ו י ע ר פ ו ן ל ע ב ן. קיין אייביקייט, אין שפּינאָזישן זין, עקזיסטירט נישט. אלע צייטן גיסן זיך אריין אין דער אייביקייט — לויט שפּינאָזא. אייביקייט איז אן אָנגענעמע זאך, ווי אן איבער־צייט. אויב אָבער צייט איז א פּראָפּערטי פון דער זאך, פון מאטעריע— שטארבן די צייטן מיט די זאכן און — קיין אייביקייט עקזיסטירט נישט. (אגב, דאָס לעצטע איז מיין אייגענער חשבון...)

זשינס האלט — אין הסכם מיט דער מאָדנער פיזיק — אז דער אוניווערס איז בלויז איינער. אז רוים איז באגרענעצט, ווייל דאָרט ווו עס הערט אויף די וועלט פון שטערן — דאָרטן הערט

אויף די וועלט, אז רוים איז רונד, גלאָבולאַר, ווי די ערד — ווייל רוים נעמט אָן די פאָרם פון דער מאטעריע אין איר. ער האָלט אויך אז פונקט אזוי ווי דער רוים — וואָס האָט א מעסטונג — און ווערט אויסגערעכנט צו באַשטיין פון 500 מיליאָן ליכט־יאָר — דאָס הייסט די צייט וואָס עס נעמט א ליכטשטראל דורכ־צוגיין דעם אוניוועַרס לויט 186 טויזענט מייל א סעקונדע — אזוי האָט אויך צייט געהאט אן אָנהויב און וועט האָבן אן ענדע.

נאטירלעך קען מען נישט גאראנטירן אז פאר אונז האָבן עק־זיסטירט אזעלכע אוניווערסן ווי אונזער. אָדער אז נאָך אונז, נאָך דעם ווי דער אוניוועַרס וועט דערגיין צו זיין קבר — וועלן עקזיסטירן ניי־געבוירענע אוניווערסן. די אַלטע טעאָריע פון ציק־לען קען זיין מעגלעך. אויך — אונזער אוניוועַרס איז אָפּגעשלאָסן און באַשטימט פון שטערן און נעבולאַס. אויב אַנדערע אוניווערסן עקזיסטירן — מוזן זיי אויך זיין אָפּגעשלאָסן אין זיך. באַזונדערע איינהייטן.

זשינס גיט אָפּ א סך פלאַץ דער פאָרשונג פון עלעקטראָנען, דער אייגנשאַפט פון דער ענערגיע פון דער וועלט, וואָס האָט א כוואַליע־אַרטיקע פאָרם און איז — ליכט. אין דעם זין באַ־שטעטיקט זיך די פראזע פון תנ״ך, וואָס זאָגט אין בראשית פון דער וועלט: „זאָל זיין ליכט". די וועלט איז טאַקע — בלויז ליכט און גאָרנישט מער. מאטעריע זענען עלעקטרישע כוואַליעס וועלכע וואַנדערן לאַנגזאַם בשעת ליכט־כוואַליעס וואַנדערן מיט ליכט־שנעל־קייט (די זעלבע 186,000 מייל א סעקונדע).

דאָס זענען אַלץ וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען און פאָדערן אויך א מער־וויסנשאַפטלעכע שפּראַך. די הויפּט־זאַך: וואָס זאָגט פאָרט זשינס וועגן אונזער קאָסמישן גורל?

ווי שוין דערמאָנט, זשינס איז א פּאָזיטיוויסטישער וויסנשאַפטס־מאַן. ער האָלט נישט פון קיין אילוזיעס. די וויסנשאַפט איצט איז א כאָאָס. נישטאָ מער דער גלויבן אז עס איז אַנטדעקט געוואָרן דער לעצטער אמת. מיר קענען דורך נייע פאָרשונג — אין א קור־צער צייט רוים — זיין געצוווּנגען צו מאָדיפיצירן אונזערע טע־אָריעס. דעם מהות פון אוניווערס קענען מיר נישט דערגיין.

אויב דער אוניווערס האָט אן אָנהויב און אן אנדע — און אויב דער אוניווערס — ווי זשינס צילט צו באַווייזן — איז שטארק ענלעך צו א מאטעמאטישע פאָרמולע, צו א גרויסן גע־דאנק פון א מאטעמאטיקער — דאן האָט אָט דער געדאנק געמוזט דורך עמעץ געדענקט ווערן איידער ער איז געווען עקזיסטענץ.

דאָס הייסט אז זשינס קומט דאָ פראָסט פשוט צו צו א ריין־רעליגיעזן שטאנדפונקט — אז א שעפער האָט געמוזט דענקען דעם גרויסן געדאנק — דעם אוניווערס. אויב אלזאָ מיר נעמען שוין אָן די עקזיסטענץ פון אן אויסען שטייענדיקן גאָט־מאטעמאטיקער — קען מען דאָך שוין אויך אָננעמען אז דער אוניווערס האָט יאָ א זין, אז צופאל — הגם אין דער ריזיקער צייט פון אוניווערס האָט צופאל, שאנס — א ריזיקע ראָלע און באדייטונג — איז נישט אלץ. אז אויסער דעם צופאל — עקזיסטירט דעטערמינאציע, פלאן, פאָראויסבאשטימונג און — אָרדנונג, זין, לאָגיק און געדאנק. אויב א שעפער — געשען דאָרט פאָרט זאכן לויט זיין ווילן און לויט זיין פארשטאנד. הייסט עס אז די וועלט איז נישט הפקר, נישט קיין בלינדע מאשין, וואָס ארבעט פון אייביקייט צו אייביקייט.

אויב אויך דער אוניווערס איז — געדאנק, דאן איז דאָך א ו נ ז ע ר ג ע ד א נ ק אין אקאָרדס מיטן גרויסן קאָסמישן געדאנק. דאן זענען מיר אליין אויך נישט קיין צופאל... דאן זענען מיר דאָך א טייל פון דער העכסטער שעפערישקייט פון אוניווערס — ווייל מיר זענען געדאנק, דענקען, באוווסטזיין.

אויב אזוי — דרינג איך מיר שוין פאר זיך אליין — איז דאָך שפינאָזא ווידער גערעכט: אז דער הויפט־אטריבוט פון גאָט — איז געדאנק און אויסשפרייטונג, רוים. און אז די עוואָלוציע פון מענטש איז אין איינשטימיגקייט מיטן מהות פון אוניווערס — מיט גאָט.

אָבער — שפינאָזא איז אומגערעכט — אָננעמענדיק זשינס טעזע אז גאָט איז אויסער צייט און רוים, ווייל ער האָט דאָך גע־מוזט זיין פ ר י ע ר, כדי צו שאפן צייט־און־רוים־און־מאטע־ריע. אלזאָ — גייען מיר דאָ צוריק צו דעם יידישן רעליגיעזן גע־דאנק אז גאָט איז א י ב ע ר ד ע ר וו ע ל ט. מיר נעמען

הייסט עס צוריק אָן דעקארטס דואליזם — און מיר ווארפן אָפּ דעם פאנטעאיזם אז גאָט איז א י ן דעם אוניווערס.

עס פאָלגט אויך אז אָפילו נאָכן טויט פון אוניווערס — בלייבט עקזיסטירן זיין שעפער, דער דענקער — איז, אויב ער בלייבט לעבן און אויב זיין פּראָפעסיע איז שאפן וועלטן — איז גאנץ ווארשיינלעך אז נאָך אונזער אוניווערס־לויה — זאָל ער שאַ־פען נייע וועלטן.

הכלל, ווי איר זעט — פּירט זשינס אוים ווי אן עכט־רעלי־גיעזער מענטש. אלע מוזן זיך ווענדן שליסלעך צו גאָט — ווי אן ארכימעדעס־פּונקט, פון וואנען אוים צו קענען געבן די גרויסע אור־זאך און דעם פינאלן זין פון דעם גאנצן. פארפאלן. מיר קענען אין זיך אליין נישט אלע דערקלערן און באלייכטן. מיר מוזן אָנקומען צו גאָט — זאָל זיין אפילו א מאטעמאטיקער — כדי אויף אים ארויפצווארפן די גאנצע שולד פון אונזער עקזיסטענץ...

נאטירלעך — דרינגענדיק פון דעם, קען שוין דער רעליגיע־זער מענטש וועבן זיינע מחשבות וועגן א וועלט־געוויסן, וועגן א לעבן נאָכן טויט, וואָס דער לאָגישער שכל פּאָדערט און אזוי ווייטער...

ארטור רעמבאָ

עס איז געוואָרן 50 יאָר זינט דעם טויט פון ארטור רעמבאָ. און הגם איך האָב שוין וועגן אָט דעם גיגאַנט אין לעבן און מער־טעאָר אין דער ליטעראַטור — געשריבן דריי ארטיקלען, מער גרינטלעכע ווי דאָס איצטיקע, דאָך רייסט זיך די עקסטראַוואַגאַנטע פען ווידער צו שרייבן אין התלהבות ביים דערמאָנען דעם דאָזיקן זעלטענעם נאָמען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור: ארטור רעמבאָ...

אין די מערסטע פראַנצויזישע ליטעראַטור־געשיכטעס איז אפי־לו אָט דער נאָמען נישט דערמאָנט. פונדעסטוועגן האָט יעדער פראַנצויזישער שריפטשטעלער דרך־ארץ פאַר דעם מערקווירדיקן פּאָעט, וואָס האָט ביי 18 יאָר שוין געהאַט געענדיקט זיין ליטע־ראַרישע קאַריערע. אָבער אייגנטלעך קען מען נישט זאָגן „געענ־דיקט". קיינער ווייסט נישט ווו און ווען די ליטעראַרישע קאַריע־רע הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך, בפרט ביי אַזאַ קינסטלער ווי רעמבאָ. וואָלט רעמבאָ געלעבט לענגער — וואָלט ער פיליכט ווי־דער אָנגעהויבן צו שאַפן און אַלץ דאָס וואָס ער האָט איבערגע־לעבט ביז זיין פופציקסטן לעבנסיאָר — וואָלט פיליכט ווידער באַקומען זין און באַדייטונג. אָבער רעמבאָ איז לויט זיין מעכטיקן כאַראַקטער געווען עפּעס מער ווי א קינסטלער, וואָס באַנוגנט זיך מיט זיין שאַפן אין געביט פון דיכטונג. ווי בייראָן, דער לאָמער בליץ אויפן הימל פון דער ראָמאַנטיק — האָט ער געמוזט אויס־לאָדן זיין ענערגיע אין לעבן, אין העראָאישער אקציע, און דראַ־מאַטישער האַנדלונג. פאַר אים איז ווייניק געווען איבערצולעבן אין דער פאַנטאַזיע זיין געוואַלטיקע דיכטונג. ער איז אליין געווען א העלד פון א העלדישער דראַמע. ער איז געווען פאַרפאָלגט פונם

גורל. דער פאטום האט אים נישט געגעבן קיין פרייען מאמענט אפ־צואטעמען. זיין גאנץ לעבן איז אויסגעפילט מיט אינהאלט און שאפונג. מיט א פראקטישן חוש פאר גוואלטיקע אונטערנעמונגען.

ארטור רעמבאס שטורמיש לעבן הויבט זיך אן אין יענעם מאמענט ווען דער פראנצויזישער פארנאסיסט פאול ווערלען לאדט אים איין צו זיך, אין פאריז. דער יונגער רעמבא, זיך שטיקענדיק אין דער פיליסטערישער אטמאספערע פון שארלעוויל, האסנדיק די דיקטאטארישע מוטער — קומט קיין פאריז און ווערלען, אנ־שטאט צו זען א דערוואקסענעם מאן, א רייפן מענטש — דערזעט גאר א יינגל פון זעבצן יאר... אין פראווינציעלער קליידונג. מיט אויגן — פלאמענדער ווי ביי צעאוס. מיט א קאפ רויטע לאקן, צעפלאטערטע, וואס ליידן נישט קיין הויט און קיין בערבערס־שער... שפעטער וועט ווערלען אליין זאגן אז דאס וואס אט דער מאן פון 16 יאר האט געשאפן — שטייגט איבער יעדער לעטערארישער קוואליטעט. איז עפעס מער ווי געוויינלעכע קונסט.

יא, רעמבא איבערראשט ווערלען מיט זיין פלאמענדער פאע־זיע, וואס שיינט ווי צו קומען פון א געניאלן צויבערער, פון אן אונטערערדישן גייסט. ער איבעראשט אים מיט זיין ריזיקער פי־גור און שיינעם געזיכט. מיט זיין מעכטיקער ענערגיע וואס האט נישט קיין גרענעץ. ווען ווערלען נעמט אים אוים אין קאפע, באַ־ליידיקט ער די בארימטע קלאסיקער. וועןביידע וואנדערן איבערן לאנד — ווערן זיי ארעסטירט פארן רעדן וועגן א מארד וואס זיי האבן מכלומרשט באגאנגען.

ווערלען איז א זיסער ליריקער. זים און סארדאניש. ביטער און קראנק. ער שיכורט אפיציעל יעדן נאכמיטאג און ווען ער טרינקט — שרייבט ער די רירענדסטע לידער. ער ווערט קינדיש־גוט און מיידליש־רירנד. אנדערש איז רעמבא. ווען ער טרינקט — ווערט ער ווילד. ער קען באליידיקן גאט אליין. ער קען צעברעכן דעם נאטור־דאס. זיינע ריזיקע ענערגיעס צינדן זיך אין אים אן. ווו איז א נייע באסטיליע צו שטירצן?

די דערציילונג וועגן דער פריינטשאפט צווישן ביידע בא־העמען וואלט צו ווייט פארפירט. דאס זענען פון אנהויב אן צוויי קעגנזעצטע נאטורן. רעמבא איז שטורמיש און אונערמידלעך.

ווערלען איז קינדיש־שוואך. זיין ווילן איז געטויטעט דורך אלקאָ־האָל. נאָרביידע פאראייניקט דער האס צום פיליסטעריזם. ביידע זענען קינדער פון עפּעס א משוגענעם גאָט פון דיכטונג. נאָר ווער־לען שלאָפט און לעבט אין זיין דיכטונג בלויז. רעמבאָ איז אייביק וואך און ער דיכטעט אין לעבן. דאָס לעבן איז פאר אים די ריזיקע אוואנטורע. די גרויסע דראמאטישע פּאָעמע.

די פריינטשאפט צווישן ביידע פּאָעטן ענדיקט זיך שנעל. ווערלען אין אן אטאקע פון שכרות, שיסט זיין פריינט רעמבאָ אין א קריגעריי. ער בלייבט זיצן צוויי יאָר אין א טורמע אין; מאָנס, פראנקרייך. פאר ווערלען איז זיין זינדיק לעבן געענדיקט. אין טורמע, נעבן א סטאטועטקע פון קריסטוס, גייט אויף אין אים דאָס רעליגיעזע געפיל. די מוטער מאריע קומט צו אים און קושט אין שטערן דעם זינדיקן דיכטער. די גרינע אבסינט־שלעסער פאר־שווינדן און דער קליינער הויף מיט שטילע גראָז ווערט זיין זיסע וויזיע און איבערלעבעניש. פון טורמע גייט ער ארויס — א קאַ־טוילישער דיכטער.

און — רעמבאָ? אין די צוויי יאָר איז ער געוואָרן נאָך ווילד־דער און דינאמישער. רייפער אלס מאן. ער האָט שוין פארגעסן אין זיין קינדער־קראנקהייט — די דיכטונג. זיין גרויסער קאָפּ שווינבלט מיט ריזיקע פּלענער. ערגעץ אין דייטשלאנד טרעפן זיך ביידע פּאָעטן. אָבער — ווערלען איז איצט שיכור פון א נייעם עלעקסיר — די קאטוילישע רעליגיע. רעמבאָ, דער אנארכיסט און שטורמער האסט איצט ווערלענען דעם רעאקציאָנער. און דאָ, אונטער גאָטס פרייע הימלען, קומט א פירפערטלעכער קאמף צווי־שען ביידע. פריער — אין ווערטער. דאן — אין די הענט. מיר ווייסן פאָרויס שוין אז ווערלען איז שוואך ווי א פליג. דער אט־לעט רעמבאָ לאָזט איבער דעם קאטוליק ווערלען אין א טייך בלוט און — די נאכט רינט אראָפּ אין א שווארצן רעגן איבער ווערלענס צעמזיקטן קערפּער.

איצט וועט ווערלען זיך צוריקקערן צו זיין מוטער, צו זיין פרוי, וועלכער ער האָט אין דער יוגנט אזוי פארגעטערט. אָבער דאָס וועט דויערן א קורצע ווײַלע. ווידער וועט ער זיך שלאָגן מיט דער אָרעמקייט, שיכורן, פארלאָזן זיין פרוי. די מוטער וועט

שטארבן און ער וועט ווערן דער קלאסישער באהעם פון מאנמארוט. ער וועט זיך אבער שוין קיינמאל נישט שיידן מיט זיין קאטור־ליציזם, וואס גיט אים א קעניגרייך נאכן טויט, קאמפענסירנדיק אט דעם מיזעראבעלע לעבן אויף דער ערד.

אבער רעמבא? — רעמבאס אדיסיי וועט זיך איצט אנפאנגען. ער וועט עטלעכע מאל דורכוואנדערן גאנץ אייראפע, טוענדיק אלערליי ארבעטן, אנהויבנדיק ביים געבן לעקציעס פון פראנצויזיש אין לאנדאן און פון ענגליש אין פאריז — ביז צום פארקויפן שנורוואוודלעס אין ווין. ער וועט יעדעס מאל צוריקקומען קיין שאר־לעוויל אין קליינעם פראנצויזישן שטעטל. אבער, נישט קענענדיק אויסקומען מיט זיין פראקטישער מוטער און מיטן פיליס־טעריזם פון שטעטל — אנטלויפט ער ווידער אין אייראפע. אבער פראנקרייך, ענגלאנד, די שווייץ, עסטרייך, דייטשלאנד — די אלע לענדער זענען פאר אים צו קליין. ער וועט גיין צופוס קיין מאר־סיי. ער וועט, ווי יונה הנביא, אפזוכן א שיף וואס גייט אינמיטן ים, וווּ זיין גורל קען אים נישט פארפאלגן. אבער, ווי דער נביא יונה, נארט ער זיך. אויסגעשפרייט איז זיין גורל אומעטום.

איצט איז ער א סוחר אין אביסיניע. מיט מעלעניק דעם צווייטן פירט ער אן א ריזיקע „ביזנע". ער שטעלט אים צו וואפען און פראוויאנט. די וועגן זענען געפערלעכע. זיינע קאראוואנען ווערן אטאקירט דורך פיינטלעכע שבטים. זיינע מענטשן מוזן זיין באוואפנט און פירן שלאכטן אין דער וויסטעניש. דער קעניג זעצט אים אפט אן... רעמבא איז איין צייט א פראוויאנט־ליפערער — און אן אנדער צייט א ציגל־פראדוצירער ביים ים.

אט זוכט ער גאלד אין דער סאהארא און אט שרייבט ער גאר פאר דער פראנצויזישער געאגראפישער געזעלשאפט — ווי־סענשאפטלעכע באריכטן וועגן די ווייטע מדינות. אט שרייבט ער זיין מוטער זי זאל אים שיקן וויסנשאפטלעכע, מעכאנישע אינס־טרומענטן און ער טרוימט צו באוואסערן דעם סאהארא און דעם גאנצן טויטן קאנטינענט צו פארוואנדלען אין בליענדיקע שטעט. אט ארבעט ער און באשעפטיקט ווילדע מענטשן פון אפריקע, וועמענס שפראך ער מוז לערנען, וועמענס פוילקייט ער מוז בא־

הערשן און וועמענס אבערגלויבנס ער מוז בינדן. ער לערנט די פסיכאָלאָגיע פון אַלערליי פעלקער און ער וואנדערט צווישן זיי ווי א קעניג פון א ווייטן לאנד. ער שלאָגט ברוטאל זיינע באַ־שעפטיקטע שקלאַפן — און ער באהאנדלט זיי מיט מענטשלעכ־קייט, נעמט אראָפּ זיין קליידונג און גיט עס צו א נאקעטן נע־גער וואָס ציטערט אין א רעגן און אליין פארקילט ער זיך, רעמבאָ.

אזוי געדויערט עס פילע יאָרן. ער לעבט מיט א שווארצער פרוי און טרוימט פון א הנעוודיקער פראנצויזין וואָס זאָל ווערן זיין געזעצלעכע פרוי און אים געבוירן שיינע קינדער. ער הערט פון ווערלען אז זיינע לידער זענען וועלט־בארימט. אז זיי האָבן געשאפן א ליטערארישע שולע און אז ער האָט הונדערטער אָנ־הענגער צווישן די יונגע קינסטלער. אָבער — ער איז טויב צו דעם. דער מאן פון דעסטיני, ווי נאפּאָלעאָן, ווייסט אז מער וועט ער זיך נישט צוריקקערן צו דער דיכטונג. ער פילט אינערלעך פאָרויס א גרויסע קאטאסטראָפע, וואָס וועט אין גייסט פון זיין גרויסער לעבנס־דראמע — פארענדיקן זיין לעבן.

און בשעת זיינע ביזנעס־פּיאיקייטן שטייגן, זיין דערפארונג מיט די איינגעבוירענע ווערט פארפולקאָמט, זיין געלד וואקסט אין דער אייזערנער קאסע, וועלכע ער פירט שטענדיק מיט זיך — ווערט געבוירן די גרויסע קאטאסטראָפע. ער ווערט קראנק אויף א פוס. ער קען נישט מער גיין. ער קען אפילו נישט געבן קיין באפעלן זיינע שקלאַפן. אומבאהאָלפן — באשליסט ער זיך אומ־קערן קיין פראנקרייך, צוריק אין שארלעוויל, צו זיין מוטער, וואָס איז דערווייל געוואָרן גאנץ פארמעגלעך דורך זיין געלט וואָס ער האָט איר רעגולער איבערגעשיקט.

און דאָ קומט פאָר עפּעס גראנדיעזעס און פירכטלעכעס — די שווארצע שקלאַפן טראָגן דורכן מדבר זייער פאראליזירטן הער. וואָסארא גוואלטיקע וויזיע פון טראגישער גרויסקייט: דער קעניג, פארצערט פון זיין שרעקלעכער קראנקהייט, א קענסער, קרעכצט און וויינט, די שקלאַפן הויבן איצט אָן חוזק צו מאכן פון זייער קעניג.

זיי זענען געוווינט געווען צו זען רעמבאָ — א פעסטן, קאָ־

מאנדירענדיקן, כאראקטערפולן, ווי א גענעראל בשעת א שלאכט־פעלד. און זיין גאנץ לעבן איז געווען א שלאכטפעלד. און דאָ גאָר — א געפאלענעם קעניג דוד... ער קרעכצט פון ביטערע פיזי־שע יסורים. און די שקלאפן ווערן מיד פון טראָגן דורך צענדלי־קער קילאָמעטער דעם קראנקן קעניג. און דער חוזק און די פאַר־ראכטונג שטייגט. איצט איז רעמבאָ הילפלאָז. הילפלאָז קעגן זיי־נע מענטשן. קעגן דעם מדבר. קעגן דעם קענסער. קעגן פאטום. די געטער האָבן אים פארשאָלטן.

ענדלעך, ווען די שרעקלעכע אָדיסייע דורכן מדבר איז געענ־דיקט — פירט אים א שיף איבער א שטורמדיקן אָקעאן קיין מאר־סיי. דאן — קיין שארלעוויל. איצט איז זיין מוטער קאלט צו אים. אנשטאָט א גאָלד־געהילטער פירשט פון אָריענט — איז צו איר אהיימגעקומען א טויט־שטארבנדיקער זון. זיין קערפער איז קרעציק. ער איז פאראליזירט. וואָס מער דער פיבער שטייגט — אלץ וואנזיניקער ווערט ער. עס שיינט צו זיין אז ער איז ווידער גע־וואָרן א פּאָעט, ווי צו זעכצן יאָר. ער זעט פייערדיקע רייט־וואָגנס און גילדערנע מלאכים. די חלומות פון זיין יוגנט קומען צום שטארבענדיקן מאן. די איינציקע וואָס פלעגט אים — איז זיין שוועסטער. זי איז א געטרייע קאטוילִיקן. איר איינציקער ציל איז צו ראטעווען זיין נשמה. און זי צווינגט דעם אנארכיסט און געצנדינער רעמבאָ צו שטארבן מיט די הייליקע סאקראמענטן. און אזוי שטארבט דער וואָס האָט מיט אונפארגלייכלעך־מענטשלעכער ענערגיע געשטורעמט די געטער — ווי א פרומער קריסט. וואָסארא גראנדיעזער ווייז! וואָסארא הערָאאישע איראָניע!...

* *
*

אין די מערסטע פראנצויזישע ליטעראטור־געשיכטעס און אנ־טאלאָגיעס קענט איר נישט געפינען רעמבאָס לידער. נאָך ביז איצט איז רעמבאָס נאָמען מער פארהאסט אין פראנקרייך, ווי בייראָן אָדער שעלים אין ענגלאנד. און דאָך איז אָט דער יונגער אוואנ־טוריסט געווען פראנקרייכס ריזיקער פּאָעט, איר גוואלטיק קינד,

רעמבאָ איז געווען ווי א בליץ וואָס וויל א ברעך טון אלע איינ־געפונדעוועטע פאָרמען און געזעצן. ער האָט געפּרווט שליידערן א נייע דיכטונג, וווּ וויזיע און מוזיק בינדן זיך און באשאפן נייע פּאָעזיע, נייע מייסטערווערק. ער האָט געוואגט צו דיכטען ווי צוויי שוועסטערן לויזן א יינגל און ווי זייערע שארפע, מעטאַ־לענע נעגל קניקען די אומבאהאָלפענע לייז. ער האָט געפּרווט געבן די פלאסטישע אויסדריק צו מוזיק־קלאנגען. די קאָלירן און די מעטאַלן פון מוזיק. ער האָט איבערגעשטיגן אין דער פאנטאזיע אלע דיכטער מיט זיין „שיכורע שיף״. זעלטן ווען האָט א פּאָ־עט געזען אזוי פיל שיינקייט אויפן גרונט פון ים, ווען די שיכורע שיף נידערט ארונטער און אנטדעקט קעניגרייכן פון בלומען, קאַ־ראלן און קאָלירן. ער האָט אין „א סעזאָ אין גיהנום״ באשריבן, ווי אין פאוסט, אלע ליידן, דראנגען און מעטאמארפאזן פון זיין לעבן, כדי צו זוכן א נייע קונסט, א ניי אופן פון לעבן. און דאָס נייע אופן פון לעבן — האָט ער געפונען אין גרויסער, קאָנסטרוק־טיווער ארבעט, אין אוואנטיורע, אין העראָאישע טאטן. אין א מין פארפאָלגן און באצווינגען דעם גורל, זיין פאטום.

ווערלען איז געווען מער גליקלעכער אין דעם זין וואָס ער האָט זיך באפרידיקט מיט אימאזשן, מיט עמאָציעס. זייענדיק ווייניקער אינטעלעקט ווי רעמבאָ — האָט ער געקענט זיך באפרידי־קען מיט עמאָציאָנעלער רעליגיע, מיטן עקסטאז פון מיטלאלטער־לעכן קאטוליציזם. רעמבאָ איז אָבער פון יענע נאטורן וואָס זו־כען נאָר צו דערגרונטעווען דאָס לעבן וואָס קענען זיך קיינמאָל נישט צופרידנשטעלן. וואָס צעברעכן זיך אליין. ווערלען האָט גע־נוג געהאט צו שלאָפן אין א שפּיטאָל און שרייבן אין א קאָפע. רעמבאָ האָט שטענדיק טאָרעטיזירט. ווערלען האָט זיך באנוגנט מיט א מין זינלעכקייט און אויבערפלעכלעכן מיסטיציזם. רעמבאָ איז געווען אן אטעאיסט, האָט פאראכטעט די פאסיווע פרוי, האָט זיך נישט געשפּילט מיט טונקעלע עלעמענטן פון דער מיסטיק. ער איז געווען א פּראקטיקער. ער האָט געהאט פלענער ווי אן אימ־פּעראטאָר. ווערלען איז געווען זיס, הארציק. האָט געלעבט אין אן אונרעאלער וועלט, וואָס ער האָט געשאפן אין זיין דיכטונג. רעמ־באָ האָט, פארקערט, געוואָלט די וועלט גרינטלעך דערלערנען, זי

עקספּלואַטירן, זי אומענדערן. ווערלען — אַ קראַנקער, שיכורער, פּאַסיווער וואַגאַבונד. רעמבאָ — אַ ניכטערער, דינאַמישער, געזונטער וועלט־טוריסט, אַ גלאָבוס־טרעטער.

אָט דאָס אַלץ קען מען איצט זאָגן וועגן ווערלען און רעמבאָ, צוויי אונגלייכע פריינט — אָבער צוויי גרויסע פּאָעטן פון פראַנצויזישן פאָלק. רעמבאָ, ווי געזאָגט, איז נאָך ביז איצט ניט אנערקענט. אָבער ווערלען איז אָדער קריטיקירט געוואָרן אַלס טאַלאַנטלאָזער מענטש — אָדער אַלס געניאַלער דיכטער. אָבער איינצעלנע קולטורעלע גייסטער האָבן שוין לאַנג דערזען די צוויי רייזיקע פלאַמען אין דער פראַנצויזישער דיכטונג — אַרטור רעמבאָ מיט דער אַטלעטישער פיגור און געקרויזטן קאָפּ האָר און — פּאָול ווערלען, מיטן סאַרדאָנישן געזיכט פון סאָקראַטעס...

דאס לעבן פון רעמבראנדט 1)

עס איז געווען זון־אונטערגאנג. די וואָלקנס — פריער טונקע־לע, געשוואָלענע, האָבן זיך פלוצלונג, ווי דורך א נס — אנגעגאָסן מיט ליכט... וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

רעמבראנדט איז געשטאנען ביים קליינעם פענסטער פון זיין נידעריקן הויז. ער האָט ארויסגעקוקט צום זון־אונטערגאנג. עס איז דאָך ווי אין יענע ערשטע טעג, אלס יינגל, אין דער מיל ביים רהיין, ווו ער האָט זיך אין א פארנאכט פארטראכט איבערן מאָדנעם אויפלויכט פון אזוי פיל ליכט, וואָס די זון פארגיסט פון איר געשאָכטענעם האלדז... אויך דאמאָלסט האָט ער זיך פאר־טראכט: פון וואנען נעמט זיך אזוי פיל ליכט? ווי אזוי פארפלייצט עס די וואָלקנס, די טונקעלע רוימען? און פארוואָס האָבן עס די מאָלערס ביז איצט נישט באוויזן אויפן קאנווע? אָט דאָס מיסטע־ריעזע ליכט־און־שאָטן שפיל, אָט דאָס הערלעכע ליכט וואָס העקט אָפּ לאנדשאפטן ווי זיי אויסטועגדיק פון דעם קלייד פון טונקעל־קייט און אנטפּלעקט זיי נאקעט און ווונדערלעך... אָ, ווען איך קען דאָס ליכט איינזאמלען, קאָנצענטרירן אויף א געוויסן פונקט, עס פיקסירן אויף דעם לייוונט. ווען איך קען דאָס גאָלד פאראיי־ביקן. עס וואָלט געגעבן א נייעם אספעקט צו זאכן. זע ווי עס שפיגלט זיך אויף דער קלאמקע פון דער טיר און באלויכט אירע קופערנע לישייעס. זע ווי עס מאַרטערט זיך אויף דער שויב און ביל־דעט א גאָרטן פון רעגנבויגנדיקע בלומען. זע ווי עס מיגיעט זיך

1) לויט עמיל לודוויגס „דריי טיטאנען״: מיקל אנדזשעלאָ, רעמבראנדט, בעטאָווען.

אויפן געזיכט פון דער אלטער פרוי — און עס איז ווי איר גוף וואָלט פארשוואונדן... יאָ, איר קערפּער איז צערונען... אין דער מאסקע פון ליכט שטראַלט איר נשמה.. דאָס ליכט איז — די נשמה פון אוניווערס...

רעמבראנדט איז איצט געווען אלט און טרויעריק. ער האָט גע־קוקט אין שפּיגל, אין דעם אלטן שפּיגל, וואָס ער האָט מיטגענו־מען נאָך פון דער מיל... פון דעם טאטנס מיל... ביים רהיין, וו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל פארטראכט וועגן זון־אונטערגאנג, וועגן די כוואַליעס פון רהיין, וועלכע שפּיגלען אויף א וואונדערלעכן אופן אָפּ דאָס ליכט פון דער זון, פון דער לבנה... ער האָט איצט אריינ־געקוקט אין דעם אלטן, טראגישן שפּיגל... וואָס איז געווען פול מיט זשאווער־שפּארונעס, מיט ברודיקע לישייעס און זיין רויטע ראָם איז געווען אָפּגעריבן, אלט, געבראָכן. וויפל מאָל האָט ער זיך געשפּיגלט אין דעם שפּיגל... זיך געמאָלן אזוי פיל זעלבסט־פּאָרטרעטן — נאָר מיט דער הילף פונם טייערן שפּיגל, וואָס האָט שטענדיק געוויזן זיין געזיכט — ווי א פּריץ, ווי א יונגער פּעאָדאל, ווי אן אריסטאָקראט, מיט פּארריסענע וואָנסעס, מיט גליענדיקע אויגן, מיט א רונדע, פּאררויסן געזיכט — פּארדרייט אויף דער זייט פונם רעכטן אקסל, שטאָלץ און דערפאָלגרייך. איצט האָט דער שפּי־געל געוויזן אן אלטן מאן, ווי איינעם פון יענע בעטלערס, וועלכע ער האָט אזוי אָפּט באגעגנט אויף די מארקן און קלויסטער־פּלע־צער פון אמסטערדאם, וועלכע ער פלעגט אהיימנעמען — שמוצי־קע, פּארלייזיקטע, אומגליקלעכע. ער פלעגט זיי אָנטון אין פּופּור מאנטלען, ווי פירשטן, מיט קרוינען אויף די פּארוואָרלאָזטע קעפּ מיט צעשפּלאָנשעטע האָר, מיט גאָלדענע קייטן ארום די ברודיקע העלדזער, ווי שטאָט־מעיאָרס, האָט זיי אליין צעקעמט די בערד — און זיי געמאָלן אלס קעניגן, אלס בימלישע קעניגן, טראגיש אין שטאָלץ און פון דעם גאָלדענעם ליכט אטאקירט, וואָס לייכט ווי פייער אויף זייערע סצעפּטערס, אויף זייערע טראָגנען... אויף זיי־ערע בלאָסקעדיקע קרוינען, אויף זייערע פּאטריאלכאליש־ברייטע בערד...

ווי איינער אזא בעטלער זעט איצט רעמבראנדט אויס... ער שליידערט פּלוצלונג אוועק דעם שפּיגל. קוקט ווידער ארויס אויפן

הימל — דורכן קליינעם פענסטער, ווי אן ארעסטאנט, וואס זויגט אריין א גרויסן, א ים־ברייטן שטיק הימל דורך זיין שמאלן, פאר־קראטעוועטן פענסטער... די הימלען זענען שוין איצט פארלאשן, די וואלקנס — אנשטאט פייערדיקע טורמס, זענען איצט ריזיקע בערג אש, קברים מיט אש... דער אונט רינט דורך א ריזיקער זיפ אויף דער ערד... רעמבראנדט גייט אוועק פון הימל. טונקלקייט איז אים נישט צום הארצן. ווי יעקב מיטן מלאך — האט ער זיך א גאנץ לעבן געשלאגן מיט דער נאכט, מיט דער גרויקייט פון לע־בען, מיט דעם שאטן וואס פארדעקט אלץ. האט ער דאך יארהונ־דערטער פריער פארן מאדערנעם אימפרעסיאניזם — דערפילט אז דאס ליכט דעקט אויף נייע רייכטימער, אנטפלעקט אפאקאליפטי־שע וואונדער, דעקט אפ וואונדערלעכע פייזשאזשן, באצירט און בא־פלאמט א מענטש — וואס איז א גאנצע וועלט. ניין. אין נאכט איז ער טרויעריק, איינזאם קאלט...

איצט האט ער געקוקט אויף זיין גרעסטן און במעט לעצטן בילד אין זיין לעבן — דאס „פאמיליען־בילד". ער האט אין זיך נאנט צוגעקוקט צו אט דעם בילד מיט זיינע אלטע, טרויעריקע אויגן. ער האט אין יעדן איינעם פון די געזיכטער אריינגעקוקט מיט אזוי פיל ליבשאפט און טרויער. אט זענען די דריי קינדער, קליינע קינדער, וואס זענען געשטארבן צו פארשידענע צייטן אין זיין לעבן. זיי האבן זיך נישט געקענט איינס דאס אנדערע. באזונדער, שטיי־ען זיי דא אויפן קינסטלערס פאמיליען־בילד. נישט זייענדיק בא־וווסטזיניק איינס פון דאס אנדערע. דריי טרויעריקע מלאכים. עס שיינט אז רעמבראנדט פרעגט אין זיינע אויגן — מיר, קליינע קינדער, צו וואס שטארבן מיר אזוי פרי? (שפעטער וועט די גאנצע וועלט־ליטעראטור עס פרעגן, מיט דאסטאיעווסקי בראש). דער טויט אין די קינדערס אויגן זעט זיך אזוי שרעקלעך ארויס. האט דאך רעמברענדט געפילט אזוי שטארק דעם טויט... האט ער אים דאך גע־מאלן אין די שענסטע געזיכטער... אלעמענס אויגן פילן אומבא־וווסטזיניק דעם טויט... און — אט קוקט רעמבראנדט אריין אין דעם געזיכט פון טיטוס, זיין זון, וואס זעט דא אויס אזוי אלט און אזוי טרויעריק, בשעת ער איז גאר געשטארבן צו 18 יאר, א יינגל... וויפל מאל — און אויך אויף אט דעם בילד — האט דער

באָטער געמאָלן טיטוסן — מיט טויט אין די אויגן, ווי א טראַגי־שען פּרינץ, אין קעניגלעכער קליידונג אָנגעטון, מיט גאָלד רייך באַצירט, מיט דעם שיינעם געזיכט, פארשאָטנט דורך קופּער־ברוינע לאָקן... אויך ער איז נישטאָ צווישן די לעבעדיקע... ווי די קינדער דריי — איז ער געקומען צום גרויסן קינסטלער פאָזירן פון לאנד פון טויט... און — איצט ווענדעט זיך דער קינסטלער צו דעם געשטאַלט פון סאסקאַ, זיין ערשטע פרוי... סאסקא — א ציטער גייט אים דורך איבערן לייב, א שארפער, שווערד־שניידנדי־קער שוידער... אָט איז סאסקאַ, אין זיין בארימטן זיגל־וואקס־ברוין רייך דעקאָרירט, ווי געוויינלעך, אין זייד, אין וועלוועט, אין בראָ־קאט, אין סאמעט... מיט די גרויסע גאָלד־רינגען אין אירע קליי־נע, ראָזע אויערן — קינדישע אויערן... מיט דעם ליידנשאפטלעך־טראגישן שימער אין אירע קרישטאלענע אויגן. יאָ, אויך סאסקא קומט פון יענער וועלט צו פּאָזירן צום קינסטלער. א מאָדנע זאך: ער לאָזט נישט אָפּ זיינע קרבנות. אויך אויף יענער וועלט, אין קעניגרייך פון די שאָטנס — ווי האָמער וואָלט עס אָנרופן — באַהערשט דער דעמאָן דעם קרבן זיינעם... קיינמאָל קענען זיי זיך נישט באפרייען פון אים... ווי א גרויס, שארף פייער, וואָס איז ענלעך צו א בייזע, רויטע דראַכע — פארצערט ער זיינע פרויען, טרייבט זיי צום טויט יונגערהייט. אָבער — זיי האָבן אים ליב. עס איז נישט קיין געצוווּנגענע אויפאָפּפערונג... זיי ליבן אים. זיי לעבן פאר אים. זיי שטארבן אויך פאר אים, און — זיי קומען נאָכן טויט צו אים — פּאָזירן... זיי לעבן מיט אים אויך נאָכן טויט... זיי זעגנען זיך מיט פרייד אין די אויגן מקריב פאר אים. גליט זי נישט פול מיט גליק און טרויער דאָ אויפן בילד? שיינט זי נישט צו זאָגן: איך האָב מיין יונג לעבן, מיין שיינקייט, מיין גאָלד דיר געגעבן — מיט פארגעניגן, מיט אמת אין הארצן. איך בין נישט געווען אייפערזיכטיק אפילו ווען דו האָסט מיין צירונג אָנגעטון אויף דיין צווייטער פרוי הענריקע פאָן סטאָפּעלס. ווען דו האָסט זי געמאָלן אין מיינע קליידער... זי איז געקומען פארנעמען מיין אָרט... עמעץ האָט דאך דיר געמוזט באַ־דינען, געבן צו עסן, צוגרייטן א העמד, באפרידיקן דיינע טיטאַ־נישע ליידנשאפטן, פּאָזירן פאר דיינע בילדער, שלאָפן נעבן דיר

אין די קאַלטע נעכט פון ווינטער און הארבסט, דיך באַרואיקן ווען די מענטשן־שונאים האָבן דיך אויפגערעגט... עמעץ האָט דאָך דאָס אַלץ געמוזט טון. איך בין נאָך אַלץ טויט... אמת, אין חלום קען איך קומען צו דיר פאַזירן, נאַקעט אָדער אין זייד אָנגעטון, ווי דו ווילסט... אָבער — ווען דו וואַכסט, ווען די וואַר איז קאַלט און טרויעריק פאַר דיר — האָט הענריקע מיט מיין נשמה דיר גע־דינט. ווען הענריקע איז געשטאָרבן — האָב איך זי אויפגענומען דאָ מיט אַזוי פיל פרייד און טרויער. פרייד און דאַנקבאַרקייט פאַר איר דינען צו דיר, פאַר איר מקריב זיין זיך, פאַר איר טויט. טרויער און פיין — פאַרן פאַרלאָזן דיך... אָט גיי איך אַרויס פון בילד, אָט בין איך עכט, עמתדיק רעאַל, נו, רעמבראַנדט, ריר מיך אָן, טאַפּ מיין קערפּער, זעסט? איך בין עכט. וואָס קען איך איצט טון פאַר דיר?... אָט דאָס בעסטע וואָלט זיין דיך איינצושלעפערן, דו זאָלסט פאַרגעסן אַ ווײַלע דעם שמערץ, דיין ביטער לעבן... אָ, איך גיי אַרויס פון דעם אויל־בילד, איך בין איצט פליש און בלוט, פאַר אַ ווײַלע אָנגענומען מיין ערדיש געשטאַלט...

רעמבראַנדט האָט געגאַפט און מיד געוואָרן. אָט איז סאַסקאַ, זיין ערשטע, ליבע, גוטע פרוי סאַסקאַ, מיט איר ליבלעך־רייצנדן גוף, מיט די לאָקן ווי גאָלד־טראָלדען צעשאָטן איבער אירע בליי־כע אַקסלען...

איז עס אמת, לעבט נאָך סאַסקאַ? איז ער נאָך אַלץ גליקלעך? איז דאָס שלעכטס געווען בלויז אַ טרוים?... יאָ, סאַסקאַ לייכט איצט פאַר אים אין איר גאַנצער שיינקייט און ווייבלעכער גוטס־קייט, אין איר צאַרטער „אייביק־ווייבלעכקייט"... אָ, ווי גוט עס איז צו זיין מיט סאַסקאַ...

און — רעמבראַנדט דרימלט איין. פאַרן פענסטער הענגט אַ קרומער, וויינענדיקער לבנה־געזיכט, אַן אַרלעקין־מאַסקע — און זי באַגיסט מיט ליכט דאָס „פאַמיליען־בילד". ביימער וויגן זיך אין הארבסט־ווינט. די צווייגן קלאַפּן אין די שויבן ווי פליגל פון גייסטער. די וואָלקנס הויך זעגען פינסטער און טראָגן זיך מיט אומהיימלעכן געוויש אין דער אומענדלעכקייט אַריין... רעמבראַנדט זיצט ביים הילצערנעם טישל, אויף זיין צעבראָכענער שטול, די שטול אין וועלכע בעטלערס האָבן פאַזירט אַלס קעניגן, אין וועל־

בער סאסקא און הענריקע זענען געזעסן ווי אין א טראַן... דעם קאָפּ גענייגט צום קאַנוועז פונם „פאמילין־בילד“, אָטעמט ער שווער, ווי אין אגאָניע, כראָפּעט און — פארזינקט אלץ טיפער אין א מעכאנישן שלאָף. די דעקאָראַציע רוקט זיך אָפּ, ווי אין אַן אָפּער־רא, און — רעמבראנדט טרוימט זיין לעבן... — — — — — — — — — —

* *
*

אָט איז ער א קליין יינגל אין דער מיל, אין דעם פאָטערס מיל, ביים רהיין, דעם אלטן טייך. ער ווייסט נישט פון וואנען אים ציט אזוי צו דער קאָליר, צו די פארבן וואָס אנטפּלעקן זיך אין די יאָר־סעזאָנען, אין דער נאטור, אין די כוואליעס פונם רהיין אָדער — אין דעם אלטן שפיגל, אין וועלכן ער שפּילט זיך אזוי אָפּט, שטודירט זיין אייגן געזיכט, דעם אויסדרוק פון זיינע עמאָ־ציעס. מערקווירדירק! בלויז דאָס זעלבע געזיכט — און ווי עס ענדערט זיך אזוי פיל מאָל. כמעט יעדעס מאָל ווען ער נעמט דאָס שפיגל אין האנט — זעט ער אַן אנדער געזיכט, אנדער ליכט אין די אויגן, אַן אנדער מויל, אַן אנדערע קאָליר אין דער הויט. ווי וואונדערלעך נאַטור איז! ווי וואונדערלעך זיין אייגן געזיכט. און ווי דאָס ליכט דעקט פּלוצלונג אָפּ א האלב געזיכט און ווי דאָס פּנים באקומט גאָר אַן אנדער אויסזען. אָ, ווי שיין איז ווען דאָס ליכט פאַלט אויף מעטאל, אויף כוואליעס, אויף וואסער, אין די אלטע צימערן פון דער מיל, אויפן שפיגל. אָ, ווי עס גלאנצט נאָך ליכ־טיקער ווי גאָלד... ווי עס גלאנצט אזוי גאָלדיק אויף געווער, אויף אַן אלטן העלם... אָבער — די זון באַלייכט בלויז א קליינעם פלאַץ אין לעבן. אזוי איז אלץ פינסטער, אלץ טרויעריק. אָט האסט ער גאָר די זון פאר געבן דעם קאָנטראַסט צום גרויען, קאלטן, פּשוט־פינסטערן לעבן. ער האָט פיינט דאָס שיינע. יאָ, דאָס שיינע האָט אים קיינמאָל נישט געצויגן, נישט באאיינדרוקט, פארקערט:

אָט זעט רעמבראנדט אלטע לייט, זקנים, פשוט־צעקנייטש־טע געזיכטער, ווי „דזשאַנק“, ווי צעבויגענע שטיקלעך בלעך, ווי אלטע כלים. אין אָט די אלטע לייט, און זייערע מארביד־אָפּגעלעב־טע געזיכטער — איז דאָ דער אמת פון לעבן. זיי זענען טרויע־

ריק און ווייזן דאָס טרויעריקע. אים ציט נישט דער גלאַנץ פון די רייכע. אין אַן אַלטן, בלייך־פאַרמעטענעם געזיכט איז דאָ אַ וועלט מיט שיינקייט, מיט אמת פאַרן קינסטלער. אויך די ביבל ציט אים צו. טראַגישע סצענעס, עכטע, מענטשלעכע העלדן. שמ־שון הגבור, אידאס, פּאָול דער עפּילעפּטיקער, קעניג דוד — ווען ער איז אַלט און צעבראָכן, דער שטאַרבנדיקער יעקב — ווי ער בענטשט די קינדער פון פּרינץ יוסף. אין דער ביבל איז פאַראַן דער טראַגישער אמת פון לעבן. אָט די אַלטע לייט זענען כמעט ביבלישע העלדן. האָבן דען יענע נישט אַזוי אויסגעזען? מענטש איז שטענדיק דערזעלבער. די יאָרן קנייטשן זיין שטערן, זיין גאַנץ פּנים, פאַרקרימען זיין מויל, מאַכן רויט און בלינד די אויגן...

אָבער — נישט איצט וועט רעמבראַנדט מאָלן די דאָזיקן העל־דען. איצט איז ער יונג און שיין. יאָ, ער אַליין איז יונג און שיין. דער טייוול וועט אים שפּילן דאָס גרויסע איוב־שפּיל — אָדער דאָס טראַגישע פאַוסט־שפּיל... דער טייוול האָט געניאַלע איינפאַלן, גלענצנדע קונצן. פון קונסט איז ער ווייט. קונסט געהערט צו דער מאַכט און דעם גורל פון אַזעלכע מענער ווי רעמבראַנדט און רובענס. צום טייוול אָבער געהערט די קונסט, דאָס שאַרלאַטאַני־שע שפּיל — וואָס דערהויבט זיך אָפט צו טיטאַנישער גרויסקייט, צום טראַגישן שפּיל, צו גלאַנץ־און־גלאָריע און — צו זיין שאָטנ־דיקן פינאַל...

נו, ביי 25 יאָר פאַרלאָזט רעמבראַנדט פון רהיין די מיל, די אַלטע מיל, ווו דער אוניווערס פון ליכט און שאָטן האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט אַזוי פרי. אייגנטלעך לערנט ער וויניק ביי אַנ־דערע. צו וואָס לערנען ביי מענטשן — ווען די נאַטור איז אַזאַ געניאַלע מייסטערין, זי לערנט אים טיפער, פולקאָמענער, ווי יע־דער געניאַלער לערער אפילו. מיטן בלייפעדער, מיטן פּענזל, זיצט ער אין דעם פעלד און לערענט זיך ביי דער מוטער נאַטור די גרויסע קאָפּיע — צייכנען.

דער פאָטער איז — טויט — די מוטער איז שוין לאַנג, זייער לאַנג טויט. די מיל איז אומעטיק, אַלט. דאָרט ביים אַלטן טייך — דעם רהיין... אים ציט צו אַמסטערדאַם, צו דער הויפּט־שטאָט פון דעם הומאַניסטישן האָלאַנד. דאָרט איז גלאַנץ און לוק־

סוס. די זון קאָנצענטרירט איר ליכט דאָרט נישט בלויז אויף קליי־נע צענטערן — אויף שליסלען, אויף שטיקלעך גלאָז און מעטאַל — נאָר — אויף הייזער, גאַסן, מענטשן...

די אינערלעכע נבואה ווערט מקוים. ווען נאָר דער טייוול לייגט די האַריקע האַנט — ווי א קרוין — אויף זיין ליבלינג, רעמבראַנדט ווערט בארימט. נישט קיין לײדנשאַפטן מאָלט ער, נישט די נאַטור. דאָס וועט ער פּילייכט שפּעטער טון, ווען דער טייוול וועט אים טרייבן איינזאם אין פעלד אריין, ווי קעניג עדי־פּוס, ווי טאָלסטאָי, ווי רוסאָ... איצט איז ער שיכור מיטן מענטש־לעכן געזיכט, מיטן זיינע משונהדיקע אויסדריקן, מיט דעם שיינ־קייט וואָס לייכט אין זיינע ליניעס, דאָס געזיכט, די מאַסקע — וואָס גאָט האָט אראָפּגעפּליקט פון זיך און פרייוויליק דערלאַנגט דעם איינזאַמען אדם...

רעמבראַנדט פאַן רהיין ווערט דער דערפאָלגרייכסטער פאָר־טרעטיסט פון האָלאַנד. די רייכע לייט, די דיפּלאָמאַטן (שוין גע־ווען דאַן אויך פּיפּיקע מלוכה־לייט), די רעגירונגס־מענטשן, די פּע־אַדאַלן, די מענער פון פרעמדע לענדער — זוכנדיק רואיקייט אין דעם פריינטלעכן קעניגרייך — אַלע ווילן זיך לאָזן קאָפּירן זייע־רע געזיכטער ביים דערפאָלגרייכן רעמבראַנדט פאַן רהיין. גאָלדע־נע דוקאַטן פליען מיט צאַרטע פליגל פון גאָלד־ווערט אין זיין פּע־טען לעדערנעם טייסטער. פאר א פּאָרטרעט קען ער אריינגעמען 500 אָדער אמאָל טויזנט גילדן. רעמבראַנדט איז דערפאָלגרייך. ער האָט א סך שילער. ער געפינט זיך פּלוצלונג אויפגעריכט. נאָר — אים פעלט דאָס וואָס יעדער מאַן פעלט, ווען ער קומט אין די רייפע יאָרן. שיכור פון זיין ארבעט, לערנענדיק כסדר, זיך אנט־וויקלענדיק פּערמאַנענט, יעדער מענטשלעך געזיכט פארוואנדלענ־דיק אין א טרעפּ העכער צו זיין אויסבילדונג אין צייכענען און אין מאָלן — פעלט אים איצט א פרוי. ווי קעניג מידאַס — קען ער איצט אַלץ פארוואַנדלען אין גאָלד. און רעמבראַנדט איז נישט קיין לעגענדארער טאַנטאַלוס, וואָס זיצט אין וואַסער און שטאַרבט פון דורשט... ניין. רעמבראַנדט איז א פולער, מעכטיקער מאַן, אזא וואָס האָט ליב צו געניסן דאָס לעבן אין אַלע זיינע דערשיינונגען און אַספּעקטן. ער וויל דאָס לעבן פרעסן ווי א ריזיקן לעקאך.

נאָר — ביז איצט איז ער איינזאם און אייגנטלעך האָט ער נאָך דאָס לעבן נישט געגאָסן. ער האָט עס נאָך נישט אָנגערירט אפילו. אמסטערדאם גיט אים ארבעט אויף ארבעט און ער איז שיכור, ווילד־און־פלאמענדיק באטרונקען מיט ארבעט. ער האָט נישט קיין צייט. בלויז א פרוי וואָלט געוועז די קעניגין אין זיין אָנגעוואָרפענעם, פארנאכלעסיקטן הויז און — איינמאָל קומט די פרוי...

צי דורך א געוויסן מענטשן — צי דורכן טיווּל — נישט וויכטיק. סיי ווי איז עס דאָך דעם טייוולס ארבעט. עס איז די טאָכטער פון אן אמסטערדאמער בירגערמייסטער — סאסקא. אזוי הייסט זי. סאסקא קומט צו אים מיט נאָך א מאן און — זי האָט דערוואַרט צו זען א שיינעם, הויכן, שלאנקן מאן, מיט א ליבלעך־בען שמייכל, מיט פיינע מאניערן, גראציעזע באוועגונגען. נו, זעט זי רעמבראנדט — א קורצן, א נידעריקן, א פעסטן ווי א נעגער; זי זעט אין אים א גרויסן ארבעטער, ווי א שטיינהאקער. אָבער — ווייזט אויס א סאסקא איז נישט באשאפן געוואָרן פון דעם גרויסן גאָט פון אלע געטער — פאר א סאלאָן־מיידל אָדער א ווייב פון א רעגירונג־באאמטן. זי איז געוועז געוועבט פון דעם שטאָף וואָס מאכט אז די פרוי זאָל לעבן פאר איר אידעאל און זיך מקריב זיין פאר א גרויסן מאן, יאָ, פאר דעם גרעסטן מאָלער פון אלע צייטן, פארן מייסטערהאפטסטן טעכניקער אין וואנט־קונסט — רעמבראנדט פאַן רהיין; סאסקא מוז פארצערט ווערן פון אזא ריזיק פייער... סאסקא לאָזט זיך מאָלן פון איר חתן רעמבראנדט... ווי א קליינע פרינצעסין זעט זי אויס, צארט און שארמינג און א צעבליטע ווי א פולע, מיידליש־ליידנשאפטלעכע פרוי. דריי טעג נאָך דער הייראט מאָלט ער זי — מיט אירע לאַכנדיקע אויגן, די בלאָנדע קרויזן פאלנדיק איבער אירע זיס־בלייכע אקסלען, מיט איר גראציעזער פיגור, און צירונג און אין פערל רייך געצירט. אָבער — שפעטער ווארפט ער ארונטער א סך פון איר קליידונג און צירונג. זאָל זי שמייכלען זיס און מונ־טער. זאָל זי נישט זיין אזוי פארשטעלט. און ווער דערשיינט איצט דורך דער פאגאנישער צויבער־האנט פון רעמבראנדט? — א ליבלעך קינד וואָס קוקט מיט עטוואָס פייכטע אויגן פארקלערט אין

דער צוקונפט. אירע ווייבלעכקייטן -- רייף און, נאקעטער ווי פריער, זעט זי אוים — א קעניגין. זי איז א קעניגין. רייך פון איר פאמיליע. געוווינט צו לוקסוס. א פאטריציער־מיידל פון הויז פון א בירגערמייסטער... זי איז רייך. זיכער לאָקן דעם יונגן מאָ־לער — אירע אוצרות. אָבער — די אוצרות זענען „פארפרוירן”. ער וועט זיי קיינמאָל נישט געניסן. זיי זענען אין די הענט פון איר פאמיליע. אין אומבאוועגלעכן אייגנטום...

אָבער — דאָס איז איצט נישט וויכטיק. וויכטיק איז יאָ אז רעמבראנדט פארדינט אליין שטיקער גאָלד. וואָס דארף ער האָבן זיין ווייבס רייכטימער?

איצט קוקט ער ווידער אין שפּיגל. אָ, ער פילט זיך איצט שטאָלץ. די וואָנסעס אין דער הויך. דער קאָפּ איז אין א זייט געווענדעט — ווי א גענעראל אויפן נערוועז־אומרואיקן פערד. די קייטן אויף זיין ברוסט — גאָלדענע, די וויסקעס — גלאנצן מיט זון. יאָ, די זון שיינט איצט אויף אים. דער שפּיגל איז געטריי: ער ווייזט רעמבראנדטן ווי ער איז איצט — אויפן פיערדעסטאָל, ווי א יונגער קיסר... (וועט דער שפּיגל אים אמאָל ווייזן א בעט־לער געזיכט? — דאָס בלייבט צו זען... עס ווענדעט זיך אין די קאפּריזן פונם טייוול... אָדער — אין א פאָרוים־בארעכנט שפּיל? דער טייוול האָט אויך א ביסל וויזיע און קען צוזאמענשטעלן א גוט קינסטלער־ווערק...)

איצט באזעצט זיך דער דעמאָן אין רעמבראנדט נאָך שטאר־קער ווי פריער. ער באקומט א מעכטיקן דראנג איינצוקויפן, צו אקומולירן אנטיקן, קונסטווערק, אוצרות. ער צאָלט טייערע פּריי־זען די קינסטלער פאר זייערע ווערק — כדי צו הייבן די חשיבות פון קונסט... ער פארוואנדלט זיין הויז אין א מוזעאום פון קונסט־ווערק. די ווייטסטע לענדער, אלטע געווערן גלאנצן אויף די ווענט. ביזשוטערי ליגט פול אין אלט־געקאָוועטע קעסטלעך. ער קויפט זיך און סאסקא איין די טייערסטע קליידער. סאסקא איז די קע־ניגין פון דעם מוזעאום, פון זיין ווילדער לוסט. ער געניסט זי וועלכע נאכט ער וויל — דאָס צעבליטע ווייב. ער מאָלט זי אין די שענסטע קאָלירן — נעבן זיך, מיט זיין צעלויכטענעם שמיי־כעל, מאָלט זיך אלס קעניג — זיגרייך און גלאָררייך. ער פאר־

צערט זיין יונגע פרוי סאסקא מיט זיין טיטאנישער ליידנשאפט און ער פארוואנדלט אלע זיינע פארדינסטן אין שטיקער קאלטע פערל, אין אייז־געפרוירענעם גאלד...

גאט הערשט אין גרויסן אוניווערס, איבער די שטערן, זונען, פלאנעטן און קאמעטן. נאר איבערן ערדישן לעבן, איבער די מענ־טשען — הערשט דער טייוול. און ווען דער טייוול וויל — אט דער מעכטיקער רעזשיסער פון דעם וועלטלעכן שפיל — געשעט אלץ אויף א מאגישן אופן, אומבאמערקט פאר אונזערע אויגן אפילו...

עפעס געשעט אזוינס מיט רעמבראנדט איצט — וואס פאר־וואנדלט אים אין אן איוב, אין א געפאנעלענעם קעניג. סאסקא, קוים, 30 יאר אלט, איז מיד פון קינדלען... דריי קינדער שטאר־בען... דער טיטאן וויל דאך האבן א יורש — און סאסקא וועט דאך אלץ טון פאר איר הערשער. זי האט א פערטן קינד, טיטוס, וואס לעבט איר איבער — אבער נישט אויף לאנג...

סאסקא איז שווינדזיכטיק. דאס גאלד קען נישט פארלאטען די לעבער ווי אין א לבנה, פול מיט לישייעס און אויסגעפרעסענע קראטערן, ענדע חודש... סאסקא איז מיד פון זיין ליידנשאפט, פון זיין מאלן איר, פון די זארגן אין הויז, פון דעם לוקסוס, פון די פערל און גאלדווארג וואס הענגען אויף איר, פון די טויטע קינ־דער פון איר טראכט, פון זיין די פרוי פון א דעמאן. זי בלייבט און האלט נאנט צום שטארבן...

דער קאמענדאנט פון א פאליציי־הויז האט באשטעלט א בילד ביי רעמבראנדטן. ער וויל האבן 16 מאן, פאליסלייט, אינם בילד. זייי־ערע פולע פאטרעטן, אין לעבנס־מאס. רעמבראנדט איז אין א דע־לירישן צושטאנד. די פרוי איז קראנק. ער קען נישט מאלן אט די טרוקענע געזיכטער. עפעס קומט אין אים פאר אזוינס וואס איז שווער צו דערקלערן אין מענטשלעכןווארט. עס איז ווי א בארג וואלט אויף אים ארויפגעפאלן.

ענדלעך מאלט ער דאס בילד. ווי אין צוויבערהאפטן טרוים. עס זענען נישט קיין פאטאגראפיש־געטרייע פארטרעטן — נאר עפעס אן אומבאקאנטע מאסע, ווי פון לאנד פון שאטנס. אין שווארץ און אין געל, פאנטאסטיש און ווייס, די נשמהלאזע געזיכטער פון די פאליסלייט פארוואנדלט אינספעקטארן, אין גייסטערהאפטע גע־

שטאלטן, ווי אין א נעפל פארצויגן. א ריזיק שאָטנשפּיל, קאַלט און טרויעריק. ווער זענען זיי? דאָס זענען דאָך נישט — מיר, די 16 חשובע פּאָליסלייט. וועלכע צאָלן פאר דעם? וועמען האָט ער דאָ געמאָלן? ער האָט דאָך אונז אָפּגענאַרט.

דער געוויינלעכער מענטש וויל צוריק אין פּאָרטרעט זיין אייגען געזיכט. ער איז פארליבט אין זיך. פאַרן קינסטלער איז דער מענטש — „דזשאָנק". אים גייט נישט אָן צו געבן יענעמס פאָטאָגראַפישע בילד. ער פארוואנדלט עס אין זיין זעהונג. אין זיין אימאַזש.

רעמבראַנדט ווערט באליידיקט פון פאָלק. פון די אמסטערדאַמער בירגער, פון די 16 פּאָליסלייט מיט די טרוקענע, גאַרנישט־מיינענדיקע געזיכטער. עס איז דאָך א פּאַטש אין פּנים דער רייכער, חשובער שטאָט...

בכלל איז רעמבראַנדטן נישט צום הארצן צו מאָלן — מיליטערלייט. צוליב זייער יחוס... עס דערמאָנט אים אין קריג, אין שווערד... בעסער א טראַנספּאַרענטע פאַרהאַנג פארציהען ארום זיי...

די מאַסע איז דאָך באַקאַנט פאַר אירע קאַפּריזן, איר געדאַנקענלאָזיקייט. היינט איז ביי איר דער געזאַלבטער — א קעניג... מאָרגן — א שנאָרער... זי קען מיט א מערקווירדיקער געוויסנלאָזיקייט היינט טראָגן דאַנטאָנען אויף די הענט — און מאָרגן אים קעפּן מיט ביטערע זידלערייען... זי קען ליובן צעזארן, דאַן באַגריסן די מערדער פון צעזארן... זי קען היינט קושן די טריט פון איר גרעסטען קינסטלער רעמבראַנדט — און מאָרגן אים ברענען די טריט ווי א מיאוס פּעבעל... היינט קען די מאַסע זיין קאָמוניסטיש און סאָציאַליסטיש — און נאָך אין זעלבן אָוונט אָנבאָטן א לאָרבערקראַנץ — היטלערן, דעם קענסער פון דער מענטשהייט.

סאַסקאַ איז קראַנק און — דער קינסטלער איז אומגליקלעך. ער האָט אָנגעקויפט בערג מיט אוצרות, אָבער — ער געניסט זיי נישט. ער מאָלט זיי אפילו נישט. באַנוצט זיי זעלטן פאַר דעקאָראַציע. אין דער אמתן איז ער אן עוואַנגעליקער, א קריסט. די נשמה פון לאַזארוס וואָס איז געווען אין קבר דריי טעג — ליגט טיפער אין אים ווי דעם קעניג שלמהס דראַנג נאָך לוקסוס און פּראַכט. ער וווינט זייט דרייסיק יאָר אין יידישן קוואַרטאַל. אָט האָט ער דאָך

געקענט ווינען אין דער שענסטער געגנט פון שטאָט, ביים מאַגיסטראַט, נעבן די רייכע פּאַלאַצן פון שטאַאַטסמענער. נאָר — אים איז ליבער זיך צוצוקוקן צו די אַלטע יידישע געזיכטער, צו די געבוירענע יידן, אייביק גליענדיקע אויגן, פּונקט ווי די נביאים וואָלטן זיך דאָ ארומדרייען... איז אינטערעסאַנט צו קוקן אויף די אין זייד־אָנגעטוענע יידישע פרויען, פריינטאָג פאַרנאַכט, ווען עס צינדען זיך אין די הייזער די פייערלעך־טרויעריקע ליכט־אילומינאַציעס, ווי מען וואָלט אַ קעניג קרוינען... אים איז נאָהענט די יידישע ריטואַל־צערעמאָניעס, די חתונות, די בריתן, די לויהס... ער ווינט נעבן דער גרויסער שול, נעבן די תלמוד־תורה־שולן, נעבן דער קולטורעל־רעליגיעזער באַוועגונג פון דעם אַלטן פאָלק — די יידן... ער זעט אין זייערע אָרעמע, גלותדיקע געזיכטער — פּאַרצייטישע פּרינצען, נביאים, קריגס־העלדן, ראָמאַנטישע פיגורן... ער באַקאַנט זיך מיט די יידישע רעליגיע־פירער, מיט דאָקטוירים, דענקער, גבירים און אָרעמעלייט... צווישן יענע האָט ער זיכער געזען דעם יונגנמאַן מיטן בלייכן געזיכט, אַסקעטיש־לענגלעכן פּנים און גליהענדיק־פאַרטראַכטע אויגן... ער האָט אים זיכער געמאָלן צווישן זיינע פילע ביבלישע העלדן — דעם יונגן געניוס ברוך שפּינאָזא... האָט דאָך רעמבראַנדט געזען אין די אַלע געזיכטער — דאָס שטערבלעכע, דאָס צייטווייליקע... דער טויט קוקט אַרויס פון זייערע טרויעריקע אויגן... האָט ער דאָך געזוכט דאָס אייביקע, דאָס אומשטערבלעכע, דאָס קאָסמישע.. און אויך דער יונגער שפּינאָזא זאָגט אַז דאָס שטערבלעכע קען ער נישט ליבן. ער ליבט דאָס אייביקע, דאָס אוניווערסאַלע. און דעם דורשט צו באַפרידיקן — טוט ער אַלץ אויף דער ערד אָן אין — גאָט, אין אייביקייט... דאָס זעלבע טוט אויך רעמבראַנדט... ער הילט זיינע קראַנקע, שטאַרבנדיקע העלדן אין זוניקן ליכט, אין תכריכים פון גאָלד, אין שטיקער פלאַמענדיקע נשמה... ביידע האָבן געצילט צום זעלבן... ביידע ווערן פאַרשטויסן פון דער געזעלשאַפט..

איצט איז סאַסקאַ שוין טויט. אין אַ גרויען טאָג טראָגט מען איר אַרונטער פון די פיר טרעפּלעך פון הויז, צום בית עולם — נישט ווייט פון זיין הויז... איצט ווערט דאָס גאָלד, דאָס גליק אָפּגעטון פון אים. עס ווערן ווייניק די באַשטעלונגען פון די רייכע

ליוט. די קאָסטאָמערס באַצאָלן נישט זייערע הובות. סאַסקאַס רייכ־טום איז ווי טאַנטאַלוס. עס צויבערט איך... ער קען עס נישט געניסן. די אַנטיקן האָבן אַפּגעקאָסט ריזיקע סומען געלט. דאָס הויז האָט ער נישט אויסגעצאָלט. די בעלי־חובות קומען צום אים און מאָנען מיט געבייזער. ענדלעך פאַרהתמעט די רעגירונג זיין הויז, זיינע זאַכן. אַלץ געשעט ווי אין א חלום. עס קומט פאַר די ליציטאַציע און — צום שפּאָט־ביליקע פרייזן ווערט אַלץ אוועקגעגעבן. צווישן די קונים שטייט ער, דער קעניג פון זיין מאַיאָנטעק — רעמבראַנדט אַליין און — וויינט...

טאָלסטאָי לויפט אין וואַלד, טרערן רינען פון זיינע אויגן און ער דערקענט גאָט, דעם געפּייניקטן מענטש...

קעניג קהלת רעדט זיך אויף די עלטערע יאָרן דאָס שטאָלצע, שיינע הארץ און דערקענט דעם טויט, דעם זון פאַרגאַנג פון אַלץ...

קעניג עדיפּוס ווערט געוווּר פון זיין אומגליק און שטעכט זיך אויס די אויגן פאַר תשובה און פּיין...

רוסאָ גייט אוועק פון די פירשטלעכע ווייבער וועמענס קנעכט ער איז — און אונטערן גרינעם בוים, אויפן זוניקן וועג, אינמיטן גרויסן טאָג — דערקענט ער דעם אמת פון דער נאַטור און איר צויבערהאַפטער הייליבאַרקייט צום ליידנדיקן מענטש...

ווערלען זיצט אין טורמע און דורך די גראַטן דערשיינט צום זינדיקן פאַרברעכן — די „הייליקע מוטער" און שמייכלט צו אים פול מיט גענאַד און ער ווערט טיף־רעליגיעז...

רעמבראַנדט קומט אהיים אין זיין קליינעם צימערל, — ווו מען האָט אים געלאָזן פאַר א צייט וווינען — און ער דערקענט זיין אומגליק. אייגנטלעך האָט ער דאָך שטענדיק ליב געהאַט דעם ליידנדיקן מענטשן. האָט ער דאָך שטענדיק געמאָלן הייליקע בילדער — מיט הינט אין הינטערגרונט, צו באַווייזן אז די געטער זענען נישט ווייט פון דער חיה... האָט ער דאָך שטענדיק אויפגעגעגט די מאַסע, דאָס פּעבעל מיט זיינע עכט־רעאַליסטישע וויזיעס...

דען — רעמבראַנדט איז א נאַטוראַליסט און ער האָט קיינמאָל זיך נישט אָפּגעגעבן מיט קיין קירכלעכע בילדער, מיט מיטאָלאָגישע סצענעס. אים איז נאָענט דער תנ"ך, ווייל דאָס גרויסע בוך איז נאָענט צום מענטש אין זיין איצטיקן לעבן אויף

דער ערד. דאָס עקלהאפטע, דאָס מאָרבידע, דאָס מיאוסע און דאָס פארקריפּלטע אין לעבן — האָט שטענדיק געצויגן זיין אויפמערקזאמ־קייט.

איז ער דאָך יאָרהונדערטן פאר גאָיא, טולוזלאָטרעק, פּיקאסאָ און מאָדיליאַני, פאר דעקאָ און ליבערמאַן — געווען דער זוכער פון אמת אין לעבן. נישט די אפּאָקאַליפּסיע פון קאָסמישע געשע־ענישן — נאָר די אפּאָקאַליפּסיע פון דער ערד האָט אים אינטע־רעסירט...

א פארלאָזענער פון זיין געליבטער פרוי, פון דעם לוקסוס, פון זיינע אינטימע פריינט, וועלכע זענען שטענדיק געווען זעלטן — פארלאָזט אויך רעמבראנדט פאר א ווייַלע אמסטערדאם, די מצענע פון רוים, פון גלאָריע. זיין פריינט, יאן סיקס, נעמט דעם נעפאלענעם קינסטלער אין דאָרף אריין אויף זיין פארם.

דער גרויסער מייסטער אין אויל־פארב־בילדער — נעמט זיך דאָ צו דער גרויסער בליישטיפט און זעצט זיך אוועק אויף א שטיין, אינמיטן פעלד, נעבן קרומע, רואיקעביימער, צווישן וועמענס צווייגן פשוטע, גוטע פייגל זינגען. ער הערט זיך איין אין דעם געוויש פון א טייכל, זיך איילנדיק אויף זיין וועג צווישן די שטיי־נער, ער קוקט נאָך ווי א פויגל פליט, פּונקט ווי מיט יאָרהונדערטער פריער — יענער מייסטער פון פלאָרענס, לעאָנארדאָ דא ווינטשי...

רעמבראנדט האָט קיינמאָל נישט געמאָלן ווי די איטאליענישע מייסטערס, אלץ אָנטוענדיק אין קעניגלעכער פּראכט. יענע רענע־סאנס־פּאגאניסטן זענען געווען שיכור פון לעבן, פון ליכט... רעמ־בראנדט זעט נאָר דעם שאָטן פון לעבן — און, ווי דאָס ליכט אטאקירט בלויז א יינגל, רייסט אויף ווי א ווינט — א שטיק פינסטערניש, זויגט איין דעם טרויער און צעבליט זיך, ווי א גרוי־סע בלומען, אין יום־טוב־שטימונג...

רעמבראנדט איז איצט ווידער אויף דער נאטור. קינדער־יאָרן שווימען אויף, פראגמענטארע דערינערונגען. ווי אָדם פון גן־עדן פארטריבן — קוקט ער זיך ארום אויף דער נאטור... ער דערקענט די היימלאָזע רו, דעם שטילן שעפּטש פון פלאנץ און בלום און שמעטערלינג. די קאָלירן האָט ער פארלאָזן. אין א פשוטן גרוי־

צייכנט ער ליידנשאפטלעך דער נאטורס ניואנסן, שטימונגען, פיי־זשאזען...

(שפעטער וועט סעזאן דאָסזעלבע טון מיט זיין דינעם פענדזל, אָנוואָרפן דעם נערוון־פּלאַן, דעם סקעלעט, די אַנאַטאָמיע פון זאַ־כען... פון דער נאטור).

נאקעט און באָרוועס, פון לוקסוס באפרייט, ווי לאזארוס — וואָס איז שוין געווען אין קבר און לאכט איצט ציניש פון ערדישער, אימפעריאלער פראכט — זיצט ער צווישן בוימער, אייזאם, און מאָלט די נאטור אין פשוטע צייכנונגען. 15 יאָר צייט — ביזן טאָג פון זיין טויט — צייכנט דער גרויסער מייסטער מיט זיין נאָדל פען — און רעמבראנדט דער צייכנער גייט אויף — א נייע זייט פון זיין געניוס, פארהוילן צו אים און צו דער וועלט — וועָן אין גליק און אין גאָלדענער גלאָריע... יאן סוקס גיט אים צו עסן — און רעמבראנדט גיט דער וועלט זיינע אומשטערבלעכע צייכנונגען...

צווישן די צווייגן זיצט דער טייוול, הינטער רעמבראנדס רוקן — און שמייכלט... ווי לאנג איז עס דען אז רעמבראנדט האָט גע־מאָלן סאסקא — אלס ווענוס... דאָס לעצטע בילד פון סאסקא, וועל־בע פאָזירט א שטארבנדיקע — אלס די גריכישע געטין פון שיינ־קייט און ליבע — ווענוס... א שטארבנדיקע ווענוס... אין גאָלד שווער באהאָנגען — זענען אירע אויגן טרויעריק, זיי זעען דעם מייסטער — אליין, אָן איר, סאסקאן, און טרערן רינען פון אירע אויגן אוים מיטלייד... איר יונגער האלדז איז שוין פול מיט קניי־טשען... אָבער — שטאָלץ און מוטיק, באהאלט זי איר טויט אין זיך, אירע פיינען — און פאָזירט אלס די הערלעכע ווענוס...

אָ, דער טייוול זיצט צווישן די צווייגן — נאקעט, אין זיין דאַ־רער מענלעכקייט, מיט די שפּיציקע הערנער אויפן דינעם, ברודיקן שארבן — און שמייכלט ציניש, קוקנדיק אויפן געבויגענעם קאָפּ פון רעמבראנדט, וואָס זיצט געדולדיק, ווי א פישערביים ברעג, ווארטנדיק אויף פיש — און צייכנט זיינע וויזיעס... אייגנטלעך איז עס די לעצטע פאזע אין דער דריי־אַקטיקער טראגעדיע וואָס הייסט: „רעמבראנדט פאָן רהיין". יוגנט און דראנג, אויפגאנג און לוק־סוס — דאן, געפאלנקייט, טרויער, לעצטע טיטאנישע אָנשטרענ־גונגען און — דער טייוול, דער רעזשיסאָר פונם טרויער־שפּיל,

האָט גאָרנישט מער וואָס צו טון... ער הייבט זיך אויף און ציט אוועק ווי א שאָטן מיט בלייכן שטעג צווישן די נידעריק־קרומע, שטילע און ערלעכע קאַרשנבוימער... ער פארשווינדט אין דער ווייט־קייט... צו שפּילן א נייע שפּיל פון א נייער עפּאָכע... פון איצט אָן וועט שוין גאָרנישט איבעראשנדיקס פּאָרקומען אין רעמבראַנדס לע־בען. ער וועט בלויז ווידער הייראטן, ווידער גיין אויף א רייע לויהם פון זיינע טייערע — און דאן וועט ער אליין איינדרימלען אין דער אייביקייט...

* *
*

עס איז געבליבן טיטוס — דאָס קינד פון סאסקא און די נוירס. די נוירס איז א פּעטע און א נארישע. זי פארבלייבט מיטן גרויסן קינסטלער אליין אין די נעבט, ווען ער וויינט אויף סאסקאס טויט. ער מאָלט סאסקא ווידער אמאָל אין גאָלד און אין זייד. אָבער — סאיז נישט מער די לעבעדיקע, פּרינצעסישע סאסקא מיט דעם ליכטיקן קערפּער און קלאָרע, קרישטאלענע אויגן. ער מאָלט די טויטע סאסקא פון חלום. אויך נאָכן טויט האָט זי נישט קיין רו...

די פּעטע מויד קלאָגט רעמבראנדטן אָן אין געריכט פאר סעק־סועלע אטאקעס... זי וויל אודאי די רעשט פון זיין פארמעגן... איצט נאָך ווייניק וואָס דער גניע איז אלט, טרויעריק און פארלאָזן, בא־ראבעוועט פון די בעלי־חובות, איצט ווערט דאָס פּעבעל פון אמס־טערדאם פרום און הייליק — און זוכט און נישטערט געשלעכט־לעכע חטאים ביים ריז, וואָס שטייט, ווי יעדער גניוס, איבער וועל־כער עס איז מאָראל... אזוי וועלן זיי אוים נקמה און האס פאריאָגן אָסקאר ווילדן צום טויט, צו א משוגענעם טויט, ווי דער אמאָלי־קער אימפּעראטאָר נבוכדנצד... אזוי וועלן זיי בייראָנען טרייבן אי־בערן שווארצן ים... אזוי וועלן זיי שעלין פּייניקן און זוכן פאר־ברעכנס אין זייערע שלאָף־צימערן. עס איז די אלטע געשיכטע פון דער באציאונג פון דעם בירגער צום גניאלן מאן.

דאָס בלוט ווערט אים געזעצט פון חרפּה און קריינקונג. דען רעמבראנדט, פון ביטערע ליידן און פון איבערארבעט — איז

קראנק, נערוועז, נעווראסטעניש. אין געריכט מוז ער זיך פארטיי־דיקן צום ערשטן מאָל איבער זיין מאָראל... אזוי האָט געפילט סאָק־ראטעס, ווען ער איז געשטאנען פארן געריכט פון אטענער אי־דיאָטן און גענעראטן — און געדארפט אפּווארפן די באשולדיקונ־גען פון זיין אונמאָראלישקייט און זיין „פארדערבטיקע" באציאונג צו דער יוגנט...

אָבער — עס דויערט נישט לאַנג און רעמבראנדט הייראט מיט הענדריקע פאָן סטאָפּלס. אין קעגנזאץ צו סאסקא — איז זי פון אָרעמע עלטערן, פויערן און איז געוווינט צו אן אָרעם, שפּאָר־זאם לעבן. הענדריקע איז א ווירדיק ווייב צום גרויסן רעמבראנדט. זי וואשט אים אויס דאָס העמד און פּאָזירט פאר אים. זי איז נישט געקומען ווי סאסקא — א פריילעכע, א קעניגלעכע. ניין. א טונקעלע בלאָנדינע מיט טונקעלע אויגן, וועלכע בליקן אומע־טיק — ברענגט זי מיט זיך, אויסער אירע 16 יאָר, גאָרנישט מיט וואָס זאָל פריילעך מאכן דעם 40־יאָריקן רעמבראנדט — שוין אלט אין פיין און אין ליידן. זי שרייבט אונטער איר נאָמען מיט א קרייץ...

אָבער — דאָס איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז אז דעם מילנערס זון — רעמבראנדט — פילט זיך ווידער אין די אָרעמס פון א גע־טריי מיידל. אמת, ער מאָלט זי נישט מער, ווי סאסקא — אין רייַ־כע קליידער, אין רייצנדיקער צירונג. אָבער איר יונגע נאקעטקייט שטראלט ווידער אויף — אין מער פשוטע בילדער. צוויי יאָר לעבט ער אין זיין אייגן הויז, וואָס געהערט נישט מער צו אים און ווע־מענס אוצרות זענען צוגערויבט געוואָרן פון דער שטאָט. צוויי יאָר לעבט ער איז זיין הויז, צווישן די צימערן וו ער האָט אזוי שטארק געליבט סאסקא... אָבער — ער האָט אויך ליב הענדריקע. אין א גע־וויסן זין איז אים נאָענט אָט דאָס איינפאכע פויערן מיידל, וואָס רעדט ווייניק, טוט אלץ פאר איר גרויסן מאן, פּאָזירט, באפרידיקט זיינע ליידנשאפטן. יאָ, זי מאָלט אויך אלס ביבלישע העלדין, ווי סאסקא.

אָבער, איצט, א מאן פון פערציק יאָר, געלערנט פון לעבן די גרויסע לעקציע פון פיין — יאָגט ער זיך נישט נאָך די דראמא־טישע סצענעס, נאָך ריזיקע קאָנוועגזעס, נאָך אָרגיע פון קאָלירן,

נאָך מאיעסטעטישער דעקאָראַציע. איצט איז אַלץ אין אים רואיק. דער שטורם איז אַריבער און דער קעניג געווינט זיך צו צו זיין נייער לאַגע... צו זיין בעטלערישער ראָלע... די פעטע נוירס פון טיטוס — אייפערזיכטיק אויף א יונגערער קאָנקורענטין, מיט וועל־כע ער האָט נישט געקענט צוליב סיבות געריכטלעך הייראטן — קלאָגט אים ווידער אין געריכט אריין. זי זאָגט אז רעמבראַנדט האָט איר געגעבן א רינג, צוגעזאָגט צו הייראטן. רעמבראַנדט מוז איר אויסהאַלטן פינאַנציעל — און פון וואַנען קען ער נעמען געלט? פון וועמען? פאַרוואָס? ווער האָט רחמנות אויף פרינץ רעמבראַנדט פאַן רהיין — דעם מילנערס זון...

הענריקיע האָט נאָך לאַנגע יאָרן א מתנה פאַר איר מאַן — א קליינע טאָכטער, וועלכע מען רופט קאָרנעליא, נאָך רעמבראַנדס מו־טער, טויט איצט זייט פילע יאָרן. קאָרנעליאַס מוטער — הענדריקיע — טאָר נישט זיין דאָס געזעצלעכע ווייב פון רעמבראַנדט... אָבער איר טאָכטער מעג זיין זיין — קינד... ווי מאָדנע...

עס שטאַרבט זיין ברודער אַדריאַן — א שלימזל, וועלכער פאַר־ברענגט די רעשט פון זיינע יאָרן אין רעמבראַנדס הויז — אלס מאָ־דעל. זיכער, א טרויעריקער גורל! אָבער — איז עס נישט א געוואַל־טיקע מיסיע — דינען זיין גרויסן ברודער אלס מאָדעל פאַר שלוחים פון גאָט, פאַר קעניגן פאַר מלאכים — אין זיין טרויעריקן אויסזען, אומבאהאָלפנקייט...

פשוט און שטיל צייכנט און מאָלט איצט רעמבראַנדט די ביבל־סצענעס — ליטעראַל ווי זיי זענען. בעטלערס ווערן די קעניגן אין קרוינען. פראָסטע מוידן פאַרוואַנדלט ער אין די גרויסע פרויען פון תנ״ך — גוואַלטיק אין זייער פשטות, פשוטער ווי די גריכיש־דראַ־מאַטישע העלדינס פון ראַבע און לײדנשאַפט.

אין זיין יוגנט האָט ער געמאָלן מילנער־יונגען — אלס פירשטן. איצט מאָלט ער פירשטן — אלס מילנער־יונגען. ווייל פראָסטע מענ־טשען זענען דאָך פאַראַן אזוי פיל אין תנ״ך — נישט בלויז קעניגן. און די בעטלערס, די קראַנקע, די פאַרשאָלטענע, די סטאָלאַרס, די פישער יונגען — פון נייעם טעסטאַמענט. איצט זענען די מענטשן — ווייניקער אָנגעצונדן, פשוטער, טרויעריקער, רואיקער. די פאַסטו־

בער קוקן מיט צערטלעבקייט אויף זייערע שפּעלעך. עס איז גרויר־סער אוונט אין רעמבראנדס הארץ.

איצט איז געקומען די צייט פאר רעמבראנדטן צו פארלאָזן אינ־גאנצן דאָס הויז. צוואנציק יאָר צייט האָט ער מיט סאסקא און הענדריקיע דערין געוווינט. געווזן דער קעניג דערין.

ער גייט ארויס פון הויז מיט הענדריקיע און טיטוס. צום לעצ־טען מאָל אין דעם אלטן הויז מאָלט ער הענדריקיע אלס פּוטיפרס ווייב, און טיטוס אלס יוסף... מאָלט טיטוס — אלס פּרינץ, אין א כקארלעט מאנטל... יונג און שיין... נאָר ווי פּרינץ טריסטאן... מיט א טויטלעכער ווונד אין הארץ... שטארבנדיק... זיין הויז איז דאָך ווי קעניג שאולס הויז... אלע זענען פארמשפּט צום אונטערגאנג. אלע מוזן שטארבן... אויסגעראָטעט ווערן — ווי אין אן אנטיקער טרא־געדיע, ווו די העלדן ווערן אלע פארניכטעט דורכן גורל...

ער גייט ארויס און מאָלט א נאקעטן מאן, אָרעם און נאקעט ווי איוב, ווי פּרינץ רעמבראנדט פאָן רהיין... נאָר — א קליינינקייט: איבער זיין קאָפּ פלאטערט א פעניקס...

נאקעט און אלט — נאָר זיין רוים וועט שטייגן צו די הימ־לען, וועט אויפשטראלן ווי דאָס אייביקע לעבן פונם לעגענדארן פויגל...

דען — רעמבראנדט ווייסט אז דאָס אלץ איז נישט מער ווי כראָניק, פּיינלעכער לעבנס־כראָניק. ער ווייסט אז אין אָט די ליי־דען האָט ער געלערנט מאָלן און צייכענען. נישט קיין גאָלד און קיין רייכקייט האָבן אים אזוי פיל געקענט לערנען מייסטערן זיין קונסט — ווי די ביטערע ליידן פון לעבן... דען אויף די עלטערע יאָרן ערשט דערגרייכט ער א גוואלטיקע פּולקאָמענהייט...

נו, זענען נישט די וווּנדן טייערער ווי גאָלדענע דוקאטן, ווי די שמייכלען פון די רייכע און גליקלעכע אויף דער ערד... אויך דער נאזארענער האָט אין ליידן דערקענט די וועלט, די מענטשהייט. שפּע־טער, אין יאָרהונדערטער, וועט אָסקאר ווײַלד אוועקוואַרפן זיינע לבנהס פון האָניק און גאָלד און דורך ליידן קושן דעם טרויער אין זיין ברוסט, אין זיין פּורפּורנעם הארצן...

* *
*

אלץ וואָס רעמבראַנדט וועט שפּעטער, אין זיין גאַנץ לעבן, מאָ־לען — מוז ער אָפּגעבן צו די באַהערדן, צו זיינע בעלי־חובות. וואָס פאַר א ביטערער גורל — הגם אויפן נאַקעטן מאַנס קאָפּ פּלאַטערט דער אומשטערבלעכער פעניקס...

הענדריקיע און טיטוס עפענען אַזוי א ביזנעס אויף זייער נאָ־מען. פארבן, מאָלעריי־מאַטעריאַלן, בילדער... רעמבראַנדט קריגט בלויז עסן און שלאָפן פאַר זיין אַרבעט — אַזוי הייסט עס פאַר דער מאַכט...

זיי פאַרוואַלטן איבער אַלץ און דער קינסטלער פאַרלירט אַלע זיינע רעכט אויף וועלכן עס איז אייגנטום — אַפילו אין דער צו־קונפט...

ער מאָלט איצט פרויען — שטילע, אָן פּראָטעסט, רעזיגנירטע, מיט וואונדערלעכע קאָלירן אַרום זייער מעלאַנכאָליע. דאָס ליכט שטראַלט אַלץ שטראַלנדיקער אויף. דאָס זעלישע טרעט אויף אַלץ העלער איבערן פיזישן, שאָטנדיקן. דער שאָטן זינקט אין דער טיי־פעניש, אין הינטערגרונט — יעקב ראַנגלט זיך מיטן מלאך. דוד שטעקט זיין וויינענדיק געזיכט הינטער דעם פאָרהאַנג. קריסטוס איז באַגאָסן מיט ליכט. המן זינקט טראַגיש אויפן בעט פון דער קע־ניגען. משה צעשמעטערט די לוחות, שליידערט זיי אין אָפּגרונט. דער אומגליקלעכער בלשאצר — בלינד. אַלע — אין וויטאָג גע־באָדן, מיט ליכט אַרומגערינגלט, ווי אין רעגנבויגנס געהילט.

אין פילקאָליריקייט, אין זון־אונטערגאַנג־פאַרבן מאָלט ער די אַלטע טראַגישע העלדן. און — איצט קוקט ער ווידער אין שפּיגל: ער זעט זיך נישט מער אַלס נאַבעלמאַן און אַלס פירשט, האַלטנדיק דעם באָקאַל מיט ווין — הויך, טרינקענדיק צו א טאָאַסט... פיר־מאָל מאָלט ער זיך איצט אַלס אַלטער מאַן — אָבער נישט מער ווי דערפּאָלגרייכער קיניג פון לעבן, פון רייכקייט — נאַר, ווי א מאָלער... יאָ, אָט דאָס קען אים קיינער נישט צורויבן — דאָס קעניג־רייך פון קונסט. אמת, די בירגער פון אַמסטערדאַם גיבן אים ווידער

א קאָמיסיע. איינער פון זיינע שילער איז געשטאָרבן און האָט נישט באוויזן אויסצופארטיקן א בילד פאר דעם מאגיסטראט... מען גיט רעמבראנדטן א קאָמיסיע — צו מאָלן אן אלט האָלענדישע לעגענדע: „די קאָנספיראציע פון קלאדיוס דיווילים. אָבער — ווידער קומט פאָר דאָסזעלבע ווי מיט די 16 פּאָליסלייט... דאָס בילד איז באנטאסטיש און — צו שווער, צו גרויס אויפצוהענגען.מען צע־שניידט עס דעריבער אין פיצלעך... בלויז איין פיצל, איין פראג־מענט — בלייבט איבער פאר די ווייטערדיקע דורות.

איז — מאָלט ער זיך ענדלעך אלס מאָלער... געקומען צום לעצ־טען אמת.. אָבער — ווי אלט און טרויעריק ער זעט איצט אויס... דאָס מאָרבידע אין זיין געזיכט פארלייקנט ער נישט... האָט ער דאָך א גאנץ לעבן געמאָלן דאָס מיאוסע, אלטע,מאָרבידע פון אנדע־רע מענטשן... דער שפּיגל ווייזט דעם אמת — דער אלטער שפּיגל פון דער מיל, וואָס האָט געוויזן רעמבראנדס געזיכט — געשוואָלן, פארבענרייך, רויט־פלאמענדיק, ווי א יונגער פּרינץ... איצט מאָלט ער דעם אלטן מאן — דעם בעטלער — אין שפּיגל...

וואן סיק — זיין פריינט — ווערט בירגערמייסטער. אָבער ער פארגעסט אין רעמבראנדטן. זיינע שילער קריגן גרויסע פרייזן פאר זייערע בילדער, אָבער — זייער רבי עקזיסטירט נישט... ווי איוב — קומט קיינער נישט צו אים. אויך די יידישע רבנים, די איינפלוסרייכע פריינט — זענען טויט.

ווידער מאָלט ער הענדריקיע — אלס ווענוס... די קנעכטין סאסקא — אלס די הערשערין... קאָרנעליאַ — אלס עראָס... ווי סאס־קא — דערציילט זי אים, די דרייסיק יעריקע שיינקייט, צעבליט און וואונדערלעך, דעקאָרירט אין סאסקאס פערל — אז זי גייט שטאר־בען... האָט זי איבערגענומען סאסקאס טובערקולאָסיס אינם אלטן הויז, ווער ווייסט... קיינער ווייסט נישט די סיבה...

זי פּאָזירט אלס ווענוס — און אזוי פּאָזירנדיק, זעט זי אויס מיד און טרויעריק. און — זי שטארבט. און דער אלטער קינסט־לער, וואָס האָט געקויפט פאָר סאסקאס קערפּער — א שיינעם קבר, פארקויפט איצט דאָס קבר — כדי צו באגראָבן זיין צווייטע פרוי

אין א ביליקן גרובן, נעבן זיין הוים, ביי איינע פון די אלטע קירכן...
איצט בלייבט אים אכטונג צו געבן אויף קארנעליא...
פארן טויט בעט אים הענדריקיע אכטונג צו געבן אויף איר...
און — טיטוס לעבט נאך... ער הייראט יונג מיט איינע א מאגדאלענא... טיטוס איז גוט און ער זארגט פארן פאטער... נאר — ווי דאס הויז פון קעניג שאול — מוזן אלע פארניכטעט ווערן... פריער שטארבט טיטוס, וואס זעט אויס ווי אן אלטער מאן אין זיין צוואנציק יאריקן עלטער... דאן שטארבט זיין פרוי מאגדאלענא... פון שווינדזוכט?... גאט ווייסט דעם אמת... רעמבראנדט מאלט זיי ביידע פארן טויט... אזוי טוט ער דאך שטענדיק... דאס שטערבלעכע פאלט אין קבר... אין דער קונסט לעבן זיי אייביק — אין קאליר געצירט... דאס בילד הייסט: „די יידישע כלה"... איינע פון רעמבראנדס לעצטע ווערק...

איצט — בלויז מיט קארנעליא, א 16־יאריקע מיידל — דארף נאך רעמבראנדט לעבן איין יאר... ער מאלט און — טרינקט... פארטרינקט דעם פיין... דאס פאלק האט נישט קיין מיטלייד אויפן אלטן מאן... זיין שילער, פאבריציוס, מאלט א בילד... ער דארף האבן א מאדעל — דעם הענקער, א ווילדן, רויען מדבר־מענטש, וואס האקט אראפ דעם קאפ פון דעם ווילדן פראפעט יוחנן...
רעמבראנדט פאזירט פאר אים — פארן פרייז פון א גילדן... רעמבראנדט איז ווילד און רוי און מיאוס און מארביד... א גוטער מאדעל פאר א הענקער... בשעת דער אלטער מאן זיצט — פלוידערט ער וועגן רובענס, אז יענער איז געבליבן וועלטלעך, ערדיש... ער האט קיינמאל נישט געזען — רובענס... אבער — ביידע, נאך טויט, וועלן זיין אומשטערבלעך... נאכן טויט ווערן זיי ביידע — גלייך דערלייזט... איינער — רובענס — א דיפלאמאט, א הויף־מענטש, פון גליק געקושט... דער צווייטער — א בעטלער, אן אמאליקער פרינץ — אבער, האט אין זיין קונסט דערגרייכט די הימלען, בשעת רובענס איז געבליבן קעניגלעך און פול מיט גלאנץ —
א צווייטן מאל איז רעמבראנדט אן עדות ביים אונטערשרייבן עפעס א פאפיר... ער קריגט דערפאר א גאנצן האלבן גילדען...
ער מאלט בסדר אויף שטיקלעך פאפיר, ווייל ער האט נישט קיין געלט צו קויפן א קאנווע, אויף אייביקייטן וועט ווערן באהאל־

מען א שטיקל פּאפּיר — א צייכנונג פון רעמבראנדט און, אויף דער אנדערער זייט איז אן איינלאדונג צו א לויה: „דער הונגעריקער איז איינגעלאדן צו זיין אַנוועזנד אויף דער לויה פון פרוי נאכטגלאַז“...

* *
*

רעמבראנדט האָט דערוואַרטכט. אָט איז אים דורכגעגאנגען אין כּארך דאָס גאנצע לעבן זיינס. ווי א טראגישע וויזיע — ווי איינע פון זיינע חנ"ך־וויזיעס. נאָר פיל, פּיל מענטשלעכער, פּשוטער, טראַגישער... ער האָט ארייגעקוקט אינם פאמילעבילד... סאסקא האָט טרויעריק געשמייכלט. געקוקט אים אין די אלטע אתויגן, עפּעס ווי זי וואָלט זיך דערנענטערן צו זיין נשמה.

רעמבראנדט איז אומגעפאלן און — איז געווען טויט. דעם דאַטום פון זיין באגרעבעניש דערציילט די כראָניק פון בית־עולם־בוך:

„אָקטאָבער, 8, 1669, רעמבראנד פאָן רהיין, מאָלער, פון די ראָזענגראכט“...

אויך נאָכן טויט — האָט מען פון אים אלץ אוועקגענומען... ער איז געשטאָרבן א בעטלער... מען האָט זיך געקריגט, געגאנגען אין געריכט, געזוכט גאָלד, מען האָט נישט געוווסט אויף וועמענס קאָסטן מען זאָל איינאָרדנען זיין לויה, קויפן זיין קבר... און — וויפל מענטשן האָבן אים צום לעצטן מאָל באגלייט — וועט שוין קיינער נישט וויסן... עטלעכע באגרעבערס — דאָס קען מען וויסן אויף געוויס — זענען געווען אַנוועזנד...

און — דאָס איז א סקעלעט פאר א ביאָגראפיע פון רעמבראַנדט — גענומען, לויט די פאקטן און דער קאָנסטרוקציע, פון עמיל לודוויג „דריי טיטאנען“: מיקל אנדזשעלאָ, רעמבראנדט, בעטהאָווען...

די אמתע טראגעדיע, די טיפערע איבערלעבענישן פון א מענטש — פון אזא מענטש ווי רעמבראנדט איז געווען — וועט קיינער נישט וויסן. יעדער ביאָגראפיע איז ווייט פון פרעמדע, לויט א דיכטונג פון דעם וואָס האָט סימפּאטיע מיט זיין העלד... אָבער — ביאָגראפיע איז בעלעטריסטיק, דאָס דראגישע לעבן פונם העלד, זיינע ווייטאָגן יעדער

מינוט, זיינע רעאקציעס צום לעבן — דאָס וועט מען קיינמאָל נישט וויסן. עס ווערט פארלוירן מיטן מאָמענט... בלויז גאָט אליין ווייסט עס...

שרייבנדיק אמאָל וועגן פאו און באָדלער — האָב איך אָנגעוויזען אז יעדער ביאָגראפיע איז פיקציע, א מאָזאיק פון אַ רייע פאַקטען, וואָס דערציילן ווייניק אָדער גאָרנישט וועגן דעם לעבן זעלבסט פון א העלד...

דאָס דערמאָנט מיך אין רעמבראנדט א לאנדסמאַן — וואן גאָג. וויפל ענלעכקייט איז דאָ צווישןביידע. ביידע האָבן געזוכט דעם אמת פון לעבן צו פארקערפערן אין דער קונסט. ביידע זענען געווען עוואַנגעליקער, אפאָסטאָלן. ביידע זענען געוואָרן געקרייציגט צוליב זייער קונסט... ביידע האָבן ליידנשאפטלעך געפלאַקערט און די פייערן געוואָרפן אויפן קרייץ פון זייער קונסט... ביידע האָבן זיך געראנגלט מיט ליכט און שאָטן...

א סך איז לעצטנס געשריבן געוואָרן וועגן וואן גאָג — און דאָך, ווי ווייניק מיר ווייסן פון זיין טיפערן, אינטימען, טראגישן לעבן...

פאקטן, פאסירונגען — בילדן נאָך נישט קיין לעבן פון א גאון, בעסער ווי וועלכע סאיז ביאָגראפיע — דערציילט די שאפונג פון א קינסטלער... אין איר האָט ער זיך געטריי אויסגעדריקט. אויף וויפל אים איז געלונגען צו באזיגן און שלאָגן דעם דעמאָן פון דער קונסט און דערגרייכן צו זיך. דען וואָס ערנסטער און פולער א פערזענלעכקייט גיט זיך — אלץ נענטער איז ער צו דער אָביעקטיווער פולקאָמענהייט אין דער קונסט.

רעמבראנדט האָט געגעבן א סך פון זיך אין זיין קונסט.

דעריבער — לאָמיר ווידער אריינקוקן אינם אומשטערבלעכן אלבום פון רעמבראנדט פאַן רהיין, אין דעם אלבום פון א טויזנט מאָלערייען און נאָך מער ווי טויזנט צייכענונגען...

דאָס איז דערווייל אלץ וואָס איך האָב צו דערציילן וועגן דעם ווי איינער פון די גרעסטע פון דער מענטשהייט האָט געלעבט, געשאפן און — געשטאָרבן...

ד ע ר אָ פּ ע ר ע ר

מעדיטאציעס איבער אן אימפעראטאר

עס איז הארבסט. אלץ דערגייט שליסלעך צו זיין ענדע, צו זיין טויט. איר וועט איצט נישט דערקענען צווישן די וויאנעענדיקע בלומען, וועלכע פון זיי עס האבן שענער געבליט. אמאל האבן אלע שיין געבליט... איצט שטארבן אלע גלייך. דאך וואנדערשיין זענען די לעצטע טעג פון „אינדיען סאמער“, די טעג וואס שטעקן מיט די קעפ און פרעכטיקע לאקן אין זומער, מיט די הערלעכע בריסט און רונדן בויך אין פאעטישן הארבסט — און מיט די פיס — אין ווינטער, אין גרויען ווינטער.

נעמט מען א צייטונג אין האנט. גרוילט עס פון אן א שיעור שרעקלעכע פאסירונגען אין פארשידענע ווינקלען פון פלאנעט. איבער פעלזענבערג פוילן די טויטע קערפערס פון פאלקס-העלדן. און היינט זענען זיי טויזנטער... אין יעדן לאנד הערשט א דיקטאטאר, וועמענס טראן איז גלייכצייטיק א גילאטינע. אויף וועלדער פון באיאנעטן זיצן זיי — און צו זייערע פיס שמאכטן פעלקער, גייען אפ אין בלוט...

און אט אין אזעלכע שטימונגען, האב איך זיך גענומען מעדיטירן וועגן איינעם פון די גאר גרויסע הערשער אין דער וועלט-געשיכטע, איינעם פון די ראמאנטישסטע טיראנען און אייזערנע דיקטאטארן, וואס האט אמאל אין בלוט פארגאסן די פעלקער פון אייראפע. שטויב און שמוץ פון ראמאנטיק איז אנגעוואקסן אויף זיין לעגענדארער פיגור. האט איר אמאל געזען אין א גארטן פון א קירכע אדער גאר פון א מוזעאום — אלטע קאנאנען, פון 17-טן און 18-טן יארהונדערט?

דאס גראז צוט זיך איבער זיי אריבער ווי טעפיכן פון גרינעם שטאף. אמאל האבן די קאנאנען געטויטעט, היינט שטייען זיי רויק,

לאָזן זיך בינדן אין די אָרעמס פון גראָז, לאָזן זיך איינשמידן אין די קאַלטע, רויטע שלעסער פון זשאַוועך. א מאָדנע אייגנשאַפט האָט דער זשאַוועך — ער קריכט לאַנגזאַם ארויף, וואַקסט אָן ווי א רויטע, זייַדענע הויט פון צערטלעכסטן פליוש און שליסט אזוי ארום אָפּ פון באַוועגן זיך אַלע גלידער, אַלע געלענקען אין שלעסער. טראָגט איר קרבן צו מאַניפעסטירן פאַר די קומענדיקע יאָרהונדערטער...

אָט אזא שימל־שטויב, זשאַווער און גראָז איז אָנגעוואַקסן ארום דער געשטאַלט פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, דעם מאַן וואָס אַלע גרעסטע ביאָגראַפן האָבן געפּרוּווט באַשרייבן, טויזנטער און טויזנטער ביכער זענען וועגן אים געשריבן געוואָרן. עס איז איצט שוין נישט נויטיק צו דערמאָנען א פּרט פון זיין לעבן. קינדער אין וויגן קענען שוין פון אויסנווייניק דאָס לעבן און די פּאַסירונגען פונם „קליינעם קאַפּראַל". עס זענען אין די ארכיוון שוין אויסגעניטשטערט געוואָרן אַלע דאָקומענטן וועגן אים. עס זענען שוין פאַרשריבן געוואָרן אַלע אנעקדאָטן, פראַזן און פּריוואַטע געשיכטן פון זיין לעבן און פונם לעבן פון זיינע ארומיקע. באמת, מען קען שוין גאָרנישט זאָגן קיין נייעס איבער אָט דעם געניאַלן קאָרסיקאַנער און העלד פון זעכציק גראַנדיעזע שלאַכטן אויף אונזער אייביק קריגערישן פּלאַנעט...

נישט איך גיי דערציילן וועגן זיין לעבן. עס איז אבסאָלוט אומנויטיק, זיין ביישפּיל האָבן מיר אין די היינטיקע דיקטאַטאָרן. דעם ביישפּיל פון זיינע מלחמות האָבן מיר אין די היינטיקע מלחמות. די ברוטאַליטעט פון זיין צייט האָבן מיר אויף א פיל מער פערפעקטן אופן היינט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דייטשלאַנד, איטאַליע און שפּאַניען קענען גאַנץ דרייסט ארויס אין וועט־קאַמף מיט אַלע יאָרהונדערטער און פעלקער פון דער וועלט־געשיכטע. אין הינזיכט פון גרויזאַמקייט און מענטשן־פּייניקונג. איך וואָג אפילו צו זאָגן אז די גרויסע שפּאַנישע אינקוויזיציע איז געווען — ווי גרויזאַם און ברוטאַל זי איז געווען — א „טאַשן־אויסגאַבע" פון די רציחות פון נאַציזם און פאַשיזם איצט...

ווי געזאָגט, דאָס שטאַרבן אין דער נאַטור האָט אין מיר ארויסגערופן א דעראינערונג פון א רייזע אין וואַטערלאָא, וואָס איך האָב געמאַכט אין 1928 און אין 1929. די דעראינערונג איז מיר געוואָרן אזוי נאָענט, אז עס איז פון מיר אָפּגעפאַלן דער רויטער זשאַוועך פון

פארגאנגענהייט און אַט — איך האב זיך געפונען איצט אין וואטער־לאָא...

אייך איז געווים באקאנט אַט דער פלאץ פון דער וועלט־געשיכטע. דאָ איז פאָרגעקומען נאפּאלעאָנס לעצטע און אנטגילטיקע שלאכט. אויפן וועג פון אינזל עלבא, וו מען האָט אים פארשיקט נאָך דער אומגליקלעכער עקספעדיציע אין מאָסקווע, צום אינזל סעינט העלען וו מען האָט אים פארשיקט אויף אייביק — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין וואטערלאָא. דער פריצייטיק אלט געוואָרענער נאפּאָלעאָן וויל ליי־פערן די פאראייניקטע כוחות קעגן אים, ענגלאנד און דייטשלאנד. א נייעם זיג, וואָס זאָל אים זיינע לעגיאָנען און דאָס פאָלק פון פאריז צוריקברענגען די גלאָר־רייכע צייטן, ווען ער האָט געזיגט ביי מאַ־רענגא, ביי וואגראם, ביי פרידלאנד, לייפּציג, איילא, סמאָלענסק און אוסטערליץ — פון דעם דאָזיקן זיג הענגט אָפּ זיין גורל און דער גורל פון פראנקרייך. אויב ער וועט זיגן — וועט אים דאָס פאָלק מו־חל זיין פאר אלע דורכפאלן. מען וועט אים באגריסן אין פאריז ווי צעזאר!

ער פארנעמט שארלערוא (בעלגיע). אנשטאָט זיך צו באפעסטיקן און שטארקן די ארמיי, הויבט ער באלד אָן אן אטאקע. צום ערשט שיקט ער מארשאל נעי מיט א האלבער ארמיי קעגן די ענגלענדער. אָבער אָט ווערט ער געוואָר אז די גאנצע פרייסישע ארמיי אונטער גענ. בליוכער גרייט זיך אים אטאקירן. גענעראל נעי קען שוין נישט צוריקקומען. די שלאכט פאנגט אָן — און מיט א האלבער ארמיי לי־פערט נאפּאלעאָן א נייעם זיג!

נאפּאלעאָן איז איצט שיכור פונם זיג.

אמאָל האָט ער נאָכגעיאָגט דעם שונא, נישט געטראכט איבערן זיג — נאָר געזען אויסנוצן די פאניק פון דער אנטלויפנדער ארמיי פאר זיך. נאָר עמיל לודוויג, דער ביאָגראף פון נאפּאלעאָן, באמערקט ריכטיק אז ער איז שוין געווען נישט דער אמאָליקער סטראטעגיקער פריצייטיק אלט!... ערשט א טאָג שפּעטער שיקט ער גענעראל גראָשעי נאָך די דייטשן. אָבער איצט געלינגט שוין ביידע ארמייען — די ענג־לישע און דייטשע — זיך צו פאראייניקן, און א טאָג שפּעטער, קומט פאָר די שלאכט אין וואַרטערלאָא.

ווידער איז נאפּאלעאָן נישט דער אמאָליקער סטראטעגיקער: אנ־

שטאָט באלד אין דער פרי צו אטאקירן די ענגלענדער, ווארט ער ביז מיטאָג, כדי די ערד נאָכן רעגן זאָל זיך אויסטריקענען און ווערן הארטער. עס זאָל בעסער זיין פאר די פוסגייער און פארן באפעסטיקן די קאנאָנען. ערשט נאָכמיטאָג פאנגט זיך אָן די שלאכט. די ענגלענדער אונטער גענ. וועללינגטאָן זענען שטארק. זיי האלטן אויס דעם שטורם פון דער פראנצויזישער ארטילעריע. אָבער — די פראנצויזן האָבן די איבערהאנט! נאפּאָלעאָן קען נאָר ארויסשיקן די אלטע גארדע און ליקווידירן דעם שונא א נייעם און לעצטן זיג! אָבער דער קארסיקאנער איז ווידער נישט מיט אלעם. ער שיקט נישט די אלטע גארדע און פארגאכט צו קומען אָן די דייטשע טרופּן צו הילף די האלב-באזיגטע ענגלענדער... די שלאכט פלאקערט אויף און ערשט איצט שיקט נאפּאָלעאָן די לעצטע גארדע־טרופּן צום קאמף. אָבער — שוין צו שפּעט... דער שטערן פון נאפּאָלעאָן איז טונקל געוואָרן... די ארמיי ווערט צעקלאפּט און נאפּאָלעאָן מוז מיט זיין סוויטע רייטן איבער זומפּן און בערג, איבער דערפער און פעלדער, צו אנטלויפן פונם שונא...

די לעצטע שלאכט איז פארשפּילט... איצט איז פריי דער וועג פארן העלד אין סעינט העלענא, דער גרויער פעלזן־אינזל, ווו ער וועט שמאכטן צוואנציק יאָר...

און איצט — בין איך אין וואַרטערלאא. איבערן הימל לויפן שווארצע כמארעס. דאָס מארשירן אין דער הויך די נשמות פון די געפאלענע נאפּאָלעאָנישע ארמייען! שווארצע ארמייען מארשירן אייביק אין די קאָסמישע רוימען! „וויוו ל" אימפּעראטאָר!" — הילכן זייערע געשרייען אין רוים. „זאָל לעבן דער אימפּעראטאָר!" אָבער דאָס אלץ איז ניט מער ווי א חלום. די צוויי מיליאָן סאָלדאטן, וועלכע נאפּאָלעאָן האָט געפירט צום טויט, זייער געביין איז שוין אויך פארשוונדן. זייער אימפּעראטאָר איז שוין לאנג, לאנג טויט... ווי אלץ וואָס דערגייט שליסלעך צום טויט.

איצט זיץ איך אין וואטערלאא... אונטער די שווארצע, טויטע וואָלקן־ארמייען... אמאָליקע פעלקער האָבן פאראייביקט זייערע העלדען־קינדער אין ריזיקע מצבות פון רום און גלאָריע. די אלטע עגיפּטער האָבן אויפגעשטעלט מעכטיקע פּיראמידן. די גריכן און די רוימער האָבן געשניטן פעלזן און געשטעלט מאָנומענטן איבער גרויסע קריגער. פון א גאנץ אנדערער ארט איז עס וואטערלאא: דאָ האָט א

מאַן פון זעלבסט־פּאַרטרויען, ענערגיע און פאַנטאַזיע געליטן אַ מפּלה. נישטאָ דעריבער קיין דענקמעלער און מאָנומענטן. אַ ריזיקער באַרג שטייט אויפן פעלד. אונטערן באַרג זענען באַגראָבן טויזנטער סאָל־דאַטן פון יענער שלאַכט. דאָ ליגן זיי פּאַרברודערט: דייטשן, ענגלענ־דער און פראַנצויזן... דאָס גראָז וואַקסט איבערן באַרג. דאָס אייביקע, אַלץ פאַרדעקענדיקע גראָז. מעגן גרויסע שלאַכטן פּאַרקומען אויף דער ערד. דאָס גראָז טוט זיך לאַנגזאַם זיין אַרבעט אין משך פון יאָרן; עס ווישט אָפּ בלוט־פלעקן און פאַרציט זיך שטיל און זאַכט איבער מאַסן־קברים; עס דעקט צו שטעט, מאָנומענטן און ציוויליזאַציעס; עס באַ־גראָבט אונטער זיך נאַציאָנען. עס פאַרציט זיך איבער טויזנטער סקע־לעטן און עס שפּראָצט אַרויס אומשולדיק און געלאַסן, געהיימניש און פאַרברעכנס מילדערנדיק...

איבערן שפּיץ פון באַרג — אַ לייב. סימבאָליזירט פראַנקרייך, מיטן אָפענעם פּיסק צו פּאַריז, מיט דער אויפגעהויבענער לאַפּע אי־בערן ערד־קוגל, צום הימל, צום קאָסמאָס...

און דאַן — דאַן די באַגלייטערס און שפּראַצונגען פון היסטאָרי־שע ערטער. געוועלבלעך מיט אַנטיקן, מיט בילדער פון די גרויסע שוישפּילער אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע: נאַפּאָלעאָן, וועלינג־טאָן, און אַנדערע. דאַן מוזעאומס מיט בילדער פון אַנדערע פּאַסירונ־גען. מיט האַנטיכער מיט וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט זיך געווישט די הענט... און וואָס זענען נאָך איצט אַפילו נאַס.... און — אַ הויז מיט אַ בינע אינמיטן, פון וו מען קען אויף דער רונדער וואַנט זען אַ רי־זיקע מאַלעריי־פּרעסקאָ: די שלאַכט ביי וואַטערלאָא... איר ווייסט דאָך אַז פאַרן צושויער זענען אַלע שלאַכטן ענלעך צו זיך: סאָלדאַטן אין רויטע לענטעס מיט ווייסע פּאַסן, זעלנער אין רויטע פּאַסן מיט ווייסע לענטעס, דאַן טויטע פערד און נאָך לעבעדיקע פערד, אַלערליי געווע־רען, איר קענט הערן די געשרייען און געוואַלדענעס... פון דערוויי־טענס — אויפן ווייסן פערד, די נידעריקע, דיקע פיגור פון נאַפּאָלעאָן, אַרומגערינגלט מיט זיין סוויטע... ער באַאָבאַכטעט דעם גאַנג פון דער שלאַכט און ווי געווינלעך, נאָכן פאַלן פון זיין אַרמיי — אַנטלויפט. ווי האַלע סעלאַסע פון עטיאָפּיען... ווי אַנדערע העלדן פון קריג...

דאָס איז וואַטערלאָא, די מצבה פון רום... אומעטום — ווערדע־ראַמאָל: גרינע, ווייכע, זאַפטע, צאַרטע גראָז... איר פאַלט און פאַר־

בלוטיקט זיך, איך קריגט זיך, שטרייט איבער דאָגמעס און אידעאַלן וואָס זענען אויך דאָגמעס... אָבער איך וואַקס זיך רויק און געהיים, ביסלעכווייז פאַרציענדיק מיט מיינע דינע בלעטלעך אייערע שויפּלע־צער און בינעס. אייערע קברים און פּאַלאַצן און רואינען און דענקמע־לער... נאַפּאָלעאָן איז געבליבן אין בוך, אין פּאָעמען, אין קינסטלערישע ווערק... אָבער ווער ווייס פון די צוויי מיליאָן געפאַלענע לעגיאָנערן, וועלכע איך דעק צו? איר קענט זיי אונטערן געמיינזאַמען, רואיקן צי־פער: צוויי מיליאָן...

די לבנה גייט אויף איבער וואַטערלאָא. די טויטע אַרמייען מאַר־שירן איבערן שוואַרצן, מוראדיקן הימל. איך זיץ איצט אליין איבערן ריזיקן קבר, אויף וועלכן עס זענען געלייגט טרעפּ, צום אַרויפגיין פאַר אַמעריקאַנישע, ענגלישע און דייטשע טוריסטן: די אייניקלעך פון די העראָאישע קעמפער.

איך טראַכט, אַז איצט איז די וועלט ווידער באַהערשט פון אַ אַזעלכע געניאַלע באַנדיטן; דייטשלאַנד, איטאַליען, פּאָרטוגאַל, שפּאַ־ניען, יאַפּאַן, און אַנדערע; אין אַ סך הינזיכטן זענען די מאָ־דערנע דיקטאַטאָרן ענלעך צו נאַפּאָלעאָנען; מיט וואָס און אין וועל־כע הינזיכטן? — מיר וועלן באַלד זען... און ווי די געשיכטע באַווייזט ביז איצט, האָט יעדער טיראַן זיין וואַטערלאָא, זיין פּלאַץ פון לעצטן רום און פאַל... וואַרטערלאָא איז סימבאָליש. דאָס גרינע גראָז פאַר־ציט זיך שטילערהייד איבער יעדן שלאַכטפעלד און איבער יעדן דיק־טאַטאָרס קבר...

די געשיכטע פון די טיראַנען איז לײדער אויך די געשיכטע פון דעם פאָלקס נאַאיוויטעט, שקלאַפערישקייט און געפאַלנקייט. אַ טיראַן גייט אויף נישט אַ דאַנק זיין שטאַרקייט — נאָר אַ דאַנק דער שוואַכ־קייט פון די מאַסן וואָס האַלטן אים אונטער.

און אַזוי האָב איך איינגעדרעמלט אויפן וואַטערלאָא־פּלאַץ... איך האָב אין חלום געזען שלאַכט־וויזיעס. דאָס אייביקע אומזיניקע קלינ־גען מיט די שווערדן און טאַצן. די קאַנאָנען זענען אַרויס פון די גערט־נער פון מוזעאומס און קירכעס און ווידער געקנאַלט איינס אויף אַנ־דערע... ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז דער הימל געווען קלאָר. וואַטערלאָא איז געווען ערגעץ ווייט, ווייט, אין דער פאַרגאַנגענהייט... איך האָב זיך געפונען אויף דער צייט־טעריטאָריע פון 1936 און —

איך האָב ווידער מעדיטירט איבער דעם פאַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע...

די שטאָלענע, פּעלזיקע נאַטור פון קאָרסיקע, ווו נאַפּאָלעאָן איז געבוירן געוואָרן, האָט אים געגעבן צוויי אייגנשאַפטן. א מעכטיקן, שטאַרקן קערפּער וואָס איז פעאיק צו אַרבעטן אָן אָפּרו גאַנצע מעת־לעתן — און א שטאַקע פאַנטאַזיע וואָס איז העכער פון יעדן געוויינ־לעכן מענטשנס. קאָרסיקע איז דאָס אינזל פון פאַרביסענע רויבער און א פאַרעקשנטער באַפעלקערונג. קאָרסיקע האָט געפּאַנצערט דעם יונ־גען באָנאַפּאַרטע.

זיין אַרבעטסזאַמקייט איז לעגענדאַריש. ער האָט די קראַפט פון א טיגער. ער קען זיצן 16 שעהן כסדר אויפן זאָטל פון פערד. עס שטראָמט פון אים א מין קאָסמישע ענערגיע, וואָס קיינער קען נישט צוברעכן און פאַרניכטן. ער האָט נישט קיין מורא פאַרן טויט. ער איז אין די געפערלעכסטע ערטער בשעת די שלאַכטן. ער האָט אַן אונגעהויערן זעלבסט־גלויבן אין זיך. בשעת דער אויסטערליץ־שלאַכט, מוז ער צו־זאָגן זיינע סאָלדאַטן נישט צו גיין אין פייער. דאָס באַווייזט ווי באַ־ליבט ער איז און אויך ווי נישט שרעקנדיק. פאַר אים איז קיין זאַך נישט שווער. זענען די אַלפּן אין וועג — שניידט ער אין זיי וועגן. ער איז גרייט ממש אָפּצווווישן די אַלפּן פון דער ערד. איז ענגלאַנד אין וועג צו זיין אימפּעריע — וועט ער פאַרניכטן ענגלאַנד, וועט ער בויען א ריזיקן פּלאַט און באַזיגן דעם ים.

ער איז נישט גרויזאַם. ער קען נאָר איין הויפּט־רעוויר אין זיין לעבן־נויטווענדיקייט. ער פאַרפאָלגט זיין ציל. ווער עס שטעלט זיך אים אין וועג, מוז, נאַטירלעך פאַרניכטעט ווערן. א מיליאָן לעבנס איז פאַר אים א קלייניקייט. דאָס איז נישט גרויזאַמקייט. דאָס איז א פאַרשיכורטער וואָס קען נאָר די רעאַליזירונג פון זיינע צילן, וועלכע זע־נען גרויס ווי גראַנדיעזע טרוימען. ער איז פּראַקטיש אוננוצלעך. אים איז פרעמד ענטוזיאַזם און עקסטאַז. זיינע שלאַכטן פירט ער סטראַטעגיש און אויסגערעכנט. זיינע טריקן מוזן ווערן זיגרייך, ווייל עס איז אין זיי דאָ לאָגיק. ער האַלט פון אָנפאַלן פּלוצלונג אויפן שונ־נא, פון צעברעקלען אים אין דעטייל; אום נישט געבן קיין צייט זיך צו אָריענטירן. אויסנוצן דעם פּאַניק־צושטאַנד פון אַן אַרמיי פאַר זיך. ער ווירקט אויף זיין אַרמיי מיט א מאַגישער קראַפט. ער באַצווינגט זיי דעמאָניש. ווילן און אינטעלעקט זענען אין אים אויף א גענייאַלן

אופן פאראייניקט. ער גלויבט פאטאליסטיש אין זיין באשטימונג. ער פרעגט נישט קיינעם. יעדער שלאכט איז זיינס א נייער טעכנישער זיג! ער איז כסדר ניי. האט נישט קיין באשטימטע פארמולען. ער קען אויסגעצייכנט דעם שונאס פעלערן. ער שפעקולירט אויף זייער שוואכקייט.

ער איז נישט בלויז פראקטיש אין קריגס־פירונג, אויך אין פריוואטן לעבן, אלס קעניג, גענעראל, עקאנאמיסט, מאן, בירגער און געזעצגעבער. און פראקטיש איז ער דערפאר ווייל ער איז אליין געבוירן א בירגער. ער קען אלע שיכטן פון פאליטיק. ער איז געקומען צו זיין גלאריע א דאנק זיין אייגענער אייזערנער ענערגי. ווי די מאדערנע דיקטאטארן פון צוואנציקסטן יארהונדערט, שטאמט ער נישט פון גרויסן יחוס. באקומט נישט די גרויסע אמטן בירושה. ער איז קעגן אריסטאקראטיע. פון בלוט טראגט ער א האס קעגן די געבוירענע קעניגן, וועלכע ער מאכט ציטערן. ער דערהויבט אליין פראסטע מיליטער־מענטשן צו הויכע ראנגען. ווען עמיץ צייכנט זיך אויס, איז ער קאלאסאל באגייסטערט. ער רינגלט זיך ארום מיט די ענערגישסטע נאטורן, מענטשן פון ארימען פאלק. דאס איז אויך דער סוד פארוואס ער ווירקט. זיינע סאלדאטן דערפילן אין אים אן אייגענעם, א סאלדאט. ער באזוצט אויסער דעם אין זיך, דאס אקטיאר־ישע. ער קען שפילן פאר סאלדאטן, קעניגן און פעלקער. ער איז א גרויסער היפנאטיזירער. ער איז דער געניאלער פראזעאלאג. אין דעם ליגט די אורזאך פון צוויי הויפט־געשעענישן אין זיין לעבן: פון זיין זיג און מפלה...

די פראנצויזישע רעוואלוציע האט געבוירן אין איר פייערדיקן שוים דעם טיראן נאפאלעאן. עס איז די טראגעדיע פון אט דיזער רעוואלוציע. קארלייל דריקט זיך ערגעץ אויס אז די פראנצויזישע רעוואלוציע פרעסט אויף מיט א פייערדיקן מויל, ווי סאטורן, אירע קינדער, אירע גרויסע העלדן. זי האט זיי אלע געשיקט צו דער גילאטינע. אבער די איראניע פון דער געשיכטע האט געוואלט אז דער גרעסטער מאנסטער זאל אין איר געבוירן ווערן: נאפאלעאן!

ער טראגט און צעפלאקערט אירע אידעאלן איבער אייראפע. ער ברענגט די פעלקער פון פלאנעט פלאמענדע גרוסן פון דער רעוואלוציע. די ערשטע צייט איז דער גענעראל באנאפארט זיכער ערלעך

און עקסטאטיש, ער נעמט אויף דער רעוואָלוציעס גרויסע פּראַזן פון פרייהייט און ברידערלעכקייט. זיין ארמיי מיינט, אַז זי איז דער רעוואָלוציעס ארמיי, טראָגנדיק פרייהייט אויף אירע באַיאָנעטן. ווידער פלאַקערט די טריקאָלאָר פאָן פון די לעגיאָנערן. ווו ער נעמט אָפּ און האלט אָפּ א זיג, דערציילט ער דעם פאָלק אז ער האָט זיי באפרייט. ער צעבלאָזט אויפסניי די פלאַמען פון פאָלקס־באגייסטערונג! זיי האָבן אן אידעאַל! דאָס איז דער סוד פון זיין דערפאָלג ביים פראנצויזישן פאָלק! דער גענעראַל באָנאַפּארט ליפערט זיג נאָך זיג! דערמיט קען מען דאָך פעלקער אָפּקויפן! פראנקרייך ווערט די גרויסע אימפּעריע, ווי אמאָל רוים! ער גייט קיין עגיפּטן, פארלירט דעם פלאָט און די ארמיי, אָבער דאָס פאָלק געדענקט נאָך זיינע זיגען! נאָכן צוריקקומען ליפערט ער נייע זיגן! פארכאַפּט איטאַליע, שפּאניע, דייטשלאנד, עסטרייך, פוילן!

און — ווי יעדער דיקטאטאָר, פאראַט ער ביסלעכווייז זיינע אידעען, ד. ה. די אידעען פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע. פון ערשטען קאָנסול ווערט ער אימפּעראטאָר, זעצט זיך ארויף די קרוין אויפען קאָפּ. איצט ווערט ער די פערסאָניפיקאציע פון פראנקרייך! איצט איז ער נישט מער ווי אַן אוסורפּאַטאָר און פאַנטאַסט! ער נעמט איין לאנד נאָך לאנד — אָבער עס איז שווער אויפצוהאלטן די אלע לענדער, וועמענס פעלקער בונטעווען זיך. עס קומט פאָר אויפסניי רוימס טראגעדיע: זי קען נישט צוזאמענשטעלן די צעבונטעוועטע פעלקער, די נישט־איינגענומענע לענדער אָרגאניזירן זיך. סשטייט אויף קעגן אים די גאנצע וועלט. איצט איז פאר אים נאָר די ארמיי! אָבער עס איז נויטיק איין דורכפאַל — ער זאָל אויך די אַרמיי פאַרלירן. ער זאָל פארלירן דאָס פראנצויזישע פאָלק. פאריז, די פעלקער וואָס זענען אונטערדריקט ווערן מוטיקער, אנטשלאָסענער. דער דורכפאַל געשעט: די עקספּעדיציע קיין רוסלאנד אין 1812, ער פארלירט די ארמיי, אבדיקירט, אינזעל עלבא, אנטלויפט. און — דאָס נייע קאפּיטל: וואטערלאא, די לעצטע אָנשטרענגונג פון זיין מיליטערישן זשעני...

עס איז געבליבן א פּאָרטרעט פון נאפּאָלעאָן אויף סעינט העלען, געמאָלן דורך א יאפּאנעזער. מיר דאכט זיך אַז קיין שום בוך אָדער טויזנט ביכער וועגן נאפּאָלעאָנס לעבן, קענען אזוי פיל נישט דערציילן, ווי אָט דער פּאָרטרעט...

נאפאָלעאָנס געזיכט איז פול מיט פינסטערע שאָטנס. די אויגן — פול מיט טרויער, מעלאנכאָליע, זיי קוקן אין דער ווייטקייט אוועק, צו פארגאנגענער גלאָריע און רויטע שלאכט־האָריזאָנטן... דעם קאָפּ נידעריק געלייגט אויף די אקסלען, פעסט געזעצט, א פעל־זען... דאָס גאנצע געזיכט איז א מאסקע פון אן אימפעראטאָר געפאלן און אין קייטן געשמידט... רעזיגנאציע און אייזערנע רו. די רו פון אן אָלימפּ. איר זעט אז קיין מאָל וועט דער מאן מער נישט אויפשטיין צו נעמען נקמה. ער הערט זיך איין אין רויש פונם ים. זיך אָפּשלאָ־גענדיק מיט זיינע כוואליעס אָן די פעלזן. טויטע רו. אין א ווײַלע ארום וועט דער אימפעראטאָר זיין טויט, וועט א טייל פון דער נא־טור און פון דער אייביקייט...

דאָס דאָזיקע בילד ווײַזט אז דער אימפעראטאָר האָט איבערגע־לעבט די טראגעדיע זייער שטארק און האָט כסדר געטראכט איבער זיין פאלן. אויב ער האָט טאקע אלץ דורכגעמאכט, מעגלעך אז ער האָט אויך פארשטאנען די כוחות פון זיין דורכפאל...

נאפאָלעאָן האָט נישט געהאט קיין רעליגיע, ווי הײַנטיקע דיקטאטאָרן האָבן עס נישט. די קירכע האָט ער באקעמפט. זיין רע־ליגיע איז אייגנטלעך געווען א קאָסמישע, א פאנטאסטישע. ער האָט געגלויבט אין העכסטע נאטור־געזעצן, אָבער דאָ אויף דער ערד, האָט ער אויך געגלויבט, מוז מען זיך אליין „באהעלפן". דער דאָזיקער אטעאיזם האָט אים זיכער נישט געהאָלפן אין זיין קאריערע.

ער האָט אויך נישט געהאט קיין מאָראל. ער האָט געטון אלץ וואָס עס איז נויטווענדיק פאר זיין הערשאפט. דאָס מאָראל־עטישע געפיל איז אים געווען אבסאָלוט פרעמד. ער האָט נישט געהאט קיין שום באַרירונג צום מענטשלעכן. די פארניכטונג פון אן ארמיי איז נישט געווען קיין פארלוסט פאר אים פון מענטשן — נאָר פון א זיג!... זיין אמביציע האָט אים געטראָגן אזוי ווייט צו פארוואנדלען די מענטשהייט צו זיין פוסבייַנקל. קיין שום אידעע האָט אין די שפעטערדיקע יאָרן נישט באהערשט זיינע טאטן, בלויז די אמביציע צו רייטן אלס זיגער איבערן ערד־קוגל. קיין שום מענטש אין דער געשיכטע איז נישט גלייך צו אים אין אמביציע. באהערשן די וועלט! גרינדן אן אפריקאנישע אימפעריע, לויטן מוסטער פון אלעקסאנדער דעם גרויסן און יוליוס צעזאר.

ער איז דער גרויסער סקעפּטיקער. ער הערט זיך קיינמאָל נישט צו צו יענעמס מיינונג. ער האָט נישט קיין צוטרוי צום מענטש. ער ליבט נישט דאָס מענטשלעכע. אין דעם זין איז ער א פּאַשיסט: פאַר אים עקזיסטירן נישט קיין קלאַסן. גאַנץ פראַנקרייך דאַרף דינען דעם שטאַט — און דער שטאַט איז — נאַפּאָלעאָן.

ער אנערקענט נישט קיין שום אויסנאַמען. די פרוי איז פאַר אים אן אינסטרומענט צו שאַפן א יורש, פאַרטזעצן די דינאַסטיע. די פאָלקס-פרוי איז א מאַשין צו פּראָדוצירן יונגע מענער פאַר זיינע אַרמייען. נישט בלויז דאָס פראַנצויזישע פאָלק; — אלע פעלקער פון דער וועלט דאַרפן דינען זיין ציל: די שאַפונג פון אוועלט-אימפּעריע; די דאָזיקע אידעע איז נישט ניי און נישט אָריגינעל. די שונאים זע־נען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך א רעגן. פאַר איין טייל איז ער געווען אן אנטי-קריסט. פאַרן צווייטן טייל א טיראַן. פאַרן דריטן — אן אוי־זורפּאַטאָר און גראַנדיעזער עגאָאיסט. דאָס וואָס ער קען נישט דע־ראָבערן מיט דער שווערד — פּרוווט ער געווינען דורך דיפּלאָמאַטיע און פּלאַטעריי, דורך פּאָזע. קיים שום מיטל איז פאַר אים ניט אומ־באַרעכטיקט. ער איז דער גרויסער אַרטיסט פון דער וועלט-געשיכטע.

אָט דאָס זענען די אורזאַכן פון זיין פאַלן. דאָס איז די אורזאַכע פאַרוואָס די מאָדערנע דיקטאַטאָרן מוזן פאַלן. זיי פאַרמאָגן נישט קיין אידעאַלן, קיין מאָראַלישע אינהאַלט. זייער עקזיסטענץ און מאַכט באַזירט אויף פּאָזע, פאַלשקייט, באַיאָנעט און פינסטערניש פון די אונטערדריקטע מאַסן...

און אזוי ווינט דער מאַן די לעצטע יאָרן זיינע אויף פעלזן, אינ־מיטן פון אן אָקעאַן. ווערט פאַרניכטעט דורך ענגלאַנדס קאַלטן ציני־ניזם. ער לעבט איבער די אומגליקע גלאָריע. ער זעט אין וויזיעס די פאַרגאַנגענע שלאַכטן. א קליינע גרופּע פון זיינע פריינט איז נעבן אים. זיין לעבער פוילט. ער דיקטירט זיינע מעמואַרן, נישט צופיל אפּערירנדיק אויפן ריינעם אמת... די פּאָזע איז נאָך פאַראַן אין אים... פון יעדן פאָדערט ער דעם טיטול: „אימפּעראַטאָר"! זיין ענדע איז נאַטירלעך פאַר דער נאַטור. דאָס צופיל אַמביציעזע ווערט צופרעסן פון אייגענעם פלאַמענדיקן מויל מיט מעשענע ציין. דאָס צופיל גרויי־סע מוז שטאַרבן... דאָס צו שיינע קען נישט עקזיסטירן... איין מענטש קען נישט און טאָר נישט באַהערשן א פּלאַנעט. ענדלעך קומט דער

מאָמענט ווען די נאַטור נעמט נקמה: די ארמייען ווערן באזיגט. דער־דענקער ווערט געשמידט אין קייטן. עס בלייבן איבער איבערן פּלאַנעט קברים פון מיליאָנען מענטשן. עס בלייבן די וועגן און בריקן וואָס דער טיראַן האָט געשאפן. עס בלייבן רואינען פון צעשמעטערטע פּאַלאַצן. עס בלייבן ריזיקע פּיראַמידן צום אָנדענקען פון שלאַכטן. דאַן קומט דאָס צאַרטע, ווייכע גראָז, דעקט אַלץ צו — און יעדן מאָר־גען גייט איבער דעם אַלעם אונטער די קאָסמישע זון און יעדן אָוונט פּאַרגייט די זון אין אַן אָקעאַן פון פלאַמען, אַזוי ביז אין דער אייביקייט...

* *
*

עס איז געווען אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן. איך בין געפאָרן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. אויפן שיף האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יונגער דאַמע, אַן אַמעריקאַנער געבוירענע. אַלע אַמעריקאַנער טוריס־טען, קומענדיק קיין פּאַריז, האָבן אַ שוואַכקייט ווידער צו רעדן פראַנצויזיש, וועלכעס קומט דורך זייער ענגלישן אַקצענט, אַרוים זייער צעקראָכן און מיזעראַבעל. די גנעדיקע האָט געלייענט אין פראַנצויזיש „נאַפּאָלעאָנס בריוו צו זשאָזעפין". דאָס וועטער אויפן ים איז געווען שיין... בלויז פאַרנאַכט זענען געקומען שטאַרקע ווינ־טען, און דער ים איז געוואָרן שוואַרץ.

איך בין געזעסן אויפן דעק פון שיף, געלייענט די בריוו אין — אַ גאַנץ נייער נאַפּאָלעאָן איז מיר דערשינען, דער נאַפּאָלעאָן פון ליבע... זעלטן אַז אַזאַ שטאַרקער מאַן פון כאַראַקטער זאָל שרייבן אַזעלכע סענטימענטאַלע בריוו... פון די גרעסטע שלאַכטן זיינע שרייבט ער אָט די פלאַמיקע אויסדרוקן פון זיין האַרצן, צו אַ פרוי וואָס האָט אים פאַרראַטן מיט בידנע אונטער־אָפיצירן... אויפן ווע־נוס־שלאַכטפעלד איז דער אומפּעראַטאָר געווען זייער שלימזלדיק... קעגן דער נאַטור איז געווען צו שוואַך צו קעמפן... זעלטן־שיין איז אַן עפּיזאָד פון דעם צוג זיינעם אין רוסלאַנד. אַ שעה פאַר דער שלאַכט ביי באָראָדינאָ דערהאַלט ער אַ בריוו מיט אַ בילדל פון זיין זון. ער ווייזט דאָס בילד צו די סאָלדאַטן, וועלכע ווערן אין די טויר־

זענטער זיין טויט אין א ווילע ארום... זיי פרייען זיך. דער זון פון אימפעראטאר... ער פרייט זיך אז דעם קינד זענען שוין ארויסגעוואקסען ציינדלעך... ווען מען ברענגט אים צוריק דאס בילד, הייסט ער עס באהאלטן: „ער איז צו יונג צו זען די גרוילן פון א שלאכט"...

אזוי גייט דאס לעבן. אזוי גייט די געשיכטע. פונם גראנדיעזן ביזן לעבערלעכן איז א קורצער שפאן — זאגט נאפאלעאן אליין אויף זיין ריקצוק פון רוסלאנד. ווירקלעך, א זייער קורצער שפאן...

די בריוו פון ליבע זענען געבליבן... דאס איז אלץ וואס עס בלייבט פון יעדער ליבע, אפילו ווי שטארק די פארטנערן האבן זיך געליבט... דער עכא פון קאנאנען איז שוין לאנג פארקלונגען. די פעלדער מיט קברים אויסגעלייגט. דער אטלאנטישער אקעאן רוישט אין פארנאכט, ברומט, באקומט א פינסטערע, מעלאנכאלישע שטימונג, ענלעך צו מיינע שטימונגען... איך הער ווי די כוואליעס מאכן חוזק, רופן אויס נעמען מיט פאמפ און לאכן אפ: אלעקסאנדער, צעזאר, האניבאל, נאפאלעאן, זשאזעפין די שיינע... אלץ פארגייט, פארגייט, פארגייט אין דער אומענדלעכער אייביקייט...

* *
*

עס איז נאכט אין דענוווער און די שטערן לייכטן — גאנצע בערג מיט וועלטן לויכטנדיקע אנגעווארפן אויפן הימל. איין מאל אין אזא נאכט, אויפן דעק פון א שיף וואס האט נאפאלעאנען געפירט קיין עגיפטן — האט נאפאלעאן לאנג געקוקט אויף די שטערן, און דאן האט ער געזאגט צו זיינע וויסנשאפטסמענער:

— „איר מעגט רעדן ווי לאנג איר ווילט, דזשענטלמענער, אבער ווער האט געמאכט דאס אלץ?"

און אזוי לייכטן נאך איצט די שטערן, פריש און יונג ווי בלומען אין פרילינג... בריליאנטענע מחנות מיט וועלטן אין געבורט, אין רייפקייט, און טויט... נאפאלעאן איז שוין לאנג טויט... אלע צעזארן זענען שוין טויט... אלע דיקטאטארס וועלן זיין אש, שטויב, זשאווער... פון די ריזיקע ארמייען וועלן בלייבן בערג מיט

פּאַרדאָסטעטע וואָפן... נאָר די שטערן אין הימל וועלן אַלץ לייכטן גליענדיק און ווייז... „ווער האָט עס אַלץ געמאַכט?“ — וועט פרעגן דער מענטש אין אַ מיליאָן יאָר...

מאַהאַמעט

מאַהאָמעט איז געלעגן אויפֿן טויטן בעט; ער איז איצט אַלט געווען צוויי און זעכציק יאָר. דער פֿיבער האָט אַלץ שטאַרקער צעפֿלאַמט זיין בלוט. די זון איז פֿאַרגאַנגען אין אַן אָקעאַן פֿון בלוט אויפֿן הימל פֿון מעקאַ; אַ רויטע זון — אַ ריזיקע, רונדע קויל, האָט זיך געזעצט, געציטערט ווי אַ ריזן־האַרץ. די וואָלקנס האָבן געברענט, זיך צעצונדן און צעפֿלאַמט ווי קעניגינס אין רויטע זיידענע קליידער, מיט ריזיקע פֿעכערס אין די רויטע הענט; פֿלאַמענדע בליצן אָנגעצונדן און באַלויכטן דעם אוניווערס.

מאַהאָמעט האָט נישט געטראַכט וועגן טויט איצט. ער האָט זיך פֿאַרן טויט קיינמאָל נישט געשראָקן. ער האָט איצט נאָר געטראַכט וועגן זיין קינדהייט. וועגן זיינע אָרעמע עלטערן. ווי שנעל דאָס לעבן איז אַוועק, ווען אַפֿילו דאָס איז געווען דאָס לעבן פֿון מאַהאמעטן, אַזוי רייך אין עקסטאַז, אין באַגייסטערונג, אין קריגערייַ און אין בלוטיקע שלאַכטן, אין ליבע און אין פּיין און זיג! יעדעס לעבן פֿאַרגייט... אויך דאָס לעבן פֿון רומרייכע העלדן! מאַהאָמעט האָט זיך איצט געזען אַ קליין פּאַסטוך־ייִנגל, אומשולדיק און פֿאַרקלערט, היטנדיק די שאָף איבער די פֿעלדער, אויפֿן וועג פֿון דער וויסטעניש. ווי שיין און אומעטיק דאָס אַלץ איז געווען; די זון־שקיעהס אין די פֿאַרנאַכטן, ווען ד מדבּרישע זון האָט שטאַרבנדע אילומינאַציעס געצונדן; ריזיקע וויזיעס פֿון שלאַכטן און פֿאַרוויסטונג; מאַהאָמעט האָט אויפֿגעפֿלאַמט שוין אַלס יונגערמאַן; ער האָט שו ן דאַן געפּיטערט די שאָף פֿאַר קאַדישאַ, די רייכע אַלמנה פֿון מעקאַ. ער דערמאָנט זיך אין די רויטע פֿלעקן איבערן מדבּר־הימל, געצונדן דורך דער טייוולישער האַנט פֿון דער זון. שטענדיק, אַז ער פֿלעקט זען אָט די בליצאַרטיקע פֿלעקן, האָט ער זיך דערמאָנט אין

קאדישא... ד הויכע, שטאַרקע פֿרוי מיט די ריזיקע, ווייסע בריסט... אין די זון־פֿלאַמען איז זי צו אים דערשינען. אים געגלעט מיט די רונדע, ווייכע, פֿליישיקע פֿינגער פֿון די הענט, אים געקושט... מאַהאמעט פֿלעגט פֿון זיסער תאווה איינדרימלען; שפּעטער, אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז אַ ריזיקער הימל געהאַנגען איבער אים, מיט בריליאַנטענע שטערן־זונען; מיט אַ לבנה ווי אַ געלע טאָרבע פֿון אַ בעטלער, וועלכער טראָגט צוקער און טייטלען אין איר... ער האָט זיך פֿאַרוווּנדערט איבער דער גראַנדיעזער הימלישער וויזיע... וואָסאַראַ קראַפֿט עס האָט אַ הימל מיט קלאָר־געוואַשענע שטערן, מיט לעבעדיקע ריזן־וועלטן אין רוים... זיי פֿלעגן אים מיט זילבערנע שטראַלן בינדן און אַריינקריכן אין זיין מח דורכן געעפֿנטן שאַרבן און אים פּייניקן...

מאַהאָמעט האָט שטאַרקער געפֿילט די ווייטיקן אין זיינע געדערים, ווי מעסערס שאַרפֿע וואָלטן זיך איינשניידן אין זיי... דאָס האָט דאָך איינע פֿון זיינע פֿרויען פֿאַרסמט דעם פּראָפֿעט... אים געוואָלט אומברענגען דורך אַ ביטערן טויט... און מאַהאָמעט זעט ווידער ווי די וואָלקנס בליען איבערן הימל ווי ריזיקע, ברענענדע בלימען און — ער זעט איצט קאַדישאַ, די פֿרוי וועלכע ער ליבט נאָך איצט, טראָץ דעם וואָס ער האָט זינט איר טויט געליבט אַנדערע פֿרויען... קאַדישאַ! קאַדישאַ! זי האָט אים געגעבן איר האַרץ און איר קערפּער... אין די לאַנגע, ליכטיקע, שטערנפֿולע נעכט, ווען ער האָט געפּיטערט די שאָף, פֿלעגט זי אַרויסקומען צו אים, ווען ער פֿלעגט דרעמלען און טרוימען וועגן איר. אָט האָט ער געזען נעבן זיך דיווירקלעכע קאַדישאַ! זי פֿלעגט זיך צוזעצן נעבן אים אויפֿן ווייסן שטיין און ביידע פֿלעגן זיי בליקן מיט טרערנפֿולע אויגן צום הימל, צו די גלאָרייכע שטערן... דאַן פֿלעגט זי אים קושן און האַלדזן. און — ווען זי איז געווען רייך אין חן און רייך אין יאָרן, האָט ער זי גענומען פֿאַר אַ ווייב און געשלאָפֿן מיט איר אין גליק... קאַדישאַ איז געווען זיין ווייב און זיין פֿריינט, זיין ברויטגעבערין און זיין גלויבערין. דען ווען אין זיין מח איז נאָך ניט געווען קלאָר דאָס פּנים פֿון אַללאַ, האָט זי שוין אין אַללאַ געגלויבט...

איצט איז קאַדישאַ טויט און ער, מאַהאָמעט, קערט זיך אום צו איר... אָבער מאַהאָמעט דערמאָנט זיך די ווייטערדיקע געשיכטע פֿון

זיין לעבן. ער געדענקט נאָך די וועגן איבערן זאמדיקן, ברענענדיקן מדבר, דורך וועלכע ער פלעגט ציען מיטן קאראוואן קיין יעמען און קיין סיריע. וואנדערונגען דורך דער לבנה און דורך דער זון... הונדערטער מענטשן האָט ער באגעגנט און פון זיי וועגן פארשידענע געטער און לערעס געהערט. עס איז געוועזן א כאָאס פון גלויבנס און געצנדינערייען. די אראבישע שטאמען זענען געוועזן ווי די זאמדן צעשפרייט איבערן מעכטיקן אראביען. זיי האָבן געלעבט אין מדבריות און ביי די טויערן פון די שטעט און אין די קליינע זאמל־צענטערס איבערן גרויסן לאנד. זיי האָבן געלעבט אָרעם און נד־ונד. מאהאָמעט האָט זיי באדויערט און זיי געליבט. ער האָט געפילט אז זיינע כוחות גייען פארלוירן אין טרוימען און שפינען אין די נעכט די מעשיות וועגן ליבע און די סודות וועגן די געטער און געטינס און מלאכים פון ווייטע לענדער...

מאהאָמעט האָט די ערשטע דערציילונג וועגן די יידן און קריסטן געהערט פון זיין אומוויסנדן דינער. דער קנעכט פלעגט אים דערציילן וועגן אן איינציקן גאָט וואָס עס האָבן די פעלקער, אין ווייטע לענדער, וועגן דעם גרויסן פאָלק די יידן, וועלכע ווערן גערודפט און געפייניקט. אָבער זייער גאָט האלט זיי צוזאמען און בינדט זיי ווי מיט מאגישע שטריק.

איינמאָל איז מאהאָמעט געלעגן אין דער מדבר און געהאלטן האלב־פארמאכט די אויגן, געטרוימט. און פלוצלונג איז אין מערב זייט אויפגעגאנגען א פייער, א ריזיק פייער און דערפון איז בולט און קלאָר געוואָרן א געזיכט, א ריזיק מענטשנגעזיכט, מיט בליצנדע, לעבעדיקע אויגן פון העלישן פייער; און דאָס געזיכט איז אים פאָרגעקומען צו זיין אלץ נעענטער און נעענטער, אים ממש באַרירן מיט די רויטע ליפן און אָפּפרעסן אויף זיין דורשטיקן גומען א קוש, א הייסן קוש... מאהאָמעט האָט פארחלשט. עס איז אים געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געפאלן אין חלשות. שפעטער, ווען קאדישא האָט אים געפונען, איז זיין מויל געוועזן פארלאָפּן מיט ווייסן און רויטן שוים, מיט בלוט און מאהאָמעט האָט דערציילט קאדישאן, זיין געטרייע ווייב, אז דער איינציקער גאָט פון הימל, אללא, האָט זיך צו אים באוויזן און געזאָגט צו אים: „איך בין אללא, דער איינציקער גאָט און קיינער איז קיין גאָט נישט אויסער

מיר“. און אללא האָט אים געקושט אין מויל, פון וואָס ער האָט פארלוירן זיין זין.

א צווייט מאָל האָט מאהאָמעט געטרוימט אין דער מדבר. און זען: עס זענען איבערן הימל אויפגעגאנגען ריזיקע מחנות מיט מענטשען און איבער זיי איז דערשינען א לאנגע, א ריזיקע שווערד, בלוט איז גערונען פון איר, גאנצע טייכן בלוט. די שווערד האָט זיך אָנגעהויבן איינצושניידן אין די מחנות מענטשן. ער האָט געהערט געשרייען — און דאן איז דערשינען איבערן הימל א מאַן, האלטנדיק די שווערד אין דער האנט איבער די מחנות; ער האָט זיך איינגעקוקט אין פלאמענדן געזיכט פון מאַן און דערקענט זיך, מאהאָמעטן... ער האלט עס אין זיין רויטער האנט די בלוטיקע שווערד און פאָכעט מיט איר איבער מיליאָנען מענטשן... איבער דער וועלט...

ווי אליץ זעט איצטער אויס אזוי פאנטאסטיש און שיין, פונקט ווי עס וואָלט געשען מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און דאָך איז דאָס אליץ געשען אין איין מענטשן-לעבן — און כמעט אין די צוועלף יאָר פון מאהאָמעטס לעבן. ווען ער איז אלט געווען פופציק יאָר, וואָס איז ער געווען דען? אן אומבאקאנטער מאַן, פון קיינעם נישט געאכט. ווען ער האָט אין מעקא אָנגעהויבן פרעדיקן זיין נייע לערע וועגן איין אללא און קיינעם מער אויסער אים, האָבן אים די זקנים אויסגעלאכט. די יינגלעך האָבן אים געוואָרפן שטיינער אין די געסלעך און די פרויען האָבן אין געהיים אים נאָכגעקוקט, דעם משוגענעם. אָבער זיינע ערשטע אָנהענגער זענען געווען קאדישא, אבו בעקר און דער קנעכט. די לאגע אין מעקא איז אליץ געוואָרן ערגער און געפערלעכער פאר אים. זיי האָבן באשלאָסן אים צו טויטן און האָבן אָנגעשטעלט מערדער אויף זיין לעבן...

וואָלקנס פלאמען. דאָס לעבן פון מאהאָמעטן גייט שנעל דורך ווי א בליץ פילם פאר אים. ביז איצט האָט ער זיך דערמאָנט די געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין אים. פון איצט אָן האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן זיין טעטיקייט. מיט דער „העגירא“ (אנטלויפן) האָט זיך אָנגעהויבן זיין שטורמיש לעבן. אין דער נאכט איז ער מיט אבו-בעקר, אנטלאָפן פון דער בייזער מעקא, ווו די איינוווינער דינען צו דריי הונדערט געטער און קושן דריי מאָל אין טאָג „קאאבא“, דעם שווארצען שטיין-מעטעאָריט, די נאכט איז געווען

א פינסטערע און שטורמישע. דער הימל איז געווען שווארץ און פארוואלקנט. בלויז צייטנווייז האט א בליץ דורכגעשניטן דעם רוים און פון שניט האט זיך א לאז געטון אן אקעאן מיט בלוט... אונטער אים האבן זיך געיאגט די בערואינישע רייטערס פון מעקא, אים פאנגען און אומברענגען. אויפן בארג טאר, אין געהיימע שטיינערנע קעלערן, האבן זיי זיך באהאלטן פאר די שיין פון טאג און שפינען האבן די עפענונג פארשפונען מיט שפינוועבס... דאס האבן זיך מלאכים פארשטעלט פאר שפינען און באשיצט מאהאמעטן.

אין מעדינא האבן אויף אים געווארט זיינע טרייע. דא האט זיך אנגעהויבן די געשיכטע פון זיין הערשאפט. פון דא אויס האט ער געפירט זיינע קריגן קעגן מעקא. אין מעדינא האט ער אויסגעשטאכן די יידן, אט די פארביטערטע פאנאטיקער פון אן איינציקן גאט. איצט ווען מאהאמעט האט זיי גערויבט זייער איינציקן גאט און זיי גערופן אים צו אנערקענען — האבן זיי געוויינערט... אט די געטריי־געבליבענע פון זייער טויזנט־יאריקער טראדיציע. איצט איז געקומען די צייט ווען מאהאמעט האט אנגענומען די שווערד אין דער האנט...

אין אן אוונט האט מאהאמעט געזען א וויזיע; פון אלע זייטן פון מדבר ציען צו אים די שטאמען; פעלקער פלאמען אויף אונטער זיין שווארצער פאן. די מאסן זאמלען זיך און ווערן גרעסער און צאלרייכער. אלע ווילדע שבטים פון בערג און וויסטענישן פארזאמלען זיך, גיסן זיך אריין אין זיין ארמיי ווי טייכן אין אן אקעאן. דער הימל איז שוין שווארץ פון זיינע מחנות, ווי פון מחנות וואלקענס. מאהאמעט לאזט אט די פאנאנדערגעטריבענע שבטים געבן געוועט און שווערדן. שארפע פוןביידע זייטן און שפיציקע; מאהאמעט לאזט זיי געבן לאנגע שפיזן און קעמלען און פענער און גלויבן אין זייער הארצן. עס איז נישטא קיין אנדער גאט אויסער גאט און מאהאמעט איז דער נביא פון אללא אקבאר.

און זיינע ווילדע שטאמען רוישן און ליארמען ווי די זאמדן פון די מדבריות אין א שטורם און — מאהאמעט באלוינט זיי מיטן גן־עדן... די פרעכטיקע גרינע גערטנער פון גן־עדן שענקט ער זיי און אין די גערטנער, אויף די בלעטער פון ריזיקע בלומען, זיצנדע און זוניקע, טרוימען און דרעמלען נאקעטע, צארטע פרויען, יונגע מייד־

לעך פון בלענדענדיקער שיינקייט און רייץ. מען דארף נאָר שטאר־בען און — אָט באזיצט מען זיי שוין. פארטיידיקט אללא און זיין נביא מאַהאמעט! ווען איר בלייבט לעבן, וועט אייך אללא באזאָרגן מיט רוים און רייכקייט און צויבער און גליק... שטארבט איר אָבער, נעמט מען אייך אין גן־עדן און יונגע פרויען הענגען זיך ארום איי־ערע העלדזער ווי די צערטעפּעכסטע שלאנגען און איר קושט אייביק זייערע ווייסע בריסט און איר קענט זיך קיינמאָל נישט זעטיקן מיט זייערע האָניק־זיסע קערפּערס... און אייביק שלאָפט איר אויף די בלעטער פון די גראנדיעזע רויזן מיט די רייצנדע באַשעפעניש־ן פון ליבע...

און איצט זעט מאהאָמעט אין דער ווירקלעכקייט ווי זיינע מח־נות פלאקערן אויף אונטער דער פאָן פון אללא און זיין פראָפעט. די שלאכטן ברענגען אים אלץ נייעם און נייעם זיג. ער האָט זיינע מדברישע ארמייען געגעבן א שווערד, אן איינציקן גאָט, פרויען אין גן־עדן און א פייער פון גלויבן און ברודערלעכקייט און ליבע, און קעגנזייטיקער אכטונג. איצט זענען אלע געצן פון מעקא צעבראָכן. איצט איז ער אויך הערשער פון מעקא, פון דער שטאָט וואָס איז דורך יאָרהונדערטער געווען מעדינאס קאָנקורענט און האָט זיך אים צום שטארקסטן אנטקעגנגעשטעלט. איצט ווערט זיין נאָמען פאר־שפרייט איבער דער ערד מיט פייער און שטורם. ער ווערט די שרעק פון די אומבאשיצטע און אומגלויביקע. און דאן — דאן איז די זון אויפגעגאנגען פאר אים. ער האָט געקענט געניסן רו א ווײלע. ער האָט געקענט געניסן דאָס גן־עדן אויף דער ערד. ווען זיין מאכט איז געווען געזיכערט, ווען נאָך אים וועט אבו־בעקר ווערן קאליף, און הערשער איבער דער ערד, פארשפרייטנדיק זיין נייעם גלויבן, איצט קען ער געניסן ליבע... קאדישא איז געווען שוין לאנג טויט. טרערן שטיקן אים אין האלדז ווען ער טראכט וועגן קאדישא, די געטרייע, פרומע פרוי. איצט איז זיין געליבטע און פרוי די יעניקע, רייצנדע איעשא. איצט גיט אים אזוי פיל פארגעניגן מערי, די עגיפּ־טערין. זי גיט אים אויך א זון, וואָס קאדישא האָט אים פארפעלט צו שענקען... אָבער אללא נעמט צוריק דעם זון און מאהאָמעט האָט דאן א סך און צום ערשטן מאָל געוויינט... און — אין דער נאכט פון קריג האָט ער צוגענומען סאָפיא, די יידישע פרוי פון א העלד

וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט אָדער וואָס ער האָט געלאָזט בכיון טויטן... סאָפיא האסט אים און ער ליבט זי מער פון אלע זיי־נע פרויען, פון זיין גאנצן הארעם...

סאָפיא האָט אים געסמט און איצט גייען די ווייטיקן, ווי שוואַר־צע שלאַנגען, אַלץ נעענטער און נעענטער צו זיין האַרץ. ער באַ־פעלט צו ברענגען סאָפיא — און ער קוקט אריין מיט שטארבנדע אויגן אין אירע אייזן־שווארצע, אנטשלאָסענע אויגן... זי שווייגט פארעקשנט! ער קען באפעלן איר צו טויטן... אָבער מאהאָמעט ליבט סאָפיא, די שווארצע יידישע פרוי...

מאהאָמעט זעט די האלבע לבנה אויפגיין איבערן הימל; די האלבע לבנה — די בלוטיקע שווערד וועט דעראָבערן דעם פּלאַנעט פארן הייליקן איסלאם. מאהאָמעט זעט די ריזיקע וויזיע ווי זיינע ארמייען מארשירן איבערן ערד־קויל, ברענגען ליכט צו די פעלקער צו וועלכע עס אנטפּלעקט זיך אללא און ברענגען טויט און פארוויס־טונג צו די פעלקער וועלכע צווייפלען, לייקענען אללא און זיין נביא מאהאָמעט... זון־אויפגאנג איבערן אוניווערס, מיט דער זון גייט אויף דאָס ריזיקע אימפעריע פון מאהאָמעטן דעם פאסטוך פון קאַ־דישאס שאָף... די ארמייען זענען זיגרייך! זיי דערגרייכן פערסיע, מעסאָפּאָטאמיען, ביזאנטיע, עגיפּטן, פּאַלעסטינע, אפריקע און איי־ראָפּע. די געצנדינערישע פעלקער זענען צעקריגט צווישן זיך, זענען צעפּרעסן פון צווייפל, נישטאָ קיין געמיינזאמע גלויבן און קיין גע־מיינזאמע ארמיי. זיינע מחנות זענען פון אייזן, מיט פייערדיק בלוט אין די אָדערן, מיט מדברישע ליידנשאפטן, מיט נאקעטע פרוי־ען אין גן־עדן, מיטן בלוטיקן אללא פארן הערשער אין אוניווערס, מיט מאהאָמעטן — דעם אייזערנעם נביא... און זיי זיגן, זיגן, זיגן — ביז עס קומט דער הארבסט פון זייער גלאָריע, ביז עס אנטשטיי־ען קאליפן פון ווייַן, ווייב און געזאנג, וועלכע בויען שלעסער און גערטנער און הארעמס... לוקסוס, טראָגנען־קריגערייען, דינאסטיעס, פּראכט און גלאנץ — טויטעט די אימפעריע פון מאהאָמעט... דאָס שווערד פון דער לבנה קומט אַלץ נעענטער, שניידט זיך אריין אין מאהאָמעטס רויטן, אייזערנעם האַרץ... דער גרינדער פון א ריזיקער

אימפעריע געסמט דורך א פארשאָלטענער קריגסגעפאנגענער... מאַ־
האמעט שמייכלט און — שטארבט! די לבנה באלייכט זיין פנים
און שטעמפלט אָפּ א קוש פון טויט איבער זיין מויל...

דער אימפּעראַטאָר פֿון מעלאַנכאָליע־קעניגרייך

גרויסע שטערן האָבן געבליצט אין דעם שטאַרן הימל; אַלץ אַרום איז געווען קאַלט און שטיל; עס איז געווען אַ גרויסער מאָמענט: די לבנה האָט געזען ווי אַלעקסאַנדער דער גרויסער שטאַרבט פֿון פֿיבער. ער האָט אַ סך ליימענע בעכערס מיט שטאַרקן ווײַן געטרונקען. דאָס בלוט איז אין אים הייס געוואָרן. ער איז דרײַ און דרײַסיק יאָר אַלט, דער אימפּעראַטאָר. ער שטאַרבט פֿרי, פֿיל צו פֿרי. ער האָט נישט קיין צײַט געהאַט צו באַשטימען אַ יורש נאָך אים, וואָס זאָל קעניגן איבער זײַן אַזוי שנעל דעראָבערטע אימפּעריע. ער האָט נישט געקענט אַפֿילו אַרײַנברענגען סיסטעם אין אָט דעם ריזיקן שטח ערד אויפֿן פּלאַנעט. ער האָט נישט באַוויזן אויסצובילדען שטאַאַטס־מענער. ער האָט נישט באַוויזן אַפֿילו צו בילדן זײַן זון, דעם קינפֿטיקן הערשער פֿונם פּערסישן רײַך, פּונקט ווי פֿיליפּ, זײַן פֿאָטער, האָט אים געבילדעט און צוגעגרייט פֿאַר זײַן קינפֿטיקע־ראָלע. גאָרנישט האָט אַלעקסאַנדער אויפֿגעטון. ער איז אַרויס ווי אַ פֿײַערדיקער שטורם־בליץ איבער די לענדער און פֿעלקער, האָט פֿרײַע פֿעלקער אונטערייאָכט, האָט אונטערייאָכטע פֿעלקער באַפֿרײַט פֿון טיראַניעס. האָט אָנגעצונדן איבער אַ ריזיקן ערד־פּלעק זײַן אימפּעריע. ערשט זעקס יאָר צײַט איז ער געווען הערשער פֿונם גרויסן לאַנד. אַ סך האָבן געזאָגט אַז ער איז נישט קיין שטאַאַטסמאַן. אַז ער קען קיין אימפּעריע נישט באַהערשן. ער קען זי בלויז דעראָבערן. דרײַ און דרײַסיק יאָר! ביז איצט האָט מען אים בלויז געקענט אַלס וואַנזיניקן גענעראַל. אַלס ווילדן פֿליער איבער אומבאַקאַנטע שטחים. אים האָט דער וואַנזין געטריבן צו דעראָבערן, באַהערשן, באַזיגן.

ווי א שטורם האָט ער דערוואכט, באלד נאָך זיין פאָטערס טויט, און האָט אוועקגעוואנדערט אין דער ווייט, אין אזיע, אין אפריקע, האָט פאראנקערט זיין מאכט איבער דער ערד...

דעה פיבער דערנענטערט זיך אלץ מער און מער צו די געהירן. ער שטארבט, ווי א גרויסער פייער שניידט עס זיין וועג אין קערפער, ווי א שטורעם-ארמיי וועלכע שטורעמט א פעסט־באפעסטיקטע שטאָט. אלעקסאנדער דער גרויסער שטארבט. עס איז ליגנט אז ער איז א געטער־זון, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן איינריידן, א פון־מאכט און גלאָריע־שיכורער. ער שטארבט ווי אלע מענטשן... אָט פילט ער שוין דעם טויט. אָט וועט זיך שוין דאָס שטאָלצע לייבן־הארץ שטעלען... נאָך א רגע... די לעצטע רגע וואָס דער אימפעראטאָר לעבט פארן טויט... אָבער דער טויט איז גנעדיק... איז העפלעך... ער לאָזט דאָס גאנצע לעבן אויף דאָס ניי דורכלעבן.... דאָס גאנצע לעבן שטראלט אויף אין איין פרעכטיקער וויזיע אין טויער פון טויט... דאָס טויער פון טויט איז דין ווי א שווערד... אָבער בשעתן דורכגיין אָט דעם זייד־דינעם טויער זעט אלעקסאנדער אויפגיין זיין לעבען, ווי א בליץ־וויזיע אין א שטורעמדיקער נאכט אויף א שווארצען, אָקעאנדע־כוואליעטן הימל... ער איז ווידער מיט זיין ארמיי. ער מארשירט דורך זאמדיקע וויסטענישן פון זיג צו זיג. די זון און די לבנה באגלייטן אים אומעטום, ווי צוויי קאָסמישע פייגל... די אמביציע שטורעמט אויף אין אים ווי א מחנה פון טויזנט בליצען... אלעקסאנדער זעט די גוואלטיק־העראָאישע וויזיע פון זיין גאנץ לעבן אין דעם לעצטן מאָמענט פון פיבערישן טויט...

* *
*

וועמען האָט ער דאָס אלץ צו פארדאנקען? זיין פאָטער, זיין מוטער און דעם גרויסן גריך אריסטאָטעל. ער זעט איצט זיין פאָטער, פיליפ, דעם קעניג פון מאצעדאָניע. א טונקעלער, מיט א געדיכטער, שווארצער געקרויזטער באָרד, מיט שארפע אויגן, מיט דער פארביסנקייט פון א העלד. פיליפ איז געווען דער וואָס האָט אָרגאניזירט זיין ארמיי אויף מאָדערנע מעטאָדן. האָט פון יעדן

קריגער געמאכט אן ארמיי. יעדער סאָלדאט האָט געטראָגן זיין פאַ־ראנטוואָרטלעכקייט. אין קעגנזאץ צו די אונמאָדערנע מחנות פון די שונאים. פיליפ איז געווען דער גרויסער אָרגאניזאטאָר, דער טרוי־מער פון א וועלט־אימפעריע. ער פלעגט ליב האָבן וויין צו טרינקען און דאן פלעגט ער ארייגפאלן אין ענטוזיאזם פון א גרוים מאצעדאָ־נישן קעניגרייך. ער איז געווען באווירקט פון איזאָקראטעס, דעם גריכישן אימפעריאליסטישן שרייבער, וואָס האָט שוין לאנג פריער פאר פיליפן געטרוימט פון אן אימפעריע, וואָס זאָל פאריייניקן אונ־טער איין מאָנארך, אונטער איין פאָן, אלע פארלאָזענע פעלקער און שטחים, אלע וואנדערנדע שבטים, נאָמאדען און ערד־אקערער. אלעק־סאנדער האָט שוין אין דער יוגנט מורא געהאט אז עס וועט גאָר־נישט בלייבן פאר אים צו טאָן; זיין פאָטער וועט אויסכאַפּן אלע גרוי־סע טאטן...

אָלימפיאס, זיין מוטער, איז געווען א משוגענע, היסטערישע, וואונדערשיינע פרוי, זי האָט פיינט געהאט פיליפן איר מאן. האָט געליבט דעם שיינעם אלעקסאנדער. האָט אים אָנגעזויגן מיט דער מילך פון אמביציע, פּייערדיקע ליידנשאפט, אייפערזוכט, שטאָלץ, זשעניע. אלעקסאנדער פלעגט אין דער יוגנט צוזען מיט נייגעריקייט ווי זיין מוטער פראוועט ריטועלע מיסטעריעס, איז באווירקט פון דער עגיפּטישער מיסטיק און שטערנזעעריי. אלימפיאס האָט אין אים אָנגעצויגן דעם וואוואנטוריסטישן גייסט, דעם קונפטיקן זיגערישן וואנדערער איבער דער ערד, דעם זוכער פון וואוואנטורעס...

פיליפ איז געווען א קלוגער מאן און האָט פרי געזאָרגט פאר א נאָכפאָלגער. ער האָט דעם זון געגעבן דעם בעסטן לערער, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן, דעם טיפן אריסטאָטעל. פון אריסטאָטעלן האָט זיך אלעקסאנדער געלערנט די עקזיסטענץ פון ווייטע לענדער, האָט באנומען די וועלט אין אן אוניווערסאלן ליכט, האָט געזען די מענטשן אָביעקטיוו, איז באווירקט געוואָרן צו דענקען פילאָזאָפיש. ווען א דעראָבערער־זשעניע ווערט אויך א דענקער — דאן מוז גע־בוירן ווערן א טראגיש ווען; און אלעקסאנדער האָט פוליכט פון אָט דעם קאָנפליקט געבוירן אין זיך די גרויסע מעלאנכאָליע, נאָכן באזיגן לענדער און מלכים; יענע מעלאנכאָליע וואָס האָט באזיגט זיין דעראָבערער־גייסט און האָט אָנגעצונדן אין אים נייע וויזיעס,

וואָס האָט אים באוועגט צו וויינען איבער זיינע זיגן, צו באזוכן קברים, צו וואנדערן אין מעמפּיס, צו די אלטע געטער פון מצרים, צו זוכן אמת...

אלעקסאנדער האָט אויס אייפערזוכט געהאסט זיין פאָטער, און ווען דער פאָטער איז דערמאָרדעט געוואָרן, איז אלעקסאנדער געוואָרן קעניג ביי 20 יאָר. אָלימפּיאס איז געבליבן אין לאנד, די זי־גערין. זי האָט געלאָזט טויטן קלעאָפּאטראס ניי־געבוירן קינד, דען זי איז געווען איר קאָנקורענטין. די צווייטע פרוי פון פיליפּן... פרוי־ען קענען זיין גרויזאמער ווי מענער, ווען זיי האסן עמיצן...

איצט זעט אלעקסאנדער זיינע וואנדערונגען און זיגן, דורך טראַציע צום דונאי; פּארוויסט די פּרעכטיקע, גריכישע שטאָט טע־בען. לאָזט לעבן בלויז איין פרוי, אויס גענאָד, ווען זיינס אן אָפּי־ציר באליידיקט זי... פארקויפט דרייסיק טויזנט שקלאפן. לאָזט אי־בער בלויז דעם טעמפּל און דאָס הויז פון דעם לירקער, דעם זיסן פּאָעט פינדאר. די פרוי לאָזט ער לעבן — איין־איינציקע... איז זי געווען אזוי שיין? ניין, אלעקסאנדער קען זיך דערלויבן צו מאָרדן גאנצע פעלקער — און איבערלאָזן איין מיידל, צו זען ווי דאָס בלוט פון איר פאָלק פליסט ביז צו די בערג, ווי א רויטער טייך...

דאן קיין אזיען מיטן העלעספּאָנט; זיין ארמיי איז ענטוזיאסטיש. ער פירט דאָך די מאצעדאָניער, אומבאקאנטע מענטשן, אין רייכע לענדער און שטעט; ער לאָזט זיי רויבן און שענדן די שענסטע פרוי־ען פון פרעמדע פעלקער, וועלכע רייצן אזוי שטארק; ער באהערשט דעם ים; ער טאָר דאָך נישט ווערן אָפּגעשניטן פון זיין ארמיי. דאָס פּערסישע רייך אונטער דאריוס דעם דריטן קען אים לייכט פּאר־ניכטן; ער מוז דעריבער צעשמעטערן אירע ים־צענטערן; געזיגט אין דער שלאכט ביי די בענק פון גראניקוס; באזיגט דאריוס דעם דריטען אליין. די ריזיקע פּערסישע ארמיי, וואָס איז ארום אים באַ־געגענען, וואָס האָט מיטגעבראַכט מוזיק און פרויען, אלערליי קונ־צען־מאכערס און קונסט־ווערק — האָט ער צעבראָכן. אלעקסאנדער קען ווידער זיין א „דזשענטעלמאן"... ער באהאנדלט העפלעך די פּרינצעסינס פון דאריוס געפאנגענעם הויף...

די אלטע שטאָט טייר רעוואָלטירט. ער בויט א בריק פון ים־ברעג צו איר. בויט א מעכטיקן פלאָט; זיגט; שטורעמט די שטאָט.

באלאגערט גאזא און שטורעמט זי. קומט קיין עגיפטן, וועלכע איז סיי ווי אונטעריאָכט אונטער די פערסיער. ער באזיגט זי. זי באַגריסט אים. גריכנלאנד איז זיינס. גריכנלאנד באשטימט אים אלס קאפיטאן־גענעראל...

עגיפטן פאראינטערעסירט דעם זיגער מיט אירע מאָדנע געטער; צוויי הונדערט יאָר יאָך אונטער פערסיע האָבן אין עגיפטן אנטוויקלט אלערליי מיסטישע טעאָריעס, רעליגיעזע מיסטעריעס, כדי איר צו געבן אן אומבאגרעניצטע מאכט אין הימל, ווען די ערד איז געפאנגען. איצט דערמאָנט זיך אלעקסאנדער אין זיין מוטערס מיסטעריעס, וועלכע ער האָט צוגעזען קליינערהייד. די פריסטער רעדען אים איין אז ער איז א זון פון דעם גרעסטן גאָט אמאָן ראַ; שוין לאנג האָט אים אָלימפּיאַס איינגערוימט סודות וועגן זיין מיסטישער געבורט; ער איז א זון פון די געטער. נישט פיליפס זון... דער מאן מיט דער נייגונג צו פאנטאזיע, אוואנטורע, קאָליר און אזיאַטישע צערעמאָניעס — ווערט לייכט אָבערגלויביש אין עגיפּטן. די רוזיקע קירכן באהערשן אים. די געהיימניספולע בענקשאפטס־מוזיק בינדט דעם זיגערס הארץ... ער לאָזט גרינדן ביים נילוס די אומשטערבלעכע שטאָט אלעקסאנדריע. נאָך זיין טויט וועט זי שפילן א ריזיקע ראָלע אין האנדל און קולטור פון אייראָפּע און דעם אָריענט, אלס א טויער פון ביידע ערד־טיילן...

ביי די רואינען פון נינוה, טרעפט ער ווידער דאריוסעס לעצטע ארמיי; באַרימט אין דער געשיכטע אלס די שלאכט ביי אראבעלא; ער זיגט; האריוס ווערט דערשטאָכן פון זיינע אייגענע לייט. אין שטויב אנטלויפן די באזיגטע סאָלדאטן. אלעקסאנדער מארשירט צו בבל. אויך זי איז סיי ווי אונטעריאָכט. ער זאָגט צו אויפצובויען דעם טעמפל פון בעל־מארדוך. דאַן לאָזט ער אָנצינדן פערסעפּאָליס, די וואונדערלעכע אַלטע שטאָט אין גריכנלאנד. ער איז שיכור און ער קוקט צו די פלאמען, וועלכע רייסן זיך רויט פון דעם פארברענטן „פאלאץ פון די קעניגן". שפעטער וועט זיין קאריקאטור — נעראָ — אָנצינדן רוים, אויך דורך א משוגענעם קאפריז. ער פארענטפערט זיך, אז ער האָט פארברענט פערסאפאליס, ווייל קסערזעס האָט פארברענט אטען אמאָל. צו זוכן א סיבה פארן אויסמאָרדן א

פֿאָלק אָדער פֿאַרברענען אַ שטאָט — איז דאָס ליבסטע פֿאַר די „געטלעכע" זיגער...

דאַן דער זיבן־יאָריקער מאַרש אין אינדיע, דורך טורקעסטאַן, סאַמאַרקאַנד. אומעטום זיגט ער. אין אינדיע האָט ער אַ שלאַכט מיט קעניג פּאָרוס. זיגט. ער וויל גיין ווייטער, ווייטער. ער וויל אונטעריאָכן די גאַנצע וועלט אונטער זיין סצעפּטער. ער וויל דעראָבערן דעם גאַנצן פּלאַנעט. באַהערשן ערד און ים. ער וויל מאַרשירען דורך מדבריות, דורכן גאַנגעס. וווהין וויל ער דערצילן און דערצירען? וואָס קומט אין אים אייגנטלעך פֿאָר? איז ער וואַנזיניק? האָט ער אַ בליצאַרטיקן דראַנג צו וואַנדערן, צו זיגן, צו זען נייע און נייע פֿעלקער זיך בויגן פֿאַר אים? וואָס ציט אים און דער אומענדלעכקייט מיט אַזאַ פּייער? די סאָלדאַטן שטעלן זיך אַנטקעגן. ווי קאָלומבוס, וואָס ציט איבערן אָקעאַן, איבער די שוואַרצע פּאַליעס־אַרמייען — און זיינע לייט שרעקן זיך פֿאַרן בייזן גורל, אַזוי שרעקן זיך די מאַצעדאָניער, פּעניקיער, טראַקיער און גריכן צו גיין ווייטער. זיי ווייסן אַז דער משוגענער גענעראַל וועט זיי שליסלעך ערגעץ פֿירען צום טויט, וועט זיי טראָגן אין דער מדבר, צו זייערע אייגענע זאַמדיקע קברים. ער איז געצוווּנגען זיך צוריקקערן. מיט ריזיקן פּלאַט און דער זיגרייכער אַרמיי מאַרשירט ער צוריק צום פּערסישן גאָלף.

איצט קומען פֿאַר אויפֿשטאַנדן. די סאַטראַפּן אינם מעכטיקן קעניגרייך רעוואָלטירן. אָלימפּיאַס, זיין מוטער, ווי אַלע קעניגס־מוטערס — אינטריגעוועט און הערשט. (אַלע קעניגין־פֿרויען זענען שעדלעך און געפֿערלעך, פֿאַנאַטיש, היסטעריש, אַבערגלויביש און סנאָביש: מאַריאַ אַנטואַנעט, מאַריאַ פֿיאָדעראָוונאַ, עליזאַבעט פֿון ענגלאַנד, מאַרי פֿון סקאָטלאַנד, א. א.)

אַלעקסאַנדער פֿירט איין זיין סיסטעם. מאַכט אָרדנונג. באַזעצט די פּאָסטנס מיט טרייע מענטשן. אַלעקסאַנדער וועט איצט צוזאַמענבינדן אַלע פֿעלקער אין איין גריכישער נאַציע. ער פֿייערט די חתונה פֿון זיינע ניינציק לייט מיט פּערסישע פֿרויען. ער אַליין נעמט אַ צאַרטע פּערסישע מיידל. ער טרינקט ווין. זי הויבט אָן צו האַסן זיינע אייגענע, ווייל זיי גלויבן נישט אין זיין געטלעכקייט. ער מאָרדעט אים אַ שיכּורער קאַליסטענער, קלייטוס, פֿאַר זייער האַסן זיין

סנאָביזם און איינרעדעניש. ער איז גרויזאַם. ער בילדעט זיבעצן שטעט אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ער איז שיכור פון ווײַן און שיכור פון מאַכט. אין די ניכטערע מאָמענטן טרוימט ער פון אַ גרויסער אימפעריע, טרוימט פון זיין געגרינדעטער דינאַסטיע, ער טרוימט פון איין העלעניזירטע קעניגרייך, קולטור, קונסט...

* *
*

ביי 31 יאָר איז אַלעקסאַנדער געשטאָרבן אין בבל, פון ווײַן-פיבער. אַ בליץ איז געשטאָרבן. אַ שטורם האָט זיך צעשלאָגן דעם קאָפּ אין אַ האַרטן ים-פעלז. ביי 31 יאָר, יונג, ווי אַלע העלדן-קינדער. ער איז נאָך געשטאָרבן אַ ייִנגל, צאַרט, מיט גאָלדענע לאָקן, ווי אַפּאָלאָ, דער זון פון אַמאָן רא...

נאָך זיין טויט איז זיין גאַנצע פאַמיליע אויסגעמאָרדעט געוואָרען. זיין ברודער, פרויען, מוטער, קינדער — אַלע האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געטויטעט.

נאָך זיין טויט איז זיין אימפעריע צעפאַלן. די גענעראַלן האָבן זי צעטיילט און צעשניטן. דאַן זענען די גענעראַלן צעשניטן געוואָרן דורך אַנדערע זיגער. דאַן ווידער און ווידער צעברעקלט געוואָרען. אַלעקסאַנדערס ריזן-אימפעריע איז געווען אַ טרוים. אַ וווּנדערלעך פייער-ווערק.

זיין אמתע קעניגרייך איז געווען דאָס קעניגרייך פון מעלאַנכאָליע, וואָס ער האָט געזוכט צו פאַרטרינקען מיט ווײַן. לעבן פאַר דער אייביקייט איז ער געבליבן אין אַן אַ שיעור פּרעכטיקע לעגענדעס וועגן זיינע וואַנדערונגען, אין פאַרשידענע צייטן פון דער וועלט-געשיכטע זענען אויפגעשטאַנען קאָפּיעס פון אַלעקסאַנדער: צעזאַר, נאַפּאָלעאָן... די אידעע פון איין אוניווערסאַל קעניגרייך האָט אָנגעצונדן דער מענטשלעכער זשעניע און מיליאָנען האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אין די שלאַכטן פאַר אַט דער אידעע, פאַר די אַמביציעזע גענעראַלן און געניאַלע משוגעים.

אין דער וועלט-געשיכטע בלייבט ער אומשטערבלעך ווי אַן אַנטדעקער פון פעלקער, וועלכע וואָלטן פאַר אונז פאַרלוירן געגאַנגען,

ווען נישט די באשרייבונגען וועגן זיי פון יענער צייט, ווען נישט זיינע קריגס־וואנדערונגען, וואָס האָבן זיי ארויסגעהויבן פון דער גרויער פארגאנגענהייט...

ווען העפאסטאָן, זיין טרייער גענעראל, שטארבט פון א פארקי־לונג, טויטעט ער די דאָקטוירים וואָס האָבן צוגעלאָזט צום טויט. טויטעט די בכורים פון א רייע געפאנגענע דערפער. באשטימט צען טויזנט טאלענטס פאר זיין קבר. פייערט זיין טרויער איבער דער גאנצער אימפעריע... דאָס איז סימבאָליש פאר אלעקסאנדער! אלץ טוט ער מיט א גראנדיעזן פאָמפּ. זיין טרויער נאָך א פריינט דאר־פען טיילן אלע פעלקער. דאָס איז נאטירלעך, ווי פון שטאנדפונקט אז ער איז גאָטס זון... אז די מענטשהייט איז אונטער זיין מאכט. זי דארף טיילן זיינע שטימונגען.

אין אלץ איז ער געווען נישט מעסיק. נישט נאָרמאל. אויב טרויער — זאָלן טויזנטער זין שטארבן. אויב פרייד — זאָלן אָקעאַ־נען ווייַן אויסגעגאָסן ווערן. אויב צאָרן, כעס — זאָלן די בעסטע זין פון לאנד געקרייציקט ווערן. עס איז די משוגענע לאווע פון צאָ־רען, וואָס זיין מוטער אָלימפּיאס האָט באזעסן. סאיז א מאן פון גראנדיעזן מאסשטאב. אַ מאַן פון קאָלאָסאַלן פארנעם. אַ קאָסמישער מאן! זיינע אמביציעס שטייגן איבער די אמביציעס פון מענטשן. אָבער דער טויט פארענדיקט אמביציע, טראגעדיע, מאכט. זי קען נאָר נישט טויטן דעם רום. און איבער די גרויע צייטן שטרעקט זיך אויס די פייערדיקע האנט פון אלעקסאנדער און צייכנט אליין איר פייערדיקן רום. אזוי האָט ער געוואָלט. ער האָט כסדר געלאָזט פון זיך מאָלן פּאָרטרעטן, שניידן מאָנומענטן, אָלס א יינגלינג, איי־ביק יונג, אייביק שיין, ווי אפּאָלאָ. ער האָט געוואָלט זיין אייביק און — איז אייביק... ער איז אייביק יונג...

ער איז אייביק פול מיט זיינע פעלערן; פון פאָטער — אָרגאַני־זאציע, סיסטעם, פּיִיאיקייט; פון אָלימפּיא — משוגעת, כעס איי־פערזוכט, מיסטיק, אוואנטורע, אמביציע, ליידנשאפט. פון ארים־טאָטעל — וויסנשאפטסמאן, זוכער פון נייע פעלקער, קולטורן, רע־ליגיעס, קונסט־ווערק, פילאָזאָפיעס; אלע דריי צוזאמען־געשמאָלצן אין איין גוואלדיקן, העראָאישן זשעניע — בילדעט די טראגעדיע פון דעם קאָסמישן אלעקסאנדער דער גרויסער.

אינהאלט:

זייט:

פאָרוואָרט	7
וואָס איז פאָרט קונסט	9
דער שטילסטער געניוס אין דער וועלט	15
דאָס גראנדיעזע קינד	21
מיין בענקשאפט צו טאָלסטאָי	31
דער באַפעל פון טויט	41
ווו פאַו האָט געלעבט און געדיכטעט	53
וועגן דעם מענטש פראַנץ שובערט	61
אַן אויסשטעלונג פון וואַן־גאָגס בילדער	71
הענרי גאָדיע	79
פון אוניווערסאַליזם צו אוניווערסאַליזם	91
דער העלד בעטהאָווען	103
נאָך א העלדין פון דער מענטשהייט	113
„בלעטער פון גראָז"	121
דער טראַגישער דעמאָן — לערמאָנטאָוו	127
גיואַי דע מאָפּאַסאַן	133
שאַרל באָדלער — קלאַסישער מייסטער	139
די געטלעכע ראַשעל וויינט	147
וועגן דעם לעבן פון סטענדאַל	155
די מייסטערס פון סיסטעמען	165

ז י ט :

דאָס אוניווערסאַלע טאָג־בוך פון דער מענטשהייט 175
גאָיאַ — דער געניע פון אַן עפּאָכע 187
דער מענטש מיקל אנדזשעלאָ 197
די ביינקשאַפט צו דער אומענדלעכקייט 211
די שיינע ליטעראַטור 223
ליבע, טאַנץ און טויט 229
מאַריע באַשקירצעף 239
וואַסלאַוו ניזשינסקי 249
ווען אַ הימל פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד 265
דער פּאָעט פון די ליידנדיקע 279
דער געראַנגל פון די גרויסע 285
אָסקאַר אָ־אייילד 291
איז גאָט אַ מאַטעמאַטיקער 297
אַרטור רעמבאָ 307
דאָס לעבן פון רעמבראַנדט 315

ד ע ר אָ ב ע ר ע ר

מעדיטאַציעס איבער אַן אימפּעראַטאָר 343
מאַהאָמעט 357
דער אימפּעראַטאָר פון מעלאַנכאָליע קעניגרייך 365

פון זעלבן אויטאָר:

1) „עאופּאָריאָן“ — פּאָעמע, אַנטווערפּען, 1931.

2) „ביי דער וועלט צו גאַסט“ — רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען, — וואַרשע, 1937.

3) „דער ספינקס“ — ראָמאַן, שיקאַגאָ, 1938.

S. TENENBAUM

"HIJOS DEL SOL"

"KINDER FUN DER ZUN"

Ensayos sobre literatura

Imprenta

EL LIBRO PERFECTO, S. A.

México, D. F., 1942

דער פּאָרטרעט פון מחבר איז גע־
צייכנט דורכן יונגן קינסטלער
ע מ אַ נ ו ע ל ר אַ מ אַ נ אַ

ארויסגעגעבן — דורכן מחבר.

געדרוקט דורך „ד י ש ט י מ ע“
אין מעקסיקע
מאַי — 1942.

Copyright, 1942
by
S. TENENBAUM

Printed in Mexico